STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06457

GEKLIBENE SHRIFTN

A. Golomb

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. גאָלאָמב

געקליבענע שריפטן

צווייטער באַנד

קאָמיטעט ארויסצוגעבן געקליבענע שריפטן פון
א. גאָלאָמב צו די פינף און דרייסיק יאָר פון זיין
פעדאַגאָגישער טעטיקייט. מעקסיקע תש״ו 1946

BIBLIOTECA YAVNE
No. CLASIF.
No. ADQUIS. 1331
FECHA 28-X-70
VALOR

פעדאגאגישע שריפטן ב׳

COMITE
Para editar obras escogidas de A. GOLOMB con
motivo de los 35 años de su labor pedagogica

פעדאַגאָגישע שריפֿטן

צווייטער באַנד

ערשטער טייל

אַלגעמיינע פעדאַגאָגיק

געהייליקט דעם אָנדענק פון דעם זעלטענעם מענטשן און יידישן פעדאַגאָג, דער גרינדערין און מיטפאַרוואַלטערין פון דעם יידישן לע־רער סעמינאַר אין ווילנע

ראזע בת שמואל סימכאָוויטש

געשטאָרבן אין געטאָ אין וואַרשע

און אויך דעם אָנדענק פון די תלמידים פון זעל־ביקן סעמינאַר וואָס האָבן אין דחקות און אין הונגער זיך געגרייט צו זיין יידישע לערערס, מיט מסירת נפש און הונגערלוין געבויט און אויפגעהאַלטן יידישע שולן, און צוזאַמען מיט זייערע שולן אומגעקומען על קידוש השם אין די יאָרן פון די גזרות ת״ש־תש״ה

זאָל זייער אָנדענק זיין געבענטשט

דעקאַדאַנס פון וויסנשאַפטן

ווו איז דער מקור פון וויסנשאַפט? פון וואָסערע טריבן אין מענטשן שטאַמט זי?

פאַראַן אויף דער פראַגע צוויי ענטפערן. איין ענטפער דערציילט: דער מענטש האָט געזוכט עסן, רפואות־גראַזן, — און עס איז אויסגע־וואַקסן אַ באָטאַניק. מענטשן האָבן געזוכט צו היילן זייערע קראַנקע, — און עס איז אויסגעוואַקסן אַ פיזיאָלאָגיע; מען האָט געדאַרפט מאַכן געצייג, — און עס איז אויסגעוואַקסן אַ פיזיק, אַ כעמיע... אַלץ, די גאַנצע וויסנשאַפט מיט אַלע אירע צווייגן האָט אַ מאַטעריאַליסטישן אָפּשטאַם, אַלץ, אַזוי צו זאָגן, שטאַמט פון מאָגן. און עס איז פאַראַן אַ צווייטע מיינונג:

ווען גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן, האָט ער באַשאַפן אין אים צוויי דראַנגען, צוויי אינסטינקטן — דעם אינסטינקט צו לעבן און דעם אינסטינקט צו וויסן — דעם עץ החיים און דעם עץ הדעת. צוויי גלייכע אינסטינקטן זענען זיי אין מענטשן. און גאָט האָט אַרויסגעטריבן דעם מענטשן פון גן עדן און אים געהייסן גיין אַ גאַנץ לעבן און זוכן, זוכן דעם וועג צום בוים פון לעבן און זוכן דעם וועג צום בוים פון וויסן. דער דראַנג־פאַרלאַנג צו וויסן איז נישט ווייניקער פרימער, איינגעבאָרן אין מענטשן ווי דער לעבנסדראַנג.

ווען אַ קליין קינד איז הונגעריק, וויינט עס, ווען עס איז זאַט און קיין זאַך טוט אים נישט וויי, ליגט עס און שמייכלט, ליגט עס און בלאַפּלט, און „רעדט". עס זינגט, עס „שטודירט" גאַנס וועלט אַרום,

און פון דעם ווערט געבאָרן די מענטשלעכע שפּראַך, און פון דאָגען איז דער וועג צו וויסן. נישט פון הונגער און פון נישט ווייטאָג ווערט אַ קינד אַ מענטש, נאָר פון אַן איינגעבאָרענעם אינסטינקט וואָס וועקט זיך אין אים דווקא ווען די פּרימיטיווע, נידעריקע אינסטינקטן — הונ־גער און ווייטאָג מאַטערן אים נישט. אָט דער איינגעבאָרענער אינס־טינקט פון וויסן, די וויסנגיריקייט, דער דראַנג צום עץ הדעת, ער פאַרוואַנדלט דעם מענטשן אין אַ מענטשן. און ווי עס איז מיט דעם מענטשנס אינדיווידו, מיטן קינד אַזוי איז עס אויך מיטן קאָלעקטיוו) מיט דער מענטשהייט בכלל.

פון זעלביקן מענטשלעכן (און נישט פּרימיטיוו־חייִשן) מקור שטאַמט אויך דער דראַנג צו גערעכטיקייט, צו יושר, צו אמת. איז צוזאַמען ביידע דראַנגען אינאיינעם זענען זיי דער גוף און די נשמה פון דעם מענטשנס קולטור אויף דער וועלט. זענען דאָס געגאַנגען צוויי שטראָ־מען, פּאַראַלעלע. איינער האָט זיך געצויגן פון אָטען, איז דאָס געווען דער דראַנג פון פּראָמעטעוסן — אויסצונאַרן דעם סוד פון געטלעכן פייער און אים מאַכן אַ משרת ביים מענטשן צו קאָכן עסן, אויסצונאַרן די פליגלען פון די מלאכים און זיי הייסן טראָגן טויט און פאַרניכטונג פאַר אומשולדיקע פרויען און קינדער. דער צווייטער דראַנג האָט זיך געצויגן פון אַלטן כנען ווו עס האָט זיך אַוועקגעשטעלט דער אַלטער אברהם און געמאָנט ביי גאָט גערעכטיקייט פאַר די אומשולדיקע אין דעם סדום פון גאָר דער וועלט. איז כל זמן די ביידע שטראָמען זענען געגאַנגען צוזאַמען, איז דער גוף מיט דער נשמה פון דער מענטשלעכער קולטור געווען איינס, אַ גאַנצעס און זיי, ביידע שטראָמען צוזאַמען האָבן געשאַפן דעם פּראָגרעס פון דער מענטשהייט, דעם וועג פאָרויס. נישט צו אַ באַקוועמערן סטאַנדאַרט פון לעבן, נישט צו אַ גרינגערן אומברענגען אין וויסנשאַפטלעך געבויטע קרעמאַטאָריומס פון מיליאָ־נען לעבעדיקע מענטשן, קינדער און פרויען, נייערט דעם וועג צו הע־כערן, געטלעכערן סטאַנדאַרד פון מענשלעכן גייסט, צו דער געטלע־כער מלכות וואָס צו איר האָט געשטרעבט דער מאַן פון נצרת און די פון וועמען ער האָט זיך געלערנט ביז דעם גרויסן טרוימער וואָס האָט

אמאָל געהלומט אַז מענטשן וועלן צעברעכן זייערע שווערדן אויף אַקעראייזנס און זייערע שפּיזן אויף שניידמעסערס (דער נביא ישעיהו).

איז אָבער געשען אַז רוים האָט געקראָגן די הערשאַפט איבער דער וועלט, און די צווילינג שטראָמען האָבן זיך צעטיילט — רוים און ירושלים זענען זיך צעגאַנגען באַזונדער. איז די וויסנשאַפט געוואָרן אַ דרויסנדיקע, מחוץ דער נשמה פון מענטשן, און אינעווייניק, אין מענטשן איז געבליבן בלויז דער דראַנג צו גערעכטיקייט. זענען אין סוף פון 18־טן י״ה געווען צוויי מענטשן. איינער איז געווען פּראָפעסאָר אין קעניסבערג, דער צווייטער — אַ רב אין אַ קליין שטעטל אין רוס־לאַנד. דער קעניגסבערגער האָט נאָך זיך געלאָזן אַ פילאָסאָפישע סיס־טעם פון „ריינעם שכל" און דער צווייטער האָט געלאָזן אַ רעליגיעזע באַוועגונג (חסידים). האָבן זיי ביידע אויף אַ מאָדנעם אופן געלערנט דעם זעלביקן געדאַנק, אָבער ווי אַנדערש! דער קעניגסבערגער פילאָזאָף האָט געלערנט וועגן זאַכן פאַר זיך גופא, וואָס מיר קענען נישט באַ־נעמען דירעקט, און מיר מוזן זוכן אַנדערע וועגן ווי זיי צו באַהערשן. האָט דער רב פון שטעטעלע ליאדי (שניאורסאָן) געלערנט אַז נאָר דער שעפער קען באַנעמען די גאַנצע שאַפונג אָן דער הילף פון דערקענ־טעניש, אָבער מיר, די באַשאַפענע, קענען באַנעמען די וועלט נישט אין איר מהות, נאָר דורך דער דערקענטעניש. און דעריבער דאַרפן מיר זיך באַמיען זיך צו באַהערשן. איז דאָס געוואָרן דער אונטערשייד צווישן די צוויי וועלטן: באַהערשן די וועלט פאַר זיך; אָדער: באַהערשן זיך פאַר דער וועלט, פאַר גאָט וואָס אין דער וועלט.

און מיט אַ הונדערט יאָר שפּעטער, אין 1896 האָט אויף אַ צוזאַ־מענפאָר פון וויסנשאַפטלער אין בערלין דער באַרימטער געלערנטער דע בוא ריימאָנט פעסימיסטיש זיך געקלאָגט:

"Non Ignoramus Sed Ignorabimus"

„נישט מיר ווייסן נישט, נאָר מיר וועלן נישט ווייסן". „פאַראַן, ה״ד, סודות אין דער נאַטור, וואָס דער מענטש וועט נישט קענען באַהערשן קיין מאָל און צוזאַמען מיט דעם וועט דער מענטש נישט קענען באַ־

הערשן די נאַטור. האָט דער פּעסימיסטישער אויסרוף אַרויסגערופן טרויער ביי אַ דור געלערנטע. אַנדערע האָבן געטרייסט: נישקשה. און זיי זענען געווען גערעכט. די וויסנשאַפט האָט אַריבערגעשפּרייזט די „גרעניצן פון מענטשלעכן וויסן" — מען וויים שוין מערער ווי מען האָט אַמאָל געטרוימט צו וויסן.

אין דער זעלביקער צייט בערך האָט אין דער יידישער נשמה פון אונדזער י. ל. פּרצן יוחנן דער מלמד (דער סימבאָל פון יידישן גייסט) אויך געזאָרגט גאַנץ פּעסימיסטיש און טרויעריק: ער זעט אין פאַבריקן ווי די מאַשין באַהערשט דעם מענטשן, דער גולם הייבט זיין האַק איבער דער נשמה פון דעם באַשאַפער זיינעם, דער מענטש ווערט אַ הוספה בלויז צו דער מאַשין, און ער דערשרעקט זיך. צי קענען מענטשן אין אָט דעם טומל, אין דער ממשלה פון די שטאָלענע מאַשין־טייוואָלים דער־הערן דעם קול פון אַ נביא?, פון אַ משה? פון גאָט? ... עס באַגיסט אים אַ קאַלטער שוויס, ער אַנטלויפט — מאַשין, טעכניק אָדער דער נביא? — פאַר יוחנן מלמד איז קלאָר — אַ כפּרה אַלע מאַשינען מיט זייערע גליקן פאַר איין וואָרט פון די נביאים.

ווי וואָלט נאָך יוחנן מלמד געשוויצט, ווען ער וויים ווי אַזוי די מענטשן, די גרויסע און גרעסטע וויסנשאַפט האָט אויסגענוצט די צום ערשטן מאָל איינגעשפּאַנטע דורכן מענטשן ענערגיע פון אַטאָם! ... ער יוחנן, וואָס עס האָט אים שאָקירט דאָס וועלן נעמען די שטראַלן פון דער זון צו פּוצן די שטיוול.

דאָס זענען צוויי וועגן — דער וועג פון „חכמה חיצונית" — באַ־הערשן די דרויסנדיקע וועלט און פון „חכמה פּנימית" — באַהערשן און קולטיווירן די אינעווייניקסטע וועלט אין דעם מענטשן גופא, זיין נשמה און זיין כאַראַקטער.

... עס איז געווען אין מיטלאַלטער:

איז די וויסנשאַפט געוואָרן טויטער אויטאָריטעט. האָט דער אויר־טאָריטעט פאַרבאָטן צו טראַכטן, צו פאָרשן, פאַרבאָטן צו זוכן. איז וויסנשאַפט געוואָרן אַ מיטל צו הערשן. איז געוואָרן פון וויסנשאַפט אַ נאַרישע סכאָלאַסטיק, מיט דיספּוטן וועגן דעם וויפל ציינער עס האָט אַ פערד, וויפל פיס עס האָט אַ פליג, און וויפל טייוואָלים עס קענען זיך

איינהאלטן אויף א שפיץ פון א נאדל. נאכדעם האט מען איינגעשפאנט די ווייסנשאפט צו זוכן וועגן ווי צו מאכן גאלד, ווי צו ווערן רייך, ווי צו קריגן א לעבנס־עליקסיר צו לעבן לאנג. האט מען הונדערטער יארן געצווונגען די פארשקלאפטע וויסנשאפט צו דינען דעם גאט פ׳ן פראקטישקייט, און די וויסנשאפט איז געווען דערשטיקט. קיין גאלד און קיין עליקסירן האט מען נישט געפונען; מען האט געזוכט וריאזן און קיין באטאניק איז נישט געווען; מען האט טויזנטער יארן געאקערט און געזייט, און קיין פיטאפיזיאלאגיע איז נישט געווען. און אזוי אויף אלע געביטן. נישט דער פראקטיציזם האט געבארן די וויסנשאפטן. נישט דער אויטאריטעט און נישט דער פראקטיציזם. זענען ביידע — אי מענטש אי די וויסנשאפט געווען פארשקלאפט אונטערן יאך פון אויטאריטעט וואס האטביידן געשטיקט. דען וויסנשאפט איז נישט דאס וויסן נאר דאס שטרעבן צו וויסן. דאס וויסן איז שוין דער בית עולם פון דער וויסנשאפט (סאדי). און ווען מען טאר נישט זאגן קיין זאך קעגן די אויטאריטעטן, און אויב זוכן, איז נאר ריין פראקטישע זאכן, — איז טאקע נישטא קיין וויסנשאפט.

איז די באפרייאונג געגאנגען צוזאמען — די באפרייאונג פון מענטשן און די באפרייאונג פון וויסנשאפטן, און איינע האט געהאלפן דער צווייטער.

האט קאפערניק נישט נאר די ערד דעטראנירט פון איר טראן, נייערט ער האט אונטערגעשניטן דעם גאנצן אויטאריטעט פון גאנצן אלטערטום, נישט נאר דעם פון פטאלאמעען. און נאר דערפאר האט מען אזוי מורא געהאט פאר זיין טעאריע. גאלילי האט ארונטערגעריסן נישט נאר די געזעצן פון אריסטאטל אין פיזיק נאר בכלל דעם גלויבן אין דעם וואס די אויטאריטעטן האבן אמאל געשריבן, — און דערפאר האט ער געליטן. זענען די צוויי דראנגען געגאנגען צוזאמען: דער דראנג צו וויסן, צום עץ הדעת און דער דראנג צו באפרייען דעם מענטשנס גייסט פון אלע פענטעס און פון אלע יאכן. זענען די ביידע דראנגען געווען איינס, ביי ברונא, ביי דעם אלטן קאמעניוס, דעם פאטער פון פעדא־

גאַניק וואָס האָט אַזוי פיל זיך אַנגעליטן אין זיין לעבן, ביי דעם טיף רעליגיעזן פּאַסקאַל און ביי אַלע אַנדערע פון דעם מין.

און אַזוי איז געגאַנגען די ריי פון די באַפרייטע וויסנשאַפטן: אַס־טראָנאָמיע, פיזיק, כעמיע, פיזיאָלאָגיע. פון וויטן צום נאָענטן. נישט פאַרקערט פון דעם וואָס עס איז דעם מענטשן נוציקער, נייטיקער, נאָר פאַרקערט. עס איז צונויפגעפאַלן דער אויפשוואונג פון וויסנשאַפטן מיט דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. און עס איז נישט קיין באַווייז וואָס דווקא דער רעוואָלוציאָנערסטער גייסט פון יענער תקופה — לאַוואַזיע איז געטויט געוואָרן דורך די רעוואָלוציאָנערן. נישטאָ קיין רע־וואָלוציע אָן היסטאָרישע פעלערן ווי טרויעריק זיי זאָלן נישט זיין. דער פאַקט בלייבט אָבער: דער רענעסאַנס פון וויסנשאַפט און באַפרייאונג פון דער מענטשהייט־ביידע זענען צוויי טיילן פון איין באַפרייאונגס פּראָצעס.

איז אויפגעשטאַנען ווידער אַ קאַמף. דער דראַנג צו „ריינער" וויסנ־שאַפט און די וויסנשאַפט וואָס איז אַנגעווענדט, די פּראַקטישע, די „אַלכעמיע" פון אונדזער צייט. נישט געקוקט וואָס דורות אַנגעווענדעטע זוכן האָט גאָרנישט געבראַכט קיינע רעזולטאַטן האָבן זיך ווידער און נאָך אַ מאָל אַ לאָז געטאָן אויף דער וויסנשאַפט אַלע הערשגיריקע און געלטגיריקע און מען האָט גענומען די וויסנשאַפטן איינשפּאַנען און זיי אַנווענדן צו מאַכן רייכקייטן. זאָל די וויסנשאַפט כאַפּן די זון שטראַלן און זיי צווינגען צו פּוצן די שטיוול (פּרעצעס איראָניע). האָט מען די וויסנשאַפטן געמאַכט אַ צוגאָב צו פאַבריקן. איז מאַקע דער פּראָגרעס פון די וויסנשאַפטן געגאַנגען פאַרביי די געלטגייציקע שטרע־בונגען, איז דער פּראָגרעס געלעגן אין דעם גאַנג פון דער ריינער וויסנ־שאַפט. האָט לאַוואַזיע — דער פאָטער פון דער מאָדערנער כעמיע נישט געטראַכט פון פאַטענטן פאַר פאַבריקן, האָט פאַראַדיי, דער איינבינדער־יינגל וואָס האָט קיין מאָל נישט געקענט קיין מאַטעמאַטיק, פאַרזייט דעם זאָמען פון דער גאַנצער מאָדערנער עלעקטרישער וויסנשאַפט און אינדוסטריע, און האָט לגמרי נישט געטראַכט פון נוציקייט, פון אַנווענדן אין פּראַקטישן לעבן, האָט רענטגען ווען מען האָט אים געפרעגט צי

זיינע איקס שטראַלן וועלן קענען פּראַקטיש אויסגענוצט ווע־ן, געענט־פערט, אַז ער גלויבט נישט, מען זאָל ווען עס איז מאַכן אַ פּראַקטישן געברויך פון זיינע שטראַלן.

האָט דער גאונישער לוי פּאַסטער געראַטעוועט זיין פאָטערלאַנד אין זיין טראַגישסטער תקופה, געראַטעוועט די מענטשהייט די גאַנצע, געעפנט נייע וועגן פון זוכן און פאָרשן. שווער צו געפינען נאָך אַזאַ פּראָדוקטיוון שעפער ווי פּאַסטער איז געווען אויף אַלע געביטן. און פון פּאַסטערן האָט מען געלאַכט וואָס אים ליגן אין קאָפּ „אַזוינע אומ־פּראַקטישע זאַכן" ווי זעלבסאַנטוויקלונג פון אָרגאַניזמען. און ער — דער אומפּראַקטישער — איז געווען גערעכט. האָט מען דאָך פון אים, פון זיינע אומפּראַקטישע פאָרשונגען געפירט די גרעסטע פּראַקטישע נוצן. האָבן די קיורים ווען זיי האָבן אויפגעדעקט ראַדיום, נישט געחלומט וועגן אַזוינע „פּראָדוקטיווע" רעזולטאַטן ווי אומברענגען אַ האַלבן מיליאָן מענטשן מיט איין אויפּריים.

און געוויס איז אַט דער אומפּראַקטישער ל. פּאַסטער געווען גערעכט ווען ער האָט נאָך דעם פראַנצויזיש־פּרייסישן קריג געזאָגט, אַז דער פּרייסישער אוניווערסיטעט האָט געזיגט איבער דעם פראַנצויזישן פּאָלי־טעכניקום. מען געדענקט זייער גוט ביסמאַרקס ווערטל אַז דער פּאָלקס לערער האָט מנצח געווען ביי סעדאַן. פּאַסטערס דערקלערונג וועגן דער ראָלע פון דעם ריינעם וויסן אין אוניווערסיטעט און דעם אָנגעווענדטן לערנען אין פּאָליטעכניקום, — דאָס האָט מען פאַרגעסן. און עס איז אַוועק אַ גאַנג צו שלעפּן די וויסנשאַפט אין מאַרק אַריין. זאָל די וויסנ־שאַפט נייען גאַטקעס, זאָל זי קאָכן די מיטאָגן גיכער, זאָל זי מאַכן סחורות וואָס פאַרקויפן זיך גרינגער. די ריינע וויסנשאַפט איז תמיד געווען פאַרבונדן מיט אַ אידעע, איז אין איר געווען אַ הייליק שטרעבן צו דעם גליק פון „עווריקאַ", וואָס האָט געקלונגען פון דעם אַלטן אַרכי־מעדן ביז דעם לעצטן זוכער פון געטלעכע סודות, איז דעריבער וויסן געווען פאַרבונדן מיט הויכער מאָראַל, מיט עטיק, מיט הומאַנישער גרויסקייט, איז אַ וויסנשאַפטלעכער טיטול איינציייטיק געווען אויך אַן אַטעסטאַט פון מענטשלעכער הייך, ווייל די עצם וויסנשאַפט איז דאָך

געווען אַ טייל פון אַלמענטשלעכן שטרעבן צו מאָראַלישער העכערקייט און בעסערקייט, צו אַט דער מלכות שמים אויף דער ערד.

איז געקומען דער טרוקענער אוטיליטאַריזם, און האָט פון דער וויסנשאַפט אַרויסגעטריבן איר נשמה, דעם שטרעבן צום עץ הדעת. וויסנשאַפט איז געוואָרן אַ וועג צו געלט, צו רייכקייט, צו מאַכט, צו הערשאַפט. די נשמה פון דער וויסנשאַפט איז דערשטיקט געוואָרן. דער אַלטער פּאָליטישער אַרעסטאַנט פון שליסלבורגער פעסטונג ביים צאַר אין רוסלאַנד, דער באַרימטער געלערנטער געאָלאָג יוסף לוקאַשעוויטש איז אין זיינע עלטערע יאָרן געווען פּראָפעסאָר אין פּוילישן ווילנער אוניווערסיטעט. האָט ער זיך איין מאָל געקלאָגט פאַר מיר: ער קען זיך נישט צופּאַסן צו די היינטיקע סטודענטן, „גיב זיי נאַפּט, נאָר נאַפּט און גאָלד. די געאָלאָגיע דאַרפן זיי אויף כפּרות”. ער, דער קעמפער פאַר פרייהייט און דער פילאָזאָף פון וויסנשאַפט, דער מחבר פון „דאָס אומאָרגאַניש לעבן פון דער ערד” מיט זיינע קאָנטינענטן־טעאָריעס און אַזוי ווייטער, ער האָט נישט געקענט זיך איינלעבן מיט דער דערנידערונג פון זיין באַליבטער וויסנשאַפט צו אַ פּשוטן מיטל ווי צו מאַכן געלט, צו אַ דינסט פון קאַפּיטאַל און קאַריערע. האָט דער וועלט באַרימטער רוסישער פיזיאָלאָג טימיריאַזעוו אַ גאַנץ לעבן געקעמפט איינציטיק פאַר דעמאָקראַטיע און רעכט און אויך פאַר זיינע דערפינדונגען וועגן דערנערונג פון געוויקסן און פאַר דאַרווינען. האָט ער געהאַלטן פאַר נייטיק די גאַנצע וויסנשאַפט צו שטעלן אין דינסט פון פאָלק, פון אמת און גערעכטיקייט (זיין בוך „דעמאָקראַטיע און וויסנשאַפט”).

איז אָבער דער כוח פון געלט שטאַרקער און מעכטיקער, איז די וויסנשאַפט אַליץ מער און פאַרשקלאַפט געוואָרן און זי האָט געדינט אַלע מעכטיקע הערשער. צו וואָס גייען מענטשן לערנען? כדי צו פאַרדינען געלט. דעם לערנען לשם וויסן האָט מען שוין כמעט פאַרגעסן. צוליב וואָס שיקן עלטערן זייערע קינדער לערנען? — צוליב קאַריערע, געשעפט, ביזנעס. און אַזוי אויך אין קאָלעקטיוו, מלוכה: מען האַלט אוים הויכשולן כדי צוצוגרייטן מענטשן וואָס קענען פּראָדוצירן, מאַכן

זאַכן. מער נישט. און אַז די נשמה פון דער וויסנשאַפט איז פאַרלאָרן געגאַנגען, איז גערעכט געוואָרן דער אַלטער קאַטוילישער פּעדאַגאָג פערסטער, וואָס האָט געוואָרנט, אַז וויסנשאַפט אָן עטיק קען זיין די לאַמטערנע אין די הענט פון גנב, ווי אַ האַק אין די הענט פון אַ גזלן. מיינט יעדער יינגל וואָס האָט אַן אַטעסטאַט, נישט נאָר אַז ער האָט עפּעס געלערנט, נאָר אַז ער איז העכער פאַר אַנדערע. אים קומט דערפאַר. שאַצן זיי נישט דעם מענטשן, דעם טרעגער פון וויסן, נאָר זיינע פּאַפּירענע אַטעסטאַטן. האָט די מעכאַניזירטע וויסנשאַפט מיטגעהאָלפן זייער דעם טעכנישן פּראָגרעס. אָבער אין זעלביקער צייט האָט זי אויך געהאָלפן צעשטערן אַלטע טראַדיציעס, געוווינהייטן. צוערשט אויפן געביט פון די לעבנספאָרמען, אָבער צוזאַמען מיט זיי האָבן זיך אויך געבראָכן אַלטע פאַרשטעלונגען און איינגעוואָרצלטע זיטן פון וואָס מען טאָר און וואָס מען טאָר נישט. צוזאַמען מיט די טעכנישע ענדערונגען זענען געקומען אויך מאָראַלישע ענדערונגען. קען מען אריבערפליען דעם אָקעאַן אין עטלעכע שעה, מעג מען שוין אויך מאָרדן און פאַרניכטן און פאַרסמען מיט גאַזן, און וואָס נישט?

און עס איז דערגאַנגען צום ערגסטן: אַ גאַנץ פאָלק פול באַוואָפנט מיט וויסן האָט זיך איינגערעדט ווי דאָסטאָיעווסקיס העלד ראַסקאָלניקאָוו („פאַרברעכן און שטראָף“), אַז עס מעג טרעטירן אַלעמען, אַז עס איז העכער פון אַלעמען און במילא מעג ער איבער אַלעמען טרעטן. און די וויסנשאַפט האָט „גוט געדינט“. זי האָט געטאָן: גאַז קאַמערן, קרעמאַטאָריעס, זייף פּראָדוקציע פון מענטשן, פליענדיקע באָמבעס און קינסטלעכע מיסט פאַר די פעלדער פון מענטשן אש... קען נאָך זיין אַ טיפערער פאַל פון דעם וואָס מען האָט אַמאָל גערופן מיט אַ הייליקן נאָמען „וויסנשאַפט“? דאָס האָט זי, די פאַרגוואַלטיקטע וויסנשאַפט געהאָלפן צו פאַרוואַנדלען דעם מענטשן, אַנשטאָט אין אַ מלאך, אין אַ בירגער פון דער מלכות שמים, גאָר אין וואָלף... אין עפּעס אַזאַ מין טיווּל, וואָס טוויזנט וועלף קענען זיך צו אים נישט גלייכן. אָט למשל אין קליינער דעטאַל פון אַ כראָניק: אַ געבילדעטע דאַמע מיט אַ חוש פאַר עסטעטיק, האָט זייער ליב געהאַט איינצובינדן אירע באַליבטע בי־

בער אין פאַרמעט געגאַרבט פון מענטשן הויט. זי האָט געהאַט אַ עסטעט־טישע הנאה פון דעם. ווי איך פאַרשטיי איז דאָ דער קבר פון מענטש־לעכער הומאַניסטישער וויסנשאַפט. זי איז פאַרסמט און העסלעך, העס־לעכער פון אַלע מייז און אַלע מיאוסקייטן אין דער וועלט. דאָס איז דער גרויסער דעקאַדאַנס פון דער וויסנשאַפט וואָס עס קען נאָר געבן!

און מען מוז ראַטעווען די נשמה פון דער וויסנשאַפט. מען מוז!

מען מוז צוריק באַהעפטן די צוויי שטראָמען: פון אַטען און פון ירושלים. דאַרפן די אידעען פון פּלאַטאָן און די פאָרשטעלונגען פון אַריסטאָטל וואָס האָבן באַרעכטיקט קנעכטשאַפט ביידע, באַקרעפטיקט ווערן מיט די עטישע פּרינציפּן פון עמוסן, פון ירמיהו און פון פּאָליטי־קער נחמיה, וואָס האָט קודם כל באַפרייט די שקלאַפן. מוז מען צו די גרויסע אויפטועס פון אַלעקסאַנדריע צוגעבן די טרוימען פון ישעיהו וועגן אַ וועלט אָן גרעניצן און אָן מלחמות און וועגן לייבן וואָס עסן גראָז און נישט קיין מענטשן. מוז מען די וויסנשאַפט באַפרייען פון איר נישט נאַטירלעכן אוטיליאַריסטישן כאַראַקטער. מוז מען זי צוריק פון די וועגן וואָס זוכן הויכן סטאַנדאַרד ברענגען אויף די וועגן וואָס זוכן גאָט אין דער וועלט, זיין גייסט אין דעם אומענדלעך גרויסן און אין דעם אומענדלעך קליינעם אויף דער וועלט. פון גליקזוכעניש צו גאָטזוכעניש. נישט איינשפּאַנען די אויפגעדעקטע סודות פון גאָטס וועלט זיי זאָלן אין יעדער ראַדיאָ קיצלען די מענטשן מיט נאַרישע וויצן און דינען דעם נידעריק געוואָרענעם מענטשן אין זיינע נידעריקסטע מאָרד־אינסטינקטן. נאָר פאַרקערט דאַרף מען די וויסנשאַפט אוועק־שטעלן אויף רעלסן וואָס זאָלן זי פירן צו דער דערהויבונג פון תהלים קאַפּ'ח אָדער קד', צו דער פילאָסאָפיש־עטישער הייך פון אַ "כתר מלכות" (גראַנדיעזע רעליגיעז־פילאָסאָפישע פּאָעמע פון רב' שלמה איבן גבירול, דעם יידישן מחבר פון דעם באַרימטן ביי די קאַטאָליקן אין מיטלאַלטער „פאָנס וויטע"). ער שרייבט אין אַן אַנדער פּאָעמע „דאָס שענסטע און טייערסטע אויף דער וועלט איז דאָך פאָרשן און זוכן און וויסן! ווי געהאַסט וואָלט איך מיך אַליין ווען איך זאָל אָן דער הכמה פאַרגעסן און ווי אַ נישטיקער וואָרעם קריכן נאָך ערדישע

תאוות און קנעכטיש געניסן פון לעבן" (ציטירט לויט ד"ר צינבערג). לאָמיר נאָך צוגעבן ווי איז די וועלט געפאַלן אַז אויך די וויסנשאַפטן האָט מען געצוווּנגען צו קריכן נאָך אַלע ערדישע תאוות און זיי זאָלן העלפן געניסן פון לעבן! . . .

ווען מען וועט די וויסנשאַפטן, דעם שטראָם וואָס ציט זיך פון אַטען אָן אונטערשפּאַרן מיט דעם שטראָם וואָס ציט זיך פון ירושלים אָן, דעמאָלט קען אויסגעלייזט ווערן די וויסנשאַפט און מיט איר צוזאַמען אויך דער הומאַניטאַרער פּראָגרעס פון מענטשן.

* * *

און ווי די וויסנשאַפט אַזוי אויך די דערציאונג. מען מוז זי באַפרייען פון דעם אוטיליטאַריסטיש פּאָזיטיוויסטישן כאַראַקטער. די שול דאַרף גרייטן נישט צו אַ קאַריערע אין לעבן, נישט האָבן אין זינען די קומענדיקע פּראָפעסיע פון דעם מענטשן, נאָר אים אַליין, אויפבלאָזן אין אים דעם דראַנג צום עץ הדעת, דעם דראַנג צו פאָרשן און וויסן אומגייציק, נישט דערפאַר ווייל דורך דעם וועט ער קריגן אַ גוטע מיינונג פון לערער און שפּעטער וועט ער דורך דעם מאַכן אַ גוטע קאַריערע אין לעבן. מען מוז אָפּטיילן די דערציאונג פון קאַריערע. צוויי באַזונדערע זאַכן זענען דאָס. די קאַריעריסטישע דערציאונג קען אפשר אויסהאָדעווען גוטע פּראָפעסיאָנאַלן, אָבער קיין אינטעליגענטע נשמה־רייכע מענטשן — קיין מאָל נישט.

איינע פון די פרייהייטן וואָס מען דאַרף זיי דערגרייכן און זיי זענען צום באַדויערן נישט דערמאָנט אין דעם אַטלאַנטיק־טשאַרטער דאַרף זיין — די באַפרייאונג פון דער וויסנשאַפט און פון דער דערציאונג פון זייער אוטיליטאַריסטישן, קאַריעריסטישן צאַם. אָן דער באַפרייאונג ווייס איך נישט צי עס קען ווען עס איז קומען אָן אמתע פרייהייט פאַרן מענטשן בכלל. מען מוז דערציאונג באַפרייען פון די אַטעמסטאַטן און פּאַפּירענע פּריווילעגיעס. לערנען דאַרף זיין „לשמה", צוליבן לערנען און נישט צוליב קאַריערעס.

איראָניזירט ביי פּרצן דער יידישער געדאַנק און געשטאַלט פון

יוחנן מלמד איבער דער וויסנשאַפט וואָס באַמיט זיך „צוזאַמענצונעמען די שטראַלן פון דער זון און היישן זי למשל, שטיוול פוצן". ער לאַכט פון דעם ווייל ער ווייס די דעפיניציע פון די אַלטע תלמודיסטן: דאָס אַלץ איז דאָך „חכמה חיצונית" דרויסנדיקע וויסנשאַפטן וואָס לאָזן די עצם נשמה פון דעם מענטשן נישט קולטיווירט, בעת דער יידישער גייסט האָט פון אייביק ביז אייביק געזוכט די „חכמה פנימית" די „אינעווייניקסטע" קולטור פון דעם מענטשן גופא.

פאַראַן אין תלמוד א מיפּזיניקע לעגענדע, וואָס פּאַסט צו אונדזער געדאַנק: ווען נח איז אַרויס פון תיבה נאָכן מבול האָט ער גענומען פּלאַנצן א ווייַנגאָרטן צו דערפרייען גאָט און לייט מיט זייַנע פּרוכט. איז געקומען צו אים דער שטן, דער טייוול און געמאַכט מיט אים שותּפות. צוזאַמען וועלן זיי פּלאַנצן. און פון דעמאָלט אָן ציט זיך דער אומגליק: נח טוט א ן האָדעוועט שטרעבנדיק צו גאָט אייביק. און אַלץ וואָס ער שאַפט, קומט דער טייוול און ער נעמט עס צו פאַר זיך. האָט דער מענטש אייביק מקנא געווען די פייגל אין הימל, האָט ער געזוכט פליגלען צו פליען. וויפל גאונישע לעבנס זענען אוועקגעגעבן געוואָרן אויף דעם! וויפל וויסנשאַפטלעכע טרוימען עס זענען מיט דעם אידעאַל פאַרבונדן פון לעאָנאַרדאָ־דע־ווינטשי אָן! און ווען דער חלום איז דערגרייכט געוואָרן איז געקומען דער שטן און האָט די פליגלען אָפּגעגעבן דעם מלאך המות ער זאָל אומברענגען אומשולדיקע פרויען און קינדער, חרב מאַכן פרידלעכע היימען, חרב מאַכן די פּסיכיק פון דורות — צוגעווייַנען זיי צו „באַרעכטיקטן" מאָרד און אויסשעכטונג פון זקנים און עופהלעך. מלחמות ענדיקן זיך, און די דעמאָראַליזאַציע בלייבט. די גערעטעניש פון דער וויסנשאַפט האָט צוגענומען דער טייוול!

מער ווי א האַלבן יאָרהונדערט האָט דער מענטשלעכער וויסנשאַפטלעכער שׂכל געזוכט צו אַנטפּלעקן דעם סוד פון אומענדלעך גרויס און פון אומענדלעך קליין. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט צו באַנעמען מיט זיין גייסטיקער אויג נאָר די וועלטן צוזאַמען אין זייער אינ־

סוף פון גריים און נאָר די סודות פון מאָלעקולע און אטאָם אין זייער אין־סוף פון קליין. און גאָט האָט געשיקט זיין ברכה אין די זוכעניש, און די וועלטן פון אַטאָם זענען אַנטדעקט געוואָרן, אויס אומטיילבאַרקייט פון „אַטאָם"! אויס מיטן סוד פון מאַטעריע; אוצרות נייע ענערגיע זענען אָפגעדעקט געוואָרן... איז געקומען דער שטן און האָט די נייע ענערגיע אויסגענוצט אויף חורבן און אומקום. יאָ, זיכער — מען ברענגט אום דעם שונא, דעם שולדיקן, דאָס לאַנד פון פוירל האַרבאָר!... אָבער — ווען דער מלאך המות באַקומט אין זיינע הענט אַ נייעם כוח, נוצט ער אים שוין ווי ער וויל, — און אין לעצטן סך הכל באַנוצט ער אים אויסצוראָטן די אומשולדיקע שוואַכע און אומבאַשיצטע. און עס דערמאָנט זיך מיר נאָך אַן אָרט אין זעלביקן תלמוד: ווען די מיצרים וואָס האָבן געיאָגט די יידן געראַטעוועטע פון קנעכטשאַפט, האָבן זיך גענומען טרינקען אין ים, האָבן די מלאכים זיך דערפרייט און גענומען זינגען פאַר גאָט פאַר די מפלה וואָס די רייזע מיצרים האָבן געקראָגן. האָט גאָט אויף זיי זיך געבייזערט און געזאָגט: „די שאַפונגען פון מיינע הענט זינקען אין ים און איר האָט זיך דאָ געשטעלט זינגען?!"... „מען דאַרף זיך באַמיען אומצוברענגען דאָס שלעכטס פון דער וועלט אָבער נישט די שלעכטע" — דאָס איז דער מענטשלעכער, דער געטלעכער צוגאַנג צו דער פראַגע. אָבער כל זמן דער שטן, דער טייוול זיצט פעסט אין מענטש, כל זמן דער גייסט פון אַלע בייזע און בלוטדורשטיקע אינסטינקטן זענען נישט געצאַמט, נישט געפענטעט מיט קייטן פון געטלעכקייט, כל זמן דאָס איז נישטאָ, איז דער פּראָגרעס פון די וויסנשאַפטן נאָר שעדלעך. זיי דינען דעם טייוול, דעם אשמדאי. נישט גליק ברענגען זיי נאָר אומגליק, נישט צו גאָטס הימל הויבט זיך דער טורעם פון וויסנשאַפטלעכן בבל, נאָר ער ציט זיך צום שטן וואָס זיצט אויבן און ער געוועלטיקט, און ער מאַכט די מענטשן גלויבן אַז — מען מעג, אַלץ מעג מען; ווער עס קען, דער מעג.... און מען מאַכט זייף פון מענטשן כדי צו זיין ריין געוואַשן, ציכטיק און זויבער. און מען בינדט איין די ווערק פון געטע אין פאַרמעט פון מענטשלעכע הויט, ווייל עס איז עסטעטיש. און טיפזיניקע

געלערנטע פילאָזאָפן שרייבן ווערק און באווייזן מיט אלע מיטלען פון דער וויסנשאפט, אז מען מעג און עס איז ריכטיק, און גוט; און דער מלאך המות פרייט זיך: מער וויפל ער קען אויפטון אין יאָרן טוט די וויסנשאפט אָפּ אין מינוטן. און גאָט זיצט א טרויעריקער: די וויסנשאפטן האָבן געהאָלפן דעם טייוול איבערצונעמען די וועלט.

אויב דאָס איז דער וועג פון דער וויסנשאפט און אויב דאָס איז איר פּראָגרעס, זענען די ווילדע מענטשן־פרעסערס בעסער! דארפן מיר מקנא זיין די זולוסן אין אפריקע און די אור־אור אלטע הייל־מענטשן; זיי האָבן געזוכט מיט זייער גאנצער פּרימיטיווקייט די וועגן צו גאָט, — און מיר, די גאנצע היינטיקע ציוויליזירטע און געלערנטע וועלט דינען דעם בלוטיקן גאָטלאָזן שטן, און ער האָט אָנגעשטעלט די וויסנשאפטן מיט אלע טעכניקס כדי חרב צו מאכן די וועלט און אומברענגען נאָר די מענטשהייט אין א מבול נישט פון וואסער נאָר פון בלוט. און זאָל נישט מיינען דער שטארקער, אז ער וועט זיך ראטעווען אין זיין שטארקייט: און זאָל נישט מיינען דער גרעסערער געלערנטער און דערפינדער, אז ער וועט דערפינדן וועגן ווי זיך צו ראטעווען — עס איז נישט אזוי.

דער איינציקער וועג — מען מוז ראטעווען די וועלט פון די דעמאָראליזירטע, גאָטלאָזע וויסנשאפטן וואָס האָבן זיך ווי זונות פארקויפט צו דעם שטן. מען מוז איבער פּראָמעטעוסן שטעלן ישעיהון, און איבער אריסטאָטלען שטעלן היללן און איבער קאנטן שטעלן דעם רב פון לובאוויטש, שניאורסאָנען.

נאָר דורך דעם קען די מענטשהייט געראטעוועט ווערן פון חורבן דורך דער וויסנשאפטלעכער ציוויליזאציע.

אינעווייניקסטע און דרויסנדיקע קולטור

רבי עקיבא זאָגט: אויך זענען פּסול לעדות מענטשן וואָס גיבן זיך אָפּ מיט ספרים חיצוניים, מיט „דרויסענדיקע ווערק", הייסט עס. אַזוי איז פאַראַן ערגעץ אַ משנה און די קאָמענטאַרן דערקלערן „צום ביישפּיל — די ווערק פון אריסטאָטעל..."

אָט אַזוי שטרענג, צוזאַמען און באַגלייך מיט קאָרטן שפּילער (קוביות — קען זיין אַז אין אָריגינאַל מיינט עס נישט קאָרטן נאָר אַן אַנדער אַזאַרט שפּיל, טאָ זאָלן מיר די היינטיקע קאָרטן שפּילער מוחל זיין: ווען דער זאָגער וואָלט געלעבט צווישן היינטיקע יידן וואָלט ער זיכער און דייטלעך געזאָגט „קאָרטן שפּילער") און מיט אַנדערע זינדיקע און אומפאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן טאָר מען זיך אויך נישט פאַרלאָזן אויף די וואָס טוען זיך אריין אין „דרויסענדיקע" ספרים. און ווער איז עס דער שטרענגער פּוסק? ווער איז דאָס דער האַרטער קעגנער פון פילאָזאָפיע און פון דער גריכישער וועלט קולטור? — דאָס איז דווקא רבי עקיבא! דאָס איז דער מוטיקער און דרייסטער גיגאַנט פון יידישן געדאַנק און טאַט, דער קעמפער און מאַרטירער וואָס האָט דאָך אַזאַ חוש צו שיינקייט — ער ראַטעוועט אָפּ שיר השירים. אָט די ליבע־געזאַנגען זענען פאַר אים קודש קדשים, ער באַגייסטערט זיך און מאַכט אַ ברכה ווען ער דערזעט אַ שיינע פרוי; ער ווערט באַגייסטערט פון דער שיינקייט און גרויסקייט פון גאָטס וועלט, — און דער זעלביקער רבי עקיבא איז דאָס אַזוי שטרענג און האַמעטנע בייז קעגן פילאָזאָפיע! נישט איין אויפגעקלערטער ייד האָט אין דעם געזען אַ פאַרעקשנטן

אבסקוראַנטיזם פון „פאַרשימלטער" יידישער אָפּגעזונדערטקייט; נישט איינער פון די יידישע געבילדעטע משכילים האָט שוין זיין גאַנצן פּול־ווער אויסגעשאָסן אויף אָט די יידישע „פינסטערלינגע".

* * *

אין „גייער" פון מנחם באריישא איז פאַראַן אַ שטעלע: דער טאַטע שמועסט מיט נחן, דעם גייער:

— דו לאָזט זיך גאָר אין „חצוניות" אריין?

— נישטאָ אין חכמה קיין חצוניות,

אַלץ קומט פון זעלביקן מקור.

(בי ו ז י 29)

דער גייער — נח־מנחם — איז, הייסט עס, נישט מסכים מיט ר' עקיבאן, נישטאָ קיין אינעווייניקסטע און דרויסנדיקע וויסנשאַפט, אַלץ שטאַמט פון איין מקור און בכן איז נישטאָ קיין אונטערשייד, אַלץ איז הייליק, אַלץ שטאַמט פון אויבן, פון געטלעכן מקור.

איז ווער איז גערעכט? ר' עקיבא דער שטרענגער, דער מחמיר, אָדער מנחם דער מקיל?

...און איך לויף צוזאַמען מיטן גייער און „דעריאָג דעם ערשטן זקן: איך האָב אַ שאלה, רבי" (ז' 23) און דער זקן, ר' ישראל סבא ענטפערט מיר: גערעכט איז ר' עקיבא, איר פאַרשטייט פּשוט נישט ריכטיק דאָס וואָרט „חיצוניות"...

* * *

נישט צווייערליי געביטן פון וויסן — אינעווייניקסטע און דרויסענדיקסטע זענען דאָס, נאָר צווייערליי וועגן, צווייערליי באַציאונגען צו דער זעלביקער זאַך, צו דער זעלביקער וועלט. אַלץ שטאַמט אַרויס פון איין מקור, אָבער די ליניע וואָס פירט פון אָט דעם איינהייטלעכן מקור איז שוין גאָרנישט קיין איינהייטלעכע, צוויי זענען זיי, די הויפּט־ריכטונגען וואָס צעגייען זיך פון דעם איין מקור. איין וועג פירט צו דעם מענטשן, צו זיין נשמה, צו זיין אינעווייניקסטן מהות, צו זיין „איך"

און דער צווייטער וועג פירט צו דער דרויסענדיקער וועלט פאַרביי דעם מענטשנס נשמה.

„ווען איך דערזע דיינע הימלען, דעם אויפטו פון דיינע הענט, די שטערן מיט דער לבנה וואָס דו האָסט איינגעאָרדנט, — איז וואָס איז דער מענטש וואָס דו דערמאָנסט אים?"... און „ווי מעכטיק איז דיין נאָמען איבער גאָר דער וועלט!" און „דער וואָס זעט אַ בוים אין פריי־לינג (ווען ער הויבט אָן אויפצולעבן) דאַרף אויף אים אַ ברכה מאַכן". און אויף אַ גרעזעלע וואָס שפּראָצט, און אויף אַ שטיקל ברויט וואָס וואַקסט אַרויס פון דער טויטער ערד — אומעטום איז אַזאַ טיפע האַר־מאָניע, — איז דעריבער „ברכי נפשי" — דאַרף איך מענטש זיין אַ טייל פון אָט דער געטלעכער האַרמאָניע פון גאַנצקייט און גערעכטיקייט אויסגעהאַלטנקייט און איינגעהאַלטנקייט. וואָס גאָט איז — דאָס באַמי זיך דו צו זיין, שאַף נישט קיין דיסהאַרמאָניע אין דער וועלט וואָס גאָט האָט אַזוי ריכטיק באַשאַפן! און דעריבער מאָנט דער ערש־טער ייִד גערעכטיקייט ביי גאָט: ניין, דו טאָרסט נישט; גאָט! די גע־רעכטיקייט דערלויבט דיר נישט, גאָט! — אַזוי טענהט אברהם דער ערשטער און אַזוי טענהט זיך אויס ר' יהושע דער קוילנבערענער מיטן רבונו של עולם (בבא קמא), אַזוי פירט זיין קאַמף בערל שניידער און אַזוי דין תורהט זיך מיט גאָט דער אַפּטער רב (אנסקי) דאָס איז דער ענדאָגענער צוגאַנג, דורך דער וועלט צו דעם מענטשן, דער ענדציל פון דעם אַריינטראַכטן זיך אין גאָטס וועלט איז די מאָראַלישע אויסבע־סערונג פון דעם מין מענטש, אַלץ איז קאָנצענטרירט אינעווייניק אויף דעם מענטשנס נשמה. דאָס איז „חכמה פנימית" און דאָס איז דער ייִדי־שער צוגאַנג צו וועלט, מענטש, גאָט. דאָ איז דער צענטער פון דער גאַנצער אָנשטרענגונג. זאָגט שמואל ירחינאי דער גרויסער אַסטראָנאָם: נהירין לי שבילי דרקיע כשבילי דנהרדעא — ער קען די וועגעלעך פון הימל פּונקט ווי די שטעגן פון זיין שטאָט, אָבער דאָס איז נישט קיין ציל פון דעם לערנען, דאָס איז בלויז איינער פון די וועגן צו דערקענען גאָטס וועלט און צו מאַכן דעם מענטשן מיט זיינע אינסטינקטן אונ־טערטעניק צו דער העכערער מאַכט פון וועלט האַרמאָניע. אין צענטער

פון דער גאַרער נשמהדיקער אָנשטרענגונג שטייט דער מענטש, זיין פּני־מיות, זיין נשמהדיקער תוך. פון אַלע פילאָסאָפישע ווערק פון שפּאַניע האָט דאָס יידיש פאָלק אויסגעקליבן פאַר זיין „טיש־בוך" דעם „חובת הלבבות" — די פליכט פון הארצן און שפּעטער איז געקומען דער שולחן ערוך — די נאָרמען פון יידישן לעבן.

און אַ צווייטער צוגאַנג: דער צענטער און דער ציל איז דער סטאַנ־דאַרד פון לעבן. קורץ איז דאָס לעבן, טאָ כאַפּ אַריין, מאַך זיך באַקווע־מער, האָב הנאה. דערקען די וועלט אַרום דיר, פאַרש די אינגעווייד פון דער ערד... כדי דו זאָלסט קענען עס אויסנוצן פאַר דיין סטאַנדאַרד, כדי דו זאָלסט זיך קענען פאַרווילן. ווער עס פאַרווײַלט זיך מיט ווײַן און ווער — מיט וויסנשאַפטן. מען דאַרף דערקענען גאָטס וועלט כדי זי צו באַהערשן, צו באַצווינגען, איינצושפּאַנען זי אין דעם רייטוואָגן פון אונדזערע אינסטינקטן, מען דאַרף אויף דער וועלט אַרויפטאָן אונד־זער יאָך. איינשפּאַנען די שטראַלן פון דער זון און די שיף צו פּוצן (פּרץ). נישט די וועלט דאַרף ווירקן אונדז אויסצובעסערן, נאָר מיר ווילן די וועלט אויסבעסערן, אונדזער גייסט אַריינגיסן אין דער וועלט... האָט די אייראָפּעישע וועלט געבויט און געפורעמט וויסנשאַפטן און קונסטן אין שטיין און אין אייזן, פּאַלאַצן און מויערן, בריקן און טונעלן, מאַשינעס און קונציקע מעכאַניזמען כדי צו באַהערשן נישט זיך נאָר די וועלט אויסער זיך. דאָס איז „חיצוניות" — די דרויסנדיקע חכמות, מחוץ דעם מענטשן און זיין נאַטור, און זיין חובת הלבבות. דאָס איז דער עקסאַגענער וועלט־באַנעם.

צוויי שטראָמען אין דער מענטשלעכער קולטור — אַריסטאָטעל, פּליניוס, בעקאָן, לאַוואַזיע, העלמהאָלץ און נאָך און נאָך; תהלים, ירמיהו, איוב, פּרושים, שולחן ערוך, חיי אדם, חפץ חיים און נאָך און נאָך. יעקב און עשו. און אָט:

האָט עשו איבערגענומען פון יעקבן נישט ווילנדיק אַ משיח־גע־דאַנק, איז ער שוין געקומען אָט דער משיח. מען דאַרף שוין נישט שטרעבן אים צו ברענגען דורך דער אינעווייניקסטער אָנשטרענ־גונג איבער זיך אַליין, ער איז שוין דאָ, מען דאַרף נאָר גלויבן אין אים

און אים ערלעך האַלטן, און טאָמער ווילט איר נישט, דאַרף מען זיין ממשלה איינפעסטיקן נישט מיט אויסבעסערן זיך, נאָר מיט ברענגען יענעמס, נישט ענדאַגען — אין זיך נאָר עקסאַגען — אויף יענע. ווייל אַרכימעד קריגן דעם הייבער ער זאָל מיט אים די ערד אַ רוק טאָן, — ווייל דער יידישער נביא „ומול את לבבך" — די הערצער מאַכט אָפענער!

...און עשום חיצוניות האָט באַהערשט די וועלט, און איינגע־שפּאַנט זענען אַלע כוחות פון דער נאַטור אין דעם מענטשנס רייטוואָגן, — און וווהין האָט עס געפירט? — צו ימים בלוט! פרעגט מיך די טעג אַ קינד פון 13 יאָר ווי איז עס געמאָלט וואָס גראַד די דייטשן מיט אַזאַ הויכער ציוויליזאַציע זענען אַזוי ברוטאַל. און איך האָב געענט־פערט מיט אַ ציטאַטע פון דעם קאַטוילישן אַלטן פעדאַגאָג פערסטער („שול און כאַראַקטער"): וויסנשאַפטן אָן מאָראַלישע איינצאַמונג איז — אַ האַק אַ שאַרפע אין די הענט פון אַ גזלן.

און ר' עקיבא איז גערעכט! ספרים חיצוניים, חכמות חיצוניות, ווען זיי, די דרויסענדיקע וויסנשאַפטן באַהערשן די וועלט, ווען זיי באַ־הערשן דעם מענטשן — איז אָך און ווייי צו דער וועלט, איז צען מאָל אָך און ווייי איז צו אונדז, צו יעקבן וואָס קען נישט ענטפערן מיט בלוט אויף בלוט. און רבי עקיבא, דווקא ער וואָס רייסט אוים בערג און צעמאָלט זיי מיט זיין געדאַנק, דער וואָס האָט געקענט דרשענען אויף איטלעכן צוג אויף אָן אות אין דער תורה בערג פון הלכות — נאָרמען ווי צו לעבן, ווי צו צאַמען זיך, איינצוהאַלטן זיך, רייניקן זיך רייניקן זיך גייסטיק, ווי צו באַהערשן זיך און אַלע בייזע אינסטינקטן אין זיך, ר' עקיבא דער טרוימער און קעמפער פאַר יידישער פּאַרזיכי־קייט, — האָט געהאַסט פון גאַנצן האַרצן די דרויסנדיקע קולטור פון רוים: „זיי בויען בריקן — כדי צו נעמען שטייערן; וועגן — כדי צו פירן מלחמות, מערק — זיי אָנצופילן מיט זונות, בעדער — טעמפּלען פאַר אַפראָדיטע, טעאַטערן — כדי צו זעטיקן די בלוטיקע אינסטינקטן מיט בלוט פון גלאַדיאַטאָרן, פון געפאַנגענע, צירקן — צו פאַרשיכורן דאָס פאָלק מיט בלוט; זנות, און פרעסן, און בלוט, און... געזעצן — צו באַרעכטיקן די מאַכט האָבער, צו שטאַרקן די מאַכט פון אומגערעכטער

מאַכט, כדי צו באַרעכטיקן דאָס צושמידן מענטשן צו די ווענט פון שיפן זיי זאָלן אין צייט פון סכנה זיך נישט קענען ראַטעווען.

ניין, ר׳ עקיבא האָט פיינט געהאַט די רוימער נישט נאָר ווייל זיי האָבן חרוב געמאַכט זיין היים, עס איז נישט געווען בלויז אַ נאַציאָנאַלע שנאה — עס האָט אים ריין מענטשלעך געעקלט פון אָט דעם געמיש פון בלוטיקייט מיט ווינסנשאַפט, מיט פילאָסאָפיע וואָס באַרעכטיקט די בלוטיקע הערשאַפט פון מענטש איבער מענטש (אויך אַריסטאָטעל און פּלאַטאָ!); דער גאון פון יעקבס גייסט האָט נישט געקענט נישט פאַראַכטן דעם נאַקעטן, האַמעטנעם עשו־גייסט. :צוויי ווייטע פּאָלוסן „ווייל איז אייך, יידן, ווער רייניקט אייך און פאַר וועמען רייניקט איר זיך? — פאַר אייער פאָטער אין הימל!״ (אַ משנה אין סוף יומא) דאָ איז הימלשע הייליקע ריינקייט, דאָ איז די גבורה צו קענען, ווען די רוימער רייסן זיין לייב מיט אייזערנע קאַמען, זיין גליקלעך וואָס ער קען מקיים זיין דעם פסוק „ובכל נפשך״. טאָ ווי האָט עס נישט געקענט אים עקלען ביז האַס פון די „חכמות חיצוניות״ פון דער גריכיש־רוימישער קולטור?

און געוועכט, רבי עקיבא! אין דעם חורבן פון דער וועלט און פון דער געטלעכער נשמה אין מענטשן האָט אַ גרויסן חלק די וויסנשאַפט, — די חכמה חיצונית.

* * *

... זאָל דאָ דערלויבט ווערן צו דערמאָנען: עס איז געווען אין 1919 אין קיעוו. דער ערשטער יידישער פּעדאַגאָגישער זשורנאַל („שול און לעבן״, רעדאַקטאָר ש. דאָבין) האָט אין ערשטן נומער — אַ מעטאָדישע אַרבעט וועגן נאַטור־לימוד (אַמעריקאַנער יידן, הערט אַ הוצאה. אין יידישע שולן זאָלן יידישע לערערס לערנען אויף יידיש נאַטור, „סייענס״! (קענט איר דאָס גלויבן?) שרייבט דאָרטן אַ יידישער לערער, אַז מיט דעם לימוד פון נאַטור דאַרף מען אין די קינדער אַנטוויקלען

א רעליגיעז־פּיעטעטישע באציאונג צו גאָטס וועלט. פּונקט ווי פאַר־צייטיקע אידן האָבן געלערנט א ברכה מאַכן אויף א שטיקל ברויט, וואָס ווערט ארויסגעצויגן פון דער ערד, אזוי דאַרפן קינדער קענען באוווּנ־דערן א שטיקל אייזן, וואָס זיי שפּילן זיך מיט דעם. פריימ מיך איצט וואָס יענער שרייבער בין געווען איך...

דאָס איז א צוגאַנג פון א יידן.

חכמות חיצוניות זענען זייער נויטיק. עס איז פּראַמעטעאוסעס קאַמף מיט די בייזע געטער. אָבער ווען? — ווען איבער דער חכמה חיצונית שטייט די פּנימית; ווען איבער אריסטאָטעלס וויסנשאַפט זאָל שטיין דער יידישער „ברכי נפשי”; ווען איבער פּליניוסעס נאַטור־גע־שיכטע זאָל שטיין רבי עקיבאַס: „פאַר וועמען רייניקט איר זיך? פאַר אייער פאָטער אין הימל!” און איבער אריסטאָטעלן זאָל מען ארויפ־שטעלן דעם ערשטן קאַפּיטל פון ישעיה. ווען נישט — זענען די חכמות חיצוניות א האַק א שאַרפע אין די הענט פון א גזלן. יעקבס פּנימיות מוז ראַטעווען די וועלט פון עשום חיצוניות.

וועט ער עס קענען? וועט ער וועלן? וועט ער גלויבן אין זיך, אין זיין שליחות? פון דעם קען זיין אָפּהענגיק דער גורל פון דער וועלט.

דעמאָקראַטיע און דערציונג

ערגעץ שרייבט זיך אין תלמוד, אז א מענטש ווערט קראנק, דאַרף ער נעמען קאָנטראָלירן זיין לעבן. אזוי אויך א פאָלק. ווען דער ערשטער שאָס פון לינגערישן שונא טרעפט באַלד אויף א מאָראַליש נישט קיין געזונטן אָרט, דעמאָלט מוז זיך א פאָלק, א נאַציע שטאַרק פאַרטראַכטן: עפּעס איז אין דעם לעבן נישט אין אָרדענונג, עפּעס זינדיקן מיר. כל זמן א פאָלק לעבט רויק, באַמערקט עס נישט די פעלערן פון זיין לעבן. ווען אָבער עס קומט צו א נסיון, ווען א פאָלק ווערט דורך דער געשיכטע אוועקגעשטעלט פאַר אַן עקזאַמען, דעמאָלט דערקענט מען ווער עס איז גרייט און ווער נישט.

טאָ לאָמיר זען:

די סטאַטיסטיס דערציילט אונדז אז מיט דעם געזונט צושטאַנד פון דער באַפעלקערונג אין דעם רייכסטן און זאַטסטן לאַנד אין דער וועלט, אין די שטאַטן, איז גאָר נישט אזוי פרייליך. פון דרייצן מיליאָן מאָביליזירטע צו דער מלחמה, האָט מען פינף מיליאָן געמוזט אויסבראַקירן, ד"ה כמעט גאַנצע 38,5 פּראָצענט פון דער יוגנט! ביי א 12 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג איז גייסטיק נישט באַלאַנסירט. א פערטל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג ליידט פון מאָגן־קראַנקהייטן, פון טובערקולאָז, האַרצקראַנקהייטן וכדומה. ציין און אויגן געזונטע זענען געוואָרן א זעלטנקייט און ביי א 15 פּראָצענט קינדער אין די שולן זענען גייסטיק אָפּגעשטאַנען (פון א באַריכט ווענן א ראַפּאָרט פון מעדיצינישן דירעקטאָר צום אַמעריקאַנער סענאַט). און דאָס אין א לאַנד ווו דער

סטאַנדאַרד און באַקוועמקייט פון לעבן איז דער גאָט וועמען מען דינט, אין אַ לאַנד ווו ספּאָרטן זענען כמעט וויכטיקער ווי לערנען. פון דעם אַלעם איז צו זען, אַז עפּעס איז דאָ נישט אין אָרדענונג, עפּעס זענען דאָ פאַראַן טיפע דעפעקטן אין גאַנצן לעבן־סיסטעם פון דער באַפעלקער־רונג. וואָלט די פּרעסע אין אַמעריקע געלעגן אין פרייע הענט וואָלטן געווים אַ סך געשריען „ראַטעוועט די יוגנט פון דעגענעראַצ־יע!". ליגט אָבער די פּרעסע אין די הענט פון די געלט־מאַגנאַטן, פון די וואָס פּראָ־דוצירן דעם ביליקן ווילטאָג און פאַרגעניגן וואָס זיי זענען דאָס די הויפּט שולדיקע אין דער צעשטערונג פון פיזישן און גייסיקן געזונט פון דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג, — און זיי לוינט עס לגמרי נישט צו זוכן רעוויזיעס אויף דעם געביט. דאָך רייסן זיך צומאָל דורך אין פּרעסע נאָטיצן וועגן דער מאָראַלישער צעלאָזנקייט פון דער יוגנט, וועגן דער סעקסועלער אויסגעלאַסנקייט און ווענערישע קראַנקהייטן פון יונגע קינדער.

דאָס אַלץ צוזאַמען גענומען וואָלט געדאַרפט פירן צו אַ טיפער און ערנסטער רעוויזיע פון דער דערציאונגס סיסטעם אין שול און אין שטוב, אין די היימען. אָט די רעוויזיע וואָלט געדאַרפט ווערן אַן אָרגאַ־נישער טייל פון די דעמאָקראַטישע פּראָגראַמען אין אַלע לענדער און איבערהויפּט — אין דער גרעסטער דעמאָקראַטיע, אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

דער עקזאַמען איז אויסגעפאַלן גאָר נישט גוט, — מוז מען זוכן פעלערן אין זיך, אין לעבן. און דער ערשטער פּונקט — ווי לעבט די יוגנט, ווי וואַקסט זי, ווי ווערט זי געגרייט איבערצונעמען דעם גאַנג פון לעבן אין אירע הענט? — און אָט ווו די צרה ליגט:

אַרום און אַרום, אומעטום זעט דאָס קינד איין ציל אין לעבן: „גוד טיים" און פאַרווײַלן זיך. אַלץ אַרום — די גרויסע פּלאַקאַטן אין די גאַסן, די מעלדונגען אין די צייטונגען, — אַלץ איז באַשאַפן בלויז פאַר דיין „גוד טיים", אַלע זענען גרייט און ווילן דיר צו פאַרשאַפן פאַרגעניגן, — פאַר דיין געלט, פאַרשטייט זיך. וואַקסן קינדער אין אַן אַטמאָספער, וואָס וויים דריי פּרינציפּן: מאַכן געלט, אויסגעבן געלט

און פארווילן זיך. דערמאָנט עס אונדז גאָר נישט קיין אָנגענעמען פאַר־גלייך מיט דעם לאָזונג פון דעם אַלטן רוים ווען ער האָט שוין געהאַלטן אין דעגענערירן „ברויט און פאַרוויילונג". די גרויסע פּראָדוצירער, די צושטעלער פון די אַלע מאַטעריעלע באַקוועמלעכקייטן פאַרטומלען צו־פיל די גאַנצע וועלט אַזוי אַז די קינדער זעען הינטער דעם טומל גאָר נישט קיין טיפערם און קיין העכערם פון דעם אינדיווידועלן פאַרגע־נינן. געוויס זענען אין לעבן פון דער דעמאָקראַטיע פאַראַן טיפערע און וויכטיקערע עלעמענטן, — אָבער יענע זענען שטיל פאַרבאָרגענע און באַשיידן באַהאַלטן; בעת אין גאַס הילכט די פאַרביזנעוועטע קולטור־לאָזיקייט, און זי האָט די שטאַרקערע השפעה אויף די קינדער אין זייער וואַקסן. זענען די מעכטיקסטע דריי פאַקטאָרן פון דערציאונג; צייטונג; סינעמאַ און ראַדיאָ אָן קאָנטראָל אין די הענט פון די געלטדורשטיקע אַדווערטייזער וואָס געווינען איין די קינדער צו לייכטער, ביליקער און פלאַכער צייט־פאַרשווענדונג. מען פאַרברענגט מיט זאַכן וואָס האָבן אַ מאָמענטאַנעם נערוון רייץ און וואָס וועקן אָבער נישט לגמרי דעם גע־דאַנק, די טיפערע בלייבנדיקע עמאָציעס און גייסטיקע אינטערעסן. פאַר־לירן די וואַקסנדיקע דורות אינגאַנצן פון אויג דאָס אַלטרויסטישע העכערע און טיפערע; זעען זיי בלויז דאָס וואָס קען פאַרווילן, מאַכן לאַכנדיק אין דעם מאָמענט, — נישט מער. איז מוזיק — דזשאַז; איז מאַלעריי — האַלב נאַקעטע מיידלעך וואָס שרייען פון אַלע ווענט אַראָפּ קויפט פאַר אייער פאַרגעניגן; איז אָנשטאָט ליטעראַטור — „קאָמיקס" און „סטאָריעס"; איז אַלץ מיט וואָס מען לעבט — ווי דער גאַס וואָס מען ...ים. — ער צעשטערט די נאָרמאַלע רעפלעקטאָרישע טעטיקייט פון דעם דערנערונגס־טראַקט, צעטומלט און שוואַכט אָפּ די רעפלעקטאָרישע נערוון סיסטעם פון אָרגאַניזם, וואָס זי איז דער באַזיס פון דער פּיזאָ־פּסיכישער קאָנסטרוקציע פון גאַנצן מענטשן און קיינער וואָגט נישט זיך אַנטקעגנצושטעלן, ווייל די פּראָדוצירער זענען צו מעכטיק. און אַזוי וואַקסט אַ יוגנט וואָס איז פלאַך, אומפעאיק זיך צו קאָנצענטרירן, קען שווער זיך זעלבסט דיסציפּלינירן, איז עגאָיסטיש און צעלאָזן. בלייבט ביי איר אויך ווען זי וואַקסט אוים דער העכסטער אידעאַל פאַרווילונג.

און וואָס גרינגער — אַלץ בעסער. איז די יוגנט פיזיש און גייסטיק נישט געניטן שטאַרק, אָן אויסדויער, אָן ווילן און אָן ווילנס קראַפט.

ספּאָרט. — געוויס איז ספּאָרט זייער אַ וויכטיקער דערציאונגס־עלעמענט; אָבער ווען? — ווען עס איז ספּאָרט, נישט אַזאַרט, נישט בילד פון קאַמף, וואָס מען לויפט קוקן ווי די פאַרצייטיקע רוימער — די גלאַדיאַטאָרן־שפּילן. דאָס איז שוין קיין ספּאָרט וואָס מאַכט געזונט; דאָס איז גאָר שיכּרותדיקער אַזאַרט וואָס איז נישט קיין סך בעסער פון אָפּיום. דאָס רוימיש ווערטל „אין אַ געזונטן גוף — איז אַ געזונטע נשמה" איז געווען פאַלש פאַר רוים גופא: ביי דעם געזונטן, אייזערנעם גוף האָט די פאַרפוילטע נשמה חרוב געמאַכט דאָס פאָלק און אָפּגעשוואַכט אים לגבי די ווילדע אָנפאַלער. צי זענען אונזערע היינטיקע ספּאָרטן אַ סך בעסער? זיי שטאַרקן נישט דעם גוף און העלפן זייער אָפּצושוואַכן דעם נערוון אַפּאַראַט.

דאָס אַלץ איז ווענן דער אומויטלבאַרער דערציערישער השפּעה פון דער סביבה. לאָמיר פון דעם איבערגיין צו דער אָרגאַניזירטער דערציאונג אין די שולן.

דורך דער געשיכטע האָבן זיך ביי די אייראָפּעאיש־אַמעריקאַנער פעלקער אויסגעאַרבעט דריי סיסטעמעס פון שול־וועזן:

א) דער הומאַניסטיש־דערציערישער

ב) דער הומאַניסטיש־פאָרמאַליסטישער און

ג) דער פּאָזיטיוויסטיש־קאַריעריסטישער.

דער ערשטער טיפּ שולן האָט מער עקזיסטירט אין די טרוימען פון די גרויסע טעאָרעטיקער און טרוימער פון אַ פרייער פאָלקווערטיקער מענטשהייט, וואָס האָבן געוואָלט אין איטלעכן מענטשן זען דאָס העכסט־מענטשלעכע, דאָס געטלעכע אין מענטשן. אין דער פּראַקטיק אָבער האָבן זיך תמיד געפונען מאַכטהאַבער, וואָס האָבן געהאַט געניוג גרונטן נישט צו דערלאָזן אין יעדער מענטשן צו אַנטוויקלען אַלע זיינע גייסטיקע און קריטישע פעיקייטן. דער הומאַניסטישער דערציאונגס אידעאַל קען אויסגעדריקט ווערן מיטן זאַץ פון משה: „ווער וואָלט געמאַכט, אַז דאָס גאַנצע פאָלק פון גאָט זאָל זיין נביאים" (במדבר, י"א,

29). איטלעכער מענטש טראָגט אין זיך געטלעכע מעגלעכקייטן, איטלעכער מענטש דאַרף האָבן די פעאיקייט צו זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע מעשים, איטלעכער דאַרף קענען גיין זיין וועג, קענען קריטיש און מאָראַליש זיך אָריענטירן אין סיטואַציעס און אליין אויסקלייבן דעם ריכטיקן וועג.

אין איטלעכן דור פון די ערשטע הומאַניסטן ווי ראַבלע, מאָנטען, עראַזמוס דורך די שעפער פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט און רעוואָלוציאָנערן קעגן דעם סכאָלאַסטישן דרוק פון די טויטע קלאַסישע אויטאָריטעטן ווי פּרענסיס בעיקאָן, גאַליליי אאַז״וו. ביז צו רוסאָ און זיינע נאָכפאָלגער, ביז צו דעם נאָר נייעם אויפשוווּנג פון פּעדאַגאָגישן געדאַנק צווישן די צוויי מלחמות, — תמיד זענען געווען באַגייסטערטע הייסע גלויביקע וואָס האָבן משפּיע געווען אויף די פּראַקטישע פּעדאַגאָגן צו דערציִען מענטשן מיט פרייע, זעלבשטענדיקע גייסטער, אויב אפילו די הערשנדיקע סיסטעם אין לאַנד האָט געהאַט אַן אַנדער ריכטונג.

די הומאַניסטיש־פאָרמאַליסטישע דערציאונגס סיסטעם האָט זיך איינגעבירגערט דורך די יעזויטן וואָס האָבן געשטרעבט אָנצופילן די נשמות פון אַלע מענטשן מיט צוגעגרייטע פאַר זיי געדאַנקען און באַגריפן וואָס ווערן דיקטירט פון אויבן. און די יעזואיטן האָבן נישט נאָר דערגרייכט פאַר זיך די פולקאָמסטע רעזולטאַטן, נייערט זיי האָבן זייערע מעטאָדן אַזוי שטאַרק פאַרפלאַנצט אין דער מאָדערנער וועלט אַז אפילו לענדער וווּ קיין יעזויטן זענען גאָרנישט געווען גייען אין אַ סך הינזיכטן נאָך היינט אין זייערע דערציערישע דרכים און מען האָדעוועט מענטשן וואָס זאָלן האָבן וואָס ווייניקער זעלבשטענדיקייט אין גייסט און אין געדאַנק. דאָס זענען מענטשן מיט אַ כאַראַקטער פון מאַסן־פּראָדוקציע. פאַר די אָנפירער פון לענדער איז עס זייער באַקוועם צו האָבן אַזאַ בירגערטום. — פאַר דעם גורל אָבער פון די פעלקער און לענדער איז אַזאַ דערציאונג שוין גאָרנישט קיין גליק. ווייל איז דעם פירער וואָס זיינע געפירטע גייען אים נאָך לויט זיין ווונק. — ווי איז אָבער צו דעם פאָלק וואָס גייט לייכט און בלינד נאָך זיינע פירער

אויב אפילו זיי זענען נישט קיין סדומיש־סאַדיסטישע פּאַרפּירערס. אי־בערהויפּט איז די סכנה גרויס אין די גרויס־קאַפּיטאַליסטישע לענדער ווו קליינע גרופּעס פּערזאָנען קאָנצענטרירן ביי זיי אין די הענט אַלע מיטלען פון עפנטלעכער אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע. און קיינער קען דאָך נישט גאַראַנטירן לכתחילה, אַז אַלע מאָל וועלן די אינטערעסן פון אָט דער גרופּע צונויפּפאַלן מיט די אינטערעסן פון דער דעמאָקראַטיע בכלל.

די דריטע סיסטעם, די פּאָזיטיוויסטיש־קאַריעריסטישע איז די יינגס־טע. זי איז אויפגעקומען אין דער צווייטער העלפט פון פאַריקן יאָרהונ־דערט אין די גרויס־קאַפּיטאַליסטישע לענדער, און איז אַמבעסטן אויס־געדריקט, דאַכט זיך, ביי ספּענסערן אין זיין בוך וועגן דערציאונג. די סיסטעם גייט אַרויס נישט פון מענטשן און זיין אינעווייניקסטן מהות, נאָר פון די באַדאַרפן פון דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן לעבן, פון דער טעכנישער פּראָדוקציע. מען דאַרף צוגרייטן קאַדרן טעכניש צוגעגרייטע באַדינער פון די קאָמפּליצירטע מאַשינעס, פלינקע אַפּיס־מיידלעך, מען דאַרף די אַנגעשטעלטע און אַרבעטער זאָלן פלינק אויפנעמען וואָס מען זאָגט זיי, פּינקטלעך זיי אויספירן און וואָס ווייניקער נאָכקאָנטראָלירן, נאָכדענקען. דערצו איז צוגעפּאַסט די גאַנצע דערציאונג. מען זוכט צו אַנטוויקלען פּינקטלעכע קאָרעקטע און פלינקע אויספירער פון פרעמ־דע געדאַנקען. טראַכטן זאָלן מענטשן וואָס ווייניקער, אייגענע גע־דאַנקען שטערן בלויז דער פּינקטלעכער אויספירונג פון באַפעלן. מערער געדאַנקען — מערער פּאַרטראַכטקייט, — ווייניקער טעכנישע פלינקייט און פּינקטלעכקייט. מערער פאַרטראַכטקייט — ווייניקער לעבנסצו־פרידנקייט, גרינגע לוסטיקייט. מערער אַריינגעטראַכטקייט — מערער קריטיק און אומצופרידנקייט, אַלץ שווערער זיך צו באַפרידיקן מיט די מאַסן־פּראָדוקטן פון דער גרויס־פּראָדוקציע. מערער גייסטיקע זעלב־שטענדיקייט — מערער אינדיווידועלע געשמאַקן, פאַרלאַנגען, מערער „איך” און ווייניקער מאַסע, — און „דאָס לעבן איז געבויט אויף מאַסן פאַר מאַסן”. אָט פאַרוואָס אין די רייך אינדוסטריעלע לענדער האָט זיך אַנטוויקלט אָט די סיסטעם פון דערציאונג, וואָס זאָרגט פאַר טעכ־נישער בילדונג אָבער נישט פאַר אינעווייניק גייסטיקער אינדיווידועלער

אַנטוויקלונג פֿון דעם מענטשן אין דעם מענטשן. די פּאָזיטיוויסטישע דערציאונג האָט אַ סך געמיינזאַמע שטריכן מיט דער פֿאָרמאַליסטישער אין זינען פֿון באַלאָדן די יוגנט מיט פּאַרטיקן מאַטעריאַל. דער אונטער־שייד איז בלויז אין דעם וואָס די לעצטע שטרעבט צוצופּאַסן די יוגנט צו אַ אידעען־וועלט בעת די ערשטע שטרעבט צוצופּאַסן די מענטש־הייט צו די פּראָדוקציע־פֿאָרמען פֿון דער עפּאָכע. דעריבער פֿאַרנעמען אין שול נאַטור און ליטעראַטור זייער אַ קליינעם אָרט. אַנטוויקלונג קענען אָט די לימודים געבן זייער פּיל; פּראַקטישע נוצן — ווייניק. די הומאַניסטישע דערציאונג שטעלט זיך די פֿראַגע וואָס דער מענטש דאַרף זיין, די פּאָזיטיוויסטישע — וואָס דער מענטש דאַרף האָבן. און דעריבער איז די שול געגליכן צו „דעפּאַרטאַמענט־סטאָר", יוו מען קען אריין און „נעמען" די סחורה — דעם סוביעקט וואָס דער יונגער מענטש דאַרף, אָט ווי אַ פּאָר שיך למשל. דאָ איז דער ציל פֿון לערנען אין דעם מאַטעריאַל, און דאָס ריין אוטיליטאַריש לערנען דאַרף מען צוליב דער קאַריערע אין לעבן, כדי זיך אויסצוטויגן פּראָפעסיאָנעל, און מער נישט. דער אידעאַל וואָס ווערט געשטעלט פֿאַר דער יוגנט, ווי העלדן פֿאַר זייערע טרוימען זענען די גרויסע געלט דערגרייכער. ביי דער יוגנט אַנט־וויקלט זיך אַ באַוווסטזיין אַז אויף דריי זאַכן שטייט די וועלט: מאַכן געלט, אויסברענגען געלט און האָבן פֿאַרגעניגן — אַ „גוד טיים". די שול פֿאַרמעסט זיך גאָרנישט איינצופֿלאַנצן אין דער יוגנט אינטערעסן און אידעאַלן פֿון אַן אַנדער, נישט קיין גייציקן, עגאָיסטישן כאַראַקטער, די שול באַמיט זיך נישט צו מאַכן דורכן לערנען ברייטער דעם מענטשנס גייסטיקע האָריזאָנטן. דאָס אַלץ וואָס די יידישע טראַדיציע רופֿט אָן מיטן נאָמען „תורה לשמה", לשם דער גייסטיקער אַקטיווקייט וואָס דאָס לערנען דאַרף אַרויסרופֿן אין די תלמידים אין דעם עצם פּראָצעס פֿון לערנען, „אין סטאַטו נאַסצענדי", ווי די כעמיקער רופֿן עס אָן, — דאָס אַלץ פֿעלט דאָ. נישט די גייסטיקע אַלזייטיקע רייכקייט פֿון דער פּערזאָן, פֿון איר עמאָציאָנעלער און געדאַנקלעכער פֿילזייטיקייט קומט דאָ ווי אַ ציל, נייערט דער סכום ידיעות און קענטענישן וואָס זענען נייטיק פֿאַרן דזשאָב, וואָס דאָס קינד וועט דאַך מן הסתם ווען עס איז

האָבן. דער מענטש אָבער אַליין, זיין כאַראַקטער, זיינע אייגנשאַפטן, — דאָס אַלץ בלייבט אין דרויסן פון דער שול.

מען דערציילט אַז צו אַ יידישן רב איז אַמאָל געקומען אַ יונגער מאַן, און באַרימט זיך: — רבי, איך האָב אויסגעלערנט דעם גאַנצן ש"ס. —

— דאָס איז זייער פיין, אָבער נאָך וויכטיקער איז צו וויסן וואָס דער ש"ס האָט דיך אויסגעלערנט, — האָט געענטפערט דער רב. און ער איז געווען גערעכט: אַלע וויסנשאַפטן וואָס אַ מענטש לערנט אויס זענען ווייניקער וויכטיק, איידער אַ ביסעלע וואָס ווירקט אויף דעם גייסטיקן מהות פון דעם מענטשן. די פּאָזיטיוויסטיש־קאַריערסטישע שול זאָרגט פאַר דעם לגמרי נישט. דער אויסטרייכער פּעדאַגאָג פערסטער האָט נאָך אַמאָל געשריבן אַז לערנען, געבן מענטשן וויסן נישט דער־ציענדיק דערביי זייער כאַראַקטער הייסט אייגנטלעך געבן אין אומזיכע־רע הענט אַ שאַרפע האַק... ווער קען זיכער זיין אַז אָט די האַק וועט נישט באַנוצט ווערן צום שלעכטן?

און ער איז גערעכט: די גרויסע שטעט מיט דעם טעכנישן פּראָגרעס צעשטערן כסדר די אַלטע געוווינהייטן און טראַדיציעס נישט בלויז פון סאָציאַלן כאַראַקטער, נייערט אויך פון עטיש־מאָראַלישן געביט. די אָר־גאַניזירטע דערציאונג פון איר זייט זאָרגט אויך וועגן דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער צופּאַסונג — פּאַרדינען, — בלייבט דער מענטש אַליין נישט קולטיווירט, נישט געצאַמט, אָן עטישע סובלימאַציעס, — און דעמאָלט קען זיין וויסן ברענגען שאָדן דער מענטשהייט.

עס הערשט אין דער וועלט טעכניק, מאַשין; צו אָט דעם אייזערנעם גולם מוזן צוגעפּאַסט ווערן לעבעדיקע מענטשן; מאַשין און מענטש — ווערט מענטש ווי אַ צוגאָב צו דער מאַשין, פאַרלירט ער זיין איך, ווערט ער אַ לעבעדיק שרייפל אין דעם פּראָדוקציע־מעכאַניזם: פּראָדוצירן סחורה, געלט, און דאָס קאָנצענטרירט זיך, און גרויס און געוואַקסן איז דער וואָס האָט באַוויזן די קונסט צו קאָנצענטרירן די קאַפּיטאַלן ביי זיך... אָט אַזאַ דערציאונג איז צוגעפּאַסט צו דער אידעען־וועלט פון די געלט־מאַכט־האָבער: אַלץ טרוימט — געלט, געלט, געלט! דעם

זינגער קריטיקירט מען נישט, דעם געלט־זינגער — אויך נישט... אָט די שטרעבונג יאָגט אין אַלעמען דעם אַרבעטס־אימפּעט, — „ספּיד אַפּ; העריי אַפּ"! אַרבעטער ווילן וועגן גאָרנישט וויסן, פון גאָרנישט טראַכ־טען, היט זיך! מיר האָבן קיין צייט נישט: מיר מאַכן אַ לעבן! און לעבן איז וואָס? — ווארשטאט, קלוב (אָדער שענק) און בעט. מיליאָ־נען מענטשן אין פּרייע לענדער, — און געשפּאַנט אין יאָך, געטריבן דורך דער גרויסער מאַשין, דורך יאָגעניש נאָך אַ אידעאַל וואָס איינער פון מיליאָנען וועט אפשר דעריאָגן. און אין דער יאָגעניש פאַרלירן מענטשן אַל דאָס מענטשלעכע, אַל דאָס געטלעכע אין זיך. מיליאָנען בלייבן צו פופציק יאָר גייסטיקע אינוואַלידן, אָן כוחות, אָן מוט. אָן גלויבן, אויסגעמאַטערטע פיזיש און אפּהענטיק גייסטיק, אָפּגענאַרטע אין דעם פאַרשפּרייטן איינרייידעניש אַז איטלעכער מענטש קען כלומרשט ווערן אַ ראָקפעלער, אַז די גרעסטע חכמה אין לעבן איז „העלף זיך אַליין". מיליאָנען מיידלעך טרוימען וועגן האָליוווד, קאָנקורסן; איינע באַגליקט און מיליאָנען בלייבן ווי אַרויסגעוואָרפן אויפן מיסטקאַסטן פון לעבן. און אָט די גרויסע מאַסן נישט דערגרייכטע, וואָס זיי זענען אייגנטלעך דאָס גאַנצע פאָלק, קוקן מיט קינאה און הכנעה אַרויף צו די עטלעכע גליקלעכע יחידים, וואָס האָבן באוויזן דעם קונץ צו מאַכן געלט נישט אַנדערש ווי פרומע פעלקער קוקן אויף זייערע הייליקע. פּונקט ווי די וועלט וואָלט נעגעבן געוואָרן פאַר אָט די עטלעכע אויס־דערוויילטע, ל"ו הייליקע פון דעם גאָט אמאָן, און אַלע איבעריקע — דאָס גאַנץ פאָלק איז בלויז דער טרעפּ וואָס קלעטערנדיק איבער זייערע פּלייצעס קענען די יענע דערגרייכן דעם שפּיץ פון דעם גאָלדענעם באַרג.

און דער יידישער גייסט אין געשטאַלט פון יוחנן מלמד, יואָס פּרץ האָט אויסגעטראַכט, דערציילט: „די פאַבריק איז פול מיט ווארשטאַטן, און ביי יעדן ווארשטאַט שטייט אַ פּועל. דער ווארשטאַט וואַרפט זיך און דער פּועל וואַרפט זיך מיטן ווארשטאַט, און דער פּועל מיטן וואַר־שטאַט זענען אויס איין גוף, ווי איין חולה נופל, וואָס וואַרפט זיך, שאָקלט זיך און זעצט... און וואָס איז די נשמה פון דעם גוף? די פּאַרע...

אויסער דער פּאַרע האָט דאָ קיין גוף קיין אַנדער נשמה נישט, נישט

דער וואַרשטאַט, נישט דער פּועל, וואָס טוט נאָך דעם וואַרשטאַט... קיין רצון נישט, קיין ידיעה נישט. און ווען עס קומען אַהער אין דעם גיהנום די גרעסטע נביאים,... ווען זיי עפענען די מיילער, און זיי ווילן ריידן — צי וואָלטן זיי איבערגעשריען דאָס גיהנום? צי וואָלט זיי עמיצער פון די געפּייניקטע נשמות געהערט? ניין, זיכער נישט!...

גאָט האָט באַשאַפן די נשמה פון קינד מיט פליגלען זיי זאָלן אים הייבן אין די הימלען פון טרוימען, כדי עס זאָל וואַקסן אין שטרע־בונגען און עס זאָל אויסוואַקסן מיט שווונג און פאַרמעסט, מיט שטרעבן און וואַגן, מיט אַן אייביקן דראַנג צו טרוימען און די טרוימען צו פאַר־ווירקלעכן. — קומט די פּאָזיטיוויסטישע, אוטיליטאַריסטיש־קאַריע־ריסטישע דערציאונג און זי קאַסטרירט די נשמות פון דער יוגנט פון זייער טרוים־אינסטינקט, ווי מען קאַסטרירט פערד כדי עס זאָל זיין גרינגער זיי צו שפּאַנען אין אַרבעט אַריין.

צי קען אַזאַ דערציאונג זיין נוציק פאַר דער דעמאָקראַטיע ווי אַזאַ?

— אויף דער פראַגע קען זיין בלויז איין ענטפער — אַ קלאָרער און דעצידירטער „ניין"; קלאָר און קאַטעגאָריש. די לעצטע יאָרן איז דער אָנפירונג פון דער דעמאָקראַטיע גאַנץ אָפט אויסגעקומען צו קעמפן קעגן דער געלטאָקראַטיע און דער קאַמף איז גאָר נישט קיין גרינגער ווייל דאָס פאָלק איז דורך דורות צוגעוווינט צו גלויבן אין די געלט מאַגנאַטן ווי אין הייליקע אָדער ווי אין די העלדן פון דער נאַציע. ווידער קענען זיי דאָך די הויפּט־בעלי דעה אין דער פּראָדוקציע פון דער גע־זעלשאַפטלעכער מיינונג אין לאַנד.

בקיצור — די אינטערעסן פון לאַנד, פון דעם גאַנצן פעלסער־קאָ־לעקטיוו און פון דער דעמאָקראַטיע זענען אין תוך אַריין גאָר אַנדערע און זיי פאָדערן גאָר אַן אַנדער דערציאונג־סיסטעם ווי די וואָס עקזיס־טירט איצט. אין צענטער פון פאָלקס אויפמערקזאַמקייט, ווי אַ סלאָגאַן דאַרף געשטעלט ווערן נישט דער „גוד טיים" פון דעם יחיד נאָר דאָס גליק און גליקלעכקייט פון דעם גאַנצן קאָלעקטיוו היינט און מאָרגן.

כדי אַריבערצופירן די פאָלקס דערציאונג אויף אַנדערע, ריכטיקע רעלסן, מוז מען דורכפירן אַ באַשטימטע רעוואָלוציע אין גייסט פון פאָלק. קודם כל דאַרף געשטעלט ווערן אונטער אַ קאָנטראָל די גאַנצע

אדוועררטייזינג סיסטעם אין לאַנד: עס מוז געצאַמט ווערן דאָס כסדר־דיקע איינריידן דאָס פאָלק: נאַ דיר גליק פאַר אַ סענט, פאַרגעניגן פאַר אַ ניקל, פרייד פאַר אַ דיים, — ווי פאַרגעניגן; פאַרוויילונג, אַ לאַך, אַ שמייכל וואָלטן געווען דער א׳ און ת׳ פון גאַנצן לעבן. עס מוז ווידער געשאַפן ווערן אַ נאַציאָנאַלע קאָנטראָל איבער דער פּראָדוקציע פון פאָלקס פאַרוויילונגען — ווי מוזיק, סינעמאַ, טענץ וכדומה. כ׳וויים — מען וועט זאָגן — עס איז קעגן די יסודות פון דער דעמאָקראַטיע... אָבער אַט דערלויבן דאָך נישט לענדער צו פאַרשפרייטן אָפּיום, טאָ פאַרוואָס זאָל מען יאָ דערלויבן צו פאַרשפרייטן גייסטיקן אָפּיום וואָס פאַרסמט אויך די גאַנצע נערוון־סיסטעם פון פאָלק און אטראָפירט זיינע גייסטיקע פעיקייטן? עס מוזן אָפּגעהאַלטן ווערן די כלומרסטע ספּאָרטן וואָס ריידן וועגן געזונט און זענען באמת גאָר אַזאַרט שפּילן פיל ערגער פון קאָרטן. די אַלערליי וועט־קאַמפּן וואָס וועגן זיי דערציילט דאָס ראַדיאָ צוגלייך מיט נייעס פון די מלחמה־פראָנטן ווו עס ווערט געהאַט־מעט דער גורל פון פעלקער און פון מיליאָנען מענטש, — זיי אַלע האָבן מיט פאָלקס געזונט גאָר נישט צו טאָן. דאָס איז בלויז אַ מאָדערנע אויפלאַגע פון די רוימישע גלאַדיאַטאָרן־שפּילן וואָס האָבן ג'דוע אויך ויים געהאָלפן אָפּשוואַכן און אומברענגען. דאָס איז אַ קאַפּיטאַליסטי־שער מיטל צו מאַכן געלט דורך קיצלען אויף גאָרנישט קיין געזונטע וועגן דעם איינגעבאָרענעם חיהשן קאַמף־אינסטינקט. פּונקט אַזוי האָבן מענטשן אויך אַ צווייטן אינסטינקט פאַרוואַנדלט אין אַ „פּרנסה", און זי איז אַן אומגליק פאַר דער נאַציע. מיט איין וואָרט: די ספּאָרט פאַר־וויילונגען זענען בלויז פאַרוויילונגען פון ספּאָרט, ווען אַלץ — די גאַנצע טעטיקייט פון דער נאַציע — דאַרף נאָר פאַרוויילן דעם אינדיוויד וואָס קען באַצאָלן. „ברויט און פאַרוויילונג!" איז געווען דער אומגליקלעכער לאָזונג פון דעם דעגענערירטן רוים. ווידער וועט מען זאָגן: דאָס וועט דאָך באַגרענעצן די פרייהייט פון אינדיוויד! דאָס איז דאָך נישט דעמאָקראַ־טיש! אָבער איינמאָל און אויף אַלעמאָל: דעמאָקראַטיע איז נישט קיין פרייהייט פאַרן יחיד אויסצונוצן דעם כלל, דעמאָקראַטיע איז נישט קיין הפקרדיקע אַנאַרכיע, ווו איטלעכער רעכנט זיך בלויז מיט זיינע פּריוואַ־

טע אינטערעסן. דעמאָקראַטיע מיינט פֿאַרקערט סובאָרדינירן דעם יחיד צו די נוצן פֿון דעם דעמאָס, דעם כּלל.

און דעמאָלט מוז קומען אַ רעאָרגאַניזאַציע פֿון דער שול סיסטעם. מען דאַרף בייטן דעם הויפּט ציל פֿון דער שול. זי דאַרף שטרעבן אויסצוהאָדעווען מענטשן דענקענדיקע, פֿילנדיקע, מיט אומגייציקע אינטערעסן צו אַלע געביטן פֿון מענטשלעכן דענקען און וויסן. די צוגרייטונג צו אַ עקאָנאָמישער פּאָזיציע אין לעבן דאַרף איבערגעלאָזן ווערן פֿאַר דעם נאָך־שול פּעריאָד. די שול מוז זיך זאָרגן פֿאַר דער אַלזייטיקער אַנטוויקלונג פֿון דעם מענטשנס גייסט און כאַראַקטער, פֿון זיין שעפֿערישקייט און אַקטיווקייט. נישט אין כּמות לערנשטאָף ליגט דער דערציערישער ווערט פֿון דער שול, נאָר אין די גייסטיקע פּראָצעסן אין נשמה וואָס דאָס לערנען דאַרף און קען אַרויסרופֿן. סטענאָגראַפֿיע און ענלעכע לימודים דאַרפֿן פֿון דער אַלגעמיינער שול לגמרי אַרויספֿאַלן אָנשטאָט דעם מוז פֿאַרשטאַרקט ווערן די פּאָזיציע פֿון ליטעראַטור, פּאָעזיע און נאַטור. און דאָס דאַרף קומען דווקא אין די ייִנגערע קלאַסן, ווען עס איז פֿיל גרינגער איינצופֿלאַנצן אומגייציקע טיפֿע אינטערעסן אויפֿן גאַנצן לעבן איידער שפּעטער. נישט אומזיסט שרייבט ערגעץ דיוי, אַז דאָס דענקען פֿון קליינע קינדער איז ענלעך צום דענקען פֿון געלערנטע פֿאָרשער. ערשט שפּעטער ווערט דורך דער השפּעה פֿון דער שול און סביבה אַטראָפֿירט די נאַטירלעכע, איינגעבאָרענע פֿאָרש־נייגונג פֿון קינד און זי ווערט פֿאַרביטן מיט אַ מאַטעריאַליסטיש־קאַריערטיסטישן אוטיליטאַריזם. מוז דאָס געענדערט ווערן.

קלאָר אַז אַזאַ דערציעריש לערנען פֿאָדערט אַ טיפֿערע און אַ ברייטערע אויסבילדונג פֿון די לערער. דער טערמין „דערציעריש לערנען" איז געשאַפֿן געוואָרן אויפֿן שוועל פֿון פֿאַריקן יאָרהונדערט דורך דעם פֿאָטער פֿון דעם נעאָהומאַניזם הערבאַרט. אמת, — זיין סיסטעם האָט ער באַזירט אויף דעם ראציא בלויז אין הסכּם מיט זיין פּסיכאָלאָגיע. די היינטיקע פּסיכאָלאָגיע האָט רעדוצירט דעם ווערט פֿון ראציא און געשטעלט אויפֿן אויבן אָן די אינטואיציע פֿון מענטשן. אין הסכּם מיט דעם דאַרפֿן די מעטאָדן פֿון דערציערישן לערנען זיין אַנדערע, — דער עיקר אָבער — די דערציאונג מוז פֿון אַ באַלערנדיק־קאַריערטיסטישער

ווערן אַ הומאַניסטיש־אַנטוויקלנדיקע. פון די יינגסטע קלאַסן אָן דאַרף די הויפּט אויפמערקזאַמקייט געלייגט ווערן אויף דער בהדרגהדיקע אַנטוויקלונג פון די אינעווייניקסטע אייגענע כוחות פון די קינדער. מען מוז עפענען זייערע אויגן און אויערן זיי זאָלן זען און הערן דאָס וואָס זיי זעען און הערן. דורך דער גאַנצער שול דאַרפן לערער און דער־ציער געדענקען אַז שרייבן, ריידן הייסט נישט איבערחזרן אָנגענומענע אָבער פרעמדע געדאַנקען, נאָר אליין דענקען, אליין פילן און קענען דאָס געדענקטע און געפילטע, דאָס דורכגעלעבטע אויסדריקן, פאָרמולירן און רעאַגירן אויף דעם. היינט איז נאָך מער ווי אַמאָל גילטיק דאָס אויסגע־שריי פון דעם אַלטן מאַנטען: „נישט וויכטיק צו וויסן וואָס דער זאָגט, וואָס יענער זאָגט, — זאָג מיר בעסער וואָס „זאָגסטו". היינט ווען דער אומגעהייערער אַפּאַראַט פון ווערטער פאַרשפּרייטער פאַרפלייצט ממש אַלע בירגער, — היינט איז באַזונדערס וויכטיק צו ראַטעווען דעם מענטשן פון דערטרונקען צו ווערן אין מבול פון פרעמדע רייד און איינרייִדן, וואָס גיסט זיך אויף אונדז אַלעמען פון פרימאָרגן ביז ביי־נאַכט אַ גאַנץ לעבן.

און נאָך וויכטיקער איז עס אין אַ דעמאָקראַטיע, ווו איטלעכער בירגער דאַרף זיין נישט בלויז אַ שרייפעלע אין מעכאַניזם, נאָר אַ אחריותפולער בירגער. לערנען זען און באַנעמען, לערנען זיך אין אַלץ אַריינטראַכטן, דענקען און פילן, לערנען סיסטעמאַטיזירן די אייגענע געפילן אין שטאַנדפּונקטן און טעאָריעס אין לעבן — אָט איז די אויפ־גאַבע פון דער אָרגאַניזירטער דערציאונג אין שול אין אַ דעמאָקראַטיע.

אָן דעם האָט אייגנטלעך די גאַנצע דעמאָקראַטיע מיט אַלע פרייהייטן קיין שום זינען נישט: וואָס טויג פרייהייט פון וואָרט פאַר מענטשן וואָס האָבן נישט וואָס צו זאָגן? נישט שוין זשע דאַרף מען פרייהייט כדי נאָכצוזאָגן קנעכטיש פרעמדע געדאַנקען? צו דאַרף מען פרייהייטן כדי צו לעבן אַ גאַנץ לעבן לויטן דיקטאַט פון אויטאָריטעט? כל זמן עס וועלן נישט געמאַכט ווערן גרונטיקע ענדערונגען אין די עצם יסודות פון דערציאונג און קולטור לעבן קען די דעמאָקראַטיע נישט האָבן קיין כוח נישט אינעווייניק נישט פון דרויסן.

א. גאָלאָמב

* * *

דאָ קומט נאָך אַ צווייטע, אַ גרויסע קאָמפּליקאַציע אין קולטור־לעבן פון אַמעריקע. אַמעריקע איז אַ לאַנד פון פעלקער. שטיקער פון פאַר־שיידענע פעלקער האָבן זיך צונויפגעטראָפן אין איין לאַנד און בויען זייער פרידלעך צוזאַמענלעבן. האָט מען געגלויבט אַז מיט דער צייט וועלן זיך אָט די פאַרשיידענע פעלקערשטיקער צונויפשמעלצן צוזאַמען אין איין גוס און פון אָט דעם געשמעלץ וועט ווי אַ סאַלאַמאַנדרע פון פייער אַרויסקומען אַ פאַרייניקטע מאַנאָליטישע אַמעריקאַנער נאַציע. און מען איז געווען זיכער: איין שפּראַך — שוין דער צווייטער דור אַלע פאַרענגלישט; איין שול, — און שוין במילא איין קולטור און איין פאָלק, און „לעבן זאָל דער שמעלץ טאָפּ!"

וואָלט עס אפשר געווען גוט ווען עס וואָלט נישט געווען קיין גראָ־בער נאַיווער טעות. עס איז אַ מיראַזש די גאַנצע מעשה — נישט קיין שמעלץ און נישט קיין מאָנאָליט פאָלק. קולטורן, פעלקער זענען גאָר נישט קיין מינעראַלן וואָס לאָזן זיך שמעלצן. לעבעדיקע אָרגאַניזמען און סופּעראָרגאַנישע פעלקער־קאָלעקטיוון קען מען פונקט אַזוי צונויפ־שמעלצן ווי מען קען צונויפשמעלצן אַ קאַץ מיט אַ הונט, אַ עפּלבוים מיט אַ קאַרטאָפל... די געמיינזאַמקייט פון שפּראַך באַטייט לגמרי נישט איין קולטור אָדער איין פאָלק. אַלע וואָס עסן אין איין רעסטאָראַן זע־נען נאָך נישט איין משפחה. די געמיינזאַמע שפּראַך העלפט זייער צו לעבן צוזאַמען, האָרעווען, מאַכן אַ לעבן, שוויצן, פאַרברענגען... — אָבער פון פאָרן צוזאַמען אין איין וואַגאָן פון באַן ווערט מען נאָך נישט קיין ברידער. ברידער מוזן האָבן אַ געמיינזאַמען געבורט און אויס־וואַקסן צוזאַמען. צו איינפאַך האָט מען גענומען דעם באַגריף „פאָלק". אין די שעפער, ביי דער אַרבעט איז איין שפּראַך גענוג: וואָס נאָך מער ווי פאַרשטיין די באַפעלן דאַרף מען? אָבער אין קולטור לעבן פון לאַנד איז דאָס ווייניק. ווי אַלע אָרגאַנישעס מוז קולטור וואַקסן פון אינעוויי־ניק, ענדאָגען, אין די מענטשן גופא. און וואַקסן קענען אָרגאַניזמען בלויז ווען זיי ציען דערנערונג פון די אייגענע וואָרצלען, פון אייגענעם בלוט. פעלקער קענען זיין קולטורעל בלויז ווען זיי ציען זייער גייסטיקע

יניקה פון זייער אייגענער טראַדיציע. אַמעריקע קען זיין אַ קולטורעל לאַנד בלויז ווען אַלע אירע פעלקער וועלן זיין פאַר זיך קולטורעל. דאָס קען זיין בלויז ווען איטלעך אַמעריקאַנער פאָלק וועט אַנטוויקלען זיין קולטור און דערציאונג פון זיין טראַדיציע, אויף זיין טראַדיציע. אַמע־ריקע מוז ווערן נישט נאָר אַ היים פאַר פרייע בירגער, נאָר איבערהויפּט — אַ היים פאַר פרייע פעלקער.

אויב רוסלאַנד האָט זיך אין דער איצטיקער מלחמה אַרויסגעוויזן צו זיין שטאַרק צעמענטירט, אייניק, שטאַרק מאָראַליש, כמעט אָן סאַ־באָטאַזש און די ליבע פינפטע קאָלומס וואָס האָבן געשפּילט אומעטום אַזאַ ראָלע, — איז דאָס אַלץ נישט אַדאַנק דעם מיליטאַריזם, נישט אַ דאַנק דער דיקטאַטור, נישט אַ דאַנק דער רייכקייט און טעכנישער צוגעגרייטקייט. — דאָס איז אַ דירעקטער רעזולטאַט פון רוסלאַנדס גע־זונטער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק. דאָס האָט די נאַציאָנאַלע קולטור אַנט־וויקלונג פון אַלע פעלקער און שבטים דערהויבן מאָראַליש אַלע ביר־גער פון לאַנד איבער דעם כאַאָס, הונגער און אַלע אַנדערע שוועריקייטן צו אַן אַלגעמיינעם גלויבן און געטרייקייט. איטלעכער מענטש אין לאַנד האָט געקראָגן זיין גאָט און זיין גלויבן, וואָס עס איז מערער פון „דעם לעבן־סטאַנדאַרט", פּאַרוויילונג און גוד טיים.

די פּאָליטיק פון שמעלץ־טאָפּ מוז פירן צו דעקולטוריזאַציע און — במילא — צו דעמאָראַליזאַציע. אויב אפילו אַמעריקע זאָל זיך איינ־שאַפן די רייכסטע מוזעומס, די גרעסטע ביבליאָטעקן, די בעסטע אַר־טיסטן... קען דאָס, אמת, ווערן שפּייכלערס, לאַגערן פון קולטור, אָבער — דער גרעסטער שפּייכלער מיט עפּל איז דאָך אָבער נישט דער גאָרטן ווו די עפּל וואַקסן; די גרעסטע ווייץ עלעוואַטאָרן זענען דאָך נישט קיין ווייץ־פעלד. קען אַזאַ ווייץ־רייכער עלעוואַטאָר שטיין הויך און פול, און אַרום אים קען זיין אַ ווילד פעלד מיט בריגראַז, מיסט־גראָזן פאַרווילדעוועט, פאַרשמוצט...

קולטור איז בלויז דעמאָלט קולטור ווען זי וואַקסט אָרגאַניש אויף דעם פאָלקס לעבן ווי פרוכט אויף אַ בוים און ווי ווייץ אויפן גוט צע־אַקערטן און קולטיווירטן באָדן. עס קען אַמאָל אַ דעגענערירטער און רייך געוואָרענער גאַרנישט זיך איינקויפן גאַנצע מוזעאומס און ביב־

ליאַטעקן און זיך גרויסהאַלטעריש איבערנעמען מיט זיי. אָבער דאָס מאַכט אים לגמרי נישט פאַר קיין קולטור מענטש, דען דאָס געקויפטע איז שוין בלויז סחורה, — קולטור אָבער איז עס נאָר דעמאָלט ווען עס וואַקסט פון דעם לעבן, פון דעם שטייגער אַרויס. פון יענעמס טראַ־דיציע קען נישט אויסוואַקסן מיין קולטור.

אַמעריקע איז אַ לאַנד פון אימיגראַנטן. די טבע פון אַזוינע איז תמיד, אַז ביי זיי ווערן קולטור און טראַדיציע שוואַכער און אויך די דיסציפּלין פון דער טראַדיציע ווערט שוואַכער. מענטשן ווערן פרייער, אומגעצאַמטער, צומאָל אויך הפקרדיקער. אין דעם אַליין זענען שוין פאַראַן מאָראַלישע סכנות וואָס זענען פאַרבונדן מיט איטלעכער „באַ־פרייאונג" פון שטייגערישער דיסציפּלין. איז דער ערשטער דור האָט נאָך געוווינהייטן און שטיקלעך טראַדיציע וואָס צאַמען אים און מאַכן אים פאַר אַ דיסציפּלינירטן מענטשן. דער צווייטער דור אָבער — ער וואַקסט שוין דאָס רוב אין דער „אַלדקאַנטרישער" היימישקייט, אין יענע זיטן, פעלט אים די גאַנצע סובלימאַציע וואָס נאָר אַ לעבנסשטיי־גער קען געבן. פאַרקערט איז ביי אים פאַראַן אַ ביטול באַציאונג צו דעם אַלעם ווי צו אַלטס וואָס שטייט אים, דעם נייעם לגמרי נישט אָן. פון „אַמעריקע" האָט ער איבערגענומען די שפּראַך. אָבער שפּראַך און קול־טור זענען לגמרי נישט תמיד אַ צווילינג. זיי זענען ווי פלאַשן און וויין: עס קען טאַקע נישט געמאָלט זיין קיין וויין אָן פלאַשן, אָבער פלאַשן, ליידיקע אָן וויין זענען פאַראַן שוין צו אָפט... אַ שפּראַך וואָס מען ירשנט זי דורך דורות, זענען אַלע ווערטער אין איר אָנגעפילט מיט דער קולטור ירושה פון דורות. אָבער אַ שפּראַך וואָס מען לערנט זי אויס, וואָס מען נעמט איבער, — אירע ווערטער זענען ליידיקע פלאַשן. די זעלביקע שפּראַך — אין מויל פון איר פאָלק וואָס האָט זי געבאָרן און אויסגעהאָדעוועט איז אַ קולטור; אין מיילער אָבער פון פעלקער און מענטשן וואָס האָבן זי איבערגענומען, איז זי אַ זשאַרגאָן, מעג זי אַפילו פאַרמאָגן די רייכסטע קולטור... אין די גרויסע אינטערנאַציאָנאַלע האַפנס זענען פאַראַן טרעגער וואָס ריידן אויף צענדליקער שפּראַכן, און זיי פאַרמאָגן נישט קיין קולטור פון קיין איינער נישט. דער העלע־ניסטישער אָריענט האָט בשעתו גערעדט גריכיש, — אָבער דערמיט איז

ער נישט געוואָרן העלעניש, קיין טייל פון גריכנלאַנד. דער זעלביקער אָריענט רעדט איצט זייער אָפּט פראַנצויזיש, — קיינער וועט אָבער דאָך נישט זאָגן אַז דערמיט איז ער שוין פראַנצויזיש. און אַזוי אויך.

אַלע פעלקער, שבטים, גרופּעס, געגנטן און לענדער וואָס ריידן ענגליש זענען „אַנגליסטיש” אָבער ווייט נישט ענגליש לויט דער קולטור, שטייגער און אינערלעכער עמאָציאָנעל גייסטיקער וועלט פון די מענטשן.

אַ משל, צו וואָס איז עס גלייך? — צו אַ בוים וואָס מען האָט אים אָפּגעשניטן פון זיינע ווארצלען ער זאָל קיין אייגענע זאַפטן נישט קענען קריגן און מען האָט אים באַפּוצט מיט שיינע עפּל וואָס זענען אויסגעוואַקסן אויף אַנדערע ביימער... וואָס עס וואַקסט אַרויס פון אַ צווייטנס טראַדיציע קען נישט ווערן מיין קולטור.

חוץ דער שפּראַך נעמט דער צווייטער דור איבער אויך אַ שטייגער, — אָבער וואָסערן? — דעם מער פּאַרשפּרייטן, גרינגערן, שרייאיקן, דעם וואָס איז גאַס, דעם וואָס מען קען אַריינקריגן פאַר אַ ניקל און וואָס „באַפרידיקט” גיכער. און דאָס איז — דזשאַז אַנשטאָט מוזיק; קאָמיקס אַנשטאָט מאָלעריי; ספּעקדיקע מעגעזינס אַנשטאָט ליטעראַטור; בילדער צו קיצלען אינסטינקטן אַנשטאָט טעאַטער; וועטקאַמפן און געשלעגן אַנשטאָט ספּאָרט און אַז"וו. אַלץ סוראָגאַטן פון קולטור, וואָס ווערן פּראָדוצירט פאַרן מאַרק, ביליקע סחורה וואָס האָט אַזאַ שייכות צו קולטור ווי אַ געקויפטע ווייב צו אַן אמתער...

אַלץ וואָס ווערט פאַרקויפט פאַר געלט, וואָס עס איז סחורה איז נישט קיין אָרגאַנישע קולטור. קו פלייש געקויפטע אין יאַטקע איז שוין ווייט נישט די לעבעדיקע קו; עפּל אין קאַסטנס אין די קראָמען זענען מער שוין נישט קיין אָרגאַנישער טייל פון דעם לעבעדיקן בוים. נישטאָ אין האַנדל קיין קונסטן און קולטורן. אין האַנדל קען מען מיט בום און אַדווערטייזינג מאַכן היינט איין „שטערן” כדי איבעראַיאָר אים צו פאַרגעסן און קרוינען נייע, כדי צו ציען דעם עולם ווידער, ווי עס לוינט דעם רעדל דרייער פון פּובליסיטי ראָד. איז שוין דאָס אַלץ נישט קיין קולטור נאָר אַ האַנדל מיט לעבעדיקער סחורה.

אָט דאָס זעט פאַר זיך דער וואַקסנדיקער יונגער דור, אין אָט דעם בבל וואַקסט ער און ער מיינט אַז דאָס איז אַמעריקע, ער מיינט אַז

דאס איז אמעריקאנער קולטור. קיין אנדערע קען ער נישט, ווייס ער נישט, פילט ער נישט, — פארמאגט ער נישט. איז וואס באקומט זיך? — עס וואקסט אן א גרויסער אמעריקאנער ערב רב וואס האט איין שפראך און קיין קולטור. מען ווייס אז דאס לעבן איז געגעבן געווארן צו פארוויילן זיך, פארדינען געלט, אויסגעבן געלט, קויפן פארגעניגנס און דאס איז אלע אין לעבן. אזוינע מאסן זענען זייער פאסיק פאר די וואס דארפן מיליאנען כדי זיי איינצושפאנען ווי א צושפאן צו דער מאשין. פאר דער דעמאקראטיע זענען אבער אזוינע „בירגער" — א סכנה, אן אומגליק, א הריגה.

כדי די געמיינזאמע דעמאקראטיע פון אלע מיליאנען זאל קענען לעבן פאר אלע מיליאנען, — מוזן אט די אלע מיליאנען פארמאגן קול־טור, קולטור־סובלימאציע פון אינסטינקטן, קולטור דיסציפלין. כדי דאס צו דערגרייכן מוזן מענטשן זיין גייסטיק אריינגעוואקסן אין זייער קול־טור טראדיציע, זיי מוזן זיך דערציען אין זייער נאציאנאלער קולטור. אזוי ארום מוז די אמעריקאנער דעמאקראטיע ווערן א קאלעקטיוו נישט פון בירגער, נאר פון פעלקער, א געמיינזאמע היים, א פארבאנד פון נא־ציעס. אדער אזא וועג אדער חלילה אמעריקע וועט אויפגעגעסן ווערן פון דרויסנדיקע און אינעווייניקסטע בארבארן.

יא, זיכער. — מען קען קולטור גרעפטן ווי מען קען אויף מיליאנען ביימער ארויפגרעפטן איין נייע קולטור. אבער — ערשטנס: וואס קאמ־פליצירטער אן ארגאניזם, — אלץ פארזיכטיקער מוז די גרעפטונג גע־מאכט ווערן. און צווייטנס מוזן די ביימער צום גרעפטן צוערשט זיין שטארק פארווארצלט אויף זייערע אייגענע ווארצלען. די אמתע טיפע, נישט די נאסיקע אמעריקאנער קולטור קען ארויפגערעפט ווערן ארגאניש געזונט בלויז אויף די בירגער וואס זענען קינדווייז געהאדעוועט געווען אין א שטארקער נאציאנאלער טראדיציע.

אט דאס זענען די גרונטפרינציפן פון דער אמעריקאנער דעמאקרא־טישער דערציאונג:

1) נעא־הומאניסטישע סיסטעם מיטן הויפט ציל צו אנטוויקלען די עמאציאנעלע און אינטעלעקטועלע אינטואיציע פון פערזאן און איר גייסטיקע זעלבסטשטענדיקייט,

2) אומבאַדינגט אָפּטײלן די גרונט־דערציאונג פון קאַריערע: די שול טאָר נישט געבן קײנע דיפּלאָמען, קײנע פּריװילעגיעס, קײנע פּאַפּי־רענע דערגרײכונגען. דאָס לערנען דאַרף זײן „לשמה" — נישט צוליב „מײנונגען", אַטעסטאַטן וכדומה. דער ציל פון לערנען מוז זײן אין דעם לערנען און נישט אין דער קאַריערע.

3) נאַציאָנאַלע דערציאונג פאַר אַלע פעלקער אין לאַנד כדי צו שטאַרקן אין איטלעכן זײן מאָראַלישן איך און דיסציפּלין, זײן באַ־װוסטזײן פון פליכטן און געטרײַקײט צו זײ. דער װעג צו אַמעריקאַנער מאָניסטישער גאַנצקײט ליגט דורך דער פילפאַכיקײט דאָס דאַרף װערן די פּראָגראַם פון דעם נײַ דיל אין דערציאונג, און װאָס פריער, — אַלץ בעסער.

דרעסירונג אָדער דערציונג

אָפּט ווען איך קוק זיך צו צום אינהאַלט פֿון שולן און צו זייערע מעטאָדן דערמאָן איך זיך אַ סאַרקאַסטישן אַפֿאָריזם פֿון מיין אַמאָליקן לע־רער, דעם יידישן פּעדאַגאָג אהרן קאַנשטאַם, וואָס פֿלעגט אין אַ ביי־טערן וויץ זאָגן: קינדער וואַקסן אויס נישט גאָר קיין שלעכטע מענטשן, נישט געקוקט אויף דעם וואָס אַזוי פֿיל לערערס מאַכן זיי קאַליע אין די שולן... נישט געקוקט וואָס די דערציאונג מאַכט אָפּט אַ תל פֿון דעם מענטשן אין קינד, דאָך ווערט עס פֿון דער נאַטור עטוואָס פֿאַרריכט.

— וואָס הייסט אייגנטלעך דערציען?

אין זינען פֿון ביאָלאָגיע וואָלט מען געקענט זאָגן: העלפֿן אַלע מענטשלעכע (און אפשר, בעסער — געטלעכע) אייגנשאַפֿטן אין דעם מענטשן זיי זאָלן זיך צעוואַקסן און פֿאַרשטאַרקן און אַזוי אויך אָפּ־האַלטן די אַנטוויקלונג פֿון די „ווילדע" עלעמענטן, וואָס לאָזן זיך נישט פֿאַראיידעלן. דאָס מיינט דערציען — אויסהאָדעווען — קולטור־גע־וויקסן און ענלעך צו דעם איז עס אויך מיט די גייסטיקע אייגנשאַפֿטן פֿון מענטשן אין דערציאונג. דער גאַנצער פּראָצעס האָט צו טאָן מיט אריינגעגעבענע אין נאַטור פֿון קינד „עמבריאָנאַלע" אייגנשאַפֿטן, וואָס זיי דאַרף מען אַנטוויקלען אָדער פֿאַרהאַלטן.

מענטשן האָבן זיך אָבער אויסגעלערנט אויך פֿאַרקריפּלען די נאַ־טור און מאַכן פֿון געוויקסן און חיות עפּעס אַזוינס וואָס זיי געפֿעלט כאָטש פֿאַר די „אויסגעהאָדעוועטע" באַשעפֿענישן איז עס גאָר שעדלעך.

מענטשן דאַרפֿן האָבן חזיר־פֿעטס, האָדעוועט מען חזירים וואָס קע־נען אויף זייערע פֿיס נישט שטיין, אָבער פֿעט זענען זיי! פֿעט מער ווי די נאַטור וואָלט עס דערלויבט. מענטשן קענען פֿאַרוואַנדלען קי אין מילך אַפּאַראַטן אאַז״וו. דאָס איז שוין נישט אַנטוויקלונג. פֿאַר דעם האָט די ביאָלאָגיע אַן אַנדער נאָמען. דאָס איז „צוכט״. ציכטן אויס די יאַפּאַנער שרעטעלעך־געוויקסן, ציכטן מענטשן אויס געוויקסן און חיות מיט אַטראָפֿירטע אַלע אייגנשאַפֿטן און מען לאָזט נאָר איינע — די וואָס מענטשן האָבן ליב. „ציכטן״ אויס פּעדאַגאָגן מענטשן וואָס קענען נאָר שרייען הורא פֿאַר דעם פֿירער, וואָס טויגן נאָר צו איין זאַך, צו דעם וואָס די דערציִערס ווילן. דאָס איז שוין נישט קיין דערציאונג, דאָס איז פֿאַרקריפּלונג פֿון דעם מענטשנס גייסט, לאָזן אויסוואַקסן איבער־נאָרמאַל איין אייגנשאַפֿט, ווען אַלע אַנדערע נאַטירלעכע אייגנשאַפֿט לאָזט מען אַטראָפֿירן. מיר וועלן דאָ זיך נישט אָפּשטעלן אויף די מע־טאָדן פֿון ביאָלאָגישן צוכט. דער פּעדאַגאָגישער צוכט ווערט געפֿירט דורך דרעסירונג. מען דרעסירט אויס הינט צו טאָן אַלערליי נישט הינ־טישע פֿונקציעס כדי צו פֿאַרווײַלן מענטשן דורך דעם. מען דרעסירט אויס פֿערד, מען דרעסירט העגער זיך צו שלאָגן. ס׳זענען פֿאַראַן אַפֿילו אַזוינע בריות וואָס קענען אויסדרעסירן מײַז צו מאַכן צירק־קונצן, — און מיר דאַכט זיך אַז מערער ווי אַלע אַנדערע באַשעפֿענישן דרעסירט מען דעם ביאָלאָגישן אַרט וואָס מען רופֿט „האָמאָ סאַפּיענס״. אגב איז אים אַ סך גרינגער צו דרעסירן איידער אַנדערע באַשעפֿענישן.

דער דרעסירטער הונט פֿאַרוואַנדערט אייך נישט מיט זײַן געזונטער הינטישער נאַטור, נאָר גאָר מיט די אומנאַטירלעכע און אומגעוויינלע־כע פֿאַר זײַן נאַטור קונצשטיק וואָס מען האָט אים אויסגעלערנט. דער דרעסירטער מענטש קען אייך פֿאַרוואונדערן ווי פֿלינק און גוט ער טוט אַלץ וואָס דער דרעסירער (פֿאַרדאָן — דער „דערציִער״) האָט אים אויסגעלערנט, ווען אַפֿילו עס האָט גאָרנישט צו טאָן מיט זײַנע נאַטיר־לעכע פֿון גאָט געגעבענע אייגנשאַפֿטן. ווי אַזוי דרעסירט מען? מען פֿלאַנצט אײַן די משונהדיקסטע האַנדלונגען ווי „באַדינגטע רעפֿלעקסן״ ווי דאָס האָט אָנגערופֿן דער פֿאָטער פֿון רעפֿלעקסאָלאָגיע דער רוס פּאַוולאָוו. האָט ער געקאָנט באַקומען פֿון זײַנע הינט אַ פֿאַרשטאַרקטע

אקציע פון די שפּייעכץ־דריזן לויטן קלאַנג פון א גלאָק, לאָמיר זאָגן. קענען אנדערע מאַכן א הונט גיין אויף צוויי פיס, שפּילן פּיאַנע וכדומה. קען מען אויסדרעסירן מענטשן זיי זאָלן נאָכלויפן נאָך א „פּירער" אין פייער און אין וואסער, זיי זאָלן נישט טראַכטנדיק און נישט ווילנדיק פאָלגן די גרעסטע נארישקייטן אין דער וועלט. קענען לערערס־דרעסירערס מאַכן פון זיבניאָריקע קינדער „אָנהענגערס" פון וואָסער ריכטונג איר ווילט נאָר. קען מען מאַכן אַז מענטשן זאָלן היינט פאַרהייליקן זייער „דוטשע" און מאָרגן זאָלן די זעלביקע מענטשן אים דערשיסן ווי א משוגענעם הונט אין בלאָטע. קען מען מאַכן אז מיליאָנען מענטשן זאָלן היינט נאָכגיין נאָך זייערע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּירערס און מאָרגן זאָלן זיי נאָך מיט מער אזארט נאָכלויפן דעם נאַציסטישן „פּירער" און אים פאָלגן אין אַלע זיינע אוממענטשלעכע ווילדקייטן. דרעסירונג איז זייער א קורצער און א גרינגער וועג פון „דערציאונג".

דאָס וואָס קיין דערציער אין דער וועלט קען נישט באווייזן, דאָס קען מאַכן דער דרעסירער. דען דער פּראָצעס פון דערציאונג איז דאָך א לאַנגער און א דויערנדיקער. עס מוז נעמען יאָרן איידער א געגרעפּטער בוים זאָל געבן די געוואונטשטע פּרוכט. אָנקלעפּן אָבער געבראַכטע צייטיקע פּרוכט אויף א בוים — דאָס קען געמאַכט ווערן אין מינוטן. קיין באָטאַניקער קען נישט אויסהאָדעווען קיין עפּל אויף א נוסבוים. אָנקלעפּן קען עס אפילו א אידיאָט. דערציען, ארויסציען פון די איינגעבאָרענע איינגנשאַפטן דאָס וויכטיקע, מאַכן עס זאָל זיך צעוואַקסן — דאָס מוז נעמען יאָרן; — איינריידן די קינדער, סוגעסטירן זיי עפּעס — קען א געניטער דרעסירער מאַכן אין איין טאָג.

יעדער פּעדאַגאָגישע דרעסירונג איז ווי מיר האָבן געזען א פּראָצעס פון אָנבינדן באַדינגטע רעפלעקסן. אָבער זייער אָפט ווערט עס געטאָן מיט דער הילף פון היפּנאָז. אפשר איז דאָ די סיבה פארוואָס א גרויסע טייל פון באַרימטע פּערזאָנען זענען אין שול געווען פאררעכנט פאַר שלעכטע תלמידים: זיי זענען פון דער נאַטור מער פּאַרזיכיקע כאַראַקטערן, זיי לאָזן זיך נישט אזוי לייכט סוגעסטירן, — זענען זיי נישט קיין „גוטע תלמידים". גאַר פּשוט. ערשט שפּעטער ווייזט זיך ארויס אז דווקא זייער כאַראַקטער, די סיבה פון זייער „שלעכטקייט" מאַכט זיי

פאַר איבערגעוויינלעכע מענטשן. היפּנאָז ביי חיות און איבערהויפּט ביי מענטשן איז פאַרבונדן מיט צעשטערונג פון די נאָרמאַלע נערוון פונקציעס. היסטערישע נאַטורן לאָזן זיך גיכער היפּנאָטיזירן. היפּנאָז גופא איז פאַרבונדן מיט באַשטימטע גראַדן פון היסטעריע. דרעסירונג ווירקט אָבער נישט אויף לאַנג. היפּנאָז איז אויך אַ צייטווייליקע ווירקונג. די נערוון־צערודערונג בלייבט אויף שטענדיק, די איינגערעדטע לאָזונגען, טעאָריעס, וויסנס, די היפּנאָטיזירטע ריכטונגען און פּאָליטישע וועגן, דאָס אַלץ מוז זיך אויסוועפּן באַלד ווי דער היפּנאָז הערט אויף, באַלד ווי דער דרעסירער פאַרלירט זיין היפּנאָטישע מאַכט איבער זיינע תלמידים... דאָס איינגעפלאַנצטע אָבער דורך דערציאונג נישט נאָר עס בלייבט, — עס וואַקסט כסדר אין דעם מענטשן אַ לאַנגע צייט נאָך דעם ווי דער דערציער האָט זיין אַרבעט געענדיקט.

מיר איז אויסגעקומען צו זען מענטשן וואָס מען האָט זיי אין זייער קינדהייט דרעסירט פאַר סאָציאַליסטן, פאַר קאָמוניסטן, פאַר הייסע פּאַטריאָטן פון זייערע לענדער און פאַר וואָס אין דער וועלט נישט. און שפּעטער, ווען זיי זענען עלטער געוואָרן, איז פון אַל דעם סוגעסטירטן גאָרנישט געבליבן. מענטשן וואָס פלעגן קינדווייז היסטעריש אַרויסשרייען די אונטערגעזאָגטע לאָזונגען, וואָס זענען געווען גרייט אויסצודראַפּן די אויגן איטלעכן קעגנער, — די זעלביקע מענטשן זענען שפּעטער קאַלט און אינדיפערענט צו דעם אַלעם וואָס מען האָט זיי אין קינדהייט איינגערעדט... זייער אַ אַפּטע דערשיינונג. דערציאונג איז אויף אייביק, אויף אַ גאַנץ לעבן, — דרעסירונג איז צייטווייליק, עס בלייבט נאָר די נערוון־צערודערונג. דערציאונג איז אַ וועג אַ לאַנגער און אַ געזונטער. דרעסירונג איז אַ וועג אַ קראַנקער, אַ שעדלעכער פאַר דעם געזונט אין פיזישן און אין מאָראַלישן זינען.

און נישט געקוקט אויף אָט דעם אַלעם איז דאָך דרעסירונג זייער פאַרשפּרייט, צו פיל פאַרשפּרייט אנשטאָט אמתער דערציאונג. און פאַרוואָס?

ווייל עס איז גרינגער, איינפאַכער און די רעזולטאַטן קען מען זען באַלד. מען דערציילט אַז ווען די רוסישע קייסערינע קאַטערינע איז גע־

פֿאַרן באַקוקן די ניי דעראָבערטע לענדער אירע (איצט אוקראַינע), האָט איר סאַטראַפּ פּאָטיאָמקין אַריינגעהאַקט פֿון ביידע זייטן וועג אָפּ־געהאַקטע ביימער עס זאָל אויסזען ווי וועלדער, אָנגעשטעלט הייזער־דעקאָראַציעס עס זאָל אויסזען ווי דערפֿער, און מען האָט צונויפגעטריבן זעלנער, זיי איבערגעטאָן פֿאַר פּויערים און — ער האָט געוויזן זיין קייסערינע ווי גיך ער האָט קאָלאָניזירט דאָס ניי לאַנד... ווי נאָר אָבער זי איז דורכגעפֿאָרן, זענען די ביימער פֿאַרוועלקט געוואָרן, די דע־קאָראַציעס איינגעפֿאַלן און די פֿאַרשטעלטע פּויערים זענען זיך צעלאָפֿן. ענלעך צו דעם זענען די רעזולטאַטן פֿון דרעסירונג, — עס פֿאַרבלענדט די אויגן, — און די דרעסירער הייבן אָן אַליין צו גלויבן, אַז זייערע אויפֿטועז זענען ממשותדיק. די עלטערן טאַנצן פֿאַר נחת פֿון זייערע קינדערלעך ווי גוט זיי דרשענען, ווי שיין זיי ריידן אַזוינע וויכטיקע רייד, ווי שטאַרק זיי קעמפֿן פֿאַר די געדאַנקען און אידעען! די פּאָליטי־שע פֿירער זענען צופֿרידן: מען גרייט פֿאַר זיי קאַדרען געטרייע דינער און פֿאָלגערס. זענען די לערערס־דרעסירערס אויך צופֿרידן; זיי שטעלן אַלעמען צופֿרידן, און וואָס וויל מען נאָך. די „פּאָטיאָמקין־דערפֿער״ וועלן איינפֿאַלן שפּעטער, — דערווייל גלאַנצט עס. איז וואָס דאַרף מען חכמה, אַז נאַרישקייט גילט? וואָס דאַרף מען האָרעווען לאַנג אויף דער־ציאונג, אַז מען קען עס דערגרייכן איינס, צוויי און דריי דורך היפּנאָטי־שער דרעסירונג און געניטונג. פֿאַר שפּעטער זאָלן אַנדערע זאָרגן.

ווי אַזוי דרעסירט מען? דורך וואָסערע מיטלען?

קודם כל דורך פּאַראַדן, צערעמאָניעס און אַלערליי גלאַנציקע שערב־לעך, מושטרא, מאַרשן וכדומה. דאָס אַלץ ווירקט אַזוי ווי אַלקאָהאָל אויף די קינדער. דאָס שוואַכט אָפּ זייער אייגענע דענק־פֿעאיקייט און קאָנטראָלירנדיקע קריטיק און זיי לאָזן זיך גרינגער סוגעסטירן און דרעסירן.

נאָכדעם קומט די סוגעסטיע דורך די לימודים. עס איז אָפּט אַ רחמנות ווי אויף די וויסנשאַפֿטן וואָס מען שניידט צו ספּעציעל אַזוי. אַ רחמנות אויף זיי און אויף — די קינדער.

איטלעכע וויסנשאַפֿט איז אַ געביט פֿון מענטשלעכן דענקען און באַנעמען די וועלט. איטלעכע וויסנשאַפֿט קען אַנטוויקלען אין קינד

אירע ספּעציפישע אינטערעסן, מעטאָדן פון דענקען, פּראָבלעמען און אידעען. גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן מיט נייגונגען צו פאָרשערישן דענקען. קליינע קינדער, — זאָגט ערגעץ דזשאָן דיוי — דענקען ענלעך צו ווּיסנשאַפטלער. אָט די איינגעבאָרענע נייגונגען קען און דאַרף איטלעכער לימוד אַנטוויקלען און שאַרפן. שאַפן אינטערעסן איז וויכטיקער ווי געבן ידיעות; דערוועקן פראַגעס — אַ סך נוציקער ווי געבן די ענטפערס אויף די נישט געבאָרענע פראַגעס. די ווּיסנשאַפטן און לימודים אין שול זענען דער שאַרפשטיין וואָס מיט זיין הילף שאַרפט דער לערער די נשמה פון די קינדער. אָבער ווען איז דאָס נערעדט געוואָרן? — ווען דאָס לערנען איז דערציערִיש, ווי דאָס האָט נאָך מיט אַנדערטהאַלבן יאָרהונדערטער צוריק אָנגערופן הערבאַרט. אָבער ווען די תּלמידים ווערן איינציייטיק פאַרוואָרפן מיט צענדליקער לימודים; זיי קענען אויף קיין איינעם זיך נישט קאָנצענטרירן, פאַרטראַכטן, אַריינטראַכטן זיך, לאָזן זיי זאָלן זיך צעוואַקסן און איינפונדעווען די אינטערעסן, מוזן בלייבן פון גאָר דעם לערנען נאָר איינגעחזרטע פאָרמולעס און זאַצן, וואָס גיבן נישט קיין אינטערעסן און שאַרפן נישט דעם געדאַנק. איז דאָס טויטער וויסן ווי דאָס האָט נאָך מיט אַ הונדערט יאָר צוריק אָנגערופן דער רוסישער פּעדאַגאָג אושינסקי. העלפן די לימודים אין די שולן פון איין זייט פאַרטעמפּן דעם מענטשן אין דעם תּלמיד, זיין איך אָפּשוואַכן און מאַכן גרינגער ער זאָל זיך לאָזן סוגעסטירן דורך די אויסערלימודימדיקע טעטיקייטן פון שול. פון דער צווייטער זייט העלפן דאָך די לימודים מאַכן די קינדער „אינטעליגענטער" אויפצונעמען די באַפעלן פון די וואָס פירן אָן מיט זיי. און דאָס איז גענוג. איז אַזאַ דרעסירונג זייער צום האַרצן איטלעכן דיקטאַטאָר צי דאָס אַן אינדיווידי, צי אַ פּאַרטיי אָדער אַ קלאַס. און דער דיקטירנדיקער קלאַס אין אַמעריקע האָט זיך אַזוי גוט אויסגעלערנט צופּאַסן די גאַנצע שול־סיסטעם צו דעם וואָס ער האָט נייטיק, און זיי פירן ווי זיי ווילן אין דער סאַמע דעמאָקראַטיע. דאָס לעבן אויסער דער שול וועט שוין זאָרגן מען זאָל קענען פאַרדינען געלט, אויסגעבן געלט און נישט זאָרגן, נישט טראַכטן ווייל „דאָס לעבן איז אַזוי קורץ" און דעריבער „נעם אַלץ לייכטער". נישט געזאָרגט און נישט געטראַכט, נאָר פאַרדינען געלט

און אויסגעגעבן געלט און זיך פריילעך געמאַכט. דאָס איז דער וואול־גאַרער, אָבער אַנגענומענער אידעאַל פון דערציאונג אין דער גרויסער דעמאָקראַטיע. טראַכטן פאַר אַלעמען וועט שוין דער „מאַרך טראַסט", ער וועט אַלעמען מוציא זיין, פאַרשפּאָרן די אַרבעט. און וואָס דאַרף טאָן די שול? עס איז אויף דער וועלט פאַראַן אַזוי פיל קאָמפּליצירטע מאַשינעס, און מען דאַרף האָבן צו זיי באַדינער, פלינקע, געניטע און נישט קיין „פאַרחלומטע" — אָט איז די אויפגאַבע פון דער שול...

...עס דאַכט זיך מיר, אַז דער גייסט פון דעם גרויסן פּאָזיטי־וויסט אין דערציאונג, פון הערבערט ספּענסער קוקט אויף מיר בייז און שטאַרק ברוגז: יאָ, געוויס, אַזוי איז דאָס לעבן, דער טעכנישער פּראָגרעס פאָדערט אַ פּראַקטישע דערציאונג פאַר דעם פּאָזיטיוון לעבן; עס איז אַריבער די צייט פון די מיסטישע בעלי חלומות אין דערציאונג ווי עס איז געווען אַ פּרעבל און זיין גלייכן. און גערעכט איז געוויס יע־נער בילדונגס מיניסטער פון אַן אַמעריקאַנער פּראָווינץ וואָס האָט אין מיטן דער וועלט מלחמה זאָרגנדיק וועגן די דערציאונגס פּראָבלעמען נאָך דער מלחמה פאַרויסגעזען, אַז מען וועט דאַרפן צופּאַסן די פּראָג־ראַמען פון די שולן צו דער פאַרשטאַרקטער... אוויאַציע. די אַלע פּראָבלעמען פון הומאַניסטישן אויסהיילן די מענטשן פון די מלחמה קאָשמאַרן און קרימינאַלן, פּרובירן דורך דער שול איינפּלאַנצן אין מענטשן אַ ליבע צום שלום אויף דער וועלט, אַ באַציאונג פון הייליקייט צו בלוט, אויפוועקן אין מענטשן דעם אַלטן טרוים פון דעם אַלטן, אַלטן יידישן נביא וועגן אַ פרידלעכער וועלט, — פון דעם ווייס נישט ער חשובער מיניסטער פון בילדונג, פון דעם וויל נישט וויסן דער גייסט פון דעם פּאָזיטיוויסט: בעת עס שטייען אין קאָן קאַפּיטאַלן, מאַ־שינען, באַהערשונג, — לאָזט דאַמאָלט צו רו די רייד פון הומאַניס־טישע טרוימערס...

האָט מאַכט באַהערשט די דערציאונג און איינגעפירט דרעסירונג. ווער עס דרעסירט מענטשן און פעלקער צוליב זייערע מאַכט אינס־טינקטן און ווער — צוליב זייערע הערש אינסטינקטן און געלט אינס־טינקטן. אן א סוף. און א וועלט מיט מענטשן זעט אויס ווי ליאַלקעס וואָס טאַנצן און לאַכן און וויינען לויט דעם ווי עמיצער ציט זיי פאַר

א באַהאַלטענעם שטריקעלע. דאָס זענען די רעזולטאַטן פון דעם דרעסירנדיקן לערנען אין אַלע שולן פון דער וועלט.

איך קען נישט ליידן דעם אויסדריק „מען נעמט אַ קורס״ אין אַ שול. וואָס איז עס — אַ דעפּאַרטאַמענט־קראָם ווו מען קומט און מען קויפט זיך איין אַ שטיקל סחורה?

עס ליגן פאַר מיר עקזאַמען בויגנס פון אַן אַמעריקאַנער שול. קורצע עלעמענטאַרע פראַגעס. אָבער דער מענטש ליגט דאָך נישט אין אַזוינע קורצע און באַזונדערע עלעמענטאַרע ענטפערס. ווו איז די אָפּשאַצונג פון דעם אינטעגראַלן, גלאָבאַלן מענטשן און זיין שעפערישקייט פון גייסט? נאָך מער — צי קען מען לויט די בעסערע אָדער ערגערע פאַרירענע ענטפערס אויף באַזונדערע פראַגעס אָפּשאַצן דעם גייסט פון דעם לעבעדיקן מענטשן ווי ער וועט זיך אויסטויגן אין זיין לעבן?

נאָר אָט דאָס דאַרף מען טאָקע נישט: ווארום וועט עס קומען צו קאָמבינירן גאַנצקייטן פון די געלערנטע עלעמענטן, איז דאָך דאָס שוין זעלבשטענדיקייט גייסטיקע, איז דאָס שוין נישט נייטיק פאַר דער דרעסירונג: וואָס מערער דענקען פאַר זיך, אַלץ מער מענטש, און — אַלץ ווייניקער פאָלגער. דאָס איז שוין שעדלעך פאַר די וואָס האַלטן די וועלט אין זייערע הענט.

פאַר אַ יונג לאַנד, פאַר אַ לאַנד און פאַר אַ פאָלק וואָס נייטיקן זיך אין איניציאַטיוו וואָס מערער, אין אונטערנעמונגס גייסט, — פאַר אַזאַ לאַנד איז אַזאַ דערציאונג סם.

פאַר אַ פאָלק וואָס לעבט אָן אַ מלוכה דיסציפּלין, וואָס איטלעכער אינדיווידו זיינער דאַרף אַליין פּריוווּיליק טראָגן די אחריות פאַרן גאַנצן כלל, פאַר אַזאַ פאָלק איז אָט די דרעסירונג במקום דערציאונג אַ — סם המות.

דאָס דערציִערישׁ לערנען

לויט אַ גאַסט לעקציע געהאַלטן אין ריגע אין 1929 אויף אַ צוזאַמענפאָר פון יידישע לערערס פון דער לעטלאַנדער רעפובליק

אַלע זוכן מיר היינט די ריכטיקערע וועגן פון דעם פעדאַגאָגישן פראָצעס (עס איז געווען איידער היטלער האָט באַהערשט אייראָפּע). אַלע זוכן מיר די וועגן פון דער נייער שול. ביי אונדז אַלעמען, ביי אַלע פּראָגרעסיווע לערערס אין דער גאַנצער וועלט איז פאַראַן דער גלויבן אַז דער מענטש ווי נאָט באַשאַפט אים איז פעאיק אויפצונעמען אַ סך מער ווי דאָס וואָס די היינטיקע שולן גיבן אים. מיר גלויבן אַז דער מענטש פאַרמאָגט פון דער נאַטור עמבריאָנען פון אַ סך גרעסערע פאַרמעסטן ווי די וואָס די היינטיקע שול אונדזערע נוצט אויס און זי אַנטוויקלט. מיר פילן אינטואיטיוו און מיר ווייסן עס אויף זיכער, אַז דאָס נאָרמאַל קינד האָט אין זיך מעגלעכקייט צו ווערן אַ דענקער, אַ וויסנשאַפטלער, אַן אויפטוער, נאָר די דערציִאונג דערלאָזט נישט.

עס איז פאַראַן אַן אַלט יידישער גלויבן אַזאַ, אַז דאָס קינד אין מוטערס לייב קען די גאַנצע תורה. נאָר ביים געבורט קומט אַ מלאך, גיט אַ שנעל דעם קינד אונטער דער נאָז, און ער פאַרגעסט אַלץ. דערפאַר איז די אויבערשטע ליפּ ביי אַ מענטשן איינגעדריקט אונטער דער נאָז... וועלן מיר האָבן אין זינען פּאַטענצן, איז די לעגענדע זייער ריכטיק און דער מלאך וואָס מאַכט פאַרגעסן, וואָס אַנולירט די פּאַטענצן דאָס איז די דערציִאונג אין היים און אין שול. וואָלטן מיר אין אונדזער פעדאַגאָגישן פּראָצעס געקענט נישט פאַרהאַלטן, נאָר גאָר העלפן צעוויקלען

א. גאָלאָמב

די נאַטירלעכע פּאָטענצן וואָלטן מענטשן געווען וועד ווייס ווי ווייט העכער פון דעם וואָס מיר אַלע זענען איצט. און יעדער דענקענדיקער לערער איז מחויב צו זוכן די בעסערע וועגן צו די מאַקסימאַלע רעזולטאַטן פון דעם פּעדאַגאָגישן פּראָצעס.

דער פּעדאַגאָגישער פּראָצעס באַשטייט פון עטלעכע עלעמענטן: דערציען, לערנען און בילדן.

דערציען הייסט געשטאַלטן, פורעמען. דאָס איז אַן אינעווייניקסטער אָרגאַנישער פּראָצעס, וואָס גייט אַ דאַנק דער אייגענער אָרגאַנישער פאַרזיכיקער טעטיקייט און באַאַרבעטונג פון דער אייגענער דערפאַרונג (פּעסטאַלאַצי).

די ראָלע פון דעם פּעדאַגאָגישן פּראָצעס איז דאָ צו העלפן די אייגנשאַפטן זאָלן זיך קענען אַנטוויקלען און צעוואַקסן, העלפן פאַרפילפאַכן און פאַרקאָמפּליצירן די אינעווייניקסטע און דרויסנדיקע רעאַגירונגען.

לערנען מיינט איבערגעבן דעם יונגן דור די דערפאַרונג פון דורות פאַר אים. מיטן וואָרט בילדן מיינען מיר דאָס צופּאַסן אַ יונגן מענטשן צו אַ באַשטימטן פאַך אין לעבן צו אַן אַרבעט וואָס איז געזעלשאַפטלעך נוציק.

די דריי פּראָצעסן קען מען פאַנאַנדערטיילן בלויז אין אַבסטראַקציע אָבער נישט אין דערווירקלעכקייט. אין דער אמתן זענען זיי געקניפּט און געבונדן. מיר האָבן זיי דאָ גענומען באַזונדער נאָר פון באַקוועמלעכקייט וועגן. דערציען אָן לערנען איז אין גאַנצן אוממעגלעך. צי די דערציאונג קומט פאָר אין דער היים צי אין שול מוז דערציאונג זיין באַגלייט מיט באַלערנונג. עס זענען געווען מאָמענטן ווען די רוסישע שול נאָך דער רעוואָלוציע און אויך די יידישע שולן אין רוסלאַנד און אין פּוילן האָבן געפּרובירט מבטל זיין לגמרי דעם עלעמענט פון באַלערנען און מיר האָבן געוואָלט נאָר דערציען. אָבער עס איז געווען אַ שעדלעכע דערפאַרונג. די קינדער זענען נאָך אַ קורצער צייט געוואָרן ענלעך צו עלעקטרישע גענעראַטאָרן וואָס פּראָדוצירן שטראָם און זיי האָבן נישט קיין ווידערשטאַנד און זיי קענען זיך אַליין פאַרברענען, אויך מיט די קינדער איז געשען אַזאַ מין קורצשלוס: זייער דענקען און איבערטראַכטן האָט נישט געהאַט קיין מאַטעריאַל, פלעגן זיי זיך אַליין

עסן. דענקען, טראַכטן, שאַפן איז אַ פּראָצעס אַן אַקטיווער און מען מוז די קינדער געבן אָביעקטן איבער זיי צו אַרבעטן. אַט דעם מאַטעריאַל פאַר די גייסטיקע דערציערישע פּראָצעסן — דאָס דאַרף צו־שטעלן דאָס לערנען.

פאַרקערט אָבער קען מען די קינדער לערנען נישט דערציענדיק זיי. צום באַדויערן איז עס זייער אָפט אַפילו דער פאַל אין זייער פיל שול־סיס־טעמען. און עס איז ווידער זייער שעדלעך. וויסן פאַר זיך גופא איז גאָר נישט דערציעריש. מען קען וויסן אַ סך און זיין אַ גראָבער יונג. נאָך מער — וויסן אָן דערציאונג קען מאַכן דעם מענטשן אַפילו געפער־לעך. נישט אומזיסט זאָגט דער אַלטער פערסטער (שול און כאַראַקטער), אַז וויסן אָן דערציאונג קען זיין געגליכן צו אַ לאַמטערנע אין די הענט פון גנב, צו אַ האַק אין די הענט פון אַ גזלן. מען קען דאָס וויסן אויס־נוצן צום שלעכטן. אין אנגרא האָט אונדז די געשיכטע אין אונדזער צייט געגעבן אַ שוידערלעכן ביישפּיל פון אַזאַ וויסן אָן אַ מענטשלע־כער דערציאונג.

די לעצטע צוויי וועלט מלחמות האָבן אַרויסגעוויזן אַ גוואַלטיקן וויסן, וואָס האָט געבראַכט דער וועלט גרויזאַמען שאָדן. עס גייען צוויי שטראָמען פון פאַרצייטן אָן אין דער מענטשהייט. איין שטראָם ציט זיין אָנהויב פון אַטען. עס איז דער פּראַמעטעאישער דראַנג אַרויסצו־גנבענען ביי די געטער זייערע סודות כדי דער מענטש זאָל באַהערשן די וועלט אַרום זיך פאַר זיך. און דער צווייטער שטראָם ציט זיך פון דער אַמאָליקער יהודה. דאָס איז דער דראַנג צו באַהערשן דעם מענטשן אין זיך, זיך אַליין באַהערשן פאַר דעם גאָט וואָס אין דער וועלט. די געטער פון אַטען שלאָגן זיך צווישן זיך און ווער עס איז שטאַרקער, דער איז גערעכט. דער גאָט פון יהודה גיט נאָך אַ שוואַכן מענטשן ווען יענער באַווייזט אים אַז ער איז גערעכט. דער גייסט פון אַטען האָט זיך גע־גריבלט אין דער וועלט כדי זי צו באַהערשן, דער גייסט פון יהודה האָט געזונגען ברכי נפשי. איין שטראָם איז וויסן, דער צווייטער איז יושר און גערעכטיקייט. ווען ביידע שטראָמען גייען האַנט ביי האַנט איז עס גוט. ווען דער אַטענער שטראָם „עמאַנציפּירט" זיך פון דעם יהודישן שטראָם, דעמאָלט באַקומט זיך — דייטשלאַנד, אַ ווילדער צעיושעטער

וואָלף באוואָפנט מיט אַלע וויסנשאַפטן און אַלערליי טעכניקס, און די גאַנצע מענטשהייט ווערט אין אַ סכנה. נישט אומזיסט האָט היטלער אַזוי פאַרפאָלגט די יידן און זייער גייסט: דער ווילדער וואָלף באוואָפנט מיט אַלע וויסנשאַפטן האָט זיך אָפּגעריסן פון קייט וואָס דער גייסט פון יהודה האָט אויף אים אַרויפגעטאָן און אים געצאַמט.

אָט דאָס איז די העכסטע מדרגה פון וויסן אָן דערציאונג, פון באַלערנען נישט דערציענדיק. וואָס פּרימיטיווער די געזעלשאַפט איז געווען, אַלץ פעסטער זענען געווען די טראַדיציאָנעלע פאָרמען, אַלץ מער האָבן זיי געצאַמט, איינגעהאַלטן, נישט דערלאָזן די שעדלעכע נייגונגען צו נעמען די אויבערהאַנט. דער טעכנישער פּראָגרעס פון דער מעכאַנישער ציוויליזאַציע האָט אָבער אין איין צעשטערן איינגעשטעלטע נאָרמעס. ער בייט דאָס לעבן; און זאַכן וואָס זענען געווען אָנגענומען דורך דורות הערן אויף צו זיין אָנגענומען. מענטשן לעבן מיט דעם טעמפּאָ פון מאַשין, באַגריפן איינגעוואָרצלטע פאַלן איין. צוזאַמען מיט דעם ווערן אָפּגעשוואַכט עטישע נאָרמעס, עס הערן אויף צו זיין פאַרשטענדלעך פון זיך אַליין מאָראַלישע פאַרבאָטן. — וויל איך — מעג איך. נישטאָ קיין „מען טאָר נישט". ווערט נאָך מער מסוכן דאָס לערנען אָן דערציאונג. היינט קען מען זיך נישט פאַרלאָזן אויף דער דערציאונג פון דער סביבה. איטלעכע שול, איטלעכער לימוד, איטלעכער לערער מוז דערציען. מען טאָר עס קיין מאָל נישט פאַרגעסן.

ווי אַזוי קען דאָס לערנען דערציען? — אָט דאָ ליגט דער מהות פון דער גאַנצער פּעדאַגאָגיק. דאָ איז איר זינען און איר זכות הקיום. פון דעם אַלטן קאָמעניוס אָן איז דאַכט זיך נישטאָ קיין אויטאָריטעט אויף דעם געביט פון דערציאונג וואָס זאָל נישט אונטערשרייכן די וויכטיקייט פון דעם דערציערישן מאָמענט אין דעם פּעדאַגאָגישן פּראָצעס, איבערהויפּט איז דאָס געוואָרן אַ מאָדע פון רוסאָ („עמיל") אָן און ביי זיינע נאָכפאָלגער. פון די אַלע האָט מער ווי אַנדערע אָפּגעגליקט הערבאַרטן אויפן שוועל פון 19־טן י"ה. ער האָט געשאַפן דעם טערמין „דערציעריש לערנען" און ער האָט מיט דייטשישער געניקייט פאַרנאַנדערגעאַרבעט אַ סיסטעם פון אַזאַ דערציערישן לערנען. און די הערבאַרטיאַנישע סיסטעם האָט זיך געהאַלטן אין דער דערציאונג גוטע הונ־

דערט יאָר ביז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. דער 19־טער י"ה איז דער יאָרהונדערט פון הערבאַרטן מיט זיינע פילצאָליקע נאָכפאָלגער אין אַלע לענדער. אין אַלע טעקסטבּיכלעך פון דידאַקטיק פלעגט מען די מעטאָדן טראַקטירן לויט הערבאַרטן אָדער לויט איינער פון די מאָדיפי־קאַציעס פון זיינע נאָכפאָלגער.

דער יסוד פון דער סיסטעם זענען די מעטאָדישע איינסן וואָס מוזן דורכמאַכן אין לערנען די באַרימטע „דידאַקטישע מדרגות". איטלעכער אפּשניט פון פּראָגראַם וואָס איז פאַר זיך א באַשטימטע גאַנצקייט איז א מעטאָדישער איינס, ער קייטלט זיך אָן אן דעם פריערדיקן איינס, ער וואַקסט פון אים אַרויס. דער איינס מוז דורכמאַכן אין דעם מוח פון תלמיד עטלעכע מדרגות, וואָס זענען וואַריאירט ביי פאַרשידענע הערבאַר־טיאַנער, די ערשטע מדרגה איז דאַכט זיך ביי אַלעמען קלאָרקייט, קלאָ־רע פאַרשטעלונגען וועגן דעם ענין וואָס ווערט געלערנט. דאָס איז גע־ווען אין איינקלאַנג מיט הערבאַרטס סיסטעם פון פּסיכאָלאָגיע ווו ער האָט די פאַרשטעלונג געהאַלטן פאַר דעם יסוד פון דער גאַנצער פּסיכיק. דעריבער האָט ער מיט זיינע תלמידים געהאַלטן אַז זענען נאָר פאַראַן קלאָרע פאַרשטעלונגען, איז שוין אויך דער גאַנצער מאַטעריאַל אריין אין דער פּסיכיק.

דער צווייטער גרונט פעלער פון דער סיסטעם איז דאָס וואָס די הערבאַרטיאַנער האָבן געגלייבט אַז מען קען פון דרויסן דיקטירן און אָנ־פירן מיט דעם פּראָצעס פון מענטשנס דערוועקן עפּעס נייעס. זיי האָבן געמיינט אַז מען קען פון דרויסן אַרויס געבן די תלמידים אַלעמען די זעלביקע דידאַקטישע מדרגות און אין זעלביקן סדר, אַט אַזוי ווי דער לערער האָט עס אויסגערעכנט פון פריער. מאָדנע ווי זיי האָבן אָנגענו־מען דעם מוח פון די תלמידים ווי פּאַסיווע פאָטאָגראַפישע פילמען וואָס נעמען אויף פּראָצעסן אַזוי ווי מען גיט זיי עס אָן. אפשר האָט זיך דאָ אָנטפּלעקט די דייטשישע מושטרע און זעלנערישע אוניפיקאַציע.

ווי דאָס זאָל נישט זיין שטימט עס לגמרי נישט מיט די היינטיקע פּסיכאָלאָגישע פאַרשטעלונגען און באַגריפן, במילא דאַרף דער גאַנצער הערבאַרטיאַניזם אוועקגיין אין אַרכיוו ווי אַן אָפּגעלעבטע תקופה.

א. גאָלאָמב

לויט אונדזערע היינטיקע פּסיכאָלאָגישע פאַרשטעלונגען קומט אויס, אַז די ראָלע פון באַוווסטזיין איז פון דער סעקונדערער וויכטיקייט. דער יסוד פון אונדזער גייסט ליגט אין פּראָצעסן פון אונדזער אונטערבאַ־וווסטזיין, און במילא קען מען נישט ארייננעבן אין מענטשן בכלל און אין קינדער בפרט קיין דערציערישן וויסן דורך פאַרשטעלונגען וואָס זענען נאָר אַן עלעמענט פון דעם באַוווסטזיין.

עס איז געגליכן צו דער פאַרהעלטעניש אין אַן אויטאָ: פּאָרויס גייען די שטאַרקע לאָמפּן און זיי באַלייכטן דעם וועג ווו דער אויטאָ פאָרט, זיי לייכטן ווייט פאָרויס. עס וואָלט אָבער דאָך געווען אָך און וויי צו דעם וואָס וואָלט געוואָלט פירן דעם אויטאָ דרייענדיק די לאָמפּן רעכטס, לינקס, פאָרויס. דען דער מאָטאָר וואָס פירט דעם אויטאָ פאָ־רויס — ער ליגט גאָר טיף באַהאַלטן. אים זעט מען גאָר נישט, ער פירט עס, און אים מוז מען קערעווען. אויך די מאָטאָרן פון דעם מענטשן ליגן אויך טיף באַהאַלטן אין דעם אומבאַוווסטזיין. און נאָך מער איז עס שייך צו קינדער, ווו דער הגבוי פון דעם „אויבערשטן גאָרן" פון באַוווסטזיין איז גאָר שוואַך. איבערצייגן קינדער דורך ווערטער וואָס אַפּעלירן צום באַוווסטזיין דאָס איז אַן אוממעגלעכע זאַך. לערערס נאַרן זיך אָפּ ווען זיי מיינען, אַז ווען קינדער הערן איבער זייערע ווערטער האָבן זיי אויך איבערגענומען דעם געדאַנקען־גאַנג וואָס די ווערטער האָבן געדעקט ביי זיי, ביי די לערערס. עס הייבט זיך גאָר נישט אָן. קינדער נעמען זייער גרינג איבער ווערטער פון דעם לערער, אָבער זיי קניפּן אָן אָן די ווערטער גאָר אַן אַנדער אינהאַלט, וואָס פּאַסט צו זייער געדאַנקען־גאַנג, און האָט גאָר קיין שייכות נישט צו דעם סכום פאַר־שטעלונגען וואָס דער לערער האָט ארייננעלייגט אין די ווערטער.

פון דאַנען קומט אַרויס, אַז וועלן דערציעריש לערנען דורך דעם פירן דעם מעטאָדישן איינס דורך דער ערשטער דידאַקטישער מדרגה — דורך „קלאָרקייט" איז אַזוי מעגלעך ווי פירן אַן אויטאָ קערעווענ־דיק די גרויס לאָמטערנעס וואָס גייען פאָרויס... אָדער ווי עס איז בכלל מעגלעך צו דיריגירן מיט עמיצנס געדאַנקען־גאַנג פון דרויסן.

קינדער לערנען זיך אין דער אמתן דורך האַנדלונגען. סיטואַציעס רופן אַרויס אַדעקוואַטע האַנדלונגען. די רייד פון דעם לערער — דערביי

זענען אָנגעקניפּטע קלאַנג־רעפלעקסן. פון די האַנדלונגען קומען שפּעטער אַרויס פאַרשטעלונגען און נאָך שפּעטער — באַגריפן.

און בכן איז די ראָלע פון דערציערישן לערנען איבערהייפּט אויף די ערשטע מדרגות נישט צו געבן קלאָרע פאָרשטעלונגען ווי די הערבאַרטיאַנער פּעדאַגאָגיק האָט עס געלערנט די וועלט גאַנצע הונדערט יאָר, נייערט צו שאַפן סיטואַציעס, די קינדער זאָלן דאַרפן צופּאַסן אַדעקוואַטע האַנדלונגען צו די סיטואַציעס. מיט אַנדערע ווערטער, מען דאַרף פאַר די קינדער שאַפן אינטערעסן און פּילזייטיקע כּדי צוצוטרעפן די אינטימערע אינטערעסן קרייזן פון וואָס מער קינדער. און זיי וועלן שוין צופּאַסן זייער רעאַגירונג, זייער האַנדלונג וואָס איז אַלע מאָל אינטים, און אומבאַוווסטזיניק. קיין מאָל ווייס נישט דאָס קינד ווי אַזוי עס איז געקומען פון דער סיטואַציע וואָס דער לערער האָט געשאַפן צו זיין רעאַגירונג. זעלטן קען עס כאַפּן דער לערער. דעם פּראָצעס אָבער מוז מען לאָזן פריי. קיינער קען אים נישט דיקטירן און נישט דיריגירן — ער איז אינטים און אינדיווידועל פאַר איטלעכן קינד אַנדערש.

מיר וועלן זיך דאָ דערלויבן אַ קורצע עקסקורסיע אָן אַ זייט. פאַראַן נאַיווע פּעדאַגאָגן, פאַראַן אַ גאַנץ גרויסע נאַיווע פּעדאַגאָגישע ליטעראַטור אַזאַ, און זיי גלויבן אַז קינדער לערנען זיך, למשל, אויס לייענען, אַלע, דער גאַנצער קלאַס קינדער לויט דעם מעטאָד וואָס דער לערער פירט, לויט דעם דווקא און אים אַליין, מיט איין געדאַנקען גאַנג מיט דעם זעלביקן גאַנג פון איין מדרגה צו דער צווייטער. און עס הייבט זיך לגמרי נישט אָן. איטלעך קינד „כאַפּט" דעם קונץ פון לייענען פאַר זיך, אַליין לויט זיינע מעטאָדן וואָס ער אַליין ווייס פון זיי נישט און וועט מן הסתם אַ גאַנץ לעבן זיי נישט וויסן. און אָט די אינטימע מעטאָדן זענען אין גרונט פאַרשיידן לויט דער פאַרשיידענער פּסיכיק פון די קינדער און לויט זייער פאַרשידענעם כאַראַקטער. נאָכגיין אין געדאַנקען גאַנג דעם לערער — דאָס קענען בלויז די מיטלמעסיקע קינדער, נישט די טעמפּע און אויך נישט די פעאיקערע וואָס האָבן אַן אייגענעם גאַנג אין דענקען און אין שאַפן זיך פאַרשטעלונגען. אָט פאַרוואָס עס איז אַן אָפטע דערשיינונג, אַז ווען די גאָר גרויסע גייסטער האָבן זייערע

לערערס אין די שולן געפּסקנט אַז זיי זענען טעמפּ און אָפּגעשטאַנען. דאָס קען געשען דערפאַר וואָס זיי זענען שוין אין קינדהייט געווען אויסגעשפּראָכענע מענטשן מיט אַן אייגענעם גאַנג אין דענקען, און זיי האָבן זיך נישט געלאָזט פירן פון דעם לערער. גאָר אַנדערש איז דאָס ווען דער לערער וויל נישט ארויפצווינגען אויף די קינדער דווקא זיין וועג און זיין מעטאָד, ווען ער באַמיט זיך גאָר צו שאַפן פאַרשיי־דענע און אַלערלייאיקע סיטואַציעס די קינדער זאָלן האָבן אַן אינטערעס אָנצושרייבן אָדער איבערצולייענען, — און זיי וועלן שוין קומען פון זיך צו דעם „סוד” פון לייענען.

איטלעכער האָט זיין וועג, איטלעך קינד — זיין גאַנג. שפּעטער, אַ צייט שפּעטער וועט עס די אַלגעמיינע פאָרמולירונג אויך אויסגלייכן ביי אַלע קינדער. דער וועג אָבער צו דעם, די ערשטע מדרגה אַזוי צו זאָגן — דאָס מוז בלייבן אינטים און אומקאָנטראָלירבאַר.

דאָ קומען מיר צו דער — אַזוי צו זאָגן „בלינדער” אינטואיציע, וואָס קיינער קען נישט כאַפּן איר וועג און קיינער קען זי נישט פירן אויף אַ שנירעלע, שוין דערפאַר אַליין וואָס זי האָט ביי יעדערן אַן אַנ־דער וועג.

בכן קומען מיר צו גאָר אַנדערע וועגן ווי מען האָט אונדז אין די פּעדאַגאָגישע קורסן געלערנט. ערשטנס — נישט קיין איינציקע מע־טאָדישע איינסן איינער נאָך דעם צווייטן געקייטלט, נאָר פאַרקערט — עטלעכע מעטאָדישע אויפגאַבעס, באַדערפעגישן, עטלעכע אַקטיווע אינ־טערעסן פאַר די קינדער ווו זיי זאָלן דאַרפן (צוליב דעם אינטערעס) דורכמאַכן די שוועריקייט, — עטלעכע מעטאָדישע איינסן געפלאָכטן איינצייטיק.

און צווייטנס — אויך די מדרגות זענען אַנדערע. די ערשטע מדרגה דאַרף גאָר זיין פּראַקטישע אָנווענדונג אין אַן אויפגאַבע וואָס אינטע־רעסירט. דאָס גיט דערפאַרונג (אַן פאַרשטעלונגען!) און דאָס פירט צו דער מדרגה פון דעם אַזוי צו זאָגן „דיפוזן וויסן”.

שפּעטער קומט די צווייטע מדרגה — סיסטעמאַטיזירונג און ערשט די אַרבעט ברענגט צו קלאָרקייט און צו דער ווייטערדיקער — צו אַנווענ־

דונג צוריק, אָבער שוין באוווסטזיניקער. און דאָס וועלן מיר אָנרופן שוין „שעפערישע באהערשונג."

לערערס וואָס גייען אויף דעם וועג אין די ערשטע קלאַסן האָבן די גרויסע סאַטיספאַקציע ווען זיי דערהערן ווי די קינדער הייבן אַליין און פון זיך לגמרי אָן צו אנאַליזירן די ווערטער, און איטלעך קינד אויף זיין וועג, און אין די אויגן זייערע גיט אַ שיין די צופרידנקייט פון אייגענער אנטפּלעקונג. עס איז אַ פרייד וואָס נאָר אַ לערער קען איבערלעבן. די אַלטע טראַדיציאָנעלע יידישע פעדאַגאָגיק האָט עס פאָרמולירט אין אַ פאָלקס גלויבן, אַז צו אייניקע לערנערס, תלמידים טיף אריינגעטאָנענע אין זייער לערנען קומט אליהו הנביא און ער מאַכט זיי קלאָר אַלע שווערע ענינים. „גילוי אליהו" — אליהו אנטפּלעקונג פלעגט מען עס רופן אָט דעם אינטואיטיוון פּראָצעס פון דערוויסן זיך פון לערנען.

אין תוך אריין איז דער דאָ פארגעלייגטער וועג נאָר אַ נאָכמאַכונג פון דעם ווי אַ מענטש און אַ קינד לערנען זיך אַליין, נאַטירלעך, ווי זיי לערנען זיך גיין און ריידן און אַלע אַנדערע זאַכן וואָס די נאַטור האָט, אַ דאַנק גאָט, פארשפּאַרט צו האָבן צו דעם לערערס.

אויף די שפּעטערדיקע מדרגות פון לערנען אין די העכערע קלאַסן זענען דאָ זייער צוגעפּאַסט דער מעטאָד פון פּאַרש־קאָמפּלעקסן און דער אַזוי גערופענער „עקספּעדיציע מעטאָד". מיר קענען זיך דאָ נישט אָפּשטעלן גענויער אויף דעם. נאָר מיט דער פולער אחריות פון דער דערפאַרונג אַליין און פון מיינע תלמידים־לערערס זאָג איך אַז איין קאַפּיטל דורכגעמאַכט דורך די וועגן דערציט מערער און ציט אריין מערער אין דעם קרייז וויסנשאַפטלעכע אינטערעסן איידער גאַנצע ביכער אויסגעלערנטע צום עקזאַמען.

עס נעמט מיך אָן אַ רחמנות אויף די קינדער וואָס לערנען גאַנצע ביכער פון באָטאַניק למשל און זיי קענען אַלע וויסנשאַפטלעכע טערמינען, נאָר די ביימער וואָס וואַקסן אויף דעם הויף פון שול קענען זיי נישט, די בלומען וואָס וואַקסן ביי זיי אין שטוב, אויף דעם צו קוקן, דאָס צו זען און דאָס צו לערנען — דאָס איז אויסער די פּראָגראַמען. אָט דאָס הייסט לערנען אָן דערציאונג. אויף די וועגן קען מען זייער פיל

וויסן און גאָרנישט קענען. לאָמיר דאָ באַרירן נאָך איין געביט וואָס האָט אַ שייכות צו דעם.

די וועגן פון דערציערישן לערנען וואָס איך האָב זיך באמת דאָ אייך פאַרצוליייגן רירן אַן אַנדערע, טיפערע ענערגיע קוואַלן ווי דאָס געווײנלעך לערנען. לאָמיר זיך באַנוצן מיט אַ משל. די וואָס גראָבן ברונעמער ווייסן: מען קען קריגן וואַסער נאָענט צו דער אויבערפלאַך, די אויבערשטע וואַסערן, רופן עס די טעכניקער. די וואַסערן זענען נישט גענוג ריין און זיי טריקענען גיך אויס. עס איז אָבער גאָר שווער זיי צו באַקומען. מען באַמיט זיך דערפאַר תמיד צוצוקומען צו די טיפערע וואַסער שיכטן. עס איז טאַקע שווערער צוצוקומען צו זיי, אָבער זיי זענען נישט אין פאַרגלייך ריינער און — דער עיקר — זיי גיבן נישט אין פאַרגלייך מער וואַסער.

דאָס זעלביקע איז צו זאָגן וועגן דער ענערגיע פון קינד'ע' און פון מענטשן בכלל. די „אויבערשטע שיכטן" ענערגיע קען מען אויסנוצן מיט די געוויינלעכע מעטאָדן אויך. אָבער די אויפמערקזאַמקייט פון די קינדער איז קורץ און שוואַך, זיי ווערן גיך מיד, די אינטערעסן זענען זענען קורצדויערנדיקע, און עס קומט זייער זעלטן צו כאַראַקטער בילדנדיקער שעפערישער אַרבעט.

גאָר אַנדערש איז דאָס ווען עס געלינגט דעם לערער אָרגאַניש צו פאַראינטערעסירן די תלמידים און זיי צו קאָנצענטרירן אויף אַ שעפערישער אויפגאַבע אין לערנען. דאָ איז נישטאָ קיין מאָס צו דער ענערגיע וואָס די קינדער קענען אַנטוויקלען, נישטאָ קיין איינמידונג און קיין אויסשעפּונג. דאָס דערוואָרבענע רירט אָן און פלעכט זיך אַריין אין די עמאָציעס פון לערנער, ער איז קאָנצענטרירט ביז צו צעשטרייטקייט צו אַלץ אַרום. ער לעבט איבער דאָס געלערנטע. די פאַרצייטיקע יידישע פּעדאַגאָגיק פלעגט דאָ נוצן דעם אויסדרוק פון תנך „אַלע מיינע גלידער זאָגן". אַזאַ לערנען פאַרגעסט מען נישט קיין מאָל. פאַרקערט איז ער אָרגאַניש — דאָס וויסן צעוואַקסט זיך. אין יאָרן נאָך דעם לערנען ווייס מען מערער וויפל דער לערער האָט געגעבן. פונקט פאַרקערט ווי געוויינלעך, ווען מען האַלט אין איין פאַרגעסן דאָס געלערנטע. דאָס געלערנטע גייט אַרויס פון די ביכער, פון דער אַטמאָספער פון קלאַס, עס ווערט אַ

טייל פֿון דעם לערנער, ער געפֿינט אין זיין לעבן אַלערליי סיטואַציעס ווו דאָס געלערנטע אָנצווענדן, דאָס געלערנטע ווערט אַ טייל פֿון זיין איך.

דאָס איז דאָס אמתע דערציערישע און פּרוכטבאַרע לערנען, גליק־לעך איז דער לערער וואָס געפֿינט דעם וועג צו דעם!

ראַציאָ און אינטויציע אין דערציונג

צייטן בייטן זיך און מיר — צוזאַמען מיט זיי. אַזוי זאָגט אַ לאַ־טיניש ווערטל. ווייס איך נישט צי מענטשן מיט זייער כאַראַקטער האָבן זיך געביטן אין לויף פון מענטשלעכער געשיכטע, אָבער זייערע פאָרשטע־לונגען און זייער גלויבן בייטן זיך אָן ספק.

געווען אַ צייט ווען מען פלעגט פאַרגעטערן דעם ראַציאָ, דעם שכל, שרייבן דאָס וואָרט מיט אַ גרויסהאַנטיקן אות צום אָנהויב, ווי גאָטס נאָמען למשל. געווען אַ צייט, אַ גאַנצער יאָרהונדערט ווען די גאַנצע דערציאונג איז באַזירט געווען אויף דעם ראַציאָ און נאָר אויף אים. און אין דער פּראַקטיק פון די שולן איבער גאָר דער וועלט איז נאָך די ראַציאָנאַליסטישע אינערע זייער שטאַרק און זי וועט גאָרנישט אַזוי גרינג אָפּטרעטן איר אָרט. נישט אומזיסט איז זי איינגעבירגערט גע־וואָרן מיט גאָר דער דייטשישער פּינקטלעכקייט, און זי וועט נאָך איבער־בערלעבן צום באַדויערן די חורבונות פון דייטשלאַנד. אין טעאָריע, אין דער פילאָסאָפיע פון דערציאונג איז שוין דער ראַציאָ רעטראָגירט, אַראָפּגענומען פון זיין הערשאַפט. עס האָט זיך אין גרונט געביטן אונ־דזער גלויבן אין ראַציאָ, נישט ער איז דער בראַשיתדיקער פאַקטאָר פון מענטשנס גייסט און נישט דער אינטעלעקט איז דער יסוד פון דעם מענטשן.

„מען באַגעגנט אַן איבערשאַצונג פון דער אינטעליגענץ — און איר ראָלע אין גאַנצן פּסיכישן לעבן. עס איז אַ טעות צו מיינען אַז מען קען אָפּשאַצן אַ מענטשן נאָר דורך דער אָפּשאַצונג פון זיין אינטעלי־גענץ. אין דער גאַנצער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט שפּילט די אינ־

טעליגענץ, אמת נישט קיין אומוויכטיקע, אָבער דאָך נאָר אַ טייל־וייזע ראָלע. די אינטעליגענץ איז נאָר אַ מיטל, קיין מאָל נישט קיין ציל, און נישט זי גיט די ריכטונג אין לעבן פון יחיד און פון כלל". אזוי האָט געשריבן דער יידישער פּראָפעסאָר פון האמבורג וו. שטערן.

דיוי שרייבט „די אַלטע פּסיכאָלאָגיע האָט גענומען אין אַכט נאָר דאָס וויסן און אינטעלעקט. די געפילן און נייגונגען זענען פאררעכנט געוואָרן פאַר צופעליקע און סעקונדערע. מען פלעגט אין קורסן פון פּסיכאָלאָגיע אַ סך ריידן וועגן שפּירונגען, איינדרוקן און גאָרנישט כמעט וועגן דראַנגען. איצט אָבער גלויבן מיר, אַז אינטעלעקט ווי אַ פעאיקייט צו שאַפן איינדרוקן און פאָרשטעלונגען איז נאָר אַ מיטלס־פערע. די איינציקע פונקציע פון אינטעלעקט איז — אנצורופן, באַ־שטעטיקן די ריכטונג ווו עס גייט אונדזער דירעקטע אָדער אומדירעק־טע אַקטיווקייט". געווען פאררעכנט פאַר אַלץ מיט אַן אנדער און גע־וואָרן ווי אַ משרת וואָס גייט נאָך דעם באַלעבאָס. גערעכנט געווען פאַר דעם הויפּט מאָטאָר אין מענטשן און אין דער מענטשהייט און איז דערבראַכט געוואָרן ביז צו דער ראָלע דעם לאָמפּן טרעגער וואָס באַ־לייכט דעם וועג וואָס גאָר אַנדערע מאָטאָרן פירן אויף אים. ענערגיע, עקשנות, שטאַנדהאַפטיקייט און אַקטיווקייט — די וויכטיקע עלעמענטן פון כאַראַקטער זיי האָבן נישט קיין שייכות צו דעם אינטעלעקט, — שרייבט ווייטער דער זעלביקער דיוי.

נאָך דעציידירטער שרייבט עס ריבאָ: דעם באַזיס פון כאַראַקטער (דאָס וואָס קערשנשטיינער רופט אַן „ביאָלאָגישער כאַראַקטער") בילדן די אינסטינקטן, די טיפערע נייגונגען, אימפּולסן און געפילן. פאָרשטע־לונגען זענען נאָר אַן אויבערשטער שיכט, דער גרונט שיכט אין מענטשן זענען די געפילן און רעאַקציעס.

די אַנדערע שטאַרקערע און גרונטיקערע פאַקטאָרן פירן דעם מענטשן, גיבן אים אַ ריכטונג, פאַר זיינע טואונגען אין געזעלשאַפט און דער אינטעלעקט קומט שפּעטער און באַשטעטיקט, גיט אַ נאָמען און באַרעכטיקט. דאָס איז דער לאָמפּ וואָס באַלייכט פאַרויס דעם וועג ווו גאָר אַן אַנדער מאָטאָר טרייבט דעם אויטאָ.

און אויב מיר ווילן דערציען אַ מענטשן און נישט סתם אים אויס־

לערנען אַז צוויי מאָל צוויי איז פיר, אָדער אַז וואַסער איז H_2O, דאַרפן מיר זוכן וועגן צו די טיפערע און צו ווירקנדיקערער פאַקטאָרן אין זיין „איך".

דער רוס רומיאַנצעוו שרייבט: „אין די טיפענישן פון דעם מענטש־לעכער נשמה זענען פאַראַן אַזוינע אוצרות טאַלאַנטן, ענערגיע, אַזוינע קוואַלן פּאָעזיע וואָס וואָלטן געווען בכוח צו באַנייען דאָס לעבן, אויב נאָר די דערציערס וואָלטן געקאָנט זיי אַנטפּלעקן און אַרויספירן אויף דער אויבערפלאַך". דאָ ליגט די העכסטע מדרגה פון דעם פּעדאַגאָגישן פּראָצעס.

די באַהויפּטונג איז נישט פון די וואָס מען קען זיי באַווייזן אָדער אָפּפרעגן, באַשטעטיקן אָדער אָפּלייקענען. עס איז מערער אַ זאַך פון גלויבן. און איך גלייב אין דעם. דאָס איז דער אַזוי גערופענער פּעדאַגאָגישער אָפּטימיזם, וואָס גלייבט אַז אין דעם ריכטיק געשטעלטן פּעדאַגאָגישן **פּראָצעס** ליגט דער שליסל צו אַ בעסערער מענטשהייט, ליגט אַ געוואַלדיקער כּוח צו פאַרבעסערן דעם מין מענטש.

נאָך מער — און דאָס איז שוין נישט סתם אַ גלויבן, — איך ווייס עס ווי פאַקטן פון דער דערפאַרונג: אַ ריכטיק געשטעלטער פּעדאַגאָגישער פּראָצעס, אַזאַ וואָס אַפּעלירט צו יענע טיפערע אוצרות טאַלאַנטן און ענערגיע, און וואָס ער געפינט דעם וועג צו זיי, אַזאַ לערנען קען אָפּילו אויסהיילן אייניקע נערוון קראַנקהייטן, אָפּילו אָרגאַנישע. דאָ קומט אַריין אין שפּיל דער אמת, וואָס דער רוסישער פיזיאָלאָג מע־טעלניקאָוו פאָרמולירט אים „ביי אַ געזונטן גייסט איז אויך דער גוף געזינטער", — פּונקט פאַרקערט ווי דער אַלטער רוימישער סענעקאַ האָט עס אונדז ביז היינט געלאָזט הערן, אַז אין געזונטן גוף איז אַ געזונטע נשמה. און עס איז פאַלש. נישט דאָ וועלן מיר זיך אויף דעם אָפּשטעלן, אָבער די אומענדלעכע אַנטוויקלונגס מעגלעכקייטן און פעאיקייטן פון דער גייסטיקער טעראַפּיע פון דעם טיפערן פּעדאַגאָגישן פּראָצעס זענען מחוץ אַלע ספקות. עס איז נאָר די פראַגע וווּ ליגט דער וועג פון אָט דעם טיפערן פּעדאַגאָגישן פּראָצעס, און וווּ איז דער דערציער וואָס קען גיין אויף אים. איך האָב אַלנפאַלס זיי באַגעגנט און געזען.

נישט אויפן וועג פון ראציאָ און פון ראציאָנאַליסטישן לערנען קען מען זיי געפינען.

דאָס איז מיין טיפער פּעדאַגאָגישער גלויבן וואָס קיינע אַנטוישונגען, ווי שווער און ווי צאָלרייך זיי זאָלן נישט זיין קענען ביי מיר נישט אַרויסנעמען.

לויט פּרעבלען, וואָס האָט אַזוי פיל געליטן אין זיין מיליטאַריסטישן פאָטערלאַנד דערפאַר וואָס ער האָט געגלויבט אין מענטשן און אין זיין פאַרזיכיקן ווערט. קומט אויס, אַז דער הויפּט באַזיס פון יעדער דערציערישער טעטיקייט איז די אינסטינקטיווע, אימפּולסיווע אַקטיווקייט פון די קינדער און לגמרי נישט די פאַרשטעלונגען און דאָס צופּאַסן פון דרויסנדיקן מאַטעריאַל דורך דעם געדאַנק פון אַנדערע מענטשן, אָדער אַפילו פון די אייגענע, דעם קינדס הושים. נישט אין זיי נאָר אין די אומצאָליקע אויסדרוקן פון דעם קינדס אינעווייניקסטער ענערגיע, ווען עס פּראָיעצירט אין דער וועלט אויסער אים זיין אינעווייניקסטן מהות און זיינע איבערלעבונגען און פאַרלאַנגען. מיר דערוואַקסענע דערשאַצן עס נישט און מיר אינדענטיפיצירן עס מיט אונדזער שפּיל וואָס איז פאַרוויילונג און צייט פאַרטרייב. בעת אין דער אמתן זענען דאָס ביי קינדער לויט פּרעבעלן אַנטפּלעקונגען פון דער געטלעכקייט וואָס איז איינגעפלאַנצט אין איטלעכן קינד („דערציאונג פון אַ מענטשן”). אַזוי האָט פּרעבל געוואָלט אונדז וויזן דעם וועג צו יענעם „טיפערן” פּעדאַגאָגישן פּראָצעס. ער האָט עס באַוויזן נאָר בנוגע דער פאַר שול מדרגה, און אויך דערפאַר האָט אים זיין פאָטערלאַנד זייער פיין באַצאָלט מיט גענוג צרות און רדיפות.

קלאָר אַז דער לערער וואָס זעט זיין אויפגאַבע אין איבערגעבן אַ באַשטימטן סכום וויסן און נישט מער, דער לערער קען נישט און וועט נישט קומען צו יענע טיפערע אוצרות פון גייסט ביי די קינדער.

די דערציאונג דורך דעם ראציאָ קען אויסנוצן נאָר די אויבערשטע, אויבנאויפיקע קליינע סכומים ענערגיע און זייער ווירקונג אויפן גייסט, אויף די כאַראַקטער־בילדנדיקע פאַקטאָרן אין קינד זענען מינימאַלע.

נאָך מער. אויך אונדזערע ראַציאָנעלע געדאַנקען און מיינונגען שטאַ־

מען לגמרי נישט פון אונדזער ראציא, נאָר פון יענע טיפערע קוואַלן, וואָס דער ראציא בלויז ער פאַרמולירט זיי. ווען מיטן ראציא באַנעמען די דערשיינונגען וואָס קומען פאָר אין דער וועלט און דערהויפּט — אין אונדז אַליין איז ווי מען וואָלט זיך „מיט אַ גראַשנדיק ליכטל געוואָלט באַלייכטן די חשכת", די פינצטערקייט (י. ל. פּרץ). ווען איינפלאַנצן ביי אַ מענטשן געדאַנקען און אידעען דורך דעם ראציא אַליין איז גאָר־נישט פון די ריכטיקע וועגן. עס טרעפט אַז יענער (דער תּלמיד) פילט זיך באַזיגט, ער מוז אָננעמען אייער געדאַנק, אָבער דער געדאַנק בלייבט אים פרעמד און אומגערן, ער קען אים נאָר נישט אָפּוואַרפן, גיט ער זיך אונטער, אָבער אָרגאַניש וויל ער זיך פון אים באַפרייען, — און ער פאַרגעסט אים. דער קלאַסישער עוויסטישער מעטאָד (סאָקראַטישער מעטאָד) פון איבערצייגן דורך דיסקוסיעס און דערפירן דעם צוהערער לאָגיש צום נויטיקן אויספיר איז נאָר אַ ניצחון אין קאַמף, אין אַ באָקס פון ריטאָריק אָבער נישט קיין אָרגאַנישע אָנערקענען דעם אמת. ביי פעלקער וואָס האָבן ליב צו זען געווען, קאַמפן, באָקסן, הענער קאַמף וכדומה איז אויך פאַראַן אַ ליבע צו דיסקוסיעס און דעבאַטן זיי זענען אָבער נאָר אַ מיטל פון ספּאָרט, אָבער נישט פון טיפערן באַלערנען.

איך פלעג אַמאָל ליב האָבן אין די לעקציעס פון נאַטור מיט יינגע־רע קינדער אַרויסרופן אַ מחלוקת אין קלאַס וועגן דעם צי לופט פאַר־נעמט אַן אָרט צי נישט (זע „די נייע שול" מערץ 1929, וואַרשע — „אַ לעקציע נאַטור לימוד"). די מחלוקת פלעגט אַלע מאָל טיף פאַרכאַפּן די קינדער, אַרויסרופן אַזאַרט און היץ. שפּעטער פלעג איך מיט עטלעכע דערוקטיוו געשטעלטע עקספּערימענטן דעצידירן די מחלקות. געדענק איך ווי דאָס לעצטע מאָל איז דער בעסטער תּלמיד אין קלאַס, דער „פירער" פון דער גרופּע וואָס האָט געהאַלטן אַז לופט פאַרנעמט נישט קיין אָרט, ווי ער איז געוואָרן בלייך ווי נאָר ער האָט דערזען אַז דאָס וואַסער פון לייאיק גייט נישט אַריין אין פלאַש, און ער האָט פאַרשטאַ־נען אַז ער האָט „פאַרשפּילט" דעם קאַמף. איך האָב דערפילט אַז פון דעם קומען צו אַ דראַנג צום אמת איז נישט אויף דעם וועג, — און איך האָב דעם מעטאָד אָפּגעוואָרפן.

אונדזערע מיינונגען, געדאַנקען און אַרויסזאָגונגען שטאַמען אין

תוך אריין פון א סך טיפערע קוואַלן, פון אינטימערע, וואָס האָבן גאָר א גרעסערע א שייכות צו די עמאָציאָנעלע ספערן איידער צום ראציא.

איבעריקס, די גאַנצע אינטעלעקטועלע דערציאונג איינגעפּאַסט אין ראַמען פון רעדן, פון זאָגן איז א פּראָדוקט פון יענע תקופות ווען קול־טור איז געווען די פּריווילעגיע פון די שיכטן און קלאַסן וואָס זענען געווען פריי פון אַרבעטן און האָבן געדאַרפט זייער „קולטור" צו פאַר־טרייבן די צייט אין שפּילן זיך מיט ווערטער און אין ראַפינירטע דיס־קוסיעס און דעבאַטן.

שעפערישע קולטור קען זיך אַנטוויקלען נאָר פון גלאָבאַלער (נישט נאָר מיט דער צונג) אַקטיווקייט, באַוועגונג, אַקציע, און סטימולן דערצו זענען ווייניקער אין אינטעלעקט איידער אין די עמאָציעס. דאָ קומען מיר צום געביט פון אינטערעסן, און דיוי רעכנט זיי אויס פּירערליי ביי קינדער: געזעלשאַפט, פאָרשן און אַנטדעקן זאַכן, שאַפן און קאָנ־סטרואירן זאַכן, אַרטיסטיש פאָרשטעלן און איבערגעבן. („שול און געזעלשאַפט").

אין פּראָצעס פון לערנען דאַרפן גענומען ווערן אין אַכט אָט די אינטערעסן. לערנען אין פאַלקשול זאַכן נאָר צוליב דעם מאָטיוו ווייל זיי וועלן שפּעטער נוציק זיין אין לעבן איז זייער א שווערע אויפגאַבע און זי ברענגט שאָדן מער ווי נוצן.

ערשטנס, האָבן די קינדער נישט גענוג ווילן זיך צו צווינגען צוליב דעם אוטיליטאַריסטישן מאָטיוו, איז דאָס א גוואַלט לערנען, אָן אַרויס־געצווונגן, אפילו ווען די שול שאַפט זייטיקע סטימולן אין פאָרם פון שטראָפן און באַלוינונגען. אַזא געצוווּנגן לערנען קען אויסנוצן נאָר די אויבערשטע שיכטן ענערגיע, וואָס שעפן זיך גיך אויס, און דאָס גע־לערנטע פאַלט גיך אַרויס פון קינדס „אַקטיוון גייסטיקן אינהאַלט" (וואָס מיט דעם אָפּערירט ער ביים שאַפן געדאַנקען פאַר זיך, נישט צום עקזאַ־מען). צומאָל אַנטוויקלט זיך נאָך א נעגאַטיווע באַציאונג צו דעם גע־ביט אויף א גאַנץ לעבן, א מין פאָביע צו דעם וואָס די שול און די עלטערן האָבן געצוווּנגען. ביי א סך געוועזענע תלמידים פון מיטלשולן איז פאַראַן א שטאַרקע „גראַפאָפאָביע", אפילו צו שרייבן א בריוו, ווייל דאָס אַסאָציאירט זיך ביי זיי מיט די געצוווּנגענע שריפטלעכע אַר־

בעטן. (איבערהויפּט ביי פרויען מיט אַ מער אינטימער, אינזיכיקער באַציאונג צו די אייגענע איבערלעבונגען), אַזאַ פאָביע סמט אָפּט אָפּ אַלע אינטערעסן: „וואָס, איר רעדט פון ליטעראַטור? איך האָב עס שוין געהאַט גענוג אין שולע".

צווייטנס, איז יעדער עלטער נישט קיין צוגרייטונג צום קומענדיקן, נייערט אַ פאַרזיכיקער מיט זיין וועלט באַנעם און אינטערעסן, און די גאַנצע סביבה מוז צוגעפּאַסט ווערן צו דעם עלטער און נישט צום קומענדיקן. דער איבערגאַנג פון איין עלטער צום צווייטן איז ז׳יט נישט קיין מעכאַנישער. ער איז אַ סך מער ענלעך צו אַן אָרגאַנישער מעטאַמאָרפאָזע, ווי ביי אינסעקטן, למשל. דאָרטן איז עס אָבער נאָר אַן אַנאַטאָמיש־פיזיאָלאָגישע און דאָ — מער אַ פיזיאָלאָגיש־פּסיכאָלאָגישע. איטלעכער ווייטערדיקער פעריאָד קען זיך גוט אַנטוויקלען נאָר ווען דער פריערדיקער איז דורכגעלעבט געוואָרן פולקאָם. מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס: אַ מענטש (אַ דערוואַקסענער) קען נאָר דעמאָלט זיין פולקאָם ווען ער האָט זיין קינדהייט דורכגעלעבט גענוג קינדיש לויט די קינדערשע אינטערעסן און פאָרמען פון אויסדרוק. דורך אַרויפצווינגען דערוואַקסענע אינטערעסן אויף קינדער כדי זיי „צוצוגרייטן צום לעבן" גרייט מען זיי אײנגאַנצן לגמרי נישט צו צו גאָרנישט, צום לעבן געווים נישט, דען די גייסטיקע אייגנשאַפטן וואָס די קינדהייט דאַרף איינפלאַנצן, זענען נישט איינגעפלאַנצט. און דאָס פּאָזיטיוו ווייסן וואָס מען האָט געגעבן ווערט שוין לגמרי נישט כאַראַקטער־בילדנדיק. און אַז דאָס קינד האָט נישט קיין קינדהייט פול דורכגעלעבט מיט קינדערשער שעפערישקייט, וועט ער שפּעטער נישט פאַרמאָגן קיין אָרגאַנישע „דערוואַקסענע" שעפערישקייט.

נאָך מערער און נאָך ווייטער. אויך אונדזער דענקען שטאַמט נישט פון ראציאָ. פאַראַן אַ יידיש קינדער לידל „האָב איך מיר אַ מיכעלקע, זאָג איך אים וואָס איך וויל, מאַכט ער מיר וואָס ער קאָן" — דאָס איז די אויפגאַבע פון ראציאָ אין אונדזער דענקען: וואָס עס הייסן אים די טיפערע עמאָציאָנעלע פאַקטאָרן, דאָס טוט ער און ער פאָרמולירט עס. דאָס אַלץ און נישט מער.

„אונדזער דענקען איז לגמרי נישט קיין אַסאָציאירן אונדזערע קאָנ־

קרעטע פאָרשטעלונגען. פאַרקערט, אַסאָציאירן מיר אונדזערע געדאַנקען ניכער ווי די קאָנקרעטע און ווערטערדיקע בילדער" — שרייבט דער רוסישער פעדאַגאָג בלאָנסקי.

„געדאַנקען זענען נישט קיין סימנים פון שפּירונגען. זיי זענען אינגאַנצן זעלבשטענדיקע שאַפונגען מיט זייער אייגענעם ווערט. מען קען וועגן זיי ריידן מיט מער זיכערקייט ווי וועגן סענסיבילע איינדרוקן, וואָס זענען אָפּהענגיק פון זיכרון, — שרייבט אַ צווייטער פעדאַגאָג.

בלאָנסקי קומט צו אַ פעסטשטעלונג וועגן אַן איראַציאָנעלן „אַקטיוון איך", און אָט דער „אומבאַקאַנטער עמיצער" — ער איז דאָס דער באַלעבאָס און שעפער פון אונדזערע געדאַנקען.

מיר וועלן שפּעטער זיך באַמיען דעשיפרירן ווער איז דאָס אָט דער „אַקטיווער איך" און ווי קען דער פעדאַגאָגישער פּראָצעס אויף אים האָבן אַ ווירקונג.

אין זיין ווייטערדיקן צוריקצוג פון דער ראַציאָנעלער פעדאַגאָגיק גייט דער זעלביקער בלאָנסקי אַזוי ווייט, אַז ער שרייבט (און מיט פולער רעכט!) „עס איז נישט ריכטיק, אַז וואָס נישט קאָנקרעט איז נישט קלאָר. דאָ איז, הייסט עס וויכטיקער די סוביעקטיווע איינשטעלונג, דער אינעווייניקסטער גלויבן: קלאָר איז דאָס וואָס איך פיל אַז עס איז אַזוי, און דאָס קאָנקרעטע זעט איטלעכער ווי זיין אַקטיווער איך זאָגט אים אונטער. דער געדאַנק פאַלט זיך צונויף מיט דעם אַלטן שפּרוך פון תלמוד: „אַ מענטש זעט די טראַכטונגען פון זיין האַרץ". בלאָנסקי קומט דאָ צו אַ דרייסטן אָפּלייקענען עפּעס אַזוינס וואָס מען האָט געהאַלטן פאַר אַ הייליקן אמת פון דעם אַלטן קאָמעניוסן אָן. ער שרייבט, אַז „איבעריקע באַשיינפּערלעכקייט שטערט דעם דענקען!" -- און ער איז גערעכט! מיר דאַרפן אידעען, אַבסטראַקטע, אַלגעמיינע, און איבעריקע באַשיינפּערלעכקייט שטערט דערצו. און לאָמיר דאָ פון זיך צוגעבן: באַשיינפּערלעכקייט איז וויכטיק און נייטיק נאָר ווי סימבאָלן צו אידעען, אָט ווי הילצערנע פּשוטע ליאַלקעס פאַר קליינע קינדער, נישט מער.

און נאָך ווייטער שרייבט בלאָנסקי, אַז נישט באַשיינפּערלעכקייט איז דער יסוד פון לערנען און נישט די אַלגעמיינע, פאָרמולירטע באַ־

גריפֿן זענען דער ציל פֿון לערנען. (בלאָנסקי, „פּעדאַגאָגיק" 1924, ז. 125).

דער אַלטער סענסואַליזם, וואָס שטאַמט נאָך פֿון אַריסטאָטעלען, אַז קיין זאַך איז נישטאָ אין מוח, וואָס עס איז פֿריער נישט געווען אין די חושים, — איז גאָרנישט אַזוי זיכער, נישט אַזוי ריכטיק. איך וואָלט אַ סך גיכער פֿאָרמולירט: קיין זאַך איז נישטאָ אין מוח וואָס עס איז פֿריער נישט געווען אין די עמאָציעס.

און אַזוי איז דער גאַנצער וועג אונדזוערער צו אָפּעּרירן מיט שפּראַך נישט דער ריכטיקער. דער אַלטער פֿרייער זאָגט נאָך: נישט די שפּראַך האָט געבאָרן דעם שכל, נאָר פֿאַרקערט: אַמאָל נאָך, אין בראשית האָט דער שכל געבאָרן די שפּראַך, און היינט ברענגט דאָס קינד מיט זיך מער שכל איידער שפּראַך־פֿעיִקייטן. נישט דערפֿאַר דענקט אַ מענטש ווייל ער האָט זיך אויסגעלערנט רעדן, נאָר פֿאַרקערט — ער לערנט זיך אויס רעדן ווייל ער דענקט (פֿרייער „די נשמה פֿון קינד"). איך מוז דאָ באַוואָרענען, אַז מען טאָר דאָך נישט מינימיזירן די ראָלע פֿון שפּראַך ווי אַ אינדוצירער פֿון געדאַנקען, איבערהויפּט אין די ערשטע יאָרן פֿון לעבן. אין דער זעלביקער צייט איז ווידער ריכטיק, אַז איבערגעבן געדאַנקען פּאַרטיקע מיט זייערע ווערטערלעכע סימבאָלן איז ווי איבערשיקן בריוו דורך ליידיקע קאָנווערטן.

אויך דער דייטשיש יידישער פֿילאָסאָף הערמאַן כהן שרייבט אַז מיר דענקען נישט מיט קאָנקרעטע פֿאָרשטעלונגען און נישט באַשיינפּערלעך, עס איז ביי אונדז פֿאַראַן אַ „ריינער דענקען". פֿון דרויסן קומט נאָר דער „אָנצינדער פֿון געדאַנק" („לאָגיק דער ריינער ערקענטניס"). ווי ווייט די ראַציאָנאַליסטן אין דערציאונג זענען געגאַנגען מיט זייער אַרויפֿצווינגען אויף די קינדער פֿאַשטעלונגען און בילדער אַפֿילו דאָרטן וווּ מען קען גרינג אויסקומען אָן דעם קען מען זען למשל אין די מעטאָדן פֿון געבן די קינדער „צאָלן בילדער" ווי דאָס האָט געטאָן דער דייטש לאַי און אַנדערע. עס ווילט זיך מיר טראַכטן, אַז דאָ ווי אין אַ סך אַנדערע ערטער זענען פֿאַראַן עלעמענטן פֿון דעם דייטשישן טאָטאַליזם און מושטרא. דאָס גייט אין דעם אַלגעמיינעם וועג: נישט העלפֿן די קינדער זאָלן זיך שאַפֿן זייערע פֿאָרשטעלונגען (און מיינונגען) נאָר געבן זיי פֿאַרטיקע, אוניפֿיצירטע. ווי אַ רעזומע פֿון דעם וואָס איז גע־

זאָגט ביז איצט וועלן מיר ווייטער ציטירן איינעם אַ מאָדערנעם קינדער פּסיכאָלאָג (גאָופּ). ער שרייבט:

פּונקט ווי די פעאיקייט צו גיין ווערט דערוואָרבן אָן דער הילף פון באַוווסטזיין, אַזוי אויך איז די זאַך מיט דעם מהות פון אונדזער דענקען. מיר ווייסן גוט אַז באַגריפן אַרבעטן זיך אויס פון פאָרשטעלונגען, נאָר ווי אַזוי דאָס קומט פאָר, דאָס איז פאַרבאָרגן פון אונדזער וויסן. נוצנדיק אַן אויסדרוק וואָס מען פּאַלט אויף אים אָפּט אָן, וועלן מיר זאָגן, אַז אַ סך קומט דאָ פאָר אין „אומבאַוווסטזיין”. עס גייען אויך נישט דורך אונדזער באַוווסטזיין די קאָמפּליצירטע אינטעלעקטועלע פּראָצעסן פון פאַרגלייך, אונטערשיידן, קעגנשטעלן און אויסוואַל. מיר דערקענען די רעזולטאַטן פון די פּראָצעסן און נישט מער. מיר ווייסן אויך נישט ווי אַזוי געניטונגען פאַרפולקומען אָט די פּראָצעסן”.

אָט די רעזיגנירדיקע רייד „מיר ווייסן נישט” דערמאָנען שטאַרק דעם באַרימטן „איגנאָראַבימוס” וואָס דע־בוא־ריימאַנט האָט אַרויסגעבראַכט אין 1896 — מיר ווייסן נישט און מיר וועלן נישט וויסן. און אומזיסט: פון יענעם „איגנאָראַבימוס” אָן זענען מיר אַ סך געוואָר געוואָרן, און אויך דאָ אויף דעם געביט פון דעם אינטימערן פּעדאַגאָגישן פּראָצעס איז אויך די לאַגע נישט אַזוי פּעסימיסטיש־טרויעריק. מיר דאַרפן נאָר זוכן דעם וועג אויף אַנדערע וועגן. לאָמיר פּרובירן.

* * *

מען באַנוצט זייער אָפט דאָס וואָרט „אינטואיציע”, אָבער זעלטן ווען מיר נעמען עס אויף נישט ווי עפּעס אַ מין מיסטישע אומדעפינירבאַרע זאַך וואָס איז איבער אונדזער כּוח און איבער אונדזער מוח. און דעריבער איז דאָך נישטאָ וועגן אינטואיציע צו ריידן. גיי רייד וועגן דעם וועג פון די שטערן אַז עס איז נישט ביי אונדז אין האַנט צו זיי קערעווען. אָבער צי איז עס אַזוי טרויעריק באמת?

די דעפיניציעס מאַכן ווייניק וואָס קלאָרער דעם ענין.

אינטואיציע — דאָס איז אַ באַגייסטערטע טרעפן, אַ קינסטלערישע געביידע, זאָל האָבן שאָפּענהייער געזאָגט. אָבער דאָס זאָגן זאָגט אין תוך אַריין גאָרנישט, נישט מער אַז אינטואיציע איז שטאַרק עמאָ־

ציאָנעל באַפאַרבן. קאַנט דעפינירט אינטואיציע ווי אַ פאָרמע פון „אומ־מיטלבאַרע פאַרשטעלונגען". איז אָבער וואָס ווייטער? איטלעכע טעאָריע אָדער דעפיניציע דאַרף דאָך אונדז פירן צו אַן ארבעטס היפּאָטעזע. די דעפיניציעס גיבן אונדז דאָ דערוויל גאָרנישט. פאַר קאַנטן איז אינטואיציע עפּעס וואָס ער רופט אָן „אַפּריאָרע וויסן" אָן דער הילף פון אונדזער דערפאַרונג, און עס איז בפירוש נישט אַזוי.: אין געביטן ווו עס איז נישטאָ קיין דערפאַרונג וועט מען קיין מאָל נישט איבער־לעבן קיין אינטואיציע.

פון שפּינאָזען דערמאָנט זיך מיר אַ זאַץ בערך אַזאַ: מיר ווייסן די ריכטיקייט פון אַ געוויסן זאַץ, אָבער מיר זוכן ערשט פאַר אים אַ באַ־שטעטיקונג. עס איז ווי מיט אַ גענאָמעטרישער טעאָרעמע: מיר ווייסן אייגנטלעך דעם ענטפער, נאָר מיר זוכן נאָך לאָגישע באַווייזן. דער אמת איז אונדז געגעבן, מיר דערפילן אים אין זיך, נאָר מיר זוכן ערשט ראַציאָנעלע באַווייזן. דאָ איז די אינטואיציע נישט קיין מעטאַפיזישער וועזן ווי ביי קאַנטן, און מיר קענען האָפן צו קענען ווירקן אויף איר.

אַ סך נעגטער ברענגט אונדז צום ציל אַ געוויינטלעכער אויסדרוק ביי מענטשן. מען הערט גאָר נישט זעלטן אַזוינע אויסדרוקן: „איך האָב באַלד פאַרשטאַנען וועגן וואָס עס גייט, אָבער איך האָב עס נישט געקענט אַרויסזאָגן, דערקלערן". בכן האָבן מיר די ערשטע אייגנשאַפט פון אינטואיציע — עס איז אַ פּראָצעס אַ מיטאַמאָליקער און אַ גאַנ־צער: „מיט איין מאָל קלאָר געוואָרן". קיינע דעטאַלן, פּרטים, קיין בהדרגהדיקייט — מיט איין מאָל. עס איז ווי אַן אויפּריים פון אַ פּאַס פּולווער און נישט ווי דאָס ברענען פון אַ קנויט. אָט ווי מיר עפענען די אויגן און מיר דערזעען אַ גאַנץ בילד מיט איין מאָל. און פּונקט ווי אין בילד זעען מיר נישט דערוויל קיינע דעטאַלן, אַזוי איז אויך מיט דעם אינטואיטיוון געדאַנק. מיר פילן אים מער איידער מיר ווייסן אים. עס איז אַן אמת אַ סינקרעטישער, און דערמיט איז ער אַנדערש פון דעם וואָס מיר רופן אָן „דיסקורסיוו דענקען".

דער צווייטער מאָמענט אין אינטואיציע איז די עמאָציע, די פרייד פון אַנטדעקן. די פרייד דאָס איז אפשר דער גרעסטער פאַרגעניגן פון דעם דענקענדיקן מענטשן, דאָס איז די שאַפונגס פרייד. ווער עס האָט

נישט איבערגעלעבט די פרייד פון אינטואיציע, דער האָט קיין אמתע פרייד נישט געהאַט.

דער אינטואיטיווער געדאַנק איז תמיד אינטים, עס דוכט זיך אונדז אוים, אַז מיר האָבן אים אַנטדעקט, ער איז אין אונדז געבאָרן געוואָרן אָן עמיצנס הילף, אָן עמיצנס אָנרעגונג, בכלל אָן עפּעס אַן אָנרעגונג פון וואַנען עס איז. נישט אומזיסט האָט די יידישע טראַדיציע געגלויבט אין אַן „אַנטפּלעקונג פון אליהו" — ווען עמיצער לערנט די תורה (און יידן פּלעגן עס טאָן אַ גאַנץ לעבן, אַלע טאָג) און עפּעס מאַטערט אים אַ געדאַנק, אַן אָרט וואָס ער פאַרשטייט נישט אָדער עפּעס אַנ־דערש, קומט צו אים אליהו הנביא און אַנטפּלעקט אים.

אין תוך אַריין האָט דאָס אינטואיטיוו דענקען אַלע עלעמענטן פון דעם דיסקורסיוון געדאַנק, אַלע זיינע עטאַפּן, אָבער די אַלע וועגן צום אויספיר גייט דער געדאַנק דורך אָן באַוווסטזיין. פּונקט ווי אַ קינד אָדער אַ חיה קענען דורכפירן אַדעקוואַטע האַנדלונגען און זיי קענען זיי לגמרי נישט דערקלערן, זיי ווייסן אפילו נישט אַז זיי טוען ריכטיקע אַדעקוואַטע זאַכן, פּונקט אַזוי קען מען דענקען (טאָן אין געדאַנק) און נישט וויסן פון דעם.

אָבער ווען? — ווען עס זענען פאַראַן אינעווייניקסטע עמאָציאָנעלע סטימולן צו דעם. אַ געדאַנק איז בכלל מער אַ פּראָדוקט פון געפיל לעבן. דאָס דערקלערן און אָנרופן אַלע עטאַפּן פון געדאַנק איז אָפט גאָר שעדלעך, ווייל עס צעשטערט די אינטימקייט, דעם סוביעקטיוון כאַראַקטער.

און אָט דער עמאָציאָנעלער סטימול קען על פּי רוב זיין פאַרוואונ־דערונג. פאַרוואונדערונג דאָס איז די מוטער פון איטלעכן טראַכטן, פון יעדער זוכן. דאָס איז נייגיריקייט, און אין העכערער, קולטיווירטער מדרגה איז דאָס וויסנגיריקייט. מיט וויסנגיריקייט שטעקט מען זיך אָן, קען אויך דער לערער אָנשטעקן זיינע תלמידים, — און טאַקע דאָ קען זיין דעם לערערס גרעסטער פאַרדינסט. אָן וויסנגיריקייט איז יעדער לערנען נישט נוציק, עס איז ווי בויען ווענט ווען עס איז קיין פונדאַ־מענט נישטאָ, אָדער ווי מען זאָגט עס ביי יידן — קלעפּן אַרבעס צו דער וואַנט.

דיוי זאָגט: „דאָס דענקען הייבט זיך אָן פון עפּעס א שוועריקייט, פון אַ צעטומלטקייט אָדער אַ ספק. דאָס דענקען איז נישט קיין פאַל פון זעלבסטאָנצינדונג, עס קומט נישט אויפן באָדן פון „אַלגעמיינע פּרינ־ציפּן", פאַראַן עפּעס ספּעציפישעס וואָס שאַפט און רופט אַרויס דאָס דענקען. אַרויפוווירקן אויף אַ מענטשן און אויך אויף אַ קינד אַ געַ־דאַנק אומאָפּהענגיק פון דעם צי ביי אים אין דערפאַרונג איז פאַראַן פון פריער אָט די נייטיקע שוועריקייט, וואָס מאַטערט אים, וואָס שטערט זיין גלייכוואָג, איז פּונקט אַזוי פּרוכטלאָז ווי ווען אויפהייבן זיך אַליין פאַר די אויערלעך פון די אייגענע שטיוול". מיר קענען אויסרעכענען די עלעמענטן פון אינטואיציע:

1. די מיטאַמאָליקע אַנטפּלעקונג פון געדאַנק אין זיין גאַנצער גאַנצקייט.

2. די אינטימקייט פון דעם פּראָצעס און די פרייד וואָס באַגלייט אים.

3. די צוגרייטונג צו אים אין אומבאַוווסטזיין, אין די עמאָציאָנעלע ספערן אונדזערע.

4. דער עמאָציאָנעלער אָנצינדער פון דעם געדאַנק, וואָס זיין הויפּט־פאַקטאָר איז על פּי רוב די אָנגעשטעקטע ווייסגיריקייט.

וואָס מער פאַרזיכיקע אריינגעטאָנענקייט, פאַראינטערעסירטקייט עס איז פאַראַן, אַלץ מער מעגלעכקייטן פאַרן אינטואיטיוון פּראָצעס פון דענקען. דאָ איז די וויכטיקסטע ראָלע פון לערער, און נישט אין זיינע קלאָרע דערקלערונגען. נישט באַווירקנדיק די עמאָציאָנעלע ספערן פון תלמיד קען מען נישט באַלערנען. אַזאַ לערנען איז גלייך ווי מען וואָלט געאַקערט און געזייט אָן זון און אָן רעגן.

דאָס דענקען פון קינדער איז אָנגעזאַפּט מיט עמאָציעס. אין די ערש־טע יאָרן פון לעבן זענען די עמאָציעס נישט נאָר דער הויפּט אינהאַלט פון שפּראַך און געדאַנק, נייערט אויך זיינע וויכטיקסטע מאָטאָרן. נישט די אָביעקטיווע באַציאונגען, נישט די רעאַלע פאַרבינדונגען, נאָר די פאַרלאַנגען און נייגונגען — זיי זענען די פירנדיקע פּרינציפּן פון קינדס דענקען (ארקין „דאָס קינד פון איין יאָר ביז פיר", רוסיש).

איך גלייב אָבער צו זיין נישט ווייט פון אמת אויב איך וועל זאָגן,

אז אויך ביי דערוואקסענע איז דער געדאנק סוביעקטיוו און עמאציאָנעל נישט ווייניקער ווי ביי קינדער. אזוי ארום קען אונדז ביסלעכווייז קלאָר ווערן דער גאַנג פון דעם „מיסטישן" אינטואיטיוון פּראָצעס.

בראשית דאַרף זיין א פאראינטערעסירונג, וואָס מיט איר ווערן די קינדער אָנגעשטעקט.

דאָס איז א צושטאנד א דויערנדיקער, און וואָס מער סטימולן עס זענען פאַראַן — אַלץ בעסער, וואָס מער די פאראינטערעסירונג ווערט אומאָפּהענגיק פון די לעקציעס און פון לערער, אַלץ טיפער און אַקטיווער ווירקט זי. מער אָרגאַניש און פאַרזיכיק איז זי ביים תלמיד, דאָ ליגט די וויכטיקסטע קונסט פון דעם פּעדאַגאָגישן פּראָצעס, פון דעם לערער. און וואָס טיפער דער אינטערעס, אַלץ מער מעגלעכקייטן פאַר דער אינטואיציע, אַלץ טיפער און ווירקנדיקער איז דער פּראָצעס. דער אינטערעס איז דער באָדן וואָס נאָר אויף אים קען אויסוואַקסן די אינטואיציע. און זי איז „פיל טיפער פון דער ראַציאָנעלער דערקענטיש" זי איז פאַרבונדן מיט געפיל און איבערלעבונג. יעטוועדער מענטש, וואָס איז איבערגעגעבן, פאַרטיפט קען אויפנעמען: די זאַכן גופא, אינעווייניק, טיף" (ספּינאָזע). דאָס איז דער נאַטירלעכער פּראָצעס פון דענקען, איבערהויפּט ביי קינדער. "דער גרעסטער טייל פון דעם קינדס אַקטיוויקייט אין פאַר שול עלטער, — שרייבט דער רעפלעקסאָלאָגיסט אַריאַמאָוו, — איז סענסאָמאָטאָריש. דאָס הייסט א דירעקטער איבערגאַנג פון געפילן צו באַוועגונגען. אין דרויסן אַנטפּלעקן זיך פאַרשידענע באַוועגונגען פון שטאַרקע עלעמענטאַרע עמאָציעס וואָס ווערן באַלד פאַרוואַנדלט אין אויסדרוק און טעטיקייט".

אָט דער אַקטיווער אינטערעס וואָס גייט דירעקט פון עמאָציעס צו מעשים, — און צו אַדעקוואַטע מעשים! ער שאַפט דעם צושטאַנד וואָס דזשעמס רופט אָן „דיפוז וויסן".

דאָס איז א צושטאַנד וואָס מען וואָלט געקאָנט אָנרופן מיטן נאָמען „פּאָטענציעל וויסן" ביי די פאַרצייטיקע יידן האָט עס געהייסן „תורתי בתוך מעי" — אינעווייניק אין זיך טראָג איך דאָס וויסן, נישט אין זיכרון און נישט אין באַוווסטזיין. אָנשטעקן זיך מיט דעם שעפערישן אינטערעס קען מען זיך אוממיטלבאַר פון דער סביבה, פון דעם

לערער, אָבער נישט דורך זיין אַגיטאַציע, נאָר פון זיין אומטיטלבאַרער אייגענער פּאַראינטערעסירטקייט מיט דעם וואָס ער לערנט. פון מיין פּאַטער האָב איך אַ ווערטל, אַז אין אַ שטוב וווּ מען לערנט, פאַרשפּאָרט מען צו געבן די קינדער לערנען — זיי לערנען זיך אוים אליין, „פון דער לופט". אויב דער לערער האָט אויך אַ פּאַעטישע באַציאונג צו זיין געביט, קען אויך זיין וואָרט ווירקן, אָבער וויכטיקער איז זיין אייגענע באַציאונג. אַ לערער פון דעם טיפּ אַנגעשטעלטע, האָט קומט אין שול צו „פּאַרקויפן" שטיקלעך פון פּראָגראַם, אַזאַ לערער וועט נישט אויפוועקן קיינע אינטערעסן. אין אַ גרויסער מאָס קען דער לערער איינפלאַנצן אַזוינע אינטערעסן, ווען ער קען פאַרבינדן דאָס געלערנטע מיט דערשיינונגען אין דעם דירעקטן לעבן פון די תלמידים:

איין לעבעדיק דורכגעפירטע עקסקורסיע אין אַ גאָרטן, צי אפשר נאָר צו די ביימער אויף דעם שול הויף גופא קען מער איינפלאַנצן אינטערעסן איידער אַ צענדליק גוטע אָדער שלעכטע מיינונגען אין יאָר. נאָך וויכטיקער קענען זיין קאָלעקטיווע אויפגאַבעס עפּעס צו שאַפן, עפּעס אויפצובויען. און נישט ווי דאָס גיט די אָנגענומענע הערבאַרטיאַנער פּעדאַגאָגיק, צוערשט וויסן און שפּעטער אויסנוצן, נייערט פאַרקערט: צוערשט באַאַרבעטן, און צוליב דעם לערנען. קינדער האָבן נאָך ווייניקער ווי דערוואַקסענע ליב צו לערנען כדי „צו וויסן" — מוחל דאָס וויסן, אַבי נישט צו לערנען. גאָר אַנדערש האָבן די קינדער ליב עפּעס אַקטיוו צו שאַפן, צו טאָן, און דערביי איז דאָס לערנען אויך גערן און גאָר נישט שווער. און נאָך עפּעס:

דאָס לערנען לשם ויסן איז נאָך נישט כאַראַקטער־בילדנדיק, ווי מיר האָבן שוין דאָס באַמיט זיך צו דערווייזן פריער. דאָס קאָלעקטיוו שאַפן דאָס דערציט, דאָס העלפט דעם כאַראַקטער זיך צו פאָרמירן, נישט נאָר די אינטערעסן. איינפלאַנצן אינטערעסן מיט איין לעקציע איז נישט מעגלעך, דעריבער ריידן מיר פון „געפלאָכטענע מעטאָדישע איינסן" פאַרבונדן מיט שעפערישער קאָלעקטיווער אַרבעט.

זענען דערגרייכט געוואָרן די רעזולטאַטן, איז פאַראַן ביי די קינדער אַן אַקטיווער אינטערעס (דער סימן — זיי טראַכטן וועגן דעם יישט נאָר אויף די לעקציעס), דעמאָלט איז שוין פאַראַן דאָס דיפוז וויסן, דאָס

פּאָטענציעל וויסן, — און עס איז נייטיק נאָר דער קליינער „אָנצינדער" צו מאַכן דאָס וויסן „קינעטיש", ריכטיקער — צו אַנטפּלעקן דאָס וויסן, דערפירן צום באַוווסטזיין, מאַכן וויסן אַז מען ווייס עפּעס. קיין מאָל טויג דאָ נישט דעם לערערס דירעקטע פאָרמולירונג, זיין אונטערזאָגן דעם פּאַרטיקן זאַץ. ביי פּעאיקערע און פּאַראינטערעסירטע תּלמידים רופט אַזאַ פאַרטיקע אונטערזאָגן פון לערער אַרויס אַ פאַרדרוס — מען האָט ביי זיי צוגערויבט אַ מעגלעכקייט עפּעס צו אויפטאָן, צו זיין שעפעריש. פּאַסיווע תּלמידים וואָס האָבן נישט איבערגעלעבט אין שול קיין אינטואיציע — זיי אַרט עס סיי ווי סיי נישט. דאָ קען זיין גוט אַ פראַגע, אַ משל, אַ סיטואַציע, אַן אָנרעגונג און עמיצער פון די קינדער וועט זיך אַרויסכאַפּן. דאָס איז די „אַנטפּלעקונג". די אַנטפּלעקטע אַרויסזאָגונג פון קינדער איז קיין מאָל נישט פולקאָם. אָט דאָ הייבט זיך אָן די אייגנטימלעכע אויפגאַבע פון לערער ווי אַ לערער. ער דאַרף ערשט נעמען פאַרטיפן די אַרויסזאָגונגען פון די קינדער, ער דאַרף פאַר זיי קלאָר מאַכן דעם געדאַנק וואָס זיי אַליין האָבן „געטראָפן", ער דאַרף ברענגען מוסטערן פון לעבן, ער דאַרף צעגלידערן און אַמאָל קאָמבינירן דאָס וואָס די קינדער האָבן געכאַפּט אינטואיטיוו, אָפט אַליין נישט פילנדיק דעם גאַנצן אינהאַלט פון זייער זאָגן. צומאָל קאָן דאָ זיין געווונטשן אַרויסצורופן ספקות, און ערשט שפּעטער צו דערפירן צו אַ באַשטעטיקונג.

אין דיביידע עטאַפּן איז זייער וויכטיק קאָנצענטרירטקייט. ווי אָפט צעשטערן די לערער אַליין די קאָנצענטרירטקייט פון קלאַס מיט זייטיקע באַמערקונגען און מיט זייער אייגענער נישט קאָנצענטרירטקייט! די אַלטע יידישע מעטאָדיק פון לערנען פלעגט זיך באַמיען צו דערפירן צו קאָנצענטרירטקייט אויך דורך אויסערלעכע פאַקטאָרן ווי דורך לערנען שטייענדיק, אויפן קול וכדומה. אָפט פלעגט עס דערפירן אויך צו אינעווייניקסטער שטאַרקער קאָנצענטרירטקייט. ווען עס שטייען פאַר די קינדער שעפערישע אויפגאַבעס, זענען די קינסטלעכע מיטלען על פּי רוב נישט נייטיק.

אויף אַ דער צווייטער מדרגה, ביי דער אַנטפּלעקונג קומט אין אַקטיווקייט דער אינטעלעקט. אינטואיציע און אינטעלעקט זענען נישט קיין

קענגנזאצן, — עס זענען נאָר צוויי מדרגות פון אונדזער גייסטיקער אַק־טיוויקייט, דער אינטעלעקט איז אַן אנבוי אויף דער אינטואיציע. אַלע וואָס מיר האָבן געשריבן פריער טאָר נישט אויסגעטייטשט ווערן ווי אַ קעגנערישקייט צום אינטעלעקט בכלל, נאָר קענען אָנהייבן פון אים בעת ער מוז קומען נאָר ווי די צווייטע מדרגה נאָך דער אינטואיטיווער באַ־ווירקונג.

דאָס נעמען צו הילף זייטיקע אינטערעסן, ווי באַלוינונגען און שטראָפן ברענגען נוצן ביז... דעם עקזאמען. דאָ באַקומט זיך אַן איי־בערבייט פון די ראָלן: די באַלוינונגען וואָס דאַרפן זיין אַ מיטל ווערן דער ציל און דאָס וויסן וואָס דאַרף זיין דער ציל ווערט אַ מיטל צו קריגן אַ מיינונג. געקראָגן די מיינונג — האָט שוין דאָס וויסן גאָר קיין זינען מער נישט. אין דעם אינעווייניקסטן גייסטיקן מעטאַבאַליזם גייט עס נישט אריין בכלל.

אין דער טראַדיציאָנעלער יידישער פּעדאַגאָגיק איז פאַר דעם געווען אַ ספּעציעלער טערמין: „לשמה" און נישט „לשמה" — דירעקטע פאַראינטערעסירונג אין דעם וויסן גופא, און אַנדערע, זייטיקע אינ־טערעסן, ווען דאָס וויסן ווערט סעקונדער. פונדעסטוועגן ברענגען אָט די צוגאָב סטימולן אָפּט נוצן פאַר דער אויסבילדונג פון כאַראַקטער: ערשטנס קומען דאָ דיסציפּלינירנדיקע געוווינהייטן, וואָס זענען פאַר זיך זייער וויכטיק, און צווייטנס, טרעפט זיך גאַנץ אָפט, אַז פון דעם ארויפגעצוווּנגענעם אינטערעס קומט עס צו אַן אָרגאַנישן.

ווען דער לערער פּאַרטיפט און סיסטעמאַטיזירט די אַנטוויקלונג פון די קינדער האָבן מיר די דריטע מדרגה — סיסטעם און עס בלייבט די לעצטע מדרגה — די אָנווענדונג. דאָס איז דער פאַרענדיקטער קרייז פון וויסן.

אַלע אָרגאַנישע געדאַנקען, אַלע גרעסערע וויסנשאַפטלעכע אויפ־טוען זענען דורכגעגאַנגען דעם פּראָצעס — פון אינטואיציע צו אינ־טעלעקט. דער בעסטער באַווייז פאַר דעם זענען די צו לעגענדע געוואָ־רענע דערציילונגען וועגן ניוטאָנס עפּל, וואָס האָט אים געבראַכט צו דער אַנטוויקלונג פון זיינע קאָסמישע געזעצן. מער נישט וואָס שוין נאָכדעם ווי ער האָט די געזעצן „דערשפּירט" האָט ער פאַרבראַכט

זיבעצן יאָר פון זיין לעבן אויף די אויסרעכענונגען און קאָנטראָל. די קאָסמישע אינטערעסן זענען געווען פון פריער, די פּראָבלעמען האָבן געמאַטערט פון פריער — די זענען געווען די טיף איינגעפלאַנצטע אינ־טערעסן. האָט געקענט אַ פאַלנדיקער עפּל ברענגען צו אינטואיטיווער אַנטפּלעקונג. וואָלט ניוטאָן געווען אַן עפּל־הענדלער אָדער לאָמיר זאָגן — גערטנערער, וואָלטן זיינע אינטערעסן געווען פון גאָר אַן אַנדער מין, און אויך די אַנטפּלעקונגען. דאָס זעלביקע לאָזט זיך זאָגן וועגן דאַרווינען, וואָס דער הויפּט פּרינציפּ פון זיין טעאָריע איז אים געוואָרן אַנטפּלעקט ווען ער איז נאָך אַ יונגערמאַן געפאָרן אין „ביגל". מער נישט וואָס די באַגרינדונג האָט ביי אים גענומען ניין און דרייסיק יאָר לעבן און אַרבעט. דאָ איז די ראָלע פון די הערשנדיקע אינטערעסן וואָס באַצווינגען דעם מענטשן און זיין מוח פאַר איין געביט ווו ער פילט זיך היימיש און שעפעריש. דאָס איז וואָס מען רופט אין די עלטערע לערנביכער אַפּערצעפּציע, און איינער אַ רוסישער געלערנטער האָט עס אין גייסט פון רעפלעקסאָלאָגיע אָנגערופן „דאָמינאַנטע". (אוכטאָמסקי).

אָט צו דער דריטער מדרגה, צו דער סיסטעמאַטישער באַאַרבעטונג נאָכדעם ווי די אַנטפּלעקונג איז שוין געמאַכט, — צו דעם זענען קינ־דער ביז אַ באַשטימטער אַנטוויקלונג לגמרי נישט פעאיק. זיי בלייבן אויף דער מדרגה פון נישט באַאַרבעטן און נישט פאָרמולירטן וויסן, דאָ איז די אויפגאַבע פון דעם לערער, וואָס זיין דאָמינאַנטע איז כּמעט טיילווייז פאַרבונדן מיטן געביט וואָס ער לערנט, און ער איז דערצו גע־בענטשט מיט אַן אינטואיטיוון חוש צו קענען כאַפּן דעם געדאַנקען גאַנג פון די קינדער, און זיי פירן פון אָט דעם פּונקט צוערשט אינדוק־טיוו צו פאַרטיפן און סיסטעמאַטיזירן די געלערנטע געזעצן און כּללים און נאָכדעם דעדוקטיוו זיי צו קאָנטראָלירן, — אזא לערער ברענגט מע־רער נוצן ווען ער באַווייזט אפילו דורכצוגיין נאָר אַ העלפט פון דער פּראָגראַם.

וויפל מענטשלעכע דערפינדערישע אינטואיציע עס גייט פאַרלאָרן נאָר דערפאַר וואָס דאָס לערנען אין די שולן איז סטעריל! דערפאַר וואָס דאָס לערנען „קאַסטרירט" דעם שעפערישן מוח פון די תלמידים! אַ גרויסע טייל פון דער שולד פאַר דעם ליגט אויף די פּע־זאָגען

און אויף די קלאַסן וואָס גליבן אַז נאָר זיי זענען געבאָרן געוואָרן צו הערשן. און אַלע אַנדערע דאַרפן קענען נאָר אויספירן וואָס מען הייסט זיי טאָן, דען זיי זענען געבאָרן געוואָרן צו פאָלגן. פּרעסע, ראַדיאָ, פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטעריומס — אַלץ איז אין רשות פון די וואָס האָבן ביד צו סוגעסטירן אַלעמען זייער מיינונג און זייער ווילן. און צו דעם אַלעם די שול־מעטאָדיק, וואָס „גרייט צום לעבן" דורך געבן אַ סכום פאַר־טיקע, פּרעפּאַרירטע און פאָרמולירטע וויסנס.

עס דאַרף ווערן דער לאָזונג, די שטרעבונג פון דער דעמאָקראַ־טישער וועלט — וואָס מער אויסנוצן און וואָס פּראָדוקטיווער צו מאַכן די אינטואיציע אין פּראָצעס פון דערציאונג. נישט אין אַ קליי־נער מאָס הענגט פון דעם אָפּ דער גורל פון דער מענטשהייט.

*

*   *

וואָלטן מיר געוואָלט פּרובירן צו פאָרמולירן אַט דעם נייעם וועג פון פּעדאַגאָגישן פּראָצעס, וואָס מיר האָבן דאָ באַמיט זיך צו באַגרינדן, וואָלט מען געקאָנט אויפשטעלן אַ בערכדיקע סכעמע. די סכעמע קען קיין מאָל נישט צונויפפאַלן מיט דער ווירקלעכקייט ווי אַ פּלאַן איז נישט די געביידע, ווי אַ כעמישע פאָרמולע אין נישט די שטאָף. אַ לערער וואָס גייט אין זיין אַרבעט נאָך טראָט אין טראָט נאָך דער סכעמע פאַרוואַנדלט זיין אַרבעט אין אַ טויטע סכעמע, בעת עס וואָלט געדאַרפט זיין פּונקט פאַרקערט — די טויטע סכעמע דאַרף זיך באַמיען צו העלפן אויפבויען עפּעס אָרגאַנישעס און אַקטיווס אין די הערצער און די מוחות פון די קינדער.

איז ווילן מיר אָנוואַרפן אַ סכעמע פון דעם דערציערישן לערנען וואָס באַמיט זיך איינצושפּאַנען די אינטואיציע פון די קינדער, זי צו באַפרוכפּערן, אַקטיווירן זי. אויך דאָ דאַרפן זיין „דידאַקטישע מדר־גות" ווי זיי זענען פאַראַן אין דער הערבאַרטיניאַנער פּעדאַגאָגיק. אָבער זיי זענען גאָר פון אַן אַנדער מין.

אויף דער ערשטער מדרגה דאַרף קומען נישט „קלאָרקייט", נישט

ראַציאָנעלע פאָרמולירונג און אויפקלערונג נישט אין ווערטער און נישט פאָרשטעלונג. כדי דער ענין, די „סוגיא" זאָל ארויסוואקסן אינעווייניק אין דעם תלמיד גופא, דארף די ערשטע מדרגה זיין — אַן אקטיווע אויפגאַבע, עפּעס צו שאַפן, צו מאַכן, עפּעס צו טאָן אַזוינס וואָס נויטיקט זיך אין דעם וויסן, אין קענטענישן. עס איז די מדרגה פון „שעפערישער נויטווענדיקייט". דארפן מיר לערנען די קינדער אין ערשטן קלאַס שרייבן, הייבן מיר נישט אָן פון עלעמענטן, נאָר פאַרקערט — מיר שטעלן די קינדער פאַר דער באַדערפעניש צו שרייבן, און דווקא גאַנצע זאַכן. נישט „נעמט און שרייבט" ווייל איך לערער, היים, — נאָר היות ווי מיר מאַכן אָט די און די אַרבעט און אין דער אַרבעט מוזן מיר פאַרשרייבן דאָס און דאָס, בכן נאָט אייך און שרייבט... מען דארף לערנען אין געאָגראַפיע דעם גלאָבוס, לאָמיר זאָגן, — הייבן מיר אָן פון באַשטימען (מיט די איינפאַכסטע אַליין געמאַכטע מכשירים) די ברייט פון אונדזער אָרט. און אַזוי אויף אַלע געביטן פון לערנען אָן אויסנאַם. די שעפערישע אויפגאַבע קאָנצענטרירט אויף אַ לענגערע צייט די אויפמערקזאַמקייט פון די קינדער, זיי טראַכטן וועגן איר נישט נאָר אויף די לעקציעס. די אויפגאַבע ווערט אַ „דאָמינאַנטע". דער באָדן פאַר אינטואיציע איז דערמיט צעאַקערט, פאַרטיק געוואָרן.

די מדרגה פון שעפערישער אויפגאַבע איז נישט קיין אַרבעט פון אַ באַשטימטער צייט, היינט אָנגעהייבן און מאָרגן געענדיקט. עס מוז זיין אַ דויערנדיקער גאַנג. מען מוז זיך אריינלעבן אין איר, און דאָס מוז נעמען צייט. די אויפגאַבע גופא צעפאַלט אויף עלעמענטן, און דער וועג צו זיי מוז זיין נישט קיין אַנאַליטישער, פון דעטאַלן, פרטים צו דעם כלל, נאָר פאַרקערט — פון דער גאַנצער און אַלגעמיינער אויפגאַבע צו אירע דעטאַלן. אָט דער וועג — פון דעם גאַנצן צו די טיילן — מוז ווערן אַ געזעץ אין דערציאונג בכלל.

אויף דער מדרגה איז אוממעגלעך און נישט נייטיק צו שטעלן באַזונדערע „מעטאָדישע איינסן" ווי עס שטעלן זיך פאַר די הערבאַרטיאַנער, אויסגעסדרטע איינסן, טיילן פון דער פּראָגראַם, פונקטן אירע איינעם נאָכן צווייטן אָט ווי רינגען אין אַ קייט. עס איז נישט נייטיק און נישט נוציק אַז אין איטלעכן מאָמענט זאָלן די קינדער זיין פאַרנומען

נאָר מיט איין מעטאָדישן איינס און נישט מער. אַט דער מעטדישער איינס איז דאָך אַ ענין נאָר אין דער מעטאָדיק. אין לעבן קומען דאָך נישט די אויפגאַבעס אַזוי איזאָלירט און אויסגעסדרט איינע נאָך דער אַנ־דערער. פאַרקערט וועלן די קינדער ביי דער שעפערישער אויפגאַבע זיך דארפן און מוזן באַגעגענען מיט פראגעס, פּראָבלעמעס, כּללים, עלע־מענטן, וואָס געגומען סיסטעמאַטיש געהערן זיי גאָר צו פאַרשידענע איינסן. די שעפערישע אויפגאַבע שטעלט די קינדער פאַר זייער אַ וויכ־טיקן און דערציערישן פּראָצעס: זיי דאַרפן אַליין אין זיך גופא אַפּקלייבן, סעגרעגירן די וויכטיקערע אין דעם געגעבענעם מאָמענט עלעמענטן און לאָזן ווייטער די נישט וויכטיקערע. זיי דאַרפן אַרויסנעמען פון דעם געפלעכט פּראָבלעמעס די פעדים וואָס וועלן זיי פירן אין זייער אַר־בעט. אַט דער פּראָצעס פאַר זיך האָט אַ גרויסן כאַראַקטערבילדנדיקן ווערט. ווען אַ מענטש עסט טאָר מען אים נישט געבן באַזונדער און אויסגעטיילט באַזונדער קוילנהידראַטן און נאָכדעם די נייטיקע פּראָטע־אינען און דעם וויסנשאַפטלעך באַשטימטן סכום פעטן. זיי דאַרפן אַלע גיין צוזאַמען מיט אַ צוגאָב פון אַ סך אַפּעטיט־זאַכן וואָס זאָלן סטימולירן די פאַרדייאונגס אָרגאַנען... בכן נישט קיין „געקייטלטע איינסן" ווי דער פּעדאַגאָג, דער מעטאָדיסט שטעלט זיי אויס, אַבסטראַ־הירנדיק זיי אָפּגעריסן פון די לעבעדיקע קאָמפּלעקסן, נאָר דווקא אין „געפלאָכטענע איינסן" ווי די שעפערישע אויפגאַבע פאַרלאַנגט עס. איין און די זעלביקע שעפערישע אויפגאַבע וועט אָנרעגן די קינדער, זייער געדאַנק און אויך די איטואַציע נישט נאָר אויף דעם מאָמענט, צו איין פּראָבלעם קאָנקרעט, נאָר אויך צו שפּעטערדיקע פראַגעס און פּונקטן פון פּראָגראַם ווען זיי וועלן קומען.

אויף דער צווייטער מדרגה גייט טאַקע דער אַנאַליז פון דער אויפ־גאַבע אויף אירע טיילן אויפקלערן, באַלייכטן זיי איינציקווייז, פאַר־בינדן, פאַרגלייכן, אונטערשיידן דערשיינונגען און דערפאַרונגען אין לעבן. זייער אַפּט מאַכן דורך די תלמידים אַט די מדרגה אַליין, אָן דער הילף פון דעם לערער, אין זיך. און דאָס איז שוין אינטואיציע, דאָ איז שוין איר שעפערישע אַקטיווקייט.

און ערשט איצט דאַרף קומען די מדרגה וואָס ביי די הערבאַרטיאַ־

נער איז זי די ערשטע — קלאַרקייט. דאָ איז דאָ אָרט פאַר פאָרמולירונ־גען, דערקלערונגען, דעפּעניציעס, מיט איין וואָרט „וויסן" פאַרן אינ־טעלעקט.

אויף דער ווייטערדיקער מדרגה קומט דער סינטעז, די סיסטעמאַ־טיזירונג פון דעם מאַטעריאַל וואָס איז אין דער ערשטער מדרגה געווען „אַנגעוואָרפן" ווי אָן אַ סדר. דאָס איז די מדרגה פון סיסטעם. ערשט איצט קען מען אויסדרדן דעם מאַטעריאַל ווי עס פאַרלאַנגט די לאָגיק. דאָ קען קלאָר ווערן די פאַרזיכיקייט און בסדרדיקייט פון די איינסן. אָבער נישט ווי זיי דאַרפן דערשיינען פאַר דעם מעטאָדיסט, נאָר ווי זענען אין דער וויסנשאַפטלעכער לאָגיק.

און צום סוף קומט די לעצטע מדרגה — אָנווענדונג. אויסנוצן די דערוואָרבענע דערפאַרונג און וויסן פאַר דער ווייטערדיקער שעפערישער אַקטיווקייט.

אזוי אַרום פאַרענדיקט זיך ערשט דאָ דער קרייז פון שעפערישן לערנען — פון אויפגאַבע צו אויפגאַבע, פון אַקטיווער אַרבעט ביז אַק־טיווער אַרבעט, פון אָנווענדונג ביז אָנווענדונג. אויף דער ערשטער מדרגה איז דאָס אָן אַרבעט וואָס דאַרף ערשט פירן צום באַוווסטזיין, אויפוועקן דעם געדאַנק, אויף דער לעצטער מדרגה איז שוין דאָס פאַר־קערט — פון באַוווסטזיין צו אָנווענדונג. דעם ערשטן טייל פון „קרייז" רופן מיר אַן אינדוקטיווער טייל און דער צווייטער טייל איז דער דע־דוקטיווער.

אויף דער מדרגה פון שעפערישער אָנווענדונג פלעכט זיך אריין די נייע אויפגאַבע פאַר ווייטערדיקער באַלערנונג. דאָ וואָלט טאַקע ריכטיקער געווען צו זאָגן: עס קייטלט זיך אריין דער נייער „מעטאָדישער איינס".

אזוי ארום גייט דער פּעדאַגאָגישער פּראָצעס אין אַ וועג פון אַ ספּיראַל — איטלעכער מעטאָדישער איינס איז איין רינג פון דעם ספּיראַל, און אין איטלעכן רינג זענען צוויי מאָמענטן דער אינדוקטי־ווער — פון דער פּראַקטישער אויפגאַבע צום געדאַנק, פון שעפערישער אויפגאַבע צו שעפערישן דענקען, — און דער צווייטער טייל — דער דעדוקטיווער, פון געדאַנק אין דער פּראַקטישער פאַרווענדונג אריין.

פאַרשוננס עקספּעדיציעס ווי אַ מעטאָד פון דערציערישן לערנען

אונדז יידישע לערערס וואָס זענען אויסגעוואַקסן אויף „חידושי תורה" איז קיין מאָל נישט געווען צום הארצן דאָס ווערבאַל לערנען טעקסטן, אַנשטאָט צו נוצן די ביכער, כדי מיט זייער הילף צו לערנען די זאכן גופא. מיר פילן נישט קיין טעם פון לערנען ווען אַנשטאָט אַ געאָגראַפיע פון דער ערדישער ערד ווערט נאָר געגעבן אַ פּאַפּירענער טעקסט פון אַזוי פיל און אַזוי פיל פּאַראַגראַפן; אַנשטאָט פּיזיק אין אַלע ווינקעלעך פון לעבן ווידער און ווידער אַ טעקסט. און אַזוי כסדר. און וואָסער לערער עס האָט זיך נאָר אַמאָל גוט אריינגעטראַכט, האָט ער געוויס באַמערקט, אַז אַלע געלערנטע געביטן אַסאָציירן זיך ביי די תלמידים נישט מיט די זאכן גופא ווי זיי זענען אין גאַנס וועלט, נאָר מיט ביכלעך און מיט ביכער. אַנשטאָט גאַנס וועלט, אַנשטאָט דעם לעבן פון מענטשן ווערן געגעבן די תלמידים פאַרטיקע ווערבאַלע פאָרמולעס — נייט טראָגט זיך מיט דעם. אַ משל, צו וואָס די זאַך איז געגליכן? — צו דעם ווען עמיצער זאָל מאַכן אַ רייזע איבער דער וועלט קוקנדיק אויף פּאָסט־קאַרטלעך. און די ביכער זענען נאָך ערגער — זיי זענען דאָך אַבסטראַקציעס.

און אַזוי האָבן מיר אַלע מאָל געשטרעבט צו דערפירן די ראָליע פון ביכל צו דעם נאָר וואָס עס דאַרף זיין — אַ הילף, אַ מיטל, וואָס מיט

זיין הילף באַמיען מיר זיך צו לערנען די זאַכן גופא. לאָמיר גיין דיר־עקט צו די אָביעקטן.

די ערשטע פּראָבע פון אַזאַ צוגאַנג צו אַ לימוד׳ אין שול האָבן מיר געמאַכט מיט אַ סך יאָרן צוריק אויף דעם לימוד פון יידישער געשיכטע. מיר האָבן פאַר די קינדער אַנטוויקלט אַ גאַנצע סעריע פּראָבלעמעס וועגן דעם לעבן פון די יידן אין דער ערשטער תקופה. און דאַן האָבן מיר זיי געהאָלפן זוכן אין חומש מקורים און אויפן סמך פון אַט מקורים האָבן זיי געדאַרפט זיך קלאָר מאַכן דאָס בילד. די קינדער יעגען ראָ געשטעלט געוואָרן אין דער ראָלע פון פאָרשערס, וואָס טרעטן אויס אַ נייעם וועג. נישט אומזיסט זאָגט ערגעץ דיואי אַז קינדער דענקען ווי פאָרשערס. אַ באַריכט פון דעם עקספּערימענט איז געווען אָפּגעדרוקט אין „שול און לעבן" קיעוו 1919 און אין דער„ נייער שול" וואַרשע. דער מעטאָד איז נאָך ברייטער און דעטאַלער פאַנאַנדערגעאַרבעט גע־וואָרן אין ארץ ישראל דורך רבקה גאָלאָמב. נאָך מערער און אויף אַן אַנדער וועג איז דער זעלביקער צוגאַנג דורכגעפירט געוואָרן דורך דעם געוועזענעם סעמינאַריסט נוח צוקערמאַן אין די צוואַנציקער יאָרן אין דער יידישער שול אין פּרוזשאַנע. פון דער אַרבעט איז אויסגעוואַקסן דער „פּרוזשאַנער פּינקס" וואָס איז אין זיין צייט באַרימט געוואָרן אין די קרייזן פון יידישע היסטאָריקער און פּעדאַגאָגן. אויף אַן איינפאַ־כערן אופן האָט ח׳ זאַלף אַן ענלעכע אַרבעט דורכגעפירט אין דער ווי־ניפּעגער פּרץ שול „די געשיכטע פון יידן אין וויניפּעג" לויט דאָקו־מענטן פון פאַרשידענע לאַנדסמאַנשאַפטן, זיכרונות פון וועטעראַנען וכדומה.

אַ וויכטיקערער געביט פאַר אַזוינע פאָרשונג־עקספּעדיציעס זענען די געביטן פון געאָגראַפיע און נאַטור. אין די אַמעריקאַנער לענדער האָט דער יידישער פּעדאַגאָגישער געדאַנק נישט קיין צוטריט צו די געביטן. עס בלייבט פאַר אים אין די יידישע שולן אפילו בלויז צוצוזען און צו באַדויערן ווי אַנשטאָט צו קאָנצענטרירן די מוחות פון די קינ־דער אויף דעם „מה רבו מעשיך ד׳" זענען די לימודים געוואָרן נישט מער ווי טויטע פּאַראַגראַפן פון אַ בוך וואָס מען לערנט אויס כדי צו האָבן אַ גוטע מיינונג ווי אַ שטאַפּל צו אַ קאַריערע. איך האָב שוין זוכה

געווען צו זען יוגנט, אָנגעלערנט מיט באָטאַניק, „פּאַרענדיקטע" (אָ, ווי טרויעריקעס איז, וואָס תּלמידים פון שולן האָבן דעם באַוווסטזיין, מיטן אָפּגעבן דעם עקזאַמען פון דעם לימוד האָבן זיי געענדיקט דעם גאַנצן געביט! מען האָט זיי לגמרי נישט צוגעוווינט צו טראַכטן און צו באַנע־מען אַז דער קורס אין שול איז נאָר דער אַריינפיר, נאָר דער שליסל וואָס דאַרף זיי העלפן ערשט העלפן צוצוקוקן זיך און צו זען גאָטס וועלט דירעקט און נישט די צאָל זייטן אין ביכל!) וואָס האָבן נישט געהאַט קיין אָנונג אַז אַלץ וואָס זיי האָבן געלערנט אין שול האָט אַ שייכות צו די ביימער וואָס וואַקסן אין שול הויף.

אויב עס האָבן דעגראַדירט די וויסנשאַפטן און זיי זענען געוואָרן נאָר דינסטן ביי דער טעכניק, ווי אַזוי מען זאָל גרינגער און גיכער קענען פאַרפּלייצן די וועלט מיט דזשאַז און מיט בילדלעך פון האַלב נאַקעטע מיידלעך וואָס דריגן מיט די פיסלעך, — אויב די וויסנשאַפטן זענען אַריינגעטריבן געוואָרן אין גלות פון זייער בית המקדש פון וויסן אין די פאַבריקן אַריין פאַר קנעכט און דינסטן צו מאַכן געלט, — אויב דאָס אַלץ איז געשען מיט דער וויסנשאַפט, איז נאָך ערגער געוואָרן דער גורל פון די לימודים אין די שולן. אַנשטאָט צו זיין וואָס זיי דאַרפן זיין — אַ פּראָצעס איינצופלאַנצן אין די הערצער פון דורות דעם דראַנג צום עץ הדעת, זענען די לימודים געוואָרן אַ מיטל ווי צו קענען פאַרדינען געלט און „מאַכן אַ לעבן". מען האָט שוין אין שולן פאַרגעסן אַז דאָס לערנען וויסנשאַפטן דאַרף האָבן אַ שייכות צו דער נשמה פון מענטשן וואָס לערנט און וואָס לערנט זיך. מען האָט פאַרגעסן אַז אַט די לימודים זענען נאָר דער מיטל צו וועקן די נשמה פון דעם יונגן וואַקסנדיקן מענטשן צו דער נשמה פון דער וועלט — בין אדם למקום. די וועלט האָט פאַרגעסן לגמרי וואָס עס מיינט לערנען לשמה.

אַנדערש האָבן מיר געקוקט אויף די אויפגאַבן פון די נאַטור־לימודים אין שול.

נאָך אין די צייטן פון דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד איז דאָס דער באַרימטער אין קיעוו „טורבאַנאַוו־אינדזל" געווען דאָס לערנבוך צו לערנען ביאָלאָגיע פאַר קינדער פון שולן און פאַר יידישע אַ־בעטער

וואָס פלעגן אָוועקגעבן זייערע פרייע שבת פרימאָרגנס אויף לאַנגע האַלבטאָגיקע עקסקורסיעס, נישט טראַכטנדיק לגמרי וועגן מאַטעריאַליסטישע נוצן פון דעם.

דאָס איז דער הויכער ברעג פון דנעפער אין דעם אַמאָליק, קייזער־לעכן גאָרטן דאָרטן געוועזן די לאַבאָראַטאָריע ווו מיר פלעגן לערנען נעאָגראַפיע און געאָלאָגיע. דאָרטן איז אויך געבאָרן געוואָרן די אידעע פון וויסנשאַפטלעכע לערן־עקספּעדיציעס, וואָס אויספירן זיי אין לעבן איז מיר שוין אויסגעקומען אין ווילנע אין דעם יידישן לערער־סעמינאַר.

מיר האָבן דאָרטן געהאַט זומער־קאָלאָניעס" (קעמפּס) — די ערשטע יאָרן אין פּושקאַרניע (אַ ווינקעלע ביים ברעג פון דער ווילענקע) און שפּעטער, ווען די באַלעבאַטים פון לאַנד האָבן דאָס אָרט פאַרוואַנדלט אין פּאָרטן און פעסטונגען זיך צו שלאָגן, האָבן מיר איבערגעטראָגן די קאָלאָניע אין ווערעק („די ווילנער שווייצאַריע").

האָבן מיר אָט די זומער־קאָלאָניעס פאַרוואַנדלט אין וויסנשאַפט־לעכע עקספּעדיציעס. מיר האָבן די תלמידים צעטיילט אין גרופּעס און איטלעכע פון זיי האָט געהאַט איר אויפגאַבע אויסצופאָרשן איין געביט פון דער אַלגעמיינער געאָגראַפיש־נאַטורוויסנשאַפטלעכער אויפגאַבע. דאָ פלעגט אונדז באַזוכן אָפט דער פאַרליבטער אין וויסנשאַפטן אַלטער געלערנטער און רעוואָלוציאָנער פּראָפעסאָר פון געאָלאָגיע יוסף לוקאַשעוויטש, דער געוועזענער מאַרטירער פון שליסלבורגער פעסטונג אין די צייטן פון צאַר און דער מחבר פון „דאָס אומאָרגאַניש לעבן פון דער ערד", רוסיש) ער פלעגט דאָ מיט קנאה זאָגן „גיט מיר אייערע תלמידים, מיינע סטודענטן אין אוניווערסיטעט ווילן גאָר נישט קיין געאָלאָגיע, זיי גיב נאָר נאָפט, איך דאַרף זיי גאָר רייך מאַכן מיט מיין געאָלאָגיע. איך פלעג קיין האַרץ נישט האָבן צו זאָגן דעם אַלטן ענטוזיאַסט אַז נישט די מענטשן זענען שולדיק. נאָר די גאַנצע איינשטעלונג פון דעם לערנען אין די אוניווערסיטעטן. דאָ אין אונדזערע קאָלאָניעס האָבן די קינפּטיקע לערערס זיך געלערנט צו קוקן און צו זען נאַטור וועלט און זי איבערצולעבן.

„אונטער אַ קליין ביימעלע
זיצן יינגלעך צוויי,

זיי פאַרשן דאָרט אַ בלימעלע,
קיין זאַך קימערט זיי."

דערמאָנט זיך מיר איצט איינע פון אָנצאָליקע לידלעך אין פּראָ־דיעס וואָס פלעגן דאָרטן געשאַפן ווערן יעדן טאָג.

באַזונדער וויל איך זיך אָפּשטעלן אויף איין טיפּ נאַטורוויסנשאַפט־לעכע עקספּעדיציעס וואָס פלעגט פאַרבונדן ווערן מיט אַ קורצטערמי־ניקן אויספלוג פאַר אינטענסיווער אַרבעט לויט אַ פאָרויס צוגעגרייטן פּלאַן.

דאָס ערשטע מאָל איז דער באַריכט פון אַזאַ עקספּעדיציע אויס־פלוג געווען געדרוקט אין דער „נייער שול" וואַרשע, אין 1926. דאָס צווייטע מאָל — אין דייטש אין „די נויע ערציהונג" פון די ענטשיי־דענע שול־רעפאָרמער אונטער דער רעדאַקציע פון פּראָפ. אויסטרייך אין בערלין אין יאָר 1927.

אין פרילינג פון 1925 האָבן מיר באַשלאָסן מיט דעם צווייטן קורס פון דעם יידישן לערער סעמינאַר אין ווילנע דורכצופירן אַ צווייטאָגיקע עקספּעדיציע צו דער באַרימטער גרינער אָזערע 14 קילאָמעטער פון ווילנע. אין משך פון די צוויי יאָר האָבן די תּלמידים שוין געהאַט געקראָגן אַ סיסטעמאַטישע צוגרייטונג אין די געביטן פון געאָגראַפיע און נאַטור און זיי האָבן זיך געקענט פאַרשטעלן די אויפגאַבע אין איר אַלגעמיינעם כאַראַקטער. אייניקע תּלמידים האָבן אויף זיך גענומען צוצוגרייטן דעם אַלגעמיינעם פּלאַן פון דער אַרבעט. דאָס האָט גע־דאַרפט געמאַכט ווערן אויף דעם סמך פון באַקאַנטשאַפט מיט באַ־ריכטן פון ענלעכע אַמתע אַזוינע אויספאָרשונגען. מיר האָבן זיך דע־מאָלט באַנוצט מיט די רוסישע ווערק פון זשופּאַן און בראַונאַוו (געאָ־גראַפיע) און לאַמפּערט (ביאָלאָגיע פון זיסע וואַסערן). אַזוי אויך האָבן מיר אויסגענוצט פּראָגראַמען און אָנווייזונגען פון דער פּעטערבורגער טעכנישער געזעלשאַפט פאַר אַזוינע פאָרשונגען און די ספּעציעלע אַרבעט פון פּוילישן פּראָפעסאָר סלאַווינסקי וועגן דער זעלביקער גרי־נער אָזערע.

פון דעם אַלגעמיינעם פּלאַן האָבן זיך שפּעטער אַרויסגעשיילט באַ־זונדערע געביטן, וואָס דאַרפן אויסגעפאָרשט ווערן:

א. גאָלאָמב

א) די געאָלאָגישע געשיכטע פון דער אזערע און די ענדערונגען אין איר בעקן,
ב) די פיזיקאַלישע אייגנשאפטן פון דער אזערע,
וואסערווירטשאפט — הכנסה און הוצאה,
ד) דאָס לעבן אין וואסער און
ה) די פלארע ארום דער אזערע.

די טעמעס זענען נישט קיין ספעציפישע פאר דער איינציקער אזערע נאר, נייערט זיי זענען כאראקטעריסטיש פאר דעם גאנצן רעליעף פון ליטע. מיר האָבן די ארבעטן פארטיילט צו באזונדערע גרופעס, א טעמע פאר א גרופע און זיי האָבן אין צוויי וואָכן צייט געדארפט אליין אויס־ארבעטן דעם דעטאלן פלאן פון דער אויפגאבע, פון דעם גאנג פון דער ארבעט, צוגרייטן אליין די נייטיקע מכשירים, זאל זיין פרימיטיווע, אָבער אליין צונעפאסטע און צוגעגרייטע. אזוי אויך האָט מען געדארפט פון פאָרויס אָנמערקן דעם גאנצן טעכנישן גאנג פון דער ארבעט און וואָס איטלעכער פון די תלמידים האָט צו טאָן.

עטלעכע טעג פארן אויספלוג האָט מען געדארפט צושטעלן אלע פלענער שריפטלעך צו באשטעטיקן. מיר האָבן געמוזט אלע פלענער פארקירצן און באגרעניצן — עס האָבן אונדז דאָך אויסגעפעלט פרע־ציזע מכשירים. אויך די צייט האָט נישט דערלויבט צו פארשפרייטן זיך. אייניקע צוגעגרייטע מכשירים האָבן אויף דער פאָרויסיקער פראָבע זיך ארויסגעוויזן פאר נישט פאסיקע און מען האָט זיי געמוזט איבערמאַכן.

אזוי האָט די פיזיקאַלישע גרופע למשל געמוזט זיך אָפזאָגן פון א גאנצע ריי וויכטיקע ארבעטן, וואָס זענען פון דער נאטור זייערער לאנג־דויערנדיקע און זי האָט זיך געמוזט באגרעניצן מיט 1. צוזאמענשטעלן א איזאבאטן קארטע פון דעם קליינעם איינגוס, 2. א רעליעף פון גרונט אין דער גרויסער אזערע אין איין קווערשניט נאָר, 3. די טעמפעראטור פון וואסער אין פארשידענע טיפקייטן, 4. די דורכזיכטיקייט פון וואסער.

די עקספעדיציע איז באשטימט געוואָרן אויף דעם 15 אין 16 מאַי 1925. מיט אן אָוונט פריער האָבן די אָנפירערס פון די באזונדער גרו־

פעם געדאַרפט ברענגען אין סעמינאַר אַריין אַלע אויסגעפּרוּווטע מכשי־רים, הילפסביכער, טאַבעלן און צוגעגרייטע קאַנטורן פון דער אַזערע און אויך דאָס עסן און די מכשירים צו קאָכן אין דרויסן. פריִיטיק פינף אין דער פרי אין פיינעם פרילינגס פרימאָרגן זענען מיר אַרויס מיט געפּאַקטע רוקזעק אין וועג אַריין. אונדז באַגלייט דער עלטערער קלאַס פון דער פאָלק־שול ביים סעמינאַר מיט זיין לערער ח' מ. יפה און חברטע רעגינע וויינרייך וואָס איז דעמאָלט נישט לאַנג געקומען פון איר שטודירן נאַטורוויסנשאַפטן.

מיר גייען דורך קליין שניפּעשאָק (אַ פאָרשטאָט פון ווילנע) און יידן וואָס זענען נאָר וואָס אויפגעשטאַנען צום מאַרק קוקן אויף די „ווילדע ברואים", וואָס לאָזן זיך פאַרטאָג אויף שפּאַצירן.

אויסער דער שטאָט שפּרייטן זיך פעלדער גרינע, פייגל באָדן זיך אין זוניקן הימל און גיסן פון דער הייך זייער טרילן. זשאַבעס קוואַקן אין שכנות מיט דער ווילִיע. אויף די יונגע ווערבעס ביי דעם קאַלוואַ־ריער קלויסטער (אַ הייליק אָרט פאַר קאַטאָליקן) האָבן זיך צעזונגען נאַכטיגאַלן — אַ פרימאָרגן־תפילה. איינער פון זיי שטייט אַזוי נידע־ריק און דאַוונט אַזוי פאַרדבקעט אַז ער באַמערקט נישט לגמרי דעם גאַנצן עולם צוהערער וואָס האָט זיך צונויפגענומען, האַרט אונטער אים און באַטראַכט די ריטמישע באַוועגונגען פון זיין ברוסטל ביים זינגען.

אַרום זיבן אַזייגער זענען מיר אין אַלט ווערעק. דאָ אין אַלטן, היסטאָרישן פּאַרק ביים ברעג פון ווילִיע רוען מיר זיך אָפּ, מען פּריש־טיקט און מען באָדט זיך און אַכט אַ זייגער לאָזט מען זיך ווייטער אין וועג אַריין. מיר נעמען אַ נייעם וועג, לענגאויס דעם טייך. עס איז עטוואָס ווייטער, אָבער מיר באַטראַכטן דערווייל די קליינע טייכלעך וואָס טראָגן זיך פון דעם צעבערגלטן מיט וואַלד באַדעקטן מאַרענען לאַנדשאַפט אין דער ווילִיע אַריין. ווי שטיפערישע קינדער טראָגן זיי זיך רוישיק און פאַלן מיט וואַסערפאַלן אַריין אין דער ברייטער און געלאַסענער, אָבער אין זיך קאָנצענטרירטער ווילִיע אַריין. זי טראָגט זיך מיט כוונה, סאָליד ווי עס פּאַסט פאַר אַ גרויסן טייך, אָבער שטאַרק שטראָמיק און זי גראָבט איר געלעגער אַלץ טיפער, אַז די קליינע טייכ־

לעך, כאָטש זיי רווישן אַזוי, קענען דאָך זי נישט דעריאָגן, און זייערע געלעגערס זענען אַלץ העכער, און זיי גיסן אַריין זייערע וואַסערן פון דער הייך, מיט מאָלערישע וואַסערפאַלן. דאָ איז דאָך „אונדזער" ליטווישע שווייצאַריע. דאָ האָבן ליטווישע יידן לאַנד און יואַסער פון פוילישע פּריצים אָפּגעדונגען, דאַמבעס, און טאַרטאַקן (זעגמילן) און מילן אָנגעבויט. די דאַמבעס האָבן וואַסערן פאַרהאַלטן, סטאַוון און סאַזשלקעס פון טייכלעך געמאַכט, און אַזוי פאַרענדערט דאָס בילד פון גאַנצן לאַנדשאַפט אַז אונדזערע מיליטערישע קאַרטעס פון געגנט וואָס זענען אַן איבערדרוק פון אַלטע רוסישע און וואָס נאָר זיי קען מען קריגן אין פּריוואַטן פּאַרקויף, שטימען אין גאַנצן נישט מיט דער נאַטור. אונדז ווערט איבערדריסיק די אַלטע קאַרטעס צו פאַררעכטן, און מיר שניידן זיך דורך וואַלד דירעקט צו צפון. דאָ שטעלן מיר זיך אָפּ ביי אַ זומפּל אין מיטן וואַלד. דאָ נישט ווייט שטייט אַן אַלטע יעגלע ווי אַ טונקל־גרינער קאַנוס מיט דעם שפּיץ אין הימל אַריין און מיט די אונטערשטע צווייגן האַרט אויף דער ערד. אונטער איר, אויף אַ דיקן אונטערבעט פון אַלטע נאָדלען, אין גרינעם געצעלט וווּ ווינטער פאַלט קיין שנייעלע נישט אַריין און זומער קיין גרעזעלע — צו געדיכט איז דער סכך, דאָרטן וואַרפט מען אַראָפּ די רוקזעק און עס גייט אַ לעקציע וועגן דער געשיכטע פון אָט דעם זומפּל מיט דעם „אויג" (אַ רונדער פלעק פון ריינעם וואַסערפלאַך) אין מיטן... אַ מעשה מיט אַ „קעסל" פון אייז צייט געבליבן, אָנגעפילט זיך מיט רעגן וואַסערן. (ווען פון קוואַלן, וואָלט ער אַן אָפּפלוס געהאַט). אַ קליינע סאַזשלקע געוואָרן. אין שאָטן פון דעם שפּעטער אויסגעוואַקסענעם וואַלד האָבן זיך ביי די ברעגן, ביים וואַסער ראַנד גענומען אַנטוויקלען טאָרף־מאָכן (ספּאַגנום). וואַקסט פון אויבן, איבערן וואַסער אַ גרינע קאָלדרע און אונטן אין וואַסער פוילט עס לאַנגזאַם און עס בילדט זיך פּאַמעלעך אַ שיכט טאָרפיקער באָדן ווי אַ שווימענדיקע ראַם אַרום דעם וואַסער. און קיין ווינטן דערגייען נישט, און קיין כוואַליעס ווערן נישט וואָס זאָלן די ראַם צעררייסן. אין משך פון יאָרהונדערטער ווערט דער גרינער טאָרפיקער ראַנד אַרום וואַסער אַלץ דיקער און אַלץ ברייטער. די „קאָלדרע" פאַרדעקט שוין דעם גרעסטן טייל פון דער געוועזענער

אזערע. עס איז שוין מער זומפ איידער אזערע. אין טאַרפיקן באָדן קענען זיך שוין פאַרוואַרצלען אויך אנדערע געוויקסן. אָט דאָרט זעט איר שוין עטלעכע דאַרע און קוואַרע בערעזקעלעך. די „פּיאָנערן" פון וואַלד איבער דעם זומפ. און אונטן, אונטער דער קאָלדרע איז נאָך געווים פאַראַן אַ טיפער וואַסער. מען זעט ווי זי וויגט זיך די קאָלדרע ביי יעדער פּאָרזיכטיקן טראָט אויף איר, ווי עס וויגט זיך אַ שווימענ־דיקע ברעט אויפן וואַסער. קען זיין אַז אונטער דער קאָלדרע קען מען נאָך כאַפּן פיש אויך. אין יאָרן אַרום, אפשר אין הונדערטער וועט עס אין גאַנצן פאַרוואַקסן, די קאָלדרע וועט ביזן גרונט דערגיין, ביסלעכווייז וועלן צו די זומפּגעוויקסן קומען אַנדערע, טרוקנגעוויקסן. זיי וועלן די זומפּגעוויקסן אַרויסשטויסן, — אַ געוויינטלעך נידעריק וועלדל וועט עס זיין. נישטאָ קיין אייביקייט אונטער דער זון, דאָס לעבן איז אַ כסדרדי־קע קייט פון ענדערונגען. איין תקופה גרייט דעם אייגענעם אונטערגאַנג און דעם אָנקום פון דער צווייטער...

ביי אַ טייל פון מיינע תּלמידים פיל איך דעם יידישן „איפּכא מסתּ־ברא" — (און „טאָמער גאָר פאַרקערט"). אָן אָרעמער פויער גייט פאַר־ביי. מיר שטעלן אים אָפּ:

— ווינסט ווייט פון דאַנען?

— אָן איז מיין שטיבל; מיין טאַטע נאָך דאָ געלעבט, אַ וואַלדוועכ־טער ביים פריץ געווען. נישטאָ, ברידערלעך, פון וואַנען צו לעבן. אַמאָל זענען נאָך פיש געווען. דאָ האָט נאָך מיין טאַטע אַ שיפל געהאַט. פיש פלעגט מען פאַרקויפן די יידן אויף זייער שבת... אַלץ ווערט חרוב, ברידערלעך.

מיר האָבן אין די ווערטער פון פייערל געזען אַ באַשטעטיקונג. חברה „קריכערס" האָבן זיך דערוייל פאַרטיפט אין זומפ. מען זוכט „נייעסן", מען וויל דעם לערער אפשר כאַפּן און אפשר איז ס'אָס וויסנ־גיריקייט לשמה, און אפשר איז דאָ ספּאָרט און שטיפעריי צוזאַמען. און אָט טראָגט איינער אַ קליין געוויקסל — עטלעכע קליינע בלעטלעך האָריקע מיט קורצע בלייבע וואָרצעלעך.

— וואָס איז דאָס, ח' נאָלאָמבב?

כ'ווייס נישט ווי איך האָב דעמאָלט אויסגעזען ביי מיינע תּלמידים

אין די אויגן, נאָר דערפריי האָב איך זיך באמת אָן אַ כּרעג: דאָס איז געווען דער ערשטער עקזעמפּליאר פון דער „זונטוי" (דראָזערא) וואָס איך האָב געפונען אין דער סביבה פון ווילנע. אַ געוויקסל אַ קליינס וואָס געהערט צו די ווייניקע וואָס קענען זיך דערנערן מיט פלייש, פון די אַזוי גערופענע אינסעקטן־פרעסערישע געוויקסן. קען זיין, אַז אַ טייל ניכטערע תלמידים האָבן אין הארצן געלאַכט פון אונדז און פון אונדזער שמחה, נאָר ביי דעם גרעסטן טייל איז דאָ ביי דעם „דראָזערא־זומפּ" (ווי מיר האָבן דאָס אָרט אָנגערופן) געבאָרן געוואָרן אַ שטענדיקע צוגעבונדנקייט פון דער נשמה צו גאָטס באַשעפעניש דירעקט. ווייט נישט אָפט איז אַזאַ פריינדשאַפט פאַראַן צווישן געלערנטע נאַטור־פאָרשערס מיט דער דירעקטער נאַטור.

...מיר האָבן זיך אָבער צו פיל פאַרהאַלטן. מען איילט זיך. מיר זוכן אַ קירצערן וועג, דירעקט, די קאַרטעס און קאָמפּאַסן העלפן. אַ טייל שטייט נישט אָפּ פון מיר און מען שמועסט נייעס — דער עולם האָט זיך שוין אָנגעהויבן צוצוקוקן צו גאָטס וועלט און פראַגעס שיטן זיך אויף פראַגעס. ווער באַווייזט עס אַלץ צו ענטפערן אויף אַלץ? דערווייל — אַ שטער אין וועג, שטענדיקע דראָט פאַרצאַמונגען, טראַנשייען. ווער ווייס, צי דאָס איז פון דער פאַרגאַנגענער מלחמה, צי דאָס גרייט מען זיך שוין באַצייטנס צו נייע, — נאָר מיר מוזן אַנלייגן וועג און פאַרלירן אַ האַלבע שעה איבעריק ביז מיר קומען צו דער גרויסער פאַפּיר פאַבריק פון דער אַלטער יידישער פירמע שוואַרץ. ווי כאַפּט מען זיך נישט אַריין אַ קוק טאָן אַ טורבינע, די האָלצמילן וכדומה? פאַרשטייט זיך אַז צו דער אַזערע איז מען אָנגעקומען מיט אַ פאַר־שפּעטיקונג. שטיל אַרום און אַרום. איין מענטשלעכע הויז נאָ־ דערביי. די ביאָלאָגישע סטאַנציע פון אוניווערסיטעט איז ליידיק, ווינטערדיק נאָך. זייער שיפל ליגט מיטן דעק אַרויף נאָך פון ווינטער. מיר זענען די ערשטע קענטיק, די ערשטע פרילינג־געסט דאָ. נאָר איין טאָל גייט אַרויס פון דאַנען, דורך דאַנען גייט דאָס טייכל וואָס פליסט אַרויס פון דער אַזערע און דורך דאַנען זענען מיר אָנגעקומען. אַרום, אומעטום זענען הויכע ברעגעס מיט געדיכטן וואַלד. דער וואַלד האָט נישט גע־וואָרט. סאָסנעס בליען און זייער געלער שטויב באַדעקט דאָס וואַ־

סער ווי אַ געלער זוים. מיר אָרדענען זיך אײַין און די גרופּעס נעמען זיך צו דער אַרבעט. דאָס שיפל איז שוין אין וואַסער, מען אַרבעט, — די שטילקייט איז איבערגעריסן. עטלעכע עכאָס הילכן אָפּ. ווייצן און עקספּראַמט־לידלעך פעלן נישט.

צו די דריי סעמינאַריסטן וואָס זענען געבליבן מאַכן אַ פייער און קאָכן עסן זענען באַלד צוגעקומען עטלעכע „פיזיקערס" — זייער אַליינ־געמאַכטער אינסטרומענט צו מעסטן די טיפקייט, דורכזיכטיקייט און טעמפּעראַטור פון די טיפערע שיכטן וואַסער האָט, אמת, אויך געהאַלטן אַלע פּראָבעס... אויף דער יבשה. אין וואַסער אָבער האָט ער זיך ביים גיכן זינקען צום גרונט אָפּגעריסן און פאַרפאַלן. דער שאָדן איז געווען גאָר אַ קליינער, נאָר מאַכן אויפן אָרט אַ צווייטן איז אוממעגלעך און די אַרבעט פון דער גרופּע גייט פאַרלאָרן. איז דאָס געווען אַ טעמע פאַר וויצן און פּאַראָדיעס. די אַנדערע גרופּעס אַרבעטן געשמאַק און מיט דערפאָלג. די ביאָלאָגן האָבן שוין כמעט אַ פולע זאַמלונג פון אַלץ וואָס וואַקסט אין וואַסער און פון די אינסעקטן וואָס לעבן דאָרטן. די „געאָלאָגן" הערן זיך ווייט אין וואַלד.

מען עסט אַ געקאָכטן עסן. עטוואָס מיט רויך, אַ ביסל צוגעברענט, — איז באַטעמט מען עס מיט אַ וויץ און מיט אַ שטאָך און מיט אַ לידל.

ביז זעקס אָוונט איז דער גרעסטער טייל פון דער אַרבעט אָפּגעטאָן. אַלע האָבן וואָס צו טאָן, די „פיזיקערס" האָבן זיך געלאָזט טרייסטן נאָך זייער באַטאַמעטער (טיפמעסטער) און האָבן זיך „צוגעטשעפּעט" צו אַנדערע גרופּעס. אַנדערע גרופּעס בעטן הילף און אַנדערע פאַר־קערט — לאָזט אונדז אַליין. זעקס אָוונט האָט מען געדאַרפט די אַרבעט איבעררייסן. צום אָוונטברויט האָבן מיר אויסגעהערט די ערשטע באַ־ריכטן פון דער אָפּגעטאָנענער אַרבעט פון אַלע גרופּעס. עס האָבן זיך אַרויסגעוויזן געווען גרייזן און אומפּינקטלעכקייטן אין מעסטונגען. עס האָט זיך אָנגעמערקט דער גענויערער פּלאַן פון די אַרבעטן אויף מאָרגן. איצט האָט מען געמאַכט אַ פייער און עס איז אַוועק אַ סדרה לידער ווי דער שטייגער איז געווען ביי דער חברה. עס איז אַ קילער אָוונט. ביים וואַסער — נאָך קילער. אַכט אַ זייגער פאַרקלייבט מען זיך

א. גאָלאָמב

אין דער לייריקער הייזקע פון אוניווערסיטעט. מען קריגט שטרוי פאַר געלעגערס און מען קלייבט זיך שלאָפן.

ס׳רעדט זיך אזוי, שלאָפן. ווי קען מען דען שלאָפן, אז ס איז קאַלט און האַרט און סאַמע אונטערן דיל רוישט דער אָפּפלוס, וואָס פליסט גאַנץ שטראָמיק צו דעם נאָנטן מילכל צו? די אַזערע אליין האָט זיך אויך דערמאָנט, אז זי דאַרף פּאַטשן און שווענקען די ברעגעס. אין צווייטן צימער ווו עס האָבן זיך איינגעאָרדנט די מיידלעך הערט : שט אויף דאָס לאַכן און דאָס וויצלען זיך — אַ סימן זיי איז נעבעך האַרט און קאַלט צו שלאָפן. און עס ווערט נאָך קעלטער. די מיידלעך דערשרעקן זיך: עס דוכט זיך עמיצן אויס אַז מען שטייט הינטערן פענצטער. די קינדער פון פאָלקשול טולן זיך איינער צום צווייטן ווי די שעפעלעך. פון דער אזערע דערהערן זיך שיכורע געזאַנגען. מענער און פרויען זינגען דווקא רוסיש. ווער ווייס ווער עס איז? עס ווערט א׳טהיימלעכער. מען ליגט און מען וווּנדערט זיך פאַרוואָס די ווייזערס פון זייגער רוקן זיך אזוי פּאַמעלעך... ערשט שפּעטער דערהערט מען דאַכט זיך אַ צווייט פאָלקס ליד, „מיר זענען ניכטער, טרוקן איז ביי אונדז אין האַלדז”: עמיצער גיט זיך אַ כאַפּ, אַ שפרונג, און ברענגט אַ גרוס: עס איז דער ווילנער „מכבי”; אַ נאַכט שפּאַציר כדי צו באַגעגענען די זון אויפן וואַסער. אונדזער עולם קען מער נישט איינליגן. מען שפּרינגט אויף פון געלעגערס, מען וואַרעמט זיך מיט גימנאַסטיק, מען באַקענט זיך מיט די זינגערס פון די רוסישע געזאַנגען — עס זענען פישערס, געקומען כאַפּן פיש בגנבה. עס קנאַקט שוין אַ וואַרעמער פייער, מען קאָכט טיי און דער אַרבעטס טאָג הייבט זיך אָן אַ סך צייט פאַר פיר ווי מען האָט פאַרויסגעזען. א מערכה — ווילנער זומערדיקע נעכט זענען אזוי קורץ — עס באַווייזט נישט זיך אויסצולעשן דער הימל נאָך דעם זון פאַרגאַנג, ווי ער שיינט אויף דער זון אויפגאַנג. כמעט די „ווייסע נעכט” פון פּעטערבורג. אין קילן פרימאָרגן אַרבעט מען געשמאַקער און צו האַלבן טאָג איז די גאַנצע אַרבעטס פּראָגראַם אויסגעשעפּט. אַלע זענען צוריק אין לאַגער. נאָר די פלאַריסטן פעלן. זיי האָבן זיך פאַרגומען ווייטער אין וואַלד און זיי הערן ניט אונדזער פייפן. מיר לאָזן זיך אויף אַ געמיינזאַמען שפּאַציר לשם שפּאַציר צו די שכנישע העכערע

אָזערעס. ווי אַנדערש די זענען. פלאַבע זאַמדיקע ברעגעס, ריינער סאָסנע וואַלד ארום. צוויי שטילע שוואַרצע אויגן מיט וואַלד באַברעמט קוקן אין הימל שטומערהייט.

דאָ באָדן מיר זיך און מען גייט צוריק צום לאַגער. האַלב ווילנע איז ביים ברעג: די ווילביג (ווילנער יידישע בילדונגס געזעלשאַפט) האָט אויך אָרגאַניזירט אַ פרייען שבתדיקן זומער שפּאַציר. דער אָנפירער דער חבר ד"ר ישראל ביבער גייט שוין מיט פולע פושקעס מיט זשוקעס און שלייערלעך פון פלאַטערלעך, מיט פולע קעשענעס מיט שוועמלעך.

צענדליקער שבתדיקע יונגע און עלטערע יידן גייען שבתדיק געלאַסן און מען הערט זייערע דערקלערונגען. טאַטעס זיצן איצט אין שולן און אין קלייזלעך און מען הערט אַנדערע לערערס און אַנדערע תורות. די יידן האָבן אַנדערע רביים און אַנדערע תורות, אָבער עס איז אויך שבת. מיט אַ ציגאַרעטל, מיט אַ תחום שבת, עס איז דאָך אָבער פאָרט שבת! ווער זאָגט עס, אַז שבת איז רעליגיע? ווער זאָגט עס אַז יידישקייט איז רעליגיע? אָט גייען יידן און זענען „מחלל שבת" ראַכט זיך. און זיי פאַלט גאָר נישט איין צו פאַרבייטן זייער רו טאָג מיט דעם זונטיק. און זייער שבת איז נישט אין פאַרגלייך הייליקער און יידישער און שבתדיקער ווי דער פון די אַמעריקאַנער „פרומע" וואָס לויפן שבת פאַרפרי אָפּדאַווענען ווייל מען מוז דאָך עפענען די קראָם... נאָר נישט דאָס בין איך אויסן. מיר באַגעגענען זיך. מען איז זיך איינער דעם צווייטן מקנא אויף די גרויסע מציאות וואָס מען האָט געפונען. ד"ר ביבער איז דאָך פאַרליבט אין יעדער גרעזעלע, אין יעדער פלאַטערל וואָס ער קען אים נאָכיאָגן ווי קליין יינגל גאַנצע שעהן...

שבתצונאַכט זענען מיר שוין אין דערהיים, פאַרמאַטערט, אָפּגעברענט, אָבער צופרידן מיט אַן אָפּגעטאָגענער אַרבעט. אין משך פון דער וואָך האָבן אַלע גרופּעס געדאַרפט צוזאַמענשטעלן שריפטלעכע און מינדלעכע באַריכטן. איך בין געווען זייער צופרידן איבערגעראַשט ווען צום צווייטן זונטיק האָט אויך די פיזיקאַלישע גרופּע געמאָלדן אַ באַריכט. ווייזט זיך אַרויס, אַז אין משך פון דער וואָך האָבן זיי שטילערהייט צוגעגרייט אַנדערע מכשירים און האָבן אַליין זיך געלאָזט דעם צווייטן

שבת און באַוויזן דורכצופירן זייער אויפגאַבע. און צושטעלן אַ באַריכט מיט אַלעמען גלייך.

ווי אַ מוסטער וועלן מיר ברענגען אייניקע שטעלן פון די באַריכטן: דער טיפסטער אָרט אין אָזערע וואָס מיר האָבן אויסגעמאָסטן איז 50 מעטער. דער העכסטער פונקט פון ברעג־ליניע ליגט 44 מעטער איבער דעם ניוואָ פון וואַסער. די ערד שיכטן פון ברעג זענען: באָדן, זאַמד, זאַמד געמישט מיט ליים, רויטער ליים מיט שטיינדלעך. פון דעם איז צו דרינגען אַז דער ברעג איז געווען אַ לאַנגע צייט אונטערן וואַסער, די אָזערע איז געווען העכער ווי איצטער. דאָס וואַסער האָט דאַן פאַר־דעקט דעם צווישנשייד צווישן די דריי אָזערעס, און עס איז געווען איין גרויסער וואַסערבעקן, וואָס האָט קענטיק פאַרנומען אויך אַ גרויסן טייל פון דעם זומפּיקן טאָל וואָס דורך אים פליסט איצט דער אָפּפלוס פון דער אָזערע צו שוואַרצס פּאַפּיר־פאַבריק. די גאַנצע וואַסער זאַמ־לונג אַרום אַן אַכציק קוואַדראַט קילאָמעטער איז געווען אַ טיפּישע מאַ־רענען אָזערע פון אייזצייט. קיין צייט האָט זי נישט עקזיסטירט אין איר ערשטער גרייס, דער אָפּפלוס, וואָס איז געגאַנגען דורך דעם גראָדן טאָל (ווו עס איצט די פאַבריק) צו דער ווילִיע האָט שטאַרק עראָדירט פאַלנדיק צו דער טיפערער ווילִיע און זיך גיך געגראָבן אין דעם ווייכן מאַטעריאַל. אין אייניקע נידעריקערע ערטער ביים ברעג האָט מען גע־פונען אַ דינעם טאָרפיקן שיכט. אין אַ צווייטן העכערן אָרט ליגט אַ גאַנץ בערגל פון זיסוואַסערדיקן קרייט. דער קרייט גרייכט ביז אַ מעטער 15־20 איבער דעם איצטיקן וואַסערניוואָ. געגוייער פאָרשן דעם באַש־טאַנד פון קרייט האָבן מיר נישט געקענט. ס'איז דאָך אָנצונעמען אַז ער שטאַמט מערער פון קאַלך שאַפנדיקע געוויקסן און נישט פון בעלי־חיים. אין קרייט האָבן מיר געפונען ווייניק רעשטלעך פון מושלען, אָבער אַ סך שפּורן פון די געוויקסן כאַראַ און עקוויזעטום (קייטלרוט). אויך איצט איז דער גאַנצער אויסגעפאָרשטער באָדן באַדעקט מיט קרייט. צום באַדויערן האָבן מיר נישט געקענט אויספאָרשן דעם באָדן באַשטאַנד פון די טיפערע ערטער אין דער אָזערע.

* *
*

אויסצוג פון דעם באַריכט פון די תלמידים: מיר האָבן אָנגעהייבן 9 פרי צו מעסטן די טעמפּעראַטור פון וואַסער אין פאַרשידענע טיפן. דער מכשיר צו דעם באַשטייט פון אַ גרויסער פאַרקאָרקעטער פלאַש מיט אַ שווערן שטיין פון אונטן צוגעבונדן צו אַ שטאַרקן קאַנאַט איינגעטיילט אין מעטערס. ווען מען לאָזט אַראָפּ דעם מכשיר ביז דער פאַרלאַנגטער טיף, גיט מען אַ צי דעם קאַנאַט, — און דער קאָריק ציט זיך אַרויס, די פלאַש פילט זיך אָן מיט וואַסער. ביז מען ציט אַרויף דעם מכשיר ווייזט דער טערמאָמעטער אין פלאַש די טעמפּעראַטור פון וואַסער פון יענער טיף ווו די פלאַש האָט זיך געעפנט.

די צאָלן 11 אַ זייגער זענען געווען

טיף (מ)	טעמפּ (צ)
0	16.0
1	15,5
2	15,5
3	15,0
4	14,0
5	13,0
6	12,0
7	11,0
8	11,0
9	10,5
10	10,0

די טעמפּעראַטור פון לופט איז געווען 14 גראַד.

דער רעגן האָט געשטערט די פאָרשונג פון די טיפערע טעמפּעראַטורן.

א. גאָלאָמב

די מאַקסימאַלע דורכזיכטיקייט פון וואַסער (געמאָסטן מיט א ווייסער קאַכלע האָריזאָנטאַל אַראָפּגעלאָזט אין וואַסער) איז געווען 180 מעטער פון ברעג דעם 16־טן מאַי ביז 5 מעטער די טיף; דעם 23־טן 3. דער 16־טער איז געווען א זוניקער טאָג. גרינע געוויקסן גרייכן ביז א טיף פון 13, 14 מעטער די טיף און זיי באַדעקן דאָרטן גאַנצע שטחים. ד"ה אַז זיי האָבן נאָך דאָרטן גענוג זון שיין. דאָרטן זענען פאַראַן גאַנצע פעלדער מיט כאַרא ווירידים. זי איז עס די אָפּליגערין פון קרייט אויף דעם רעק פון אזערע. קיינע אַנדערע געוויקסן גרייכן נישט אַזוי טיף. די הידראָביאָלאָגישע קאָמיסיע האָט צונעשטעלט א גענויערע סכעמע פון דער טיף־פאַרשפּרייטונג פון געוויקסן אין פאַרשידענע ערטער פון דער אָזערע.

די פּלאַנקטאָן־פאָרשונגען (פּלאַנקטאָן — קליינע, מיקראָסקאָפּישע אָרגאַניזמען וואָס שוועבן אין וואַסער) זענען אונדז נישט געלונגען.

דער אָפּפלוס פון וואַסער איז 13,3 קוב' מעטער אין א שעה. ער ווערט רעגולירט דורך א קליינער דאַמבע אין טייכל לעבן דעם מילכל. קיין טייכלעך, ריטשקעס וואָס זאָלן אַריינפאַלן אין אזערע האָבן מיר נישט געפונען, א חוץ עטלעכע קוואַלן אין צפון מיזרח. זיי אַלע טראָגן אַריין נאָר ביי א 100 קוב' סענטימ' וואַסער אין א שעה. מערער וואַסער טראָגן אַריין די זומפּן, אָבער מיר האָבן נישט געקענט עס אויסמעסטן. קען זיין עס זענען פאַראַן אויך אונטערוואַסערדיקע קוואַלן. דעם סכום וואַסער וואָס די אָזערע דאַרף באַקומען האָבן מיר אויסגערעכנט בערך לויט דעם שטח פון צופלוס בעקן (לויט די רעליעף קאַרטעס) און דער כמות אטמאספערישע אָפּזאַצן פאַר ווילנע — אַן ערך 35 טויזנט קוב' מעטער וואַסער אין א יאָר.

* *
*

די פּעדאַגאָגישע באַגרינדונגען.

די באַריכטן פון די תלמידים האָבן געקענט האָבן אויך א וויסנ־

שאַפטלעכן ווערט פאַר דער פיזיאָ־ביאָלאָגישער פאָרשונג פון דעם גע־גענט. אָבער נישט דאָס איז געווען אונדזער ציל. מיר האָבן געוואָלט געבן די תלמידים אַ וויסנשאַפטלעכע אויפגאַבע, זיי שטעלן אין דער ראָלע פון פאָרשער מיט ריין וויסנשאַפטלעכע אויפגאַבן, לשמה.

די מאָטיוון אונדזערע דערביי זענען געווען:

די מענטשלעכע קולטור בכלל איז אַ פּראָדוקט פון שעפערישער אַרבעט. מען שטעלט זיך אַן אויפגאַבע, מען שטעלט זיך פאַר עפּעס רע־זולטאַטן צו דערגרייכן. שוין אין פריסטן עלטער איז דאָס דער כאַראַק־טער פון קינדערשן שפּילן זיך. און נישט נאָר די טעכניק, — איטלעכע וויסנשאַפט איז אַ פּראָדוקט פון באַאַרבעטן רויען מאַטעריאַל. דאָס ספּע־קולאַטיווע דענקען פאַרנעמט אַלץ וויכטיקער פּלאַץ אין דער קולטור. דאָס איבערנעמען נאָר סיסן זיכרון די דערפאַרונגען און פאַרטיקן וויסן פון פריערדיקע דורות איז לגמרי נישט שעפעריש. די פעדאַגאָגיק פון תלמוד האָט עס גוט פאָרמולירט: עס קען נישט זיין קיין לערנען אָן עפּעס נייע אויפטועז. נישט דאָס וויסן איז וויכטיק, נאָר: א) דאָס ווערן וויסן, דאָס קענען באַגרייפן וואָס מען וויל וויסן און ג) דאָס קענען גרייכן צום וויסן. לערנען דאַרף זיין — העלפן אַליין דערוויסן זיך און נישט נעבן דעם פאַרטיקן וויסן.

אין די שולן איז דאָס נעווינטלעך פונקט פאַרקערט: מען גיט פאַר־טיקן וויסן, מען פאָדערט פון תלמיד דאָס וויסן, — און דערפאַר ווערט דער תהום צווישן שול און לעבן אַלץ טיפער. די שולן גרייטן צום לעבן נאָר יורידיש: די אַטעסטאַטן גיבן די מעגלעכקייט צו גיין ווייטער, אױ־סער דעם פּאַפּיר האָבן די מענטשן פון דער שול זייער ווייניק:

דאָס וויסן ווערט פאַרגעסן, קיין באַציאונג איז לכתחילה נישט גע־ווען, נישט קיין אינטערעסן־קרייז, נישט די מעטאָדן פון די וויסנשאַפטן ווערן פון די מענטשן גענוצט אין לעבן, עס בלייבט גאָרנישט נישט אין די אינטערעסן, נישט אין די געדאַנקען און נישט אין דענקען־געוווינ־הייטן. עלטערן און קינדער ווייסן, מען דאַרף גיין אין שול אַזוי פיל און אַזוי פיל יאָרן כדי... צו ענדיקן און באַקומען אַ פּאַפּיר וואָס נאָר ער איז נויטיק, אָבער גאָרנישט פון דעם אינהאַלט פון שול... אַט

פאַרוואָס די פּראָגרעסיווע וועלט זוכט אַ פּעדאַגאָגישע גאולה פאַר דער דערציאונג.

איטלעכער מענטש דאַרף פאַר זיין אַרבעט זען אַ ציל אין פאָרשטעלונג. און דער ציל דאַרף זיין אַ שעפערישער, נישט קיין אוטיליטאַרער (איך וועל וויסן און „כאַפּן" אַ הונדערט) די פּעאיקע הונדערטער כאַפּערם וואַקסן עפּ"ר אויס זייער פלאַכע און טעמפּע מענטשן. דער ציל איז דער זינען פון דער „פּאַבולע" וואָס באַגלייט נאַטירלעך איטלעכע קינדערשע שפּיל. דער דירעקטער ציל פון די תלמידים דאַרף לגמרי נישט צונויפפאַלן אומבאַדינגט מיט דעם פּעדאַגאָגישן ציל פון דער שול. פּונקט אַזוי זענען די דירעקטע צילן וואָס די קינדער שטעלן זיך אין זייערע שפּילן לגמרי אומאָפּהענגיק פון די ביאָלאָגישע צילן וואָס די נאַטור פירט אויס דורך די קינדערשע שפּילן. נאָר די געוויינטלעכע שול און די קאַזאַרמע שטעלן פאַרן מענטשן אויפגאַבעס נישט געבנדיק קיין דירעקטן ציל. איטלעכע גרופּע, יעדער אינדיווויד דאַרף האָבן זיין פּריוואַטן ציל אין לעבן און אין זיין אַרבעט.

קיין מענטש, קיין אַרבעטער, קיין הענדלער אָדער פאַבריקאַנט, קיין געזעלשאַפטלעכער טוער אַפילו אַרבעט נישט אָן אַ פּריוואַטן ציל פאַר זיך, נאָר פאַר די נוצן פון זיין לאַנד, פון זיין פאָלק. דאָס זענען די אַבסטראַקטע צילן, וואָס איטלעכער מענטש אין דער אַרבעט דירעקט באַמערקט זיי גאָרנישט. נאָר די שול און די קאַזאַרמע פאַרלאַנגען פון קינדער אַרבעט לשם אַבסטראַקטע צילן, און אין דעם עלטער ווען די קינדער קענען לגמרי נאָך נישט אַבסטראַהירן. די קאָנקרעטע צילן וואָס די שול גיט (די מיינונגען, שטראָפן און באַלוינונגען), פאַרוואַנדלען מער נישט דעם ציל אין אַ מיטל: אַנשטאָט וואָס די מיינונגען דאַרפן העלפן דערגרייכן צו וויסן קומט עס אין די שולן פאַרקערט — די קינדער געוווינען זיך איין צו זען די לימודים ווי אַ מיטל צו קריגן מיינונגען. דאַרפן שולן געפינען סטימולן נאַטירלעכע און מאָראַליש ווערטפולע וואָס זאָלן אַקטיוויזירן דעם תלמיד און אים ציען דירעקט צו

דער וויסנשאַפטלעכער אַקטיוויקייט לשמה און נישט דורכן לערנען צו עפּעס אַנדערע צילן.

די גרעסטע צאָל מעטאָדיסטן איז גענייגט צו שטעלן פאַר די קינדער טעכנאָלאָגישע צילן. וואַרשטאַטן, קיכן, האַנטפאַרטיקייט פלינקייט אין אַרבעט, אַעראָפּלאַנען־מאָדעלן אאַז״וו.

איך מיין אָבער אַז דאָס איז נישט ריטיק. די טעכניק איז נאָר אַ רעזולטאַט פון דער וויסנשאַפט, אירע אַ טאָכטער, אָפט אפילו מאָראַליש נישט גאָר קיין אַנשטענדיקע טאָכטער... די בראשיתדיקע, די מוטער פון דער קולטור איז דער ריין־וויסנשאַפטלעכער דראַנג — דער אומגייציקער דראַנג צו וויסן.

די טעכנאָלאָגיע איז אוטיליטאַריש, גייציק, בעת די וויסנשאַפט איז אַלטרואיסטיש. דער אוטיליטאַריזם איז דעם קינדערשן עלטער פרעמד. און — זאָל ער אים בלייבן פרעמד: שרעקלעך אָרעם אין גייסט זענען די קינדער וואָס נאָר זיי טראַכטן: וואָס וועל איך האָבן פאַר מיין לערנען... די טעכנאָלאָגישע ציל־וויסיקייט פון לערנען מוז דעגראַדירן די קינדער. אָט פאַר וואָס מיר האָבן געשטעלט פאַר די קינדער ריין וויסנשאַפטלעכע צילן אין די און אין אַנדערע עקספּעדיציע־אונטערנעמונגען. דער וויסנשאַפטלעכער צואַנג דרינגט פּאַמעלעך אָבער כסדר אַריין אין שולן. מען שאַפט נאַטורקרייזן, קרייזן מעטעאָראָלאָגיע, געשיכטע און געאָגראַפיע פון ראיאָן וכדומה וכדומה.

אונדזער דערפאַרונג איז געווען זייער אַ גוטע. פון יענער צייט אָן ווען די אַרבעט איז דורכגעפירט געוואָרן דאָס ערשטע מאָל האָבן די תלמידים פון סעמינאַר פאַנאַנדערגעטראָגן פאַרשידענע פאָרמען פון דעם וויסנשאַפטלעכן פאָרשונגס מעטאָד, און אַלע מאָל האָט עס אַריינגעטראָגן אין דער אַרבעט זייער פיל נוצן פאַר גייסטיקער און מאָראַלישער אַנטוויקלונג פון די תלמידים.

פעדאַגאָגישע אויספירן.

א. גאָלאָמב

די אַלגעמיינע ארבעט פון דעם פאַרשונגס מעטאָד צעפאַלט אויף עטלעכע מדרגות:

א) אויפקלערן די אויפגאַבע, ב) צוגרייטן און אויסאַרבעטן דעם ארבעטס פּלאַן, ג) די טעכנישע צוגרייטונג צו דער ארבעט: מכשירים, ביכער, טאַבעלן וכדומה, ד) דורכפירן די עצם ארבעט און ה) באַאַרבעטן די מאַטעריאַלן און מאַכן די נויטיקע אויספירן.

איטלעכער עטאַפּ פון דער ארבעט האָט זיינע מעלות הן אין זינען פון מאַטעריעלער און פאָרמעלער אַנטוויקלונג. לאָמיר עס אין קורצן דורכפאַרשן אויף אונדזער ביישפּיל. צוערשט האָבן די תּלמידים זיך נעדראַפּט קאָנצענטרירן אויף דעם נעביט לעמנאַלאָגיע (פאָרשונג פון אוזערעם) בכלל, ווי אזוי פאַרשידענע פיזיקאַלישע און ביאָלאָגישע געביטן ווערן אָנגעווענדט אויף איין גאַנצקייט און דאָס נישט ווי אָביעקטיווע זאַכן וואָס ערגעץ דאָרטן האָבן „די געלערנטע" פעסטגעשטעלט (א מאָדנער מין אָט די „געלערנטע" וואָס טראַכטן צו אַלץ מאָדנע זאַכן וואָס מען דאַרף זיי נאָר אין שול)... נאָר ווי זאַכן פּראַקטישע וואָס זיי, די תּלמידים ווערן צו דעם אַלעם שותּפים, פּראַקטישע אונטערנעמער. ווייטער דאַרפן די תּלמידים פאַר זיך פאָרויס קלאָר מאַכן דעם גאַנצן פּראָצעס פון דער וויסנשאַפטלעכער ארבעט, וואָס עס איז מעגלעך און וואָס נישט. ביז איצט איז איינגעשפּאַנט אין דער ארבעט דער אינטעלעקט. איצט קומט אויף דער סצענע ארויף דער ווילן, דער כאַראַקטער און די פּראַקטישע אָריענטאַציע־פעאיקייט און נעמיט. קיין שול געביט טרענירט נישט דעם כאַראַקטער פון דעם תּלמיד. דאָ, אין דער דורכפירונג פון דער ארבעט איז די טרענירונג דאָ אויפן אויבן אָן, און די עלעמענטן זענען אין מענטשן א סך וויכטיקער איידער זיין וויסן און אינטעלעקט. דאָ, אין קאָלעקטיווער ארבעט און נישט אין קלאַס קען זיך דערציען א מענטש ווי א מיטגליד פון א שעפערישן קאָלעקטיוו. די מאָמענטן ב, ג, ד, מאַכן אַקטיוו דעם דערפינדונגס גייסט, די איניציאַטיוו, די געשיקטקייט פון די הענט, די אַלגעמיינע אַקטיווקייט. אזוי ארום האָט אונדז די דערפאַרונג געבראַכט צו גלויבן אין דער וויכטיקייט פון דעם מעטאָד און אים צו רעקאָמענדירן.

באַמערקונג אין 1945. עס איז איצט עטוואָס מער פון 20 יאָר ווי די אַרבעט איז דאָס ערשטע מאָל דורכגעפירט געוואָרן. דאָס לעבן האָט די אָנטיילנעמער פון דער עקספּעדיציע לאַנג צעטראָגן אין אַלע ווינקעלעך פון דער וועלט ווו נאָר דער שטראָם פון דער יידישער עמי־גראַציע האָט דערגרייכט. איך ווייס פון בריוו אַז לאַנגע יאָרן איז די אַרבעט געווען אַ קוואַל פון גוטע זיכרונות, אַז לערער האָבן דעם מע־טאָד אין פאַרשידענע וואַריאַציעס איבערגעחזרט. געשאַפן, געבויט.

...דער טויט האָט אַוועקגעטראָגן אין יאָרן פון אומקום און גזרות נישט איין אָנטיילנעמער פון יענע עקספּעדיציעס, ווען מיר האָבן נאָך געגלויבט צו קענען בויען אַן אייגענע יידישע און גאַנצע דערציאונגס סיסטעם, אַן אייגענע און אַן אומאָפּהענגיקע. עס דוכט זיך מיר איצט אַז איך הער די דעמאָלטדיקע געלעכטערס ביי דער אַרבעט... זאָל די אַרבעט זיין אַ גרוס און אַ דערמוטיקונג פאַר די וואָס לעבן און אַרבעטן און אַן אנדענק נאָך די וואָס זענען שוין מער נישטאָ ביי דער אַרבעט...

...עס איז ניינצן יאָר ווי דער ערשטער באַריכט איז געווען גע־דרוקט אין דער „נייע שול" און עס איז אכצן יאָר ווי דער באַריכט איז געווען געדרוקט אין דעם ראַדיקאַלן דייטשישן פּעדאַגאָגישן זשורנאַל פון די „אַנטשידענע שול רעפאָרמער" אונטער רעדאַקציע פון פּראָפ. אויסטרייך. עס איז איצט נישט קיין גרינג געפיל. מיין טרייסט איז נאָר וואָס דער רעדאַקטאָר איז מיט מיינע אויספירן נישט געווען מסכים. ער באַמערקט: נישט קיין פאָרשונגס שול, נאָר אַ פּראָדוקציע־שול ווי אַ געשטאַלטערין פון לעבן. נישט פּראָפיטן, (דאָס איז ער מסכים) אָבער אויך נישט ריינע וויסנשאַפט דאַרף זיין דער ציל וואָס עס שטעלט זיך פאַר די תלמידים נאָר די פּראָדוקציע ווי אַ ציל. וויסנשאַפט מאַכט די קינדער פון יונג „אַלטקלוג", די פּראָדוקציע רעליגיאַזירט, שרייבט דער ראַדיקאַלער דייטשישער פּעדאַגאָגיק־פּראָפעסאָר אין 1927. ווער ווייס, צי זיינע תלמידים האָבן נישט גענומען קיין אָנטייל אין דער פּראָדוקציע פון דעם באַרימטן „יידישן זייף"?. איז עס מיין טרייסט וואָס פון לכתחילה זענען אונדזערע וועגן אין פּעדאַגאָגיק געווען אַזוי ווייט פאַרשיידן.

ווען מיטלען דערשטיקן די צילן

(מיינונגען, באלייזונגען און שטראָפן, אויסצייכענונגען און ספאָרטן)

עס טרעפט אָפט אין דער מענטשלעכער קולטור אז דער משרת פאַר־טרייבט דעם באַלעבאָס און פארנעמט זיין אָרט. אין דער לעגענדע איז דאָס געשען מיט שלמה המלך, וואָס דער אשמדאי האָט אים פארוואָרפן העט אין עקן וועלט, ווו קיינער האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט און נישט באמערקט, און ער, דער אשמדאי איז זיך געזעסן אויף דעם קיניגס טראָן און — קיינער האָט גאָר נישט דערקענט און נישט געכאַפּט זיך אז — עס איז נישט דער אמת־געקרוינטער און אמת געזאלבטער קע־ניג, נאָר גאָר דער טייוול אליין. אָט אזוי זענען מיר מענטשן: מיר קאָנ־טראָלירן זייער זעלטן דעם וואָס הערשט און רעגירט.

אין דערציאונג, אין שולן איז פון לאנג שוין פאָרגעקומען אזא מע־טאמאָרפאָזע, און מיר באמערקן נישט.

דער ציל פון שול, דער זינען פון דער גאנצער אָנשטרענגונג פון גאָר דער וועלט אויפן געביט פון דערציאונג איז אין די לעבעדיקע תלמידים, אין זייער וויסן, זייער כאראקטער, זייער דענקען און זייער געפיל וועלט. אין אלץ וואָס מיר טוען אין שול דארפן מיר תמיד נאָכקוקן און נאָכ־פאָרשן וואָס זענען די דירעקטע ווירקונגען אויף די לעבעדיקע תלמידים אין קלאס, אין שול און וואָס וועט בלייבן פון דעם אלעם אין זייער ווייי־טערדיקן לעבן ווען זיי וועלן די שול ענדיקן.

על פי רוב אָבער ווערט אין שולן די גאנצע אויפגאבע רעדוצירט צו א פשוטער קאנצעלארישער אָפּרעכענונג און מער נישט: יעדן טאָג דארפן

די תּלמידים איינגעמען אַ דאָזע גאַנץ ביטערע רפואות — אויסלערנען באַשטימטע טעקסטן וואָס זענען זיי פרעמד, וואָס האָבן צו זיי קיין שייכות נישט געהאַט און זיי האָבן נישט צו זיי קיין שום אינעווייניקסטע באַציאונג. קינדער זענען שוואַך, זיי זענען אין רשות פון די עלטערן, און די האָבן זיי פאַריאָכט ביי די לערערס, — איז פאַרפאַלן: זיי קענען נישט זיך קעגנשטעלן, טרינקען זיי די ביטערע רפואות און חזרן די ביטערע און פרעמדע טעקסטן כּדי — כּדי צו קריגן מאָרגן אַ גוטע מיינונג. דאָ ענדיקן זיך כּלומרשט די צילן פון לערנען. דאָ ענדיקט זיך די שטרעבונג פון תּלמיד, דאָ באַפרידיקט זיך דער לערער און דערמיט זענען גליקלעך צופרידן די עלטערן.

בראשית איז דאַכט זיך געווען פאַרקערט: דער ציל איז געווען אין לערנען, און די מיינונגען און די גאַנצע רעגלאַמענטאַציע פון באַלוינונגען און שטראָפן איז געווען נאָר אַ מיטל צו אָט דעם ציל. אין פּסיכיק אָבער פון דער עלטערנשאַפט, פון די תּלמידים און אויך פון די לערער האָט זיך פאַרפעסטיקט און שוין לאַנג איינגעבירגערט די פאַרקערטע פאַרהעלטעניש: די למודים, דאָס גאַנץ לערנען איז נאָר אַ מיטל צו קריגן גוטע מיינונגען, קוואַליפיקאַציעס, דיפּלאָמען, פּאַפּירלעך און יוצא. קיינער — נישט אין שול און נישט אין די היימען שטעלט זיך נישט די פראַגע: נו, גוט, די מיינונגען זענען גוטע, אָבער וואָס הערט זיך מיט דעם טרעגער פון די מיינונגען? אין צאַרישן רוסלאַנד אַמאָל פלעגט מען זאָגן: דער מענטש איז אַ צולאָג צו זיין פּאַספּאָרט. ווען איך קוק זיך צו צום לעבן אין שולן, טראַכט איך זיך אַמאָל: די באַריכטן מיט די מיינונגען זענען זיכער אין אָרדנונג, די צרה איז נאָר וואָס אַ חוץ די באַריכטן מיט די ראַפּאָרטן זענען נאָך פאַראַן אויך לעבעדיקע מענטשן, און זיי — זיי זענען שוין גאָרנישט אַזוי אין אָרדענונג ווי די פּאַפּירן.

און דערפאַר — מיליאָנען תּלמידים אין די שולן און אַזוי ווייניק לייענערס פון ערנסטער ליטעראַטור און פּאָעזיע, אַזוי פיל מענטשן מיט דיפּלאָמען אין די קעשענעס, און אַזוי ווייניק אמתע אינטעליגענטן. אַזוי פיל וויסנשאַפטן אין די שולן און אַזוי ווייניק וויסנשאַפטלעכע

אינטערעסן אין דער געזעלשאַפט. עס איז אַ גוואַלדיקע דיספּראָפּאָרץ צווישן דער שול און געזעלשאַפט, צווישן די אָנשטרענגונגען פון דער געזעלשאַפט אויף דערציאונג און צווישן די רעזולטאַטן.

אָפט ווען איך פלעג שמועסן מיט אַ פּראָסטן רוסישן פּויער וואָס קען צומאָל נישט זיין נאָמען אונטערשרייבן, און דער איינדרוק פלעגט זיין אַז ער איז טיפער, דענקענדיקער און אריינגעטראַכטער ווי דאָס רוב יונגע לייט מיט אַ מאַטורע־דיפּלאָם אין קעשענע. און די רוסי־שע מיטלשול איז אפילו אין די צאַרישע צייטן געווען ווייט נישט פון די ערגסטע.

ווען עס קומט מיר אויס צו זען אַן עקזאַמען־בויגן פון אַ תלמיד, טראַכט איך — אַזוי פיל פּרטים, דעטאַלן, פראַגמענטן פון וויסן, אָבער צי קען דער טרעגער פון די אַלע עלעמענטן זיי אָנווענדן ווי עס איז? צי קען ער זיי אויסנוצן אין זיין גייסטיקער שעפערישקייט? צו וואָס דאַרף מען איינגאַנצן וויסן די אַלגעבראַאישע פאָרמולעס, די געאָמע־טרישע טעאָרעמעס, די כראָנאָלאָגישע דאַטעס, די פאַקטן פון געשיכ־טע און אַלע אַנדערע עלעמענטן, אַז ביים תלמיד בלייבן זיי אומאָפּ־הענגיקע עלעמענטן און נישט מער ווי עלעמענטן, דעטאַלן? עס קומט מיר אויס ווי אַנשטאַט וואָס די מיינונגען וואָלטן געדאַרפט זיין אַ מיטל צו דערגרייכן דעם ציל פון וויסן איז עס געוואָרן פאַרקערט — דער ציל זענען די מיינונגען, און דאָס וויסן דאָס געלערנטע איז נאָר דער מיטל צו קריגן גוטע מיינונגען. די אָרגאַנישע ווירקונגען אויף דער פּערזענלעכקייט פון תלמיד און אויף זיין אינטעלעקט, — דאָס אַלץ איז עלעמינירט פון אַכט. אַזוי ווייט האָט דער פאָרמאַליזם פאַר־פירט די גאַנצע דערציאונג. די גאַנצע סיסטעם פון לערנען איז גע־וואָרן אַ סיסטעם פון „אָפּרעכענונגען״: אָט אַזוי פיל און אַזוי פיל פונקטן דאַרפסטו קריגן. דאָס איז אַלץ.

אוודאי דאַרף דער לערער האָבן אַ סיסטעם צו וויסן ווי עס לערנט זיך יעדער תלמיד, און דאָס איז זייער באַקוועם דורך די מיינונגען. וואָס דער לערער נאָטירט ביי זיך. אָבער פון דעם זאָלן די מיינונגען ווערן דער גאַנצער און איינציקער ציל פון לערנען — דאָס איז שוין

„פאַרביטן די יוצרות". צום באַדויערן איז דאָס אַזוי און דערפאַר גיבן די שולן אַרויס אַזוי ווייניק אינטעליגענטע מענטשן! אַ גרויסער טייל לערערס האָבן שוין אין גאַנצן פאַרגעסן אַז אייגנטלעך איז דער ציל פון לערנען אין דעם תלמיד גופא און אין די השפעות אויף אים. מען גייט שוין לכתחילה צו מיט אַ פאָרמאַליסטישן צוגאַנג: בראשית איז באַשאַפן געוואָרן אַ פּראָגראַם — אַ סכום פון אַזוי פיל און אַזוי פיל פּאַראַגראַפן, וואָס מען מוז זיי אויסלערנען — און איטלעכער פּאַראַגראַף גיט אַזוי פיל און אַזוי פיל פּונקטן. דערמיט איז געענדיקט דער גאַנצער לערנפּראָצעס און אַלע אויפגאַבעס פון דעם לערער.

און עס איז שעדלעך: דער וויכטיקסטער עלעמענט פון גייסטיקער ווערטיקייט פון אַ מענטשן זענען זיינע אינטערעסן. ווייס אַ מענטשן מער אָדער ווייניקער מיט הונדערט פּאַראַגראַפן אָדער מער — נישט דאָס מאַכט פון מענטשן אַ מענטש, נייערט זיין אינטערעס און דער געביט פון זיינע אינטערעסן. פאָטאָגראַפירט אָפּ די געדאַנקען פון אַ מענטשן ווען ער איז מיט זיך אַליין (ווען מיר וואָלטן עס געקאָנט!), — און איר האָט זיינע אינטערעסן. דער אינטערעסן קרייז און דער כאַראַקטער — דאָס איז די נשמה פון דעם מענטשן. די לימודים אין שול האָבן די אויפגאַבע צו פאַראינטערעסירן די קינדער מיט די גע־ביטן פון מענטשלעכן געדאַנק, נאָר דערפאַר דאַרף מען אָנהייבן אַלע לימודים וואָס פריער ווען עס איז גרינגער איינצופלאַנצן אינטערעסן אויף אַ גאַנץ לעבן. קומען אָבער די מיינונגען און פירן אַוועק די אינטערעסן פון די קינדער אויף נאָר זייטיקע און קנאַפּוווערטיקע וועגן. דאָס קינד קלייבט מאַרקעס און... מיינונגען. די געאָגראַפיע ווערט ביים קינד רעדוצירט צו אַ קאָלעקציאָניר־אַזאַרט. לענדער אַסאָציאירן זיך מיט קאָלירן און צייכונגען פון די מאַרקעס און מיט דעם אָרט די לעצטע זענען אַריינגעקלעפּט אין אַלבאָם... די אמתע געאָגראַפישע אינטערעסן האָבן שוין דאָ קיין אָרט נישט. און אַז דער בחור וועט עלטער ווערן, דער זאַמל־אינסטינקט וועט אָפּגעשוואַכט ווערן, וועט ער שוין אויך פון זיין געאָגראַפיע נאָר נישט וויסן.

דאָס זעלביקע איז מיט די מיינונגען אויף די לימודים. דער אינ־

טערעס פון תלמיד ווערט אָפּגעצווינגן אויף דעם ריין מעכאַנישן גע־ביט פון „קאָלעקציאָנירן מיינונגען" און שטאָלצירן מיט זיי. דער שייכות פון פּיטאַגאָראַס טעאָרעמע אָדער פון דעם פּראָצעס פון פּאָ־טאָסינטעז מיט דעם 10 אָדער דעם 6 איז א קינסטלעכער, א קאָנווענ־ציאָנאַלער, נישט מער, און ווען א מענטש פאַרנעמט זיך אויף דעם ווענ צו זוכן „צענען", פּירט עס אים נישט לגמרי צו זוכן די אינע־ווייניקסטע אינטערעסן פון די לימודים.

נימצא, אז די מיינונגען קענען ברענגען צו גוטע רעזולטאַטן אויף די עקזאַמענס, צו זייער פיינע באַריכט־קאַרטלעך, אָבער זייער זעלטן קענען זיי איינפּלאַנצן אָרגאַנישע אינטערעסן צו די געביטן וואָס די שול דאַרף איינפלאַנצן. א סך אָפטער אטראָפירט די שול די נאַטירלעכע אינטערעסן וואָס דאָס קינד ברענגט מיט זיך.

דאָ קומט נאָך א צרה: קיין איין לערער אין דער וועלט האָט נישט קיין אבסאָלוט ריכטיקע וואָג אָפּצומעסטן דעם תלמידס ידיעות און שטעלן פונקט די מיינונג וואָס אים קומט. עס איז א זאַך פון שטי־מונגען, פון דעם לערערס געמיט און זיין מידקייט, היינט, גיי און שווער זיך פאַר אבסאָלוטער אָביעקטיווקייט פון לערער, אז עס ווירקן נישט אלערליי סימפּאַטיעס און אנטיפּאַטיעס. ברענגען שוין די מיי־נונגען צו פאַרביטערטקייט, צו געפילן פון אומרעכט, צו שנאה און האַס, אָדער „מאַלע וואָס די לערערס שרייבן דאָרטן" זענען די שאָדנס פון די מיינונגען דען קלענער ווי די נוצן וואָס זיי ברענגען? און נאָך ווייטער: פאַראַנען תלמידים באַגאַבטע וואָס זיי דאַרפן זיך גאָר נישט אָנשטרענגען צו באַקומען תמיד גוטע מיינונגען, און פאַראַגען קינ־דער פלייסיקע, איבערגעגעבענע, וואָס ווילן לערנען מיטן גאַנצן האַרצן, נאָר עס גיט זיך זיי שווערער דאָס לערנען. צוליב פאַרשידענע קאָמפּלעקסן דערשרעקן זיי זיך ווען זיי דאַרפן ענטפערן. און וואָס באַקומט זיך? — זיי האָרעווען א סך מערער און באַקומען ערגערע מיינונגען. דאָס איבערצייגט זיי אין זייער מינדערווערטיקייט, דאָס שאַפט אַפּאַטיע און שוואַכט אָפּ זייער כאַראַקטער אויף א גאַנץ לעבן! און די צאָל פון די תלמידים איז אבסאָלוט גרעסער פון די גליק־

לעבע "הונדערטער־כאַפּערס". צי לוינט עס כדי צו דערמונטערן עט־לעכע פּעאיקערע תּלמידים צו דערדריקן אַ סך אַנדערע? — איך בין זיכער אַז נישט!

אין אַמעריקע איז מען געוויינט דערצו: מען מאַכט פּובליסיטי פאַר איין „סטאַר" און מען דערדריקט טויזנטער וואָס האָבן נישט באַגליקט צו ווערן סטאַרס. און די גליקלעכע „סטאַר־אַרטיסטין" האָט אָפט דערגרייכט איר סטאַריזם נישט מיט איר קונסט צו שפּילן אויף דער סצענע נאָר מיט אַנדערע קונסטן ווי צו געפעלן די פּובליסיטי־מאַ־כערס. און צווישן די אומגליקלעכע דורכגעפאַלענע זענען פאַראַן נישט אין פאַרגלייך מער טאַלאַנטפולע ווי די געקרוינטע. אין אַמעריקע רעדט מען איין די קינדער אַז איטלעכער קען ווערן אַ פאָרד און אַ ראָקע־פעלער, און מען פאַרגעטערט די גליקלעכע יחידים, דערדריקנדיק מי־ליאָנען. אין שול טאָר מען דאָס אָבער נישט בשום אופן: די תּלמידים וואָס אַרבעטן און זיי כאַפּן נישט קיין הונדערטס זענען נישט ווייניקער ווערטפול ווי די גליקלעכע. די מיינונגען מיט זייער ריין פאָרמאַליסטי־שער סיסטעם ברענגען מערער שאָדן ווי נוצן, מערער קינדער דער־דריקן זיי איידער זיי דערמוטיקן. און אַלעמענס אינטערעסן ציען זיי אָפּ אויף ריין מעכאַנישע און גאָרנישט דערציערישע געביטן.

און נאָך ווייטער: די ווערטיקייט פון אַ מענטשן אין געזעלשאַפט, אין לעבן, זיין נוציקייט און זיין קענען איינאָרדנען זיך אין לעבן נוציק פאַר זיך און פאַר אַנדערע הענגט אָפּ נישט אַזוי פון זיין וויסן ווי פון אַ גאַנצע ריי כאַראַקטער שטריכן. דאָס וויסן אַליין גרייט לגמרי נישט צו קיין מענטשן צום לעבן פאַר זיך און צווישן מענטשן. נאָך מער — אפילו פאַר דעם וויסן פון מענטשן, פאַר זיינע קענטעניש און ידיעות זענען נישט מאָסגיביק זיינע מיינונגען וואָס ער האָט געקראָגן אויף דעם עקזאַמען. זענען דאָך דאָס רוב „ערשטע תּלמידים", אָט די „הונ־דערטער־כאַפּערס" אין לעבן גרויסע מיטלמעסיקייטן, אַז גאָט זאָל רחמנות האָבן. וויכטיק זענען די אינטערעסן פון דעם מענטשן, זיין וויסנגיריקייט מער ווי זיין וויסן, די אַריינגעטראַכטקייט מער ווי דאָס קענען. דער מענטש אין לעבן און אין געזעלשאַפט ווירקט גלאָבאַל

מיט זיין גאַנצער מענטשישקייט און קיין מאָל נישט מיט זיין וויסן, וואָס ער האָט געקראָגן אין שול און טראָגט עס מיט זיך... אָבער דאָס דאַרף אויך נישט: ער האָט דאָך דאָס אַלץ לאַנג אַרויסגעוואָרפן און האָט געלאָזן נאָר דאָס פּאַפּירל מיט די מיינונגען. און אָט די מיינונגען זענען אין די שולן דער אַלץ מיט אַן אַנדער, דער א׳ און דער ת׳, דאָס איז דער גאָט און אויף זיין מזבח איז מען מקריב אַלץ. דער מיטל האָט פאַרביטן דעם ציל, און עס איז געבליבן נאָר פאָרמאַליזם, פאָרמאַליזם און ווידער פאָרמאַליזם.

* * *

ענלעך צו דעם איז מיט די שטראָפן און באַלוינונגען אין די שולן. עס האָט זיך איינגעשטעלט א גלויבן ביי לערערס — געזינדיקט, מוז מען באַשטראָפט ווערן, און א תהום מיט דערפינדערישקייט האָבן לערערס אַרויסגעוויזן ביים געפינען, אויסטראַכטן און קלאַסיפיצירן די שטראָפן. די לערערס זענען צופרידן: די גערעכטיקייט זיגט, די דיסציפלין אין קלאַס איז אָרדענונג, און ס׳איז גוט. איז אָבער די מעשה וואָס עס איז שוין גאָרנישט אַזוי גוט. קודם כל ווערט על פי רוב באַשטראָפט נישט דער שולדיקער נאָר דער שלימזל, וואָס איז אַריינגעפאַלן. „נישט פאַרן גנבענען זעצט מען אין תפיסה נאָר פאַרן נישט קענען גנבענען". און פאַראַן אין קלאַסן אַזוינע בריהס וואָס זיי קענען אַריינברענגען אַלע אַנדערע קינדער אין זינד, און זיי וועט דער לערער קיין מאָל נישט כאַפּן. און זיי שפּילן זיך שוין מיטן לערער, וואָס זיי כאַפּן אים אויפן ווענדקע... איז מילא — פון דעם איז אוממיגלעך זיך אויסצוהיטן, איז אָבער דאָן דער לערער אויך נישט אַלע מאָל אין דער זעלביקער שטימונג און נישט אַלע מאָל זענען די שטראָפן עקוויוואַלענט. טאָ ווו איז שוין דאָ גערעכטיקייט? אָבער נאָך וויכטיקער איז דאָ, וואָס עס גייט דאָך אונדז נישט אין דער פּשוטער אָפּרעכענונג — געזינדיקט - באַשטראָפט, — עס איז דאָך א פּראָבלעם פון דערציאונג. אונדז גייט דאָך אין דעם געפיל פון דעם תלמיד אַז די שטראָף קומט מיר, זי איז א נאַטירלעכער פּועל יוצא פון מיין זינד. עס איז דאָך נייטיק אין באַוווסטזיין פון קינד די „נאַטירלעכע שטראָף" ווי דאָס

האָט אָנגערופן נאָך רוסאָ. צי זענען די שטראָפן טאַקע אַזוינע נאַטיר־
לעכע ביי אונדז? צי באַנעמען די קינדער זייערע שטראָפן ווי אַ זאַך
וואָס קומט זיי און נישט ווי אַ ווילקירלעכע אויסטראַכטונג פון דעם
לערער? צי פירן די שטראָפן נישט אָפט צו פאַרקערטע רעזולטאַטן
— „ער האָט מיך באַשטראָפט אומזיסט, וועל איך זיך מיט אים
אָפּרעכענען אויפן אַן אַנדער אופן, און מיר וועלן זען". עס איז גע־
נוג אויב דער תלמיד פילט די אומרעכט, און די דערציערישע וויר־
קונג פון דער גאַנצער שטראָף איז שוין אַ נעגאַטיווע גאָר. די אַכטונג
צום לערער פאַלט, עס שטייגט פאַרקערט אַ געפיל פון וועלן טאָן צו
להכעיס. דער לערער מוז אָנווענדן שטראָפן אַלץ מער און אַלץ אָפּ־
טער ביז — די גאַנצע אַרבעט ווערט אויפגעריסן. אונדז גייט דאָך
נישט אין פּראָווען אַבסאָלוטע גערעכטיקייט, מיר ווילן דאָך איינ־
פלאַנצן אין די קינדער אַ פאַרלאַנג צו זיין גערעכט. און דאָס איז
עפּעס גאָר אַנדערש. עס איז אָפט בעסער, און אַ סך בעסער נישט צו
באַשטראָפן נאָר לאָזן אַ געפיל אַז עס האָט מיר געקומט אַ שטראָף
נאָר מען האָט עס נישט אויסגעפירט. עס איז על פּי רוב גענוג נאָר צו
דערפירן דעם שולדיקן צו אַ געפיל פון אינעווייניקסטער חרטה. און
נאָך בעסער איז אַז מען דאַרף נישט אָנקומען צו די שטראָפן לגמרי.
און עס זענען פאַראַן לערערס, וואָס דאַרפן נישט האָבן קיין שטראָפן
— עס איז גענוג די אַכטונג פון די קינדער צו דעם לערער אַז זיי
זאָלן גאָר נישט וועלן זינדיקן. איך ווייס פון לערער וואָס זייערס אַ
וואָרט איז ווירקזאַמער ווי אַ צווייטנס די גרעסטע שטראָף און מער
ווי אַ וואָרט דאַרפן זיי גאָר נישט. די לערערס וואָס קענען אָן שטראָפן
נישט פירן דעם קלאַס, זענען גאָר אַליין די שולדיקע און נישט די
קינדער. על פּי רוב שטראָפן די לעקערס די קינדער פאַר די זינד פון
די לערערס גופא און נישט פון די קינדער. איך בין נישט קיין יוריסט
און איך ווייס נישט צי טויט שטראָף האָט פאַרקלענערט די צאָל־
פאַרברעכנס. איך גלייב נישט אין דעם. אין שולן ווייס איך אויף
זיכער, אַז וואָס מער שטראָפן — אַלץ מער פאַרברעכנס זענען דאָ.

עס מוז אַמאָל קומען צו דער נויטווענדיקייט פון שטראָף. פאַר־

פאַלן! אָבער דאָ מוז די שטראָף זיין א דירעקטער פּועל יוצא פון דער זינד און זי מוז פירן צו איר פאַרריכטן. די אַלע מיטלען פון דרויסנ־דיקער דיסציפּלין זענען אָפט נישט קיין באַרעכטעקטע און על פּי רוב פירן זיי גאָר צו פאַרקערטע רעזולטאַטן. און „סנהדרין וואָס פאַרמשפּט א מענטשן צום טויט איין מאָל אין זיבעציק יאָר איז א רוצחישער" (פון גמרא).

* * *

נאָך א גרעסערע מיספאַרשטייעניש איז אין די שולן בנוגע צו ספּאָרט. עס איז קיין ספק נישט אז ספּאָרט און גימנאַסטיק זענען זייער נוציק פאַרן געזונט און פאַר דער שטימונג פון דער יוגנט. זיי זענען א גוטער מיטל צו פאַרשטאַרקן די שטימונג און דעם געפיל פון דער יוגנט. אָבער ווען איז דאָס געוואָרן? — ווען גימ־נאַסטיק און ספּאָרט בלייבן מער נישט ווי א מיטל. ווען אָבער פון ספּאָרט ווערט א ציל פאַר זיך און עס קומען דאָ אריין אין קאָן א גאַנצע ריי אומגעזונטע פאַקטאָרן ווי אַזאַרט, פאַרמעסטונג און קאַמף; ווען פון ספּאָרט מאַכט מען נערוון־רייצנדיקע פאַרשטעלונגען — דע־מאָלט ווערט ספּאָרט פונקט א פאַרקערטער פאַקטאָר, וואָס רואי־נירט דעם פאָלקס געזונט. כמעט אַלע רפואות ווען מען נעמט זיי אין צו גרויסע דאָזעס ווערן שעדלעך.

איך וועל דאָ ברענגען עטלעכע אינפאָרמאַציעס גענומען פון דער פּרעסע וועגן דעם געזונט צושטאַנד פון דער אַמעריקאַנער יוגנט. און אַמעריקע האָט אַלע שאַנסן צו זיין דאָס געזונטסטע לאַנד אין דער וועלט: דער סטאַנדאַרד פון לעבן איז דאָ דער העכסטער אין דער וועלט, מענטשן זענען דאָ זאַטער און זייערע היימען זענען היגיע־נישער און מער באַזאָרגט. ספּאָרטן זענען אין אַמעריקע פאַרשפּרייט מער ווי אומעטום. אז מען זוכט א לערער וויל מען, אַנאָנסירט מען ער זאָל זיך „אויסטוינגן צום שפּיל פּלאַץ און צום קלאַס" — ביידע זענען אויף דער זעלביקער מדרגה פון וויכטיקייט. און פון דעסטוועגן האָט זיך אַרויסגעוויזן אז דער געזונט צושטאַנד פון דער יוגנט אין

אמעריקע איז זייער א קלאָגעדיקער. אין א באריכט וואָס איז צוגע־שטעלט געוואָרן דעם סענאט ווערט אָנגעוויזן:

„איבער 4.5 מיליאָן יונגעלייט אין סאמע גלאַנץ פעריאָד פון לעבן (20—30) זענען לחלוטין נישט פאסיק פאר מיליטער דינסט; א מיליאָן שוין צוגענומענע האָט מען געמוזט אָפּשיקן אהיים צוליב קראנקייטן און פיזישע חסרונות. נאָך א 1.5 מיליאָן זענען געוואָרן דינסטפעאיק ערשט נאָכדעם ווי מען האָט זיי אין מיליטער געהיילט. די קאָמיסיע שאצט אז ביז 40 פּראָצענט פון דער מענערישער באַ־פעלקערונג איז נישט מיליטער פעאיק! אזא גרויסן פּראָצענט איז שווער צו געפינען אין וואָסער עס איז אנדער לאנד. אין 1943 האָט דאָס לאנד פארלאָרן 600 מיליאָן „מענטש־טעג" פון ארבעט. אין די באריכטן האָב איך נישט געפונען קיין אינפאָרמאציע וועגן גייסטיקע קראנקייטן, וועגן ווענערישע פּלאָגן, וואָס זענען, ווי אנ־דערע באריכטן גיבן עס אָן זייער פארשפּרייט ביי יוגנט און אפילו ביי קינדער אין אמעריקאנער גרויסע שטעט. צו דער רשימה וואָלט מען נאָך געדארפט צוגעבן דעם פּראָצענט יוגנטלעכע און קינדער, וואָס זענען מאָראליש נישט שטאנדהאפטיק, וואָס זענען פארמשפּט געוואָרן אין די יוגנט געריכטן וכדומה, — און עס וואָלט זיך באַ־קומען זייער א טרויעריק בילד, וואָס דארף צווינגען זיך ערנסט צו פארטראכטן וועגן דעם גורל פון דער מענטשהייט פון מאָרגן. אין א גרויסער מאָס שפּילט דאָ א וויכטיקע ראָלע די גרויסע שטאָט מיט איר מעכאניזירטן לעבן. עס דערמאָנט זיך מיר א סטאטיסטיק פון פּראָפ' גיזע, אז די גרעסטע מערהייט פון מענטשן וואָס האָבן זיך ארויסגערוקט אויף אַלע געביטן פון לעבן שטאמען פון דערפער און קליינע שטעט מיט ווייניקער ווי 10 טויזנט איינוווינער. דער טומל אין שטאָט רייסט די קינדערשע נערוון אָן רחמנות, די שרייאיקע רעקלאמע, די קאלײדאָסקאָפּישקייט פון באוועגונג, דער קינאָ און און ראדיאָ לאָזן נישט קינדער זיך צו קאָנצענטרירן. עס ווערן פשוט אָטראָפירט די פעאיקייטן צו באטראכטן, צו זען און זיך צוצוהערן, צו דענקען און צו טראכטן. עס אנטוויקלט זיך אן אויבנאויפיקייט

צו אלץ און א נאָכלויפן נאָך אלע מאָמענטאנע גלוסטונגען. אָבער דאָס איז ווייט נישט אלץ: אין א סך שולן איז מיר אויסגעקומען צו זען אז די מיידלעך זענען ווייט אינטעליגענטער פון די יינגלעך. און דאָס אן ערך פון דעם פערטן לערן יאָר אָן. און אויף דעם סמך פון מיינע באָאבאכטונגען בין איך געקומען צום אויספיר, אז דאָ איז שולדיק די אזאַרטיקע אַריינגעטאָנענקייט אין ספּאָרטן און שפּילן.

קודם כל איז שוין לאנג צייט געווען צו זאָגן אז די בארימטע רוי־מישע פראזע „אין א געזונטן גוף איז אויך די נשמה געזונט" איז א פּשוטער ליגן. די בארימטע ספּאָרטלערס די באָקסערס, שלעגערס, די טשאַמפּיאָנען, די וועלטבארימטע שטערן פון ספּאָרט זענען גאנץ ווייט פון צו זיין געזונט. די מוסקולן זענען איינזייטיק היפּערטראָ־פירט שטארק און די אנדערע וויטאלע אָרגאנען זענען צו פיל אָנ־געשטרענגט. אזוי ארום אז נישט נאָר זייער נישמה איז ווייט פון צו זיין געזונט, — נאָר אויך זייער גוף איז ווייט פון דעם. ווי איט־לעכע היפּערטראָפיע פון איין אָרגאן איז אויך ספּאָרטלעריי שעדלעך פאר דער הארמאָנישער גאנצקייט פון אָרגאניזם. א קו מיט א שטארק אנטוויקלטן אייטער, א חזיר מיט צופיל פעטס, וואָס קען שוין אויף זיינע פיס נישט שטיין, און א ספּאָרטלער מיט זיינע מוס־קולן — דאָס איז אלץ איין קאטעגאָריע „געזונטהייט". מיט דעם וואָרט געזונט באצייכענען מיר די נאָרמאלע פונקציאָנירונג פון אלע אָרגאנען, ווידערשטאנד צו קראנקייטן וכדומה. ווייניקער ווי אנדערע פארמאָגן עס די ספּאָרטלער. און עס איז דאָך קלאָר: די אקטיווקייט פון די אָרגאנען ווערט קאָנטראָלירט דורך די נערוון און די אינע־ווייניקסטע סעקרעטן. פון די ספּאָרטן געניסן די גאָרנישט. די פראזע איז געווען פאלש אין דער צייט ווען זי איז באשאפן געוואָרן (סע־נעקא, אין רוים). רוים האָט געזוכט צו אנטוויקלען נישט געזונטע מענטשן נאָר שטארקע שלעגערס, פויסטלערס, שווערד־מענטשן, סאָל־דאטן — איז די נעבעכדיקע פראזע געווען איינער פון די מיטלען איינצורעדן דעם עולם. נישט מער.

וואָס עס איז שייך צו אָרגאנישער געזונטקייט זענען די שוואכע

יידן געווען געזינטער פון אנדערע פעלקער מיט שטארקע מוסקולן. און דאָס איז דערגרייכט געוואָרן דורך אויסגעהאַלטנקייט און נאָרמירטקייט אין לעבן, דורך איינגעהאַלטנקייט פון שיכרות און... ספּאָרטן און דורך ריינקייט אין משפחה לעבן.

נישט אין פאַרגלייך ריכטיקער און אמתדיקער איז דער זאָץ פון פּראָפ׳ מעטעלניקאָוו, אז „ביי א געזונטער נשמה איז דער גוף אויך געזינטער". וואָס מער נאָרמירטקייט, וואָס ווייניקער נערוון רייץ, וואָס מער קאָנצענטרירטקייט, וואָס מער רואיקייט און איינגעשטעלטקייט, אַלץ געזינטער. וואָס ווייניקער ענדערונגען און נייעסן אין דער קינדהייט, — אַלץ געזינטער און לעבנספעאיקער.

ספּאָרט — מעסיקע אקטיווקייט פון די מוסקולן איז זיכער א נוציקע זאך, אָבער — קודם כל ווען איך טו עס אליין און נישט איך לויף קוקן ווי אנדערע מאכן עס. — איך קוק, איך נערוויר זיך און שריי. דאָס איז שוין נישט מער ווי אזארט און עס האָט שוין מיט נוציקייט פון ספּאָרט גאָר נישט צו טאָן. די קאָמערציאַליזירטע ספּאָרט אונטערנעמונגען אויף בילעטן — זיי מאכן קראנק די באַפעלקערונג — די קוקערס און אויך די „ספּאָרט-אַרטיסטן" גופא. פאַרבאָטן די ספּאָרט פאַרשטעלונגען וואָלט געווען די גרעסטע מצווה פאר דער געזונט פון דער גאנצער באַפעלקערונג. באשר די ספּאָרט-מאַנגאטן וואָס מאכן מיליאָנען פון דעם וועלן שוין נישט דערלאָזן. נאָך ערגער זענען די ספּאָרט פּראָגראַמען אין ראַדיאָ. וויפל קליינע קינדער עס צעטרענצלען זייערע שוואכע נערוון ביי די ראַדיאָ-קעסטלעך צוהערנדיק זיך צו די געמאכטע גוואלדן פון דעם אַנאָנסער. נישט בעסער זענען די „ספּאָרט-זייטן" אין די צייטונגען.

ספּאָרט און נאָך מער — גימנאַסטיק וואָס האָט נישט אין זיך קיין עלעמענטן פון אזארט פון קאַמף, פון אריבערשטייגן זיך, פון יאָגן זיך וואָלט געווען זייער נוציק. נאָר עס איז דאָך נישטאָ אזא זאך. דער עיקר איז דאָך דער אזארט ביי דעם ספּאָרט. און ער ברענגט נאָר שאָדן דער געזונט פון דער באַפעלקערונג און נישט מער. נאָך ערגער ווירקט אָט דער ספּאָרט אויף די גייסטיקע פעאיקייטן פון די

קינדער — זיי ווערן לגמרי אטראָפירט. יינגלעך פון א יאָר צען ווערן אזוי אריינגעצויגן אין די ספּאָרטן אז דאָס ווערט ביי זיי די דאָמי־נאַנטע אין מוח. זיי לערנען נישט, זיי דענקען נישט זיי זעען קיין זאך נישט און אינטערעסירן זיך מיט קיין זאך נישט. זיי ווערן פּשוט פאַרטעמפּט, און זיי וואַקסן אויס טעמפּע, נערוועזע, אָפט היסטערי־שע גראָבע יונגען, וואָס האָבן קיינע העכערע אינטערעסן נישט. און ווען דער סעקס הייבט אָן צו באַאומרואיקן ווערט דאָס אויך א ספּאָרט. קיין געזונטע דורות קענען דאָ נישט אויסוואַקסן. די פּאָר־קאָבטקייט אין די אזארט ספּאָרטן לאָזט נישט די קינדער עפּעס צו טאָן אין שול, עפּעס צו טאָן פאר זיך, עפּעס צו טראַכטן אליין.

עס האָט נאָך מיט א צייט צוריק געשריבן דער גרויסער רוסי־שער פּעדאַגאָג און געלערנטער לעסגאַפט, אז וואָס מער א מענטש איז קאָנצענטרירט אויף דרויסנדיקע זאַכן, אַלץ ווייניקער קען ער זיך אָפּגעבן מיט אינעווייניקסטע אינטערעסן. וואָס מער דער אזארט־ספּאָרט פילט אָן די מוחות פון די קינדער, אַלץ מער פארטרייבט ער פון זיי אלע אנדערע גייסטיקע אינטרעסן און זיי בלייבן אומאינטע־ליגענט אויך אפילו זיי לערנען שפּעטער אין אוניווערזיטעטן. מיט איין וואָרט — די אזארט־ספּאָרטן צעשטערע די נאָרמאַלע האַרמאָנישע פונקציעס פון אָרגאַניזם, זיי צערייצן די נערוון סיסטעם, זיי פאַר־טעמפּן די מוחות און שוואַכן אָפּ די דענק־פעאיקייט פון די קינדער און אלע אנדערע געביטן פון גייסטיקן לעבן און שאַפן. די היינטיקע ספּאָרטן האָבן גאָרנישט צו טאָן מיט פאָלקסגעזונט. עס איז געוואָרן א געביט פון שיכרות, א מין קאָרטן שפּיל און מער נישט.

יידישע פעדאַגאָגיק
צווייטער טייל

מיין טאטן, דעם הארציקן תלמיד־חכם,
מיין מאמען, דער שוואכער, דאַך שטאַרקער אשת־חיל.

די נאַציאָנאַל-פּעדאַגאָגישע יסודות פון דער טראַדיציאָנעלער דערציונג ביי יידן

1. אריינפיר

כרמי שלי לא נטרתי — (שיר השירים).

מער ווי צוויי טויזנט יאָר האָט זיך ביי יידן געהאלטן א פעסטע טראַדיציע ווי צו האָדעווען קינדער, לערנען און דערציען זיי. אָט די טראַדיציע אונדזערע איז איינע פון די עלטסטע, זי נעמט ארום אלע יינגלעך, די גאנצע מענערישע טייל פון פאָלק. דאָס פאָלק האָט זי געטריי אָפּגעהיט ביז מסירת־נפש ממש. דור נאָך דור, יאָרהונדערט נאָך יאָרהונדערט איז אָט די דערציאונגס־טראַדיציע געווען דער סאמע וויכטיקסטער פונדאמענט פון דעם פאָלקס קיום בכלל.

אָבער ווען מיר האָבן זיך גענומען מאָדערניזירן אונדזער לעבן און אויך די דערציאונג, האָט מען קודם־כל זיך גענומען מיט דער גרעסטער התמדה פארשטיינען, אויסוואָרצלען אלץ וואָס עס שטאמט פון אונדזער טראַדיציע אין דערציאונג. מען האָט ביי אונדז מיט היץ פון נעאָפיטן גענומען אויסלאכן אלץ, אָפּשפּאָטן פון אלץ, פארמיאוסן און

אָפּוואַרפֿן אַלץ וואָס עס איז אויסגעוואַקסן אין אונדזער אייגענער טראַדיציע און פֿאַרבייטן דאָס מיט איבערגענומענע פֿון דער פֿרעמד, פֿון „אייראָפּע" (אייגנטלעך אויך פֿון אַ טראַדיציע, נאָר פֿון אַ פֿרעמדער). האָבן מיר אין אונדזער מאָדערנער דערציאונגס־סיסטעם אַריינגענומען אָן קריטיק, דעם גאַנצן פֿאָרמאַליזם, אַלע זיטן און פֿאָרמען, וואָס האָבן געשטאַמט אויך פֿון אַ טראַדיציע, איבערהויפּט פֿון דער יעזואיטישער, די פֿאַרטעם מיט די פֿאָרמעס, מיט די מיינונגען און כרעסטאָמאַטיעס, מיט די פֿאָרמאַליסטישע פּראָגראַמעס, מיט דער מושטרע און ניוועלירונג און פֿאַרטושונג פֿון דעם תּלמידס „איך". און מיר זענען געווען איבערגליקלעך; מיר האָבן געמיינט, מיר האָבן זיך געוואָלט איינרעדן: „מיר זענען אייראָפּעער", מיט לייטן גלייך...

אמת, אויף וויפֿל צווישן די אייראָפּעער גופֿא זענען געווען אומצופֿרידענע זוכער פֿון נייע דרכים, אויף אַזוי־פֿיל האָבן מיר זיך דערלויבט צו זיין אומצופֿרידן און מיטגיין מיט די זוכער, ריכטיקער — צו זיין אָנהענגער פֿון די זוכער. איינס איז אָבער געווען פֿאַר אונדז זיכער און פֿעסט: די נעגאַטיווע באַציאונג צו אונדזער אייגענער דערציאונגס־טראַדיציע. דאָ זענען נישט געווען קיין חילוקי דעות. בנוגע צו דעם איז ביי אונדז געווען אַן אַלגעמיינער הסכם — נישט די טראַדיציע אונדזערע אינגאַנצן נישט אירע עלעמענטן האָבן נישט קיין ווערט, זענען נישט פּעאיק צו אַ פֿרוכטבאַרער אַנטוויקלונג און זיי האָבן נישט קיין זאָמען אין זיך וואָס זאָלן קאָנען זיך צעוואַקסן צו אַ פּראָגרעסיוון קולטור פֿאַקטאָר אין אונדזער לעבן. ניין און ניין, — קוים שטאַמט עס פֿון אונדזער אייגענער טראַדיציע טויג עס שוין אַפּריאָרי נישט. אַזוי איז די איינשטעלונג פֿון דער גאַנצער יידישער פּעדאַגאָגיק, פֿון דער יידישער ליטעראַטור און בכלל פֿון דעם געדאַנקען־גאַנג פֿון דער יידישער אינטעליגענץ פֿון אַלע ריכטונגען און שאַטירונגען.

פֿון די ערשטע משכּילים אָן, פֿון די צייטן פֿון דער עמאַנציפּאַציע ע"ה און ביז היינט, פֿאַרמאָגט נישט דער פּעדאַגאָגישער געדאַנק ביי יידן קיין זאַך וואָס זאָל נישט זיין איבערגענומען, קאָפּירט אָדער נאָכ־

געמאַכט פון פרעמדע מוסטערן. און דערציִאונג איז אָבער, לויט איר עצם מהות אַזאַ קולטור אַקטיוויקייט וואָס שפּיגלט אָפּ צום בולטסטן די סאָציאַל־קולטורעלע נשמה פון דער סביבה, עס איז דער אינטימס־טער קולטור־צווייג, און קיין איבערגענומענע דערציאונג קען נישט זיין אָרגאַניש. אויך אונדזערע נאַציאָנאַלע שולן פון אַלע מאָדערנע ריכטונגען קענען כמעט נישט אָנווייזן קיין אָריגינעלס, קיין אייגנס, עפּעס וואָס זאָל האָבן ארויסגעוואַקסן פון אונדזער אייגענער ספּעצי־פישקייט, פון איינדיער נאַצינאַלן איך ארויס. ביי דער מסירת־נפש פאַר דערציאונג וואָס עס איז דאָ ביי יידן, איז אָט דאָס אויספעלן פון אייגנס אָן שום ספק איין גרויסער „צום באַדויערן". דער אינהאַלט פון לערנען, דער געלערנטער מאַטעריאַל איז ביי אונדז נאַציאָנאַל (לויט די באַגריפן פון דער אָדער יענער ריכטונג), — אָבער די וועגן פון לערנען — דאָ זענען מיר ווי תלמידים וואָס קענען אָן דעם רבינס טייטל זיך פון אָרט נישט רירן.

אין דערציאונג איז אָבער אַלעמאָל דער „ווי" וויכטיקער פון דעם „וואָס". און קוקנדיק אויף אונדזערע וועגן פון דערציאונג, קומט אויס ווי מיר וואָלטן אין אונדזער נאַציאָנאַל־קולטורעלן זיין נישט פאַרמאָגט גאָרנישט קיין אייגנס, קיין אייגנטימלעכקייט, מיר האָבן נאָך זיך אַליין נישט געפונען.

און טאָמער האָט אַ נאַציאָנאַלער יידישער פעדאַגאָג יאָ אַמאָל גע־וואָלט באַווייזן אַז מיר האָבן אויך פאַרמאָגט עפּעס רעכטס, האָט ער אָנגעשריבן אַן ארבעט „דער מהר"ל און קאָמעניוס". דער צוגאַנג איז דאָ כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדזער נאַציאָנאַל־דעקענדיקער אינטעלי־גענץ. און אָט פאַר וואָס: יאַהאַן עמוס קאָמעניוס איז מיר ליב און נאָנט מיט זיין יידישלעכן געדאַנקען־גאַנג און סטיל, אויך מיט זיין „יידישן" גורל פון גלות און נע ונד. אָבער דאָך איז צווישן אָט דעם מאָראַווישן בישוף, וואָס מיר פלעגן אין ווילנער יידישן לערער סעמי־נאַר רופן „ר' יוחנן דער קאָמינער" און דעם לאַנדסמאַן זיינעם, דעם פּראַגער רב מהר"ל אַ צו ווייטער מהלך, און די אַנאַלאָגיעס האָבן נישט קיין ווערט. דען וויכטיק זענען נישט די פּאַראַלעלע ארויסזאָגונגען פון

די צוויי מחברים. אַזוינע אַנאַלאָגיעס קען מען אָפּט געפינען אין הי־פּוכדיקע ריכטונגען פּונקט ווי מען קען דאָך אין מאַשינעס פון פאַר־שידענער אָנווענדונג געפינען ענלעכע רעדער און שרויפן. וויכטיק זע־נען די אַלגעמיינע קולטור טענדענצן, די ריכטונג ווי אַ גאַנצע און נישט די דעטאַלן. און פון דעם צוגאַנג גענומען זענען, פאַרשטייט זיך, דער פּראַגער רב און דער קאָמינער בישוף געווען צוויי פאַרשידענע וועלט־סיסטעמען, וויפל אַנאַלאָגיעס מען זאָל צווישן זיי נישט געפינען.

דאָ ווי אין אַ סך דערשיינונגען זענען כאַראַקטעריסטיש די סאָציאַל פּסיכאָלאָגישע סטימולן, וואָס ברענגען אונדזערע דענקער צו אַזוינע אַנאַלאָגיעס אין וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן. מיר דוכט זיך, אַז דאָ האָבן מיר דעם זעלביקן סטימול וואָס ברענגט צו אַזוינע אַרויסזאָגונגען ווי „שלום עליכם איז דער יידישער מאַרק טווען" וכדומה.

אין די אַלע אויבן געבראַכטע אַרויסזאָגונגען איז דער משל, די נאָרמע דאָס פאַראַנענע ביי די אומות העולם. מאַרק טווען, איז די נאָרמע. שלום־עליכם ווערט באַגרייפלעך און ווירדיק באשר ער איז ביי אונדז אין דער ראָל פון דער נאָרמע. ווייטער, מיר אַליין ווערן דערמיט געגליכן צו אַ נאָרמאַל פאָלק, ווייל מיר פאַרמאָגן אויך אַן אייגענעם מאַרק טווען.

די נאָרמע איז קאָמעניוס. און דער יידישער נאַציאָנאַליסטישער זעלבסט־געפיל ווערט באַפרידיקט דורך דעם, וואָס מיר האָבן אויך אַן אייגענעם „כמו קאָמעניוס".

אַזאַ מין פּסיכישן אונטערשלאַג האָבן מיר פאַר זיך אין די פּעדאַ־גאָגישע קרייזן פון אַלערליי ריכטונגען ביי יידן: די נאָרמע איז בכל אופן ערגעץ אויסער אונדז, ווייטער פון אונדז. מיר דאַרפן זוכן ווי עס איז צוצוקומען צו אָט די נאָרמעס. פאַרשטייט זיך, אַז ביי אַזאַ איינ־שטעלונג איז אוממעגלעך געווען צו אַנאַליזירן די יידישע דערציאונג־טראַדיציע און אויסנוצן דאָס פּאָזיטיווע, וואָס איז אָרגאַניש איינגע־פלאַנצט געוואָרן אין אָנצאָליקע דורות. ביי אַזאַ איינשטעלונג באַמיט מען זיך תמיד צו זוכן און צו געפינען דאָס ענלעכע, דאָס פּאַראַלעלע, אָבער נישט דאָס אייגנטימלעכע, דאָס ספּעציפישע. און מהאי טעמא

— איז ביי אונדז אָפט דער געדאַנק נישט קיין אָריגינעלער, עס קלינגט נישט אין אים דער אינטימער „איך", און ביי קיין איין ייד־שער ריכ־טונג ווערט ער נישט באַגלייט מיט דער אינעווייניקסטער זיכערקייט און באַפּרידיקטקייט. פאַרקערט קומט תמיד אַ סוגעסטיווער העכערער טאָן, וואָס דאַרף מאַכן די זיכערקייט 1).

אין דער אַרבעט וועל איך פּרובירן זיך צו דערגרונטעווען צו די יסודות פון דער יידישער דערציאונגס־טראַדיציע. איך גלויב אַז עס קען אונדז גאַנץ נוציק זיין. און אפשר נישט בלויז אונדז.

2. אויפקום פון דער טראַדיציאָנעלער דערציאונג

די טראַדיציאָנעלע דערציאונג האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אין די צייטן פון תלמוד. אמת, אויך פריער האָט, פאַרשטייט זיך, עק־זיסטירט ביי יידן אַ דערציאונגס־סיסטעם און אירע שפּורן קען מען געפינען אין תנ"ך. אָבער אין די צייטן פון משנה איז די דערציאונג ווי מיט איין מאָל אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין צענטער פון גאַנצן נאַ־ציאָנאַלן לעבן פון פאָלק. „ותלמוד תורה כנגד כולם" און „כל זמן יידישע קינדער לערנען תורה (קול יעקב) קענען די ידי עשו זיי נישט

---

1) דער סימן איז: ביי אינטימער זיכערקייט — אַ עקשנותדיקע רויקע פעסטקייט, אָן געשרייען און אָן כעס, אָן רוגזה, אַ פעסטקייט און אויסדויער, אָן קאָנפליקטן צווישן דעם, וואָס אין פּריוואַטן און אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. דער געדאַנק, די אידעע איז בולט תמיד און אומעטום, אין שטוב און אין גאַס, אין אַרויסזאָגונגען און אין מעשים, אַפילו ווען דאָס מויל אָדער די פען שווייגן. דער געדאַנק איז דאָ אין מענטשן גופא, געמיט־צושטאַנד על פּי רוב אַ גוטמוטיקער, נישט קיין קריגערישער, דערלאָזט קריטיק און דערשרעקט זיך נישט פאַר איר. פונקט פאַרקערט איז עס ביי אַ געמאַכטער זיכערקייט, וואָס דאַרף זיך און אַנדערע סוגערירן.

בייקומען". דער זינען פון דעם קורצן דרוש איז א פשוטער: די אייביקייט פון יידישן קיום ליגט אין לערנען תורה. א־ן „מען טאָר נישט מבטל זיין קינדער פון לערנען אפילו צום בויען דעם בית־המקדש". דאָס לערנען איז דאָ בכן וויכטיקער פאַרן בית־המקדש. א רבין פאַרן קינד מעג מען באַזאָרגן אויך אום שבת. גדול תלמוד־תורה יותר מבנין בית המקדש, גדולה תורה מן המלכות. די מלמדים האַלטן אוים די שטאָט. בכלל, א שטאָט, ווו עס זענען נישטאָ קיין „תינוקות של בית רבן" (ווו קינדער לערנען די תורה), דאַרף חרוב ווערן. די גאַנצע וועלט האָט א קיום נאָר צוליב די קינדער וואָס לערנען תורה. און ירושלים איז חרוב געוואָרן, ווייל מען פלעגט דאָרט מבטל זיין די קינדער פון לערנען. — די אַלע מימרות זענען נישט סתם ציטאטעם פון ביכער, וואָס שטייען אין שאפעס, אויך נישט סתם קיין פאַנגבאַרע ווערטלעך. דאָס זענען אַלע קורצע אַרויסזאָגונגען, וואָס האָבן געהאט די אויפגאַבע צו דערקלערן און באַרעכטיקן די פּראַקטיק פון לעבן. אזא איז דער כאַראַקטער פון אַלע תלמודישע דרשן, מימרות און אַרויסזאָגונגען, וואָס זיי זענען לאַקאָנישע, אָפט אין פאָרם פון משלים, באַגרינדונגען פון לעבנס־טעאָריעס. אין זיי, אין די קורצע אַפּאָריזמען דאַרף מען זוכן דעם וועלט־באַנעם און די סיסטעם־פּרינציפּן פון נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן לעבן. דאָס זענען כללים, וואָס דאָס פאָלק האָט אָנגענומען און אָפּגעהיט דורך אַלע דורות. בכן, זענען פאַר אונדז אָט די תלמודישע לאַקאָנישע זאַצן מאַסגיביקער ווי וואָסערע עס זאָל נישט זיין אַנדערע ציטאַטן פון אינדיווידועלע ווערק. פון די ציטאַטן (זיי זענען נאָר א קליינער טייל פון די וואָס מען וואָלט געקענט ברענגען) איז צו זען, אַז די דערציאונג איז דאָ געווען געשטעלט אין צענטער פון גאַנצן נאַציאָנאַלן לעבן. דאָס לערנען די תינוקות של בית רבן די תורה איז די נשמה און קיום פון פאָלק.

פון וואַנען נעמט זיך אַזא אויסערגעוויינלעכע געטרייקייט צום לערנען בכלל און צו קינדער־לערנען בפרט?

דאָס איז נישט סתם אַזא ליבע צו דער תורה און צום לערנען. די ליבע האָט טיפע סאָציאַל־קולטורעלע וואָרצלען אין דער פאַרענדערטער

כאַציאַל־פּאָליטישער קאָנסטרוקציע פון יידישן פאָלק, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין די צייטן פון תלמוד.

עס איז געווען די צייט פון דער חשמונאישער יהודה. די קליינע מדינה איז אַלץ מער און מער געוואָרן איינגעדאַרט, צו שוואַך אַרומצו־נעמען דאָס גאַנצע יידיש לעבן. און עס האָבן זיך געשאַפן די באַקאַנטע פּאַרטייען, סעקטעס. די וואָס האָבן זיך אינגאַנצן מיאש געווען פון דער פּאָליטיק, פון אַלץ — די אסיים. ווייטער זענען געווען די סאָציאַל־העכערע שיכטן פון פאָלק, וואָס האָבן געזוכט צו פאַרוואַנדלען דאָס קליינע יהודה אין אַ נאַציאָנאַל פּאָליטישן איינס, לויט דעם מוסטער פון די דעמאָלט מאָסגיביקע מלוכות. דאָס זענען געווען די צדוקים. דאָס האָבן זיי געוואָלט אַ פּאָליטישן איינס וואָס איז קולטורעל העלעניסטיש און דער רעליגיע און קולט — שטרענג יידיש.

אָבער פון דער דריטער זייט זענען געשטאַנען די פאָלקסטימלעכע שיכטן, וואָס האָבן זייער יידישקייט נישט געקענט בשום אופן איינ־שפּאַרן אין קולט בלויז און אין רעליגיע. זיי האָבן פשוט זיך נישט גע־קענט אָפּשיידן זיך פון זייער פאָלקסטימלעכער, אין משך פון דורות אָנגעוואַקסענער פאָלקס־קולטור, וואָס איז דעמאָלט געווען אויסער די ראַמען פון אָפיציעלן קולט און פון דער דעמאָלט קאָנאָניזירטער רע־ליגיע. זיי האָבן עס נישט געקענט ווי עס קענען נישט קיינמאָל דאָס אָפּוואַרפן פאָלקסטימלעכע מאַכן אין אַלע דורות. צו אינטים, צו אָר־גאַניש איז דאָס פאָלקסטימלעכע אין זייערע נשמות.

אויף דער אויסבילדונג פון דעם וועלט באַנעם, פון דער טעאָריע פון יידישקייט, וואָס די שיכטן האָבן זיך געשאַפן, האָט אַ גרויסע ראָלע געשפּילט דער קולטור־קאַמף פון די פריערדיקע דורות. נישט דאָ איז דאָס אָרט צו כאַראַקטעריזירן דעם קולטור־קאַמף פון די נביאים. איך וועל נאָר אָנדייטן אויף איין שטריך. אַלע נביאים האָבן תמיד באַקעמפט יעטווידער פאָרמאַליזם, יעטווידער סימבאָל. די אידעע, דער אינהאַלט, אָבער נישט די פאָרם, נישט זיין סימבאָל. די אידעע, דער אינהאַלט,

אָבער נישט די פאָרם, נישט זיין סימבאָל. גאָט, אָבער נישט קיין סימ־באָל זיינער, נישט קיין פאַרהייליקטער סימן פון גאָט. פאָלק — איז זיין אינהאַלט, אָבער קיינע סימבאָלן נישט פון פאָלק. איז פרומקייט אין תוך, אָבער נישט קיין פאָרמעלע צערעמאָניעס וכדומה. אָט דאָס איז אַ שטריך פון דעם נביאישן קאַמף וואָס גייט דורך אַלע נביאים פון די ערשטע ביז די לעצטע.

און די פרושים האָבן מיט רעכט געהאַלטן זיך פאַר די גייסטיקע יורשים פון די נביאים. און ווען דאָס לעבן האָט געשטעלט די פראַגע: „וואָס איז יידישקייט, און וואָס איז איר מהות?״ — האָבן די פרושים געענטפערט אַז דאָס איז נישט די מלוכה און נישט די דינאַסטיע, נישט דאָס הייליקע לאַנד און נישט די הייליקע ערטער, בערגלעך, במות, בני־נים, נישט בית־המקדש, נישט קיין קברים פון באַקאַנטע און אומבאַ־קאַנטע הייליקע, אַפילו נישט די הייליקע בלעטער און פאַרמעטן פון דער תורה, נישט די הייליקע שפּראַך פון דער תורה, און אויך נישט די פאַרהייליקטע אותיות און ווערטער פון דער תורה. נאָך מער — אַפילו נישט דער אינהאַלט פון דער תורה, ווי ער איז איינמאָל פאַרפיקסירט געוואָרן. ניין, יידישקייט איז, לויט די פרושים, אַ שטראָם, אַ קוואַל, וואָס קוועלט כסדר און אַן אויפהער שטראָמט ער ווייטער, בייט זיין געשטאַלט, ענדערט זיך, וואַקסט אָן, וואַקסט אַרויס פון לעבן, כדי צו ווערן „תורה״ און ווידער באַווירקן דאָס לעבן, געשטאַלטן עס און פורעמען. יידישקייט איז דאָס שלמותדיקע לעבן פון יידן. און ווי אַזאַ קען זי געמאָלט זיין נאָר און מער נישט ווי אין די נשמות פון לעבעדיקע יידן. קענען בכן נישט געמאָלט זיין פאַר די פרושים קיינע מאַטעריעלע, גשמיותדיקע יסודות פון יידישקייט, קיינע אַנדערע צענטערן אויסער די לעבעדיקע יידן גופא 2).

---

2) צום פאַרגלייך:
חי הוא יודך.
לא המתים יהללו יה.
לא אמות כי אחיה ואספר מעשי יה.

דאָס האָבן די פּרושים זיך אָפּגעשיידט („פּרוש" הייסט אַן אָפּגע־שיידטער) און באַזייטיקט פון זייער וועלט־באַנעם פון ידישקייט יעט־ווידער חומר, מאַטעריע, סימבאָל, הייליקייט. „לא תעשה לך כל פסל". אָפּגעוואָרפן אַל דאָס מאַטעריעלע, וואָס אויסער דעם מענטשן, אויסער דעם יידן. יידישקייט איז לויט די פּרושים אָט דער שטראָם פון „משה קבל תורה" און וואָס שטראָמט אַזוי ווייטער. און נישט „תורה שבכתב", די פאַרשריבענע, די פיקסירטע תורה איז יידישקייט... ניין, „לא כרת הקב"ה ברית עם ישראל אלא בשביל דברים שבעל פה" (גיטין ס':).

דאָס וואָס עס איז פאַרשריבן און יעטווידער קען עס האַלטן אָדער נישט, דאָס וואָס איז אַ „תורה שבכתב" קען נישט זיין קיין יידישקייט. נאָר בלויז דאָס וואָס איז נישט פאָרמולירט, וואָס עס איז פאַראַן אין לעבן, אין די מעשים פון פאָלק אין זיינע אַרויסזאָגונגען, אין אָט דעם פאָלקסטימלעכן מאַטעריאַל, דאָ ליגט יידישקייט („מבדילין בין ישראל לבין אומות העולם"), די תורה שבכתב קען מען איבערזעצן און לייע־נען אין איר אויך אין גריכיש, אָבער נאָטס קינדער זענען די וואָס פאַר־מאָגן אַזוינע פאַרבאָרגענע („מיסטורין") אייגנטימלעכקייטן, וואָס מען מוז זיך אין זיי אַריינלעבן, אויסלערנען זיי קען מען נישט. און „דאָס איז די משנה, וואָס איז געגעבן געוואָרן בעל פה". און אָט די פּליסיקע און פאַרענדערלעכע שטייגערישע פאָלקסטימלעכקייט, וואָס ווערט אי־בערגעגעבן און איבערגעאַנדערשט פון דור צו דור, אָט דאָס האָט ביי פּרושים געגאָלטן פאַר דעם איינציקן אינהאַלט און יסוד פון יידישקייט

מה בצע בדמי ברדתי שחת.

וחי בהם. — ולא שימות בהם (צוליב די מצוות).

פקוח נפש דוחה שבת.

כל המקיים נפש אחת, באילו קיים עולם מלא.

כל המאבד נפש אחת, מעלה עליו הכתוב כאילו אבד עולם מלא.

תינוק בן יומו מחללין עליו את השבת — דוד מלך ישראל מת, אין מחללין עליו את השבת.

און פון דאנען שטאמט זייער מסירת־נפשדיקע געטרייקייט צום „תלמוד תורה״. יעטווידער ייד, יעטווידער יחיד דאַרף ווערן אַ טרעגער פון אַט דער פליסיקער און פאַרענדערלעכער יידישקייט, וואָס זיי האָבן עס אָנגערופן „מסורה״, איבערגעבונג, די תורה שבעל פה, וואָס „פאַר־מערט זיך און וואַקסט״ ווי געוויקסן (חגיגה, ג:). אַלץ אויסער דעם, וואָס נישט אין די נשמות פון די לעבעדיקע יידן, איז אַלץ געץ, פסל. דער „לא תעשה לך כל פסל״ איז נישט בלויז אַ רעליגיעזער פרינציפּ, אַ שינאה צו קונסט, צו פּלאַסטישקייט, אָן אָפּגעשטאַנענקייט פון אַ פּרי־מיטיוון שבט. ניין, עס איז אָן אַלגעמיינער פרינציפּ פון אַ וועלט־באַ־נעם: אין יידישקייט זאָל נישט זיין קיין פיקסירט־פאַרענדיקטער, קיין גשמיותדיקער עפּעס, ווייל אַל־דאָס, וואָס איז אַזוי פאַרהייליקט אין זיין פאַרענדיקטקייט, מוז ווערן אַ געץ, אַ במקום נאָט, אַ הייליקייט פאַר זיך גופא, דאָס קען אַריבערטראָגן דעם צענטער פון מענטשלעכן געדאַנק פון דעם עיקר צו זיין סימבאָל, פון גאָט צו זיין אָפּגאָט. די טראַדיציע אין לעבן פון דורות איז וויכטיקער ווי דאָס פאַרשריבענע אין די הייליקסטע תורות.

נישט די טראַדיציע דאַרף זיך צופּאַסן צום געשריבענעם אות, נאָר מען מוז די תורה אַריינדרשענען אין לעבן אַריין. אַ מינהג ברעכט אַ דין. דאָס איז די תורה שבעל פה, וואָס טראָגט דעם קיום האומה.

דעריבער אויך איז די פּרושישע יידישקייט נישט קיין טעאָריעס, טראַקטאַטן, פאָרמולירטע פילאָזאָפישע סיסטעמען. דאָס האָבן אפשר געוואָלט די צדוקים, דאָס האָבן געשאַפן די פילאָנס, ספּינאָזע בשעתו, — דאָס אַלץ האָט אָבער די יידישע טראַדיציע נישט אָנגענומען. נישט בלויז אייערע עלטער־זיידעס זענען געשטאַנען אויפן באַרג סיני און באַ־קומען אַ תורה, נאָר אויך איר, אייערע קינדער און קינדס־קינדער, אַלע דורות דאַרפן גלייבן, אַז זיי זענען געווען אויפן באַרג סיני. דער זינען פון דעם: דער פּראָצעס פון שאַפן תורה, פון פּראָדוצירן תורה איז אַ שטענדיקער, דער „באַרג סיני״, וואָס אויף אים ווערט תורה געגעבן, גייט מיט מיט אַלע דורות יידן.

און „די בתי מדרשים פון בבל וועלן פארפעסטיקט ווערן אין ארץ ישראל (מגילה כ״ט, א׳). קלאר אז דא מיינט מען דעם אינהאלט, די חידושים וואס זענען דארטן געשאפן.

און דער סיני איז הייליק בלויז ווען די שכינה איז געווען אויף אים. אויך פארקערט: ווו עס פארנעמט זיך יידישקייט — תורה שבעל אח — דארטן איז א סיני.

האבן די קריסטלעכע געלערנטע, די אייניקלעך פון געצנדינער, וואס מוזן תמיד האבן פאר זיך, אויסער זיך אן עפעס, א פארמול, אויסוויי־ניקסטע אטריבוטן, סימנים, א צייכן, א סימבאל; וואס מוזן זיך האלטן אן עפעס א מאטעריע, — אט די געלערנטע האבן בשום אופן נישט גע־קענט באגרייפן די פרושים. ס'טייטש, היתכן? גענומען, אנטלאפן פון ירושלים, געלאזן אלץ אויף הפקר, אוועק אין א שטילן דארף און גע־נומען דארט שאפן דינים... „טפוי, פאריסעער! עכטע זשידעס!״... זיי קענען נישט באנעמען, אז דאס וואס ביי זיי אין די אויגן איז „אלץ״, איז פאר די פרושים גארנישט, עץ ואבן, שטיינער, ביינער, מויערן וואס מען קען חרוב מאכן, א בית־מקדש וואס מען קען פארברענען, און זיי זענען אוועק בויען אזא יידישקייט, וואס קיינע טיראנען, ביקסן, אינק־וויזיציעס און שמדן קענען נישט אומברענגען כל זמן עס לעבט נאך ערגעץ ווו איין ייד...

דאס איז געווען דער צוועק פון דערציען, פון לערנען תורה און צוליב דעם טאקע האבן די פרושים מיט אזוי פיל מסירת־נפש געשאפן די יסודות פון דערציאונגס־טראדיציע. די „גאלדענע קייט״, דער „גיל־גול פון א ניגון״, דאס איז יידישקייט. נישט די באלזאמירטע גופים פון מיינע זיידעס, נישט דער זיכרון פון זיי, נאר בלויז דאס, וואס מיין נשמה האט גערירשנט פון זייערע נשמות, נאך איידער זיי זענען גע־שטארבן און הייליק געווארן. קיינער דארף נישט פארמולירן דעם מהות פון אט דער ירושה. די נשמה פון מיין דור איז נישט די נשמה פון פארגאנגענע דורות. מיין יידישקייט איז נישט די יידישקייט פון מיינע זיידעס, אבער די נשמה מיינע, מיין יידישקייט, האט גערירשנט, פארדייט

און איבערגעשאַפן אַלע יידישקייטן פון געוועזענע דורות. יידישקייט פון איין דור איז איבערגעקנאַטענע יידישקייט פון זיידעס, פון אָבות פון אַלע דורות. אַזוי האָבן די פרושים פאַרשטאַנען דעם שטראָם (די מסורה) פון יידישקייט.

אַז די פרושים האָבן דאָס אינגאַנצן באַוווסטזיניק געשאַפן די אי־דעאָלאָגיע פון לעבעדיקער יידישקייט אין לעבן פון לעבעדיקע יידן, איז צווישן אַנדערע אויך צו זען פון — אַ משל, וואָס געפינט זיך ער־גע״ץ אין תלמוד: אַ חבר (אַזוי פלעגן זיך רופן די פרושים צווישן אַנאַנד) האָט זיך געלאָזט פאָרן אויפן ים, מיט אַ סך סוחרים. האָבן די סוחרים אים געפרעגט: — „און וווּ איז דיין סחורה?״ האָט ער געענטפערט: — „מיין סחורה איז בעסער פאַר אייערער״. האָבן זיי פון אים געשפּאָט. זענען זיי באַפאַלן פיראַטן, באַרויבט און זיי געלאָזן נאַקעט. זענען זיי געקומען אין אַ לאַנד, איז דער חבר אַוועק אין בית־מדרש און געדרשנט פאַר די אָרטיקע יידן. און די סוחרים, וואָס האָבן געהאַט צוערשט גרויס פאַרמעגן און געלאַכט פון אָרעמען יידן, זענען געקומען צו אים בעטן הילף... „מיין סחורה, — ענטפערט זיי דער חבר, — איז בעסער פון אייערער״...

אָט אויף דעם פּרינציפּ האָבן די פרושים געבויט יידישקייט בכלל. דער מהות פון יידישקייט איז נישט קיין פאַרמעגן, וואָס קען פאַרלאָרן ניין, פאַרברענט, צוגערויבט ווערן, נאָר ער איז אין דעם לעבן פון לעבעדיקע מענטשן. די אויפגאַבע פון דער דערציאונג איז דאָ געשטעלט געוואָרן דער קיום פון פאָלק דורך כסדריקער איבערגעבן („מסורה״) די פאָלקסטימלעכע קולטור („תורה שבעל פה״ האָט עס געהייסן) פון דור צו דור.

מיט אָט די דערציאונגס־צוועקן שיידט זיך אונטער די יידישע דער־ציאונגס־טראַדיציע פון אַלע אַנדערע דערציאונגס־סיסטעמען אין דער אייראָפּעאישער וועלט.

האָט ספּאַרטע געהאָדעוועט מענטשן נישט צוליב זייער אינעווייי־ניקסטן מענטשלעכן ווערט, נאָר ווי זעלנער צום שלאָגן זיך פאַר עפּעס אַ ווערט, וואָס איז מחוץ דעם מענטשן. פיך — צום מעלקן, פערד און

אייזלעך—צו דער אַרבעט, און מענטשן צום שלאָגן, ווי ציגל צום בויען, ווי קרבנות צום הייליקן שטיינערנעם מזבח. אויב מען מיינט, אַז זיי וועלן צו דעם נישט טויגן, טאָ וואַרפט מען זיי אַרויס קליינערהייט נאָך, ווי געפּגרטע קעץ.

האָט אַמען געהאָדעוועט עסטעטישע פלינקייט, „קאַלאָקאַגאַטיע" — שיין און גוט, כדי צו לעבן אַ פיזיש־פריידיקן לעבן. אויפן חשבון פון קנעכט זאָלן די פרייע (פרייע פון באַדאַרף צו אַרבעטן), קענען זיך פאַר־ווײַלן מיט קונסטן, וויסנשאַפטן, מוזעס און שפּילן.

האָט רוים געשאַפן געזעצן... דער ווילן פון שטאַרקן רוים איז גע־ווען פאַר אַלע שוואַכע. כדי דאָס רוימיש פאָלק זאָל וועלן דאָס וואָס זיינע פירער דאַרפן האָט מען דערצויגן רעדנער, האָט מען געהאָדעוועט אַ פאָלק אויף ברויט און פאַרווײַלונג. און פאַרווײַלן דאַרף זיך דאָס געזעצגעבעריש, שטאַרק פאָלק מיט בלוט פון שוואַכע, בלוט צום שפּיל און פאַרגעניגן, לויט פאַרשריפטן פון געזעצן; בלוטדאָרשטיק דאַרף זיין דאָס רוימיש פאָלק כדי צו זיין שטאַרק און צו הערשן. עס וועט הערשן איבער וועלטן, ווען בלוט פון מענטשן וועט אים פאַרווײַלן, וועט אים מאַכן מונטער און אַקטיוו, אָנצינדן.

איז דאָס אויך געווען אַ אידעע פון איינהאַלטן דעם קיום פון אַ פאָלק, אויך אַ אידעאַל און אַ דערציאונגס פּראָגראַם, עטוואָס אַנדערש, נישט ענלעך צו דער, וואָס פון די פּרושים אין קליינעם און שוואַכן, חרוב געוואָרענעם יהודה.

און שפּעטער אין די ריטער־געזעלשאַפטן האָט מען דערצויגן פיינ־קייט און פלינקייט כלפּי דעם האַר, דער דאַמע, טאַנץ און געפעכט און דועל, קריגערישע נעטרייקייט עמיצן, וואָס אויסער דעם מענטשן.

האָבן די הומאַניסטן ערשט געפּרוווט צו שלייפן, צו פּוצן דעם מענטשן גופא, האָט זיך שפּעטער זייער שטרעבונג אויסגעוועפּט אין אַ פאָרמאַליזם פון די יעזויטן.

האָבן דאָך שפּעטער די יעזויטן באַוויזן דווקא דורך דעם הומאַניזם, וואָס זיי האָבן אים פאַרוואַנדלט אין אַ טרוקענעם פאָרמאַליזם, צו באַ־הערשן די מוחות, ניוועלירן און אוניפיצירן דעם געדאַנק און געפיל

פון די גלויביקע, וואָס זיי האָבן נעגעבן אַלעמען: אַט אַזוינע און אַזוינע טראַפאַרעט־געדאַנקען זאָלן זיך ווירמען אין די קעפּ; אַט די און יענע פראַגמענטן זאָלן זיין גאַנגבאַר אין די מיילער; אַט די, און נישט די אַנדערע מיינונגען דאַרפן אויסגעחזרט און באַנוצט ווערן אין געשפּרעכן. האָט די דערציאונג דורך דעם פאָרמעל הומאַניסטישן מאַטעריאַל געדאַרפט גייסטיק אויסמושטרירן אַלעמען און פאַרוואַנדלען זיי אין אַ באַלנגעוודיקע סטאַדע, צו פאָלגן דעם, וועמען די מאַכט איז געגעבן.

האָבן די געבילדעטע, אויפגעקלערטע, אַריסטאָקראַטן מיט בילדונג נעוואָלט באַפּוצן זייערע סאַלאָנען מיט געלערנטע שמועסן, פאָרטראַגן, וויסנשאַפטן, פּאָעזיע און קונסטן — פאַרווייַלן זיך ביי צונויפקומען ווי מיט טענץ און מיט קאָרטן.

האָבן די פּאָזיטיוויסטן געשטרעבט צו האָדעווען מענטשן, וואָס זאָלן דורך בילדונג ווערן זאַכלעך, געזונט און טיכטיק צו אַרבעטן אין די גרויסע פאַבריקן, אין דער מאָדערנער אינדוסטריע וכדומה. זאָל דאָס וויסן וועגן יעוווסטאַכס רער (פון ספּענסערס ווערק) ברענגען צו זאַכלעכקייט — דער היגיענע.

האָט צו טיכטיקייט און האַנט־גריייטקייט געשטרעבט קערשענשטיינער. מענטשן זאָלן גיכער און פלינקער טויגן „צום לעבן", צו דער פּראָדוקציע.

און היינט צו וואָס שטרעבן לענדער און מדינות אין דער דערציאונג?

קודם כל זאָלן המונים, מאַסן גיריק און ווילליק גיין נאָך די פירערס, פאָלגן און זאָגן אָמן נאָך זייער יעטווידער וואָרט, בלומרשט פון זייער איינענעם ווילן. מענטשן — מאַסן־מענטשן — טויג צום קנעכטן, צו וואַרפן זיך אין פייער לויט דעם פירערס וואָרט. און די דערציאונג גייט פאָלגעוודיק אין שפאַן, נישט ערגער ווי אַלע וויסנשאַפטן, וואָס זענען לויטן באַפעל געוואָרן נאַציש אָדער ווייס איך וואָס.

אַז דערציאונג, איינגנטלעך דאָס לערנען די תורה פון פאָלק זאָל זיין דער איינציקער יסוד פון פאָלקס קיום, נאָך מערער, אַז דאָס לערנען דעם פאָלקס תורה (נישט די תורה פון געדרוקטן ספר, וואָס איז שוין

נישט לעבעדיק אין פאָלקס מויל און מעשים!) איז כמעט אידענטיש מיט דעם באַגריף לעבן פון פאָלק. — אַט אזא מין צוגאַנג צו דערציאונג איז ביי קיין אנדערע פעלקער נישט געווען און עס איז אויך נישטאָ. אומעטום איז דערציאונג און לערנען א מיטל צו עפּעס אן אנדער צוועק. ביי דער יידישער טראַדיציע, ביי דער טראַדיציאָנעלער יידישקייט איז דאָס לערנען דער תכלית, דער צוועק אליין 4).

אַט פון וואנען עס נעמט זיך די התמדה, די טרייקייט, די איבערגעגעבנקייט און מסירת־נפשדיקייט פון דער יידישער טראַדיציע צום לערנען. „און ניב אונדז אין האַרץ צו פאַרשטיין, צו קליגן זיך אין די ווערטער פון דער תורה", דאַוונען יידן. פון דאַנען דער פּחד „טאָמער וועט פאַרגעסן ווערן די תורה, חס ושלום".

דאָס האָט ביי יידן געהייסן לערנען לשמה, לערנען לשם דעם עצם לערנען. איז לערנען געוואָרן א ציל פאַר זיך גופא. ליגנט א פאָלק אריין אין דעם פּראָצעס פון לערנען זיין נשמה, פאַרבינדט א פאָלק מיט דעם פּראָצעס פון לערנען דעם הייסן באַגער צו לעבן; פאַרבינדט א פאָלק מיטן לערנען דעם גורל פון קיום האומה, — באַקומט דעמאָלט דאָס עצם לערנען אין זיך דעם פאָלקס נשמה, ווערט דאָס עצם לערנען א באַזיס פון פאָלקס קיום אויף דער וועלט.

האָבן די אומות העולם קיינמאָל נישט פאַרבונדן זייער קיום מיט לערנען. איז ביי זיי לערנען תמיד א מיטל, א וועג צו עפּעס א צווייטן ציל. דאַרף דאָס לערנען דינען נישט דעם קיום פון פאָלק, נאָר זיין באַ־

4) א. דברי תורה מכוונין את לומדיהם מדרכי מיתה לדרכי חיים (חגיגה ג'ב').

ב. כל העוסק בתורה לשמה, תורתו נעשית לו סם חיים; וכל העוסק בתורה שלא לשמה נעשית לו סם מות, (תענית ז'א').

ג. בשביל עצלות שהיתה בישראל שלא עסקו בתורה נעשה שונאו של הקדוש ברוך הוא מך, ואין מך אלא עני (תענית ז'ב').

(דער יידישער גאָט ווערט שוואַך און אָרעם ווען יידן לערנען נישט קיין תורה).

קוועמלעכקייט. קיין לשמה, קיין ציל אין זיך גופא האָט דאָס לערנען שוין נישט געקענט זיין. איז לערנען געווען א פּריווילעגיע פון א טייל פון פאָלק, האָט דאָס לערנען געטראָגן אין זיך דעם גייסט פון אָט דעם טייל, פון די פּריווילעגירטע, דעם תכלית געדאנק, אָבער בשום אופן נישט די נשמה פון פאָלק. עס האָבן געקענט זיין געהויבענע גייסטער, וואָס האָבן וויסנשאפטן אויפגעהויבן הימל־הויך, אָבער בדרך כלל זענען וויסנשאפטן ערדיש, צו דינען דעם מענטשן, דעם שטארקן, דעם פּריווילעגירטן. און דעריבער האָבן וויסנשאפטן געקענט דעגראדירן ביז ווערן משרתים ביי דער טעכניק אין די הענט פון איטלעכן וואָס האָט די מאכט. דעריבער האָבן וויסנשאפטן געקענט העלפן דעמאָראליזירן די וועלט, געקענט העלפן גרינגער, גראמער, פרייער צו מאכן אלע צאַמען וואָס האָבן געצאמט די פּרימיטיווע אָדער גאָר שעדלעכע אינסטינקטן. תורה קולטיווירט דעם מענטשן גופא, זיין „איך"; וויסנשאפט אָבער פּראָדוצירט פארן מענטשן. די צאמט איין, — די צווייטע — פארקערט, צעברעכט די צאמען.

3. וואָס איז לערנען און וואָס מיינט תורה?

אפילו די עצם באגריפן „תלמוד תורה" — לערנען די תורה, זענען ספּעציפישע, אנדערע ווי די, וואָס עס וואָלטן אריינגעלייגט אין די זעלביקע ווערטער אייראָפּעער. דאָס לערנען איז דאָך אלעמאָל א מיטל, וואָס דאַרף דערפירן צום ציל „וויסן". לערנען איז א פּראָצעס, וואָס באשטייט פון עטלעכע מדרגות; א) באגרייפן, פארשטיין און ב) פאַרגעדענקען. דער אלגעמיין נאציאָנאלער צוועק פון לערנען איז תמיד — פארשפרייטן וויסן אין פאָלק. זענען די צוויי מאָמענטן דערגרייכט — איז דער אינהאלט פארשטאנען געוואָרן און געבליבן אין זיכרון, איז די אויפגאבע פון לערנען געענדיקט. אין דער יידישער טראדיציע אָבער איז דער אינהאלט פון באגריף „לערנען" לגמרי אן אנדערער. דאָ איז „לערנען די תורה" גלייך בערך צו „איבערפורעמען די תורה'". כדי זי זאָל פאסן צום לעבן פון היינטיקן טאָג, וויסן און געדענקען זענען בלויז

פּאַרבאַדינגונגען צום לערנען. לערנען הייסט „מחדש חידושים" זיין אין די ווערטער פון דער תורה, דאָס הייסט, פּשוט אַריינלייגן אין די ווערטער פון אַמאָל אַן אינהאַלט פון ה י י נ ט און „עס איז אוממעגלעך א בית־מדרש אָן חידושים". לערנען הייסט „אַנטפּלעקן נייע געשטאַלטן אין דער תורה". לערנען הייסט צונויפּבינדן די תורה מיטן לעבן. ביידע מוזן זיי שטימען צווישן אַנאַנד. די תורה קען נישט זיין ווי א פּראָדוקט פון איין דור, זי קען נישט געהערן צו איין געשיכטלעכער תקופה. ניין. אַלע דורות יידן דאַרפן קוקן אויף זיך ווי זיי אַליין וואָלטן געשטאַנען אויפן באַרג סיני, ווי זיי, ווי זייער דור וואָלט באַקומען די תורה אין זייער דור, צוגעפּאַסט צו זייערע באַגריפן, צו זייער לעבן. און דעריבער איז „נישטאָ גאָרנישט, וואָס זאָל נישט האָבן קיין רמז אין דער תורה". אַלץ איז אָנגעדייט דאָרטן און די אויפגאַבע פון לערנען איז דאָס צו אַנטפּלעקן, אויפצודעקן אָט די רמזים, ווייל עס טאָר נישט זיין קיין שום דיסטאַנץ צווישן תורה און לעבן. און „אַלץ וואָס א תלמיד וו ע ט מחדש זיין איז געגעבן געוואָרן משהן אויפן באַרג סיני" ד"ה, אַז אַלץ, וואָס וועט געדרשנט אין דער תורה איז אַזוי וויכטיק, אַזוי הייליק, ווי דאָס, וואָס איז געגעבן געוואָרן אויפן באַרג סיני. פון די ערשטע פּרושים מיט זייער „פּסוק לי פּסוקך" (זאָג מיר דיין פּסוק, וואָס דו האָסט געלערנט, כדי צו וויסן וואָס צו טון אין לעבן) ביז אונדזער גוטן פריינט טביה דעם מילכיקער, וואָס קען דאָס פּערדל קיין שמיץ נישט טון אָן א פּסוק, — איז לערנען תורה — אַריינפּאַסן זי אין לעבן. לערנען איז אייגנטלעך פּראָדוצירן נייע און נייע באַגריפן, געדאַנקען און זיי אַריינלאָזן אין די זעלביקע ווערטער. לערנען איז א פּראָצעס פון שאַפן, פון כסדרדיקן קנעטן און איבערקנעטן די ווערטער און פּסוקים פון דער תורה, כדי זי זאָל שטימען מיט אַלע אינהאַלטן פון לעבן און מיט אַלע געדאַנקען, וואָס דאָס לעבן האָט אַרויסגערופן. לערנען, מיט איין וואָרט, הייסט אַריינדרשנען אין די פּסוקים פון דער תורה דאָס גאַנץ לעבן און אַרויסדרשנען פון זיי אַלע אידעען און געדאַנקען, וואָס דאָס לעבן האָט אַרויסגערופן. „הפוך בה והפוך בה דכולה בה" (זוך און זיך, ווייל אַלץ איז אין איר). דער

א. גאָלאָמב

אידעאַל פון לערנען איז אָנקניפּן „תלי תלים של הלכות" אויף יעטווי־דער צוק פון אַן אות פון דער תורה.

און דאָס אַלץ צוליב וואָס?

— ווייל אויך דער באַגריף „תורה" האָט אין זיך אַ ספּעציפיש אינהאַלט וואָס האָט, דאַכט זיך, נישט זיין גלייכן ערגעץ אַנדערשוווּ... „תורה" איז נישט וויסנשאַפט, נישט ליטעראַטור. נישטאָ אין דער יידישער קולטור־טראַדיציע קיין באַגריף פאַר ליטעראַטור. פאַראַן ביי יידן ספרים, יידן זענען דער „עם הספר", אָבער די געזאַמטקייט פון די ספרים — אָדער זיי זענען דאָס לעבן ממש, אָדער זיי זענען גאָרנישט, אינגאַנצן איבעריק. קיין ליטעראַטור, עטוואָס, וואָס דאַרף פאַרשענערן דאָס לעבן, באַפּוצן; וואָס דאַרף פאַר אַ מענטשן שאַפן אַ מעגלעכקייט צו פאַרגעסן די שווערקייטן פון לעבן, אָפּט אַ מיטל פון פאַרוויילונג, ליטעראַטור, ווי אַ מקור פון עסטעטישן פאַרגעניגן, פון עסטעטישן גע־נוס, — אַזאַ ליטעראַטור איז ביי יידן נישט געווען. ספרים זענען אָדער צום לערנען, אָדער מען דאַרף זיי נישט לגמרי. תורה דאַרף העלפן דער מאָראַלישער פאַרטיפונג, פאַרבעסערונג. תורה איז לויט דעם עטי־מאָלאָגישן באַדייט פון וואָרט, אָנווייזונגען, באַלערנונגען פון פיר, פון לעבנס־גאַנג. און דעריבער קען די תורה נישט זיין קיין אָפּגעשלאָסענע, קיין פעסטגעשטעלטע און פאַרענדיקט פיקסירטע. אין דעם מאָמענט ווען די תורה ווערט אָפּגעריסן פון טאָג־טעגלעכן לעבן, ווען מען הערט אויף פון איר צו שעפּן פסוקים פאַר דעם געברויך פון היינטיקן לעבן, — אין דעם מאָמענט, הערט אויף די תורה צו זיין אַ „תורה", זי ווערט אַ ליטעראַטור אוצר, אַ ביבליאָטעק, אָבער נישט קיין תורה, וואָס דאַרף לעבן און ווירקן אויפן לעבן אַלע טאָג און אַלע צייטן, און לערנען ווי צו לעבן.

אַזאַ תורה, וואָס מען קען נישט צונויפבינדן צו איין אָרגאַנישן גאַנצן מיט מיט לעבנס־שטייגער, לעבנס־גאַנג („הלכה"), מיט דעם פיר פון פאָלק, מיט דעם אינהאַלט פון לעבן, פון לעבעדיקע מאַסן — אַזאַ תורה איז אַן אָפּגעריסענע, אַ „תורה שבכתב", און אַזאַ תורה אָן דער פאָלקס־קולטור, איז ביי די פרשים געווען אַ „ספר של צדוקים", וואָס

מען דאַרף אים באַזייטיקן, „דן זיין לגניזא“. אַזאַ תורה שבכתב אַליין קען נישט אָפּשיידן יידן פון אומות העולם און „נישט צוליב איר האָט גאָט פאַרשניטן אַ בונד מיט יידן, נייערט צוליב דער תורה שבעל פה“. און דעריבער איז דאָס לערנען מיט קינדער די תורה שבכתב „וויכטיק און נישט־וויכטיק (מידה ואינה מידה), אָבער לערנען תלמוד — נישטאָ קיין וויכטיקערס“. און דעריבער איז שוין אין תלמוד געווען געוואָרנט נישט צו לערנען צופיל קיין מקרא (תנ״ך). אמר רב: כיון שיצא אדם מדבר הלכה לדבר מקרא, שוב אין לא שלום (חגיגה י׳א׳). (דער וואָס גייט איבער פון הלכה צו תנ״ך לערנען, דער האָט מער נישט קיין שלום).

„ווען די תורה וואָלט געגעבן געוואָרן אין אָפּגעשניטענע (אַ פאַרענדיקטע), וואָלט די פוס נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו שטיין“ (ירושלמי, סנהדרין, פ׳ד׳ה׳א׳), און דעריבער זענען „דברי תורה געגליכן צו פלאַנצן, אַזוי ווי יענע וואַקסן און מערן זיך, אַזוי וואַקסן און מערן זיך אויך די דברי תורה“. און דעריבער איז „יעטווידער זאַך וואָס דו הערסט פון אַ קליינעם מענטשן פון ישראל, און עס געפעלט דיר, זאָל עס זיין ביי דיר, ווי דו וואָלסט עס געהערט פון משה רבינו“ (ירושלמי, סנהדרין פרק, ה׳א׳).

אַזוי אַרום זעען מיר, אַז דער באַגריף „תלמוד תורה“ איז אַ ייגנער. רען אָן לערנען, אָן „תלמוד“ איז נישטאָ קיין תורה. די עצם תורה איז אַ פּראָדוקט פון: אַ) פאָלקסטימלעכן שטייגער און גאַנג פון לעבן (הלכה) ב) פאָלקסטימלעכן ליטעראַרישן באַגאַזש (אגדה).ביידע צוזאַמען זענען דאָס די „תורה שבעל פה“. און זי מוז פאַרבונדן ווערן מיט דער טראַדיציע („מסורה“), ווייל אין קולטור־לעבן האָט בלויז דאָס פון דעם היינט אַ ווערט, וואָס עס שטאַמט אָרגאַניש פון נעכטן און „יעטווידער תורה„ וואָס האָט נישט קיין אָפּשטאַם (בית־אב), איז נישט קיין תורה“. און דאָס אַלץ האָט זיך גענויטיקט אין אַ חיזוק און סאַנקציע פון אַ סמך אין דער תורה שבכתב, עס איז נויטיק געווען תמיד

אַנצוווייזן דעם „מן התורה מנין" 5). דאָס איז די אויפגאַבע פון דעם לערנען. און אַזוי אַרום איז דאָס דער „ותלמוד תורה" געוואָרן דער איינציקער און גאַנצער יסוד פון יידישקייט, פון קיום פון פאָלק, וואָס האָט געדאַרפט פאַרבייטן אַלע אַטריבוטן פון נאַציאָנאַלן קיום, ווי מלו־כה, מדינה, דינאַסטיע, קולט, נאַציאָנאַלע גיטער, רייכטימער אאַ"וו. דאָס איז געווען דער באַוווסטזיניקער און גוט דורכגעטראַכטער צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פון נאַציאָנאַלן קיום פון די פּרושים, די וואָס האָבן די דערציאונגס־טראַדיציע ביי יידן אָנגעהויבן און איינגעשטעלט. כדי דאָס צו באַשטעטיקן וועל איך ברענגען אַ משל פון תלמוד גופא:

„איינמאָל בין איך געגאַנגען אין וועג און עס האָט מיך געפונען אַ מענטש, וואָס האַלט פון מקרא און האַלט נישט פון משנה, האָט ער צו מיר אָנגעהויבן מיט צדוקישע דרכים; די מקרא איז פון סיני, אָבער משנה איז נישט געגעבן געוואָרן אויפן באַרג סיני. האָב איך אים גע־ענטפערט, אַז מקרא און משנה זענען פון גאָטס מויל (מפּי הגבורה), און איך האָב אים ממשיל געווען אַ משל: אַ מלך האָט געהאַט צוויי קנעכט און האָט זיי ביידן ליב געהאַט, האָט ער ביידן געגעבן צו מעסט־לעך ווייץ און צו בינטלעך פלאַקס. האָט דער קלוגער קנעכט געמאַכט פון פלאַקס אַ שיינעם טישטוך און פון ווייץ האָט ער אויסגעבאַקן גע־בעקס. דער נאַרישער קנעכט האָט די מתנה באַהאַלטן און זי געהיט. איז דער מלך אַמאָל געקומען צו זיינע קנעכט: „קינדער מיינע, ווייזט מיר מיין מתנה!" האָט דער קלוגער געדעקט דעם טיש מיטן שיינעם

אָט איז אַ משנה אין חגיגה (יי אי) היתר נדרים פורחין באויר ואין להם על מה שיסמכו; הלכות שבת, חגיגות והמעילות הרי הם כהרדים התלויים בשערה, שהן מקרא מועט והלכות מרובות. די טראַדיי־ציע האָט געשאַפן אַ סך מינהגים, שפּעטער ערשט האָט מען זיך אַרומ־געזען אַז עס פעלן פסוקים פאַר זיי, זענען זיי ווי בערג וואָס האַלטן זיך אויף אַ האָר. צומאָל זאָגט מען אויף הלכות וואָס האָבן נישט קיין „פסוקים", אַז זיי זענען „הלכה למשה מסיני". — אַן אַלטער איינגע־וואָרצלטער מינהג און ער איז הייליק אפילו אָן אַ סמך אין דער תורה שבכתב.

טישטוך און געלייגט די גוטע חלה אויפן טיש. דער צווייטער אָבער האָט ארויסגעטראָגן די ווייץ אין א קעסטל און פלאַקס אין א בינטל... ווי צו דער בושה, ווי צו דער חרפה. אזוי אויך מיט גאָט, וואָס האָט געגעבן די תורה ווי ווייץ צום מאָלן און ווי פלאַקס צום וועבן און צום נייען (לויט דעם „ספר האגדה").

דעם גרויסן אונטערשייד צווישן דעם יידישן „לערנען" און דעם נישט־יידישן „אויסלערנען" האָט דאָס פאָלק אויסגעדריקט ווי תמיד ביי יידן מיט א וויץ און א בייסיקער מעשה: — אן עם־הארץ איז רייך געוואָרן און איז גבאי אין א קאָנגרעגיישאָן. קומט ער איינמאָל אין שול און איז מודיע — ער האָט ארויסגעטריבן דעם אלטן רב. — ס'טייטש, פארוואָס? פארוואָס? א ייד זיצט כל ימיו על התורה, וואָס האָט איר צו אים? — אָט דאָס איז דאָס טאַקע: איך האָב צוויי זין אויסגע־האָדעוועט. איינער איז לאָיער, דער צווייטער דאָקטאָר. א מטמון מיט געלט האָבן מיך אָפגעקאָסט זייערע ביכער צום לערנען. איצט אָבער זענען זיי שוין אויסגעלערנט, זיי דארפן קיינמאָל נישט א קוק טון אין זייערע אלטע ביכער, — און ער, אזא אלטער מאן און מוז נאָך לערנען גאנצע טעג און נעכט... זאָל ער זיך פריער אויסלערנען, נאָכדעם וועל איך אים נעמען פאר א רב!... (געהערט אין וויניפעג פון פר' קארפ).

אזוי ארום איז לערנען תורה געוועזן דאָס פורעמען און פאָרמולירן דעם פאָלקסטימלעכן גייסטיקן באגאזש, דאָס סיסטעמאטיזירן און פאַר־איינהייטלעכן דעם יידישן פאָלקסטימלעכן שטייגער לעבן („הלכה"), לערנען תורה האָט געהייסן כסדר מטפל זיין זיך מיט דעם פאָלקסטימ־לעכן אינהאלט פון לעבן און פון אים שאפן קולטור־ווערטן. אפילו א טערמין איז געווען א פאסיקער: „עוסקים" בתורה. „אויסלערנען" די תורה איז אוממעגלעך. אויסלערנען קען מען א זאך, וואָס האָט אן אָנ־הויב און א סוף. עס לאָזט זיך זאָגן „געענדיקט". די תורה פלעגן אָבער די יידן פארגלייכן צו א קוואל („מים חיים") אָדער צו א ים. כל זמן עס לעבט דאָס פאָלק און כל זמן אין פאָלקס לעבן זענען פאראן ספּעצ־ציפישע לעבנס־עלעמענטן, — קען זיך דאָך אויך די תורה נישט אויס־שעפן, ווייל די תורה דארף דאָך זיין א פּראָדוקט און א פונקציע פון

לעבן. הערט אויף די תורה, הייסט עס, אז עס האָט אויפגעהערט דאָס באזונדערס, דאָס ספּעציפישעס אין יידישן לעבן, דאָס „מיסתורין", הייסט עס, אז עס זענען נישטאָ קיין יידן ווי א באזונדערס קאָלעקטיוו, ווי א גאנץ איינס. אזוי ארום איז „לערנען תורה" געווען אידענטיש מיטן באגריף „שאפן יידישקייט". ווען עס שאפן זיך מער נישט קיין נייע תורות אין יידישקייט איז מער נישטאָ קיין יידנטום, קיין יידיש פאָלק.

אָן גייסטיקער שעפערישקייט איז נישטאָ קיין יידישקייט. די וואָס לייקענען דעם נאציאָנאלן ווערט פון די נייע קולטור שאפונגען וואָס זענען נאָך נישט קאנאָניזירט, די שניידן אָפּ דעם המשך פון פאָלקס קיום. אַלץ איינס, צי מען לייקנט אין דעם מחמת רעליגיעזע מאָטיוון אָדער צוליב אסימילאַטאָרישע.

4. וואָס לערנען

בנוגע צו דער פראגע וואָס צו לערנען זענען די טראדיציע יידן געווען גרויסע קפּדנים. פון דער תורה שבכתב האָבן זיי אָפּגעקליבן די פיר און צוואנציק ספרים (עשרים וארבע, פון דאנען אין יידיש דער פארגרייזטער „שווארבע"). אַלץ, אַלע ספרים, וואָס זענען געווען צו אינדיווידואליסטיש, וואָס זענען נישט אריין אין פאָלק אריין, האָבן זיי, די פּרושים, באזייטיקט. און „יעטווידער, וואָס ברענגט אריין אין שטוב מער פון פיר און צוואנציק ספרים, ברענגט א מהומה אין שטוב צו זיך".

אַלץ וואָס עס האָט געהאט עפּעס א זייטיקע טענדענץ, איז אויסגעשלאָסן געוואָרן (די חשמונאים־ספרים, למשל, ווייל זיי האָבן גלאָריפיצירט די דינאסטיע). אויך די פיר און צוואנציק ספרים דאַרף מען נישט לערנען צופיל. אין תלמודישע זאמלונגען, באוויזט ערגעץ ביאליק, זענען געווען ספרים וועגן מאטעמאטיק, אסטראָנאָמיע, באָטאניק. דאָס אַלץ איז באזייטיקט געוואָרן, ווייל תורה לערנען הייסט בלויז דאָס, וואָס איז יידישקייט. די פּרושים האָבן ווי די יורשים פון די נביאים, באזייטיקט אין יידישקייט יעטווידער נייגונג צו נאציאָנאַלע אייגנטימער, רייכקייטן, צו נאציאָנאַלע גיטער (דאָס הייליק שניידערל פאַר־

ברענט די שול אין זלאַטשעוו, „קידוש השם", פון אש). אזוי אויך האָבן זיי נישט דערלאָזן עס זאָלן זיך שאפן סתם ביבליאָטעקן פון ספרים — אָדער תורה, אָדער גאָרנישט. אַלץ, וואָס מען קען נישט פארווענדן אויף צו פארשטארקן די פראקטיק פון טראדיציע (הלכה) און אידעען (אגדה), איז איבעריק. קיינע טויטע הייליקייטן!

אויך די גאונים האָבן קלאָר און דייטלעך געעצהט נישט לערנען צופיל מקרא: „מנעו רגליכם מן ההגיון" — דערקלערט דער גאון רב האי — לא תרגילום במקרא יותר מראי". און טשיקאַווע איז דער מאָטיוו: משום דמשכא — עס ציט צו קאראאימישקייט... (לויט ש. אַססף „מקורות לתולדות החנוך", 2). און אזוי איז געבליבן די טראדיציע די גאנצע צייט: מען לערנט אין חדרים חומש און וואָס פריער גייט מען איבער גלייך צו גמרא. נ"ך (נביאים וכתובים) לערנט מען ווייניק און צופעליק אָדער גאָרנישט.

אָנגענומען זיך די „קריוודע" פון תנ"ך האָבן אין צייט פון תלמוד די צדוקים. אין צייט פון די גאונים זענען די קעמפער פאר תנ"ך און העברעאיש געווען די קאראאימער. דאָס האָבן זיי געלאכט פון די „דברי אשורים וארמים שהוא לשון חרפה לאנשי הגולה" (די אשורישע און אראמישע ווערטער זענען א שאנדע שפראך פאר דעם גלות). אָדער —

שבעבורו נשו העברים לשונם	וכפתרונם נמוגים
ועשו בו חכמתם והגיונם,	ומן הפשט נסוגים
לשון עלגים	ולא ידעו ולא יבינו
ובמקרא שוגגים	ובחושך ילינו 6).

מען וואָלט געקענט מיינען, אז דאָס האָט געשריבן עמיצער פון די משכילים קעגן דעם „זשארגאָן" און די „מורדי אור". ערשט, — עס איז פון א קאראאימישער שריפט, ציטירט לויט די „לקוטי קדמוניות",

---

6) צוליב אים (אראמישן לשון) האָבן יידן זייער שפראך פאַרגעסן.
און אין אים האָבן זיי געמאכט זייער חכמה און טראכטן. א צעדרייט לשון. און אין מקרא גרייזן זיי,
און אין דערקלערונגען בלאָנדזשען זיי, פון פשט טרעטן זיי אָפּ,
נישט זיי ווייסן, נישט זיי פארשטייען,
און בלייבן אין דער פינצטער (בנוגע צו דער תורה).

כ"ר. (געבראַכט אויך ביי דר' טשאַרנאָ, אין „התקופה" כ' ז' 243, ווענן דעם זע אויך דר' מאהלער, „ייוואָ־בלעטער" 4,8).

פון דעם פּאַקט וואָס חזרט זיך איבער ביי די צדוקים, ביי די קאַראַאימען, ביי די משכילים; אין אַלטערטום, אין מיטלאַלטער און אין דער נייער צייט קען מען אַרויספירן אַ געזעץ אין דער יידישער געשיכטע: אַלע באַוועגונגען וואָס האָבן באַקעמפט די פּאָלקסטימלעכע טראַדיציע אין נאָמען פון תנ"ך און העברעאיש האָבן געפירט צום אומקום פון יידישקייט בכלל און בתוכם אויך פון העברעאיש און תנ"ך באַרשטייט זיך. אָבער נישט דאָס איז אונדז איצט וויכטיק. וויכטיק איז, אַז די יידישע דערציאונג־טראַדיציע האָט אויפן ערשטן אָרט אין לערנען געשטעלט די פּאָלקסטימלעכע תורה שבעל פּה.

ווען אָבער די אַלטע תורה שבעל פּה אַליין איז געוואָרן אַ תורה שבכתב, צו ווייט פון דעם הייגטיקן לעבן, ווען עס איז געוואָרן שווערער דורך דרושים און דרשים צו פאַרבינדן די טעקסטן מיט דעם לעבן, — ווען דאָס איז געוואָרן אַלץ שווערער, — האָבן זיך אין דער טראַדיציאָנעלער יידישקייט גופא אָנגעהויבן רעוואָלוציעס. איינע אַזאַ רעוואָלוציע קענען דער אָפּגעריסנקייט און ווייטקייט צווישן תורה און דעם לעבן איז געווען חסידיזם. דאָס האָט ער זיך באַמיט אויסצוערשפּאַרן אונטער יידישקייט אַ נייעם פונדאַמענט פון פּאָלקסטימלעכן אינהאַלט. אַנשטאָט דער „קאַלטער און טרוקענער" תורה, האָט ער געזוכט צו בויען יידישקייט אויף תורה פון „וואַסערטרעגער און האָלצהעקער". אין דעם זינען וואָלט די חסידישע באַוועגונג געקענט זייער פּיל אויסלערנען די מאָדערנע פּאָלקסטימלעכע באַוועגונגען, אויב די לעצטע וואָלטן מיטן גאַנצן האַרצן געווען פּאָלקסטימלעכע טעכטער נישט פון דער השכלה, נאָר פון דעם חסידיזם. אָבער די פּראָבלעם איז דאָ אַ זייטיקע.

* *

*

די יידישע דערציאונג האָט גאָרנישט געטראַכט וועגן פיזישער דערציאונג, פון גימנאַסטיק. האַלטנדיק אַזוי טייער דאָס לעבן פון יעטווידער פשוטן מענטשן, היטנדיק כסדר דעם „ושמרתם מאד לנפשו־

תיכם", האָבן יידן דאָך נישט געפּראַוועט קיין פיזישע דערציאונג. פון פּאַרצייטן ביז דער „דענוועער באַלאַדע", פון ה. ליוויק, איז ביי יידן „פּיקוח נפש", און דאָך האָט מען קיינמאָל קיין גימנאַסטיק נישט געפּראַוועט. די פּאַרצייטיקע יידן האָבן דאָס געזען ביי די העלעניזירטע פעלקער. עס זענען געווען פּרוון דאָס אַריינצופירן ביי יידן, אָבער די יידישע טראַדיציע האָט דאָס מיט ביטול אָפּגעוואָרפן. פאַרוואָס?

עס איז קענטיק ביי יידן פון די פּרושים אָן געווען אַ געפיל, אַז פיזישע דערציאונג איז נישט באַצוועקט דורך שטרעבן צו געזונטהייט, נאָר זי איז אַ מדרגה פון מיליטערישער דערציאונג, און דעם מיליטאַריזם האָט די יידישע טראַדיציע פיינט געהאַט אין אַלע זיינע געשטאַלטן. נענוג זיך צו דערמאָנען דעם ביטול, וואָס יידן פלעגן אַריינלייגן אין דעם וואָרט „יאָוון". דאָס שטאַמט פון העברעאישן „יוון" — גריך. עס מוז שטאַמען פון יענע צייטן, ווען יידן האָבן זיך באַגעגנט מיט גריכישע, סירישע און אַנדערע העלעניזירטע זעלנער, אָפט געדונגענע, און עס איז אַזוי געבליבן אין פאָלקס־מויל ווי אַ זידל־וואָרט פאַר אַ באַוואָפנטן מענטשן. און אויף פיזישע איבונגען, וועט־קאַמפן, גימנאַסטיק האָבן יידן געקוקט ווי אויף אַ „יעוואָנישע דערציאונג", „פּויסט — ידי עשו".

איז דאָ ביי דער יידישער טראַדיציע געווען אַ גרויסן טעות? איך מיין, אַז נישט. אין דער אמתן איז גימנאַסטיק, ספּאָרט, פאַרמעסטונגען און פאַרוועטונגען, תמיד אַ שפּיל אין קאַמף, אַ דערציאונג אַ מיליטאַריסטישע, אָדער, לאָמיר זאָגן, אַ סובלימאַציע פון קאַמף־נייגונגען. דער זאָץ, וואָס שטאַמט פון סענעקאַ, אַז „אין אַ געזונטן גוף איז אויך אַ געזונטע נשמה", וואָס מיט אים (מיט דעם זאַץ) באַמיט מען זיך תמיד צו באַווייזן די וויכטיקייט פון פיזישער דערציאונג, — דער זאַץ איז לגמרי נישט תמיד ריכטיק: אויב מען זאָל פאַר אַ ביישפּיל נעמען די רוימישע באַפעלקערונג אויך אין די צייטן פון סענעקאַ וועט די געזונטקייט פון נשמה מיט דער גאַנצער צעלאָזנקייט, ווילדקייט, מיט די נעראָנישע נייגונגען, גאָר נישט שטימען מיט דער געזונטקייט פון גוף. די געזונטקייט פון דער נשמה ביי די פויסטלער, באָקסער וכדומה איז אויך נישט פּראָפּאָרציאָנעל צו דער שטאַרקייט פון זייער גוף. קריי־

גערישע שטאַרקע פעלקער זענען לגמרי נישט תמיד גייסטיק און מאָראַליש בעסער 7). ווען מיר זאָלן נעמען פאַר אַ קריטעריום פון געזונטקייט די שטאַרביקייט און די ווידערשטאַנדיקייט קעגן קראַנקייטן, זענען יידישע מענטשן זייענדיק שוואַך אין כוח, אין מוסקולן און פויסטן, געווען געזינטער פון אַנדערע „געזונטע" פעלקער. און דאָס איז דערגרייכט געוואָרן דורך איינגעהאַלטנקייט אין געשלעכט־לעבן, אין אַלקאָהאָל, און עסן, און נישט איז... פיזישע פאַרווײלונגען, ווי געשלעגן און פאַרמעסטונגען. עס קומט אויס, אַז ביי יידן האָט אַ געזונטע נשמה (אַן איינגעהאַלטענע, אַ באַהערשטע און אַן אויסגעהאַלטענע), געווירקט געזונט צו מאַכן דעם גוף. „ביי אַ געזונטער נשמה איז אויך דער גוף געזונט", בכל אופן עס פאַרהאַרטעוועט אים קעגן פאַרשידענע פיזישע קראַנקייטן און פּלאָגן.

* *
*

פאַר וועלטלעכע וויסנשאַפטן האָט די יידישע טראַדיציע קיין צייט נישט געלאָזן. עס איז געווען אויסער דער פּראָגראַם פון יידישקייט, פון תורה. נאָך אין די צייטן פון תלמוד האָט זיך איינגעשטעלט אַזאַ באַציאונג. „חכמת יונית" מעג מען לערנען ערשט ווען עס איז נישט טאָג נישט נאַכט (מנחה צייט). און לערנען חכמת יונית איז גאָר „פאַרשאָלטן זאָל ער זיין" (ב"ק פ"ב:). מער נישט אַ מיידל איז יאָ דערלויבט, ווייל „עס איז פאַר איר אַ צירונג".

דער אַסטראָלאָג און תלמודיסט, שמואל באַרימט זיך, אַז אַסטראָלאָגיע האָט ער געלערנט בלויז, ווען ער איז געווען אין אַזוינע ערטער ווו מען טאָר קיין תורה נישט לערנען.

די וועלטלעכע וויסנשאַפטן אויף וויפל זיי האָבן נישט קיין דירעקטע שייכות צו יידישקייט און צום קיום פון יידישקייט, האָבן בלויז בכן געקענט שאַטן ברענגען דעם הויפט צוועק פון דערציאונג און זיי זענען

ז) דער פיזישער און גייסטיקער צושטאַנד פון דער אַמעריקאַנער יוגנט איז לגמרי ווייט נישט פּראָפּאָרציאָנעל צו דער פאַרשפּרייטקייט פון ספּאָרטן און שפּילן אין לאַנד.

באַזייטיקט געוואָרן פון דער טראַדיציע. אמת, פון צייט צו צייט פלעגן זיך טרעפן יחידים, וואָס זענען געווען צופעליק, אויף דער אָדער יענעם אופן באַהאַוונט אויך אין וועלטלעכע וויסנשאַפטן, אָבער די נג.ציע איז געווען די פאַרקערטע.

אויך האָבן די עסטעטישע געביטן נישט פאַרנומען קיין אָרט אין דער דערציאונג. ערשטנס, ווידער אַמאָל האָט די טראַדיציע איפּער־זיכטיק געפאָדערט די גאַנצע צייט דעם הויפּטצוועק. צווייטנס, האָט דאָך דאָ געווירקט דער אַלגעמיינער טראַדיציאָנעלער פּרינציפּ נישט צו פאַרוואַנדלען קיין שום מאַטעריעלן קעגנשטאַנד אין אַ זעלבסטשטענ־דיקן ווערט פון יידישקייט אָדער פאַר יידישקייט. אָפּגעבן זיך מיט עס־טעטישער דערציאונג, דערציען צו עסטעטיק, געוויינען שאַפן, מאַכן קונסטווערק, וואָס קענען אַריבערציען צופיל די אויפמערקזאַמקייט פון תוכן צו פאָרם, דאָס האָט די טראַדיציע נישט דערלאָזט.

5. מאָנאָצענטריזם אין דער יידישער טראַדיציע

פאַרוואָס אַזאַ אומטאָלעראַנץ צו דער חכמת יוון? — קיין נעגאַטע־רע און ברייטערע אַרויסזאָגונגען האָב איך נישט געפונען אויף דער טעמע. אָבער די פראַגע איז דאָך נישט בלויז אַ דעמאָלטיקע, זי איז דאָך אַן אַלגעמיינע פראַגע אין יידנטום פון אַלע צייטן און אין אַלע לענדער, זי עקזיסטירט דאָך איצט אויך נישט ווייניקער ווי אַמאָל. אין לאָמיר נעמען די פראַגע אין איר אַלצייטיקער אַקטועלקייט.

לאָמיר נאָך איין מאָל זיך דערמאָנען: די פּרושישע יידישקייט איז געווען אַ גלותדיקע אין דעם זינען נישט וואָס זי האָט געוואָלט דעם גלות ווי דאָס ווילן תמיד אַ סך ריכטונגען ביי יידן וואָס זענען אַנטי־פּאָדיש ווייט פון די פּרושים. די לעצטע האָבן מיטן אייביקן גלויבן אין דער ענדגילטיקער באַפרייאונג פון גלות דאָך געגלויבט און זיך באַמיט איינצוהאַלטן יידישקייט אויך אין גלות. דאָס האָט געקענט און קען איצט דערגרייכט ווערן בלויז ווען דאָס גאַנצע לעבן איז קאָנצענ־טרירט אַרום איין גייסטיקן צענטער. עס איז נישט קיין פראַגע פון שע־נער אָדער בעסערס, — עס איז אוממעגלעך איינצוהאַלטן דעם קיום פון

אַ קיבוץ ווען דאָס לעבן גייט אין צוויי ריכטונגען. איבעריקס האָבן די פּרושים ווי געטרייע נאָכפאָלגער פון די נביאים נישט געגלויבט אין דער וויכטיקייט פון אלע אנדערע נאציאָנאלע צענטערס אויסער דער גייסטיקער פארזיכיקייט. די גאנצע תורה ווערט נישט מיד אונטערצו־שטרייכן, אז איטלעכער אָפּנייג פון דער אייגענער טראַדיציע מוז פירן צום אומקום: אליהו פייערט קעגן דעם גייסטיקן דוצענטרישן „שתי הסעיפים" — אָדער אהער, אָדער אהין. קיין צוויי געטער, צוויי וועגן קענען נישט זיין, מיט צוויי קולטורן קען א פאָלק נישט לעבן. און אזוי ווייטער אלע נביאים און צווישן זיי דער טיפסטער, דער באַגרינ־דער פון גלות־יידישקייט, ירמיהו, ער וואָרנט און זעט ווי זיינע וואָר־נונגען ווערן מקוים: ניין, נישט לאנד, נישט היילקייטן, נישט דינאס־טיע, נישט טעמפּלען — קיינע מאטעריאלע, נאציאָנאלע פארמעגנס, נאָר דער גייסטיקער „פאר זיך" אין לעבן, אין שטייגער, אין פיר — בקיצור — דער קיום פון פאָלק קען זיין געזיכערט דורך דער פארזי־כיקייט אין גלויבן, אין לעבן־שטייגער. די פּרושים האָבן דורכגעפירט אין לעבן וואָס די נביאים האָבן געלערנט אין טעאָריע. אין גלות, אין צוזאמענלעבן מיט אנדערע שטייגערס איז שווערער איינצוהאלטן די אייגענע אייגנטימלעכקייט, האָבן דעריבער די פּרושים פארשטארקט זייער פאַרזיכיקייט אין צוויי ריכטונגען: „לפיכך הרבה להם תורה ומצוות" — וואָס מער סיגים און גדרים אָפּצוזאמען זיך פון אנדערע, און פון דער צווייטער זייט — דערווייטערן פון אייגענעם לעבן אלץ וואָס שטאמט פון דער פרעמד. דאָס כאראקטעריזירט די פּרושים. בנוגע צו אייניקע מצוות זענען די צדוקים געווען ריגאָרישער פון זיי. אָבער אָט די דערווייטערונג פון אלץ, וואָס האָט אַ פרעמדן אָפּשטאם — דאָס האָבן זיי נישט געוואָלט. די יידישע געשיכטע האָט באַשטעטיקט דעם שטאנדפּונקט פון די פּרושים: אלע צוויי־צענטרישע יידישע קיבוצים זענען אונטערגעגאַנגען אָן אַ שפּור. דער גרויסער און שטאַרקער קיבוץ אין אַלעקסאנדריע של מצרים איז אונטערגעגאַנגען נאָר צוליב זיין קול־טורעלן ביצענטריזם. און אַזוי ווייטער אין גאָר דער געשיכטע: אומע־טום און אַלע מאָל, ווען אַ גרופּע יידן הייבן אָן צו טראָגן צוויי פּאָנען,

הייבן אָן צו ריידן וועגן צוויי ריכטונגען, צוויי טראַדיציעס, צוויי קול־טורן, מעגן דאָס זיין די הייסטע יידן אין זייער באַוווסטזיין, פירן זיי צום אומקום. פון די צען שבטים און ביז דער היינטיקער השכלה. אַט פאַרוואָס די פּרושים, וואָס האָבן פאַרמאָגט דעם געזינטסטן נאַציאָנאַלן אינסטינקט, האָבן זיך אַזוי באַצויגן צו דער חכמת־יוון.

עס הייסט נישט לגמרי, אַז די פּרושים האָבן נישט דערשאַצט די וועלטלעכע פילאָזאָפיע און וויסנשאַפטן פון די גריכן. פאַרקערט, איז קענטיק אַ טיפע אַכטונג צו די „סבי דבי אתונה" (די געלערנטע פון אַטען) און צו די „מתוקנים שבהם" (די בעסערע פון זיי). אָבער תורה און וויסנשאַפטן זענען פאַר זיי געווען צוויי געביטן פון לעבן, וואָס האָבן פאַרשיידענע אויפגאַבעס און אַנדערע וועגן. באמת, וואָס זענען די נאַציאָנאַלע אויפגאַבעס פון דער גריכישער וויסנשאַפט? — אַ העכערע אויסלעבונג פאַר די טיפערע פון די פרייע בירגער, דאָס איז געווען די שפּיל, פאַרוויילונג פון די בעסערע פון זיי, פאַר די שיינע גייסטער צווישן די גריכן, וואָס נישט זיי האָבן געדאַרפט זאָרגן פאַר אַרבעט און נישט זיי האָבן געדאַרפט איטלעכער באַזונדער זאָרגן פאַרן קיום פון פאָלק. די אויפגאַבעס אָבער פון יידישן לערנען זענען געווען עקווי־וואַלענט נישט צו די פון דער גריכישער פילאָזאָפיע, נאָר פון דער נאַנצער מלוכה פירונג אין לאַנד. און די אויפגאַבעס זענען אַרויפגעלייגט גע־וואָרן אויף די פּלייצעס פון איטלעכן יידן. ווער וואָלט געזאָרגט פאַר קונסטן און פילאָזאָפיע, ווען עס שטייט אין קאָן דאָס לעבן?

די גריכן און אַלע זייערע יורשים לעבן מיטן כוח פון זייער פּאָליטי־שער גאַנצקייט, האָבן זיי זייער פרייע צייט געקענט אָפּגעבן פאַר קונסטן און פילאָזאָפיע. יידן אָבער האָבן געלעבט מיט שטייגערישער און תורה־דיקער (קולטורעלער) גאַנצקייט, האָבן זיי פאַר פילאָזאָפיע און קונסטן געקענט אָפּגעבן אויך נאָר זייער פרייע צייט, וואָס עס בלייבט זיי פון לערנען.

6. דידאַקטישע צוועקן פון דער טראַדיציאָנעלער יידישער דערציאונג

אין הסכם מיט די אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע צוועקן און תכליתים,

זענען אויך געווען די דידאַקטישע צוועקן: ווי האָט די דערציאונג גע־דאַרפט געשטאַלטן דעם יחיד? דעם לערנער? ווי האָט דאָס לערנען געדאַרפט משפיע זיין אויף דעם מענטשן?

דער אַלגעמיינער אידעאַל פון אַ דערצויגענעם אין טראַדיציע יידישן מענטשן איז געווען אַ לערנער, אַ תלמיד חכם, אַ למדן, וואָס איז נישט בלויז אַ „בקי" (ער ווייס אַ סך), נאָר ער קען דערמיט זיך באַנוצן, שאַפן זיך, „תורה איז די בעסטע סחורה". „ווער עס טויג צו אַ בלאַט גמרא, וועט שוין טויגן אויך צו אַנדערע זאַכן". בכן, — קיין שום אוטילי־טאַריסטישע צוועקן אין לערנען, אויב לערנען — איז „לשמה".

„יאַנקעלע (אָדער שרהלעס חתן) וועט לערנען תורה", פלעגט יעט־ווידער יידישע מאַמע זינגען איר קינד אין וויגעלע. „זיינע אויגן זאָלן לייכטן אין דער תורה", פלעגן זיך מאַמעס ווינטשן און בענטשן. „אויב די תורה איז אַ ים, — איז ער דער שווימער" („שוחה בים התלמוד"), „ער רייסט אוים בערג און צעמאָלט זיי מיטן כוח פון שכל" — אַזוינע טיטולן זענען געווען גאַנגבאַר ביי יידן. צווישן די טרוימען, וואָס אַ יידישע מאַמע פלעגט טרוימען וועגן איר קינד, איז די בעסטע געווען „אַ דרשה וועט ער האַלטן פאַר אַלע גרויסע לייט" (איבערהויפט צו דער בר־מצווה. אָדער צו דער חתונה. פון דאַנען אויך דער טערמין „דרשה־געשאַנק").

אין דעם צוגאַנג איז בולט די שטרעבונג צו גייסטיקער שעפע־רישקייט, די זעלבסטשטענדיקייט פון דעם לערנער. ביי די אייראָפּעאי־שע פעלקער ווערט געשטרעבט צו פאַרשפּרייטן באַשטימטע און פעסט־געשטעלטע סכומען פון קאַנאָניזירטן וויסן. פון דאַנען די פעסטגע־שטעלטקייט פון פּראָגראַמען, אַלגעמיינע און פאַר יעטווידער עלטער, אָפט אַפילו פאַר יעטווידער צייט־אָפּשניט (חודש, וואָך). ביי דער יידי־שער טראַדיציע, איז נישט דער סכום און נישט די פּראָגראַם וויכטיק. אַ תלמידס צייטיקייט ווערט ביי פעלקער געשאַצט דורך דער סכום ידיעות, וואָס ער קען באַווייזן. ביי יידן ווערט די צייטיקייט באַשטימט דורך דער פעאיקייט צו לערנען „פאַר זיך", מאַכן „אַ לייעניש", זאָגן „אַ חילוק" וכדומה, אינגאַנצן אומאָפּהענגיק פון סכום, אָפּקלייב פון די מסיכתות, וואָס ער האָט געלערנט.

דאָרטן איז אין צענטער פון לערנען דער מאַטעריאַל, די וויסנ־שאַפטן און דאָס וויסן. פאַרשפּרייטן וויסן איז די אויפגאַבע. די פּע־דאַגאָגיק דאַרף דעם פּראָצעס גרינגער מאַכן. דער זיכרון — דער וויכ־טיקסטער געצייג.

ביי יידן איז געשטעלט געוואָרן אין צענטער דער מענטש, וואָס לערנט. דער צוועק איז געווען צו פאַרוואַנדלען דעם תלמיד אין א „לערנער", אָבער נישט אין א „וויסער". דאָרטן איז דער תלמיד גע־ווען מער א פּאַסיווער, ביי יידן איז ער, דער תלמיד, — דער אַקטיווער. אין דער אייראָפּעאישער שול איז מעגלעך געווען, אַז א גרויסע צאָל גרויסע לייט זענען אין שול געווען פאַררעכנט פאַר שלעכטע תלמידים. דאָס זענען כדרך כלל אזוינע, וואָס זענען שוין קינדווייז געווען אויס־געשפּראָכענע גייסטיקע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן נישט געקענט ווערן און בלייבן פּאַסיוו, זיך אונטערגעבן.

אין ישיבה איז, דאַכט זיך מיר, אוממעגלעך אָנצוווייזן אויף אַזא ווידעראַנאַנד ווי שלעכטע תלמידים, — גרויסע מענטשן, גוטע תלמי־דים — גאָרנישטיקע מענטשן. ווייל אויך אין ישיבה פלעגן געשעצט ווערן די אייגנשאַפטן פון אייגענער איניציאַטיוו און זעלבסטשטענדי־קייט פון געדאַנק, די זעלביקע אייגנשאַפטן, וואָס טיילן אויס פעאיקע מענטשן בכלל. ביי פעלקער איז דער דידאַקטישער צוועק אָנצושפּייכ־לערן אין תלמיד וויסן, ביי יידן פלעגט דער צוועק זיין דאָס וויסן איבערצוקאָכן און פאַרדייען.

חסידים דערציילן פון ר' מענדל קאָצקער: א יונגער מאַן האָט זיך פאַר אים באַרימט, אַז ער האָט אויסגעלערנט גאַנץ ש"ס.

— דאָס איז זייער שיין. אָבער וואָס האָט דער ש"ס אויסגעלערנט דיך? — זאָל האָבן דער רבי נעענטפערט. בכן, דאָס לערנען דאַרף משפיע זיין, דערציען אים, דער לערנער.

ביי פעלקער זוכט מען ביים לערנען איבערהויפּט אוטיליטאַריסטישע תלמידים צוגרייטן צום לעבן און פאַרויסזען, ועסן. מען דאַרף די וואָס אָט דאָס לעבן וועט פאַרלאַנגען. פון דאַנען שטאַמען די פאַרשיידנ־אַרטיקע שולן לויט די שטאַנדן: פּאַראָכיאַל־שולן, שטאָטישע שולן אא"וו. ווער רעדט נאָך פון די פּאָזיטיוויסטן און ווייטער. פאַר זיי איז

דאָך די גאַנצע דערציאונג געווען בלויז אוטיליטאַריסטיש. די פראַגע איז תמיד געווען בלויז וועמעס נוצן מען איז אויסן, צי די קומענדיקע פּריוואַטע סאָציאַל־מאַטעריעלע נוצן פון דעם תלמיד גופא אין דער געגעבענער געזעלשאַפט (ליבעראַליזם), צי די נוצן פון שטאַנד, פון קלאַס, פון דעליגיע אָדער מלוכה, אָדער נאָר — די נוצן פון דער פּאָליטישער פּאַרטיי, ווי דאָס איז איצט.

ביי יידן איז דאָס דאָך דאָס לערנען געווען דער אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער צוועק פון לערנען, האָט געקענט גילטן דאָ דער פּרינציפּ פון „לשמה”. לערנען לשם לערנען, אָן וואָסער עס איז אוטיליטאַריסטישער צומישונג.

ביי יידן איז געווען פאַררעכנט פאַר אַ ירידה דאָס מאַכן פון דער תורה אַ „קרדום לחפור בו” (אַ געצייג צום פּראַקטישן געברויך).

און ווידער קאָן דאָס אַמבעסטן באַשטעטיקן אַ יידישער וויץ, וואָס גייט איבער דעם פאָלקס פילאָזאָפיע אויף דעם בעסטן און בולסטן וועג.

— וואָס איז דער אונטערשייד צווישן אַ פּאַטענט אויף אַ שענק און סמיכה אויף רבנות? — פרעגט די וועלט, און מען ענטפערט, — אַ פּאַטענט נעמט אַ ייד אויף אַ גויישן נאָמען, סמיכה אָבער נעמט אַ גוי אויף אַ יידישן נאָמען (געהערט אַמאָל אין ווילנער ישיבה־קרייזן). אַזאַ אומאַכטונג צום אויסנוצן דאָס לערנען צו פּראַקטישע צוועקן!

אָט די מחלוקת צווישן „לשמה” און „לא לשמה” איז אויך באַקאַנט ביי אַנדערע פעלקער. דאָ פיגורירט די מחלוקת צווישן „ריינער” און „אַנגעוואַנדעטער” וויסנשאַפט. אין דער קולטור־געשיכטע פון אייראָפּעאישע פעלקער פאַרנעמט דער קאַמף אַ גרויסן אָרט. פאַר וויסנשאַפט לשמה זענען געווען נישט בלויז אַזוינע פּערזענלעכקייטן ווי בעקאָן, גאַלילי און אַנדערע רעאַליסטן, נאָר אויך דער „אינגאַנצן אַנגעווענדעטער” לוים פּאַסטער. עס איז באַקאַנט זיין ווערטל, אַז אין דער פּרייסישער מלחמה האָט דער דייטשער אוניווערסיטעט מנצח געווען דעם פראַנצויזישן פּאָליטעכניקום. אין רוסלאַנד האָט אַ גאַנץ לעבן פאַר דער וויסנשאַפט לשמה געקעמפט ק. טימיראַזעוו (זע זיין „דעמאָקראַטיע און וויסנשאַפט”).

די אומקלאָרע און צעשוווּמענע פראַזע פון „גרייטן צום לעבן", און דאָס זוכן תמיד ביים לערנען דעם אוטיליטאַריסטישן זינען, האָבן זייער פיל שאָדן געבראַכט דער מאָדערנער דערציאונג.

7. אַקטואַליזאַציע אַנשטאָט היסטאָריזאַציע

פון דעם פריער געזאָגטן איז שוין גענוג קלאָר, אַז אין יידישן לערנען איז פאַראַן גאָר אַן אַנדער באַציאונג צום געלערנטן טעקסט. ביי די פעלקער ווען עס ווערט געלערנט אַ טעקסט, אַ קולטור־ווערט, באַמיט מען זיך קודם־כל פעסטצושטעלן זיינע היסטאָרישע ראַמען, רעסטאַווּרירן זיין בראשיתדיקן אינהאַלט, זיין סביבה, זיין כאַראַקטער. עס איז קודם־כל אַ היסטאָרישער צוגאַנג: מען דאַרף זאָרגן, אַז דער אינהאַלט און פאָרם פון קולטור־עלעמענטן זאָלן אָפּהיטן אָרט און צייט ווי ווען זיי זענען געגעבן געוואָרן. מען דאַרף ביי די תלמידים אין די מוחות אַרויסרופן פאָרשטעלונגען פון די סיטואַציעס, וואָס אין זיי זענען די געלערנטע טעקסטן געשאַפן געוואָרן. עס ווערט געזוכט דער „היסטאָרישער אמת".

אין דער יידישער טראַדיציאָנעלער דערציאונג הערשט בנוגע צו די געלערנטע טעקסטן (און זיי זענען דאָך דער עיקר פון גאַנצן לערנען!) אַ פאַרקערטע באַציאונג: מען באַמיט זיך נישט אַריינצופּאַסן דעם טעקסט אין די ראַמען פון דער צייט, ווען ער איז געשאַפן געוואָרן, נאָר מען באַמיט זיך אים אַריינצופּאַסן אין די לעבנס־סיטואַציעס, וואָס זענען היינט צו טאָג גילטיק. דער געלערנטער אינהאַלט דאַרף זיין היינט אַקטועל פאַר די איבערלעבונגען פון דעם, וואָס לערנט איצט דעם טעקסט, אומאָפּהענגיק אינגאַנצן פון דעם אינהאַלט, וואָס ער האָט געהאַט, ווען ער איז געשאַפן געוואָרן.

נישט דער היסטאָרישער אמת איז וויכטיק, נאָר זיין ווירקונג אין לעבן פון היינט. די תורה איז נישט עפּעס קיין אַרכעאָלאָגישע פראַגמענטן פון אַן אַמאָליקער פאַרצייטיקער קולטור. מען דאַרף לערנען אַזוי אַז דער היינטיקער דור זאָל אין געלערנטן אינהאַלט געפינען עפּעס, וואָס זאָל אים היינט באַפרידיקן, צונויץ קומען. און צוליב דעם איז

אפילו „אַל תקרא בניך, אלא בוניך", — „לייען נישט אַזוי, נאָר לייען אַזוי" — גאַנצע ענדערונגען אין טעקסט ווערן געמאַכט. צוליב דעם איז פאַרשטענדלעך אַזאַ מין אויסטייטשן דעם פּסוק „עין תחת עין — ממון". ד"ה, כאָטש עס שטייט בפירוש, אַז פאַר אַן אויג דאַרף מען אַרויסנעמען אַן אויג, נאָר מיר זאָגן, אַז דאָס מיינט נישט קיין אויג, נאָר געלט פאַר אַן אויג. איז לכתחילה „שיר השירים" געווען אַ ליד (אָדער לידער) פון בחור־מיידל. אָבער, אַז אַ פאָלק האָט דערפילט אין זיך אַ שטאַרקע בענקעניש צום „טאַטע הארציקן", „טאַטע זיסן", זענען די זעלביקע ווערטער געוואָרן אין די מיילער פון יידישע חדר־יינגלעך איבער לענדער און דורות „זאָגט די כנסת ישראל צום ריבונו של עולם". דער בראשיתדיקער אינהאַלט פון טעקסט גייט שוין קיינעם נישט אָן. מיט די זעלביקע ווערטער רעדט שוין איצטער אַן אַנדער געמיט־צושטאַנד. די נשמהדיקע לײַדן און פריידן פון היינטיקן טאָג האָט דאָס פאָלק אַריינגעלייגט אין די אַלטע, אור־אַלטע ווערטער. תהילים! רעסטאַווירן דעם בראשיתדיקן זינען און אינהאַלט פון די געזאַנגען, — זאָלן דאָס טאָן די, פאַר וועמען קולטור איז אַ זאַמלונג פון אַלטע, פאַרצייטיקע צירונג. פאַר דורות יידן איז תהילים אָבער געווען אַ מיטל אויסצוגיסן די הערצער און אָנצונעמען זיך מיט מוט און גלויבן, מיט כוח און אויסדויער צו לעבן, אָן פירוש המילים, אָן דעם צו וויסן דעם „ריינעם, ריכטיקן טייטש פון ווערטער". ווי נישטיק, ווי גאָרנישט ווערט עס איז דאָס ראַציאָנאַליסטיש באַנעמען און פאָרשן דעם „ריכטיקן" באַטייט פון דעם ספר תהילים לגבי איין הארציקן קאַפּיטל תהילים! יוחנן דער וואַסערטרעגער האָט מיט דעם כוח פון זיין פאַרגרייזטן, „פּאַלשן"־פאַרשטאַנענעם קאַפּיטל תהילים באַקומען מער כוח איינצוהאַלטן יידישקייט ווי דער „אורח־חיים" אַליין (פּרץ). איז דער טראַדיציאָנעלער יידישער תהילים־זאָגן געווען אַ קוואַל פון לעבנס־כוח פאַרן פאָלק. האָט דער ראַציאָנעלער רעסטאַוראַציע־מעטאָד פון לערנען דעם תהילים אים פאַרוואַנדלט אין עפּעס אַ „לירישע סטאַטוע", וואָס איז געבליבן פון אַמאָל און וואָס בלויז געציילטע לערנען זיך אויס צו באַגרייפן איר שיינקייט, הנאה האָבן און יוצא. קיין כוח, קיין קוואַל פון לעבנס־ענערגיע איז שוין דאָ נישטאָ. איך דערמאָן זיך ווי דער רבי אין

חדר האָט מיט מיר געלערנט ווי גדעון דרעשט ווייץ אין ווײַנקעלטער, „להנים מפּני מדין" (כדי דאָס צו ראַטעווען פון די מדינער). און דער רבי איז ממשיך מיט דעם זעלביקן ניגון ווײַטער, ווי עס וואָלט געווען טעקסט, — „להנים מפני שפּאַניע, להנים מפּני מאַראָקע, להנים מפּני רומעניע, להנים און להנים, קינדער... מיט פינטעלעך..." און אָט די קליינע הוספה האָט פאַר אונדז, קינדער, געמאַכט דעם גאַנצן ענין נעענטער. גדעון און זײַן גורל איז געווען נישט בלויז אַמאָל, נאָר אָט חזרט זיך דער ענין איבער ווידער און ווידער און גדעון איז שוין מער נישט ערגעץ אַ ווײַטער, אַ פאַרצײַטיקער, וואָס נאָר זײַן זכר איז געבליבן. גדעון ווערט אַ שותף צו אונדז אין לעבן, אַ מיטגייער מיט אונדז.

מען וועט זאָגן, — עס איז מגידות. און מיט רעכט. דאָס האָבן די מגידים, די טראַדיציאָנעלע דרשנים זייער פיל אויפגעטאָן פאַר דער אַקטואַליזאַציע פון די טעקסטן. און אָט די אַקטואַליזאַציע האָט געהאָלפן יידישע דורות תמיד זיך אויסהעלפן און לעבן מיט אַ פּסוק, מיט אַ מימרא. אַ פּסוק פאַר טוביה דעם מילכיקער איז אַ קוואַל פון כוח צו לעבן און צו לײַדן. פאַר טוביהן און פאַר מיליאָנען לעבעדיקע, נישט קיין אויסגעטראַכטע יידן. אַ פּסוק, אַלע זאַמלונגען פון פּסוקים זענען נישט געווען סתם אַ ביבליאָטעק פון קונסטווערק. ניין, מען האָט אין זיי געזוכט צו שעפּן כוח אין לײַדן און אין פרייד.

צוויי לערערס לערנען, לאָמיר זאָגן, „ויצא יעקב מבאר שבע". איינער וויל זײַן מאָדערן, לערנט ער עס מיט אַ לאַנד־קאַרטע אויף דער וואַנט. אָט איז באר שבע און אָט איז חרן, אא"וו. דער צווייטער לערער שעמט זיך נישט צו זײַן ווי ער איז און אויסנוצן אַלטע גענג. פאַרפירט ער אַ שמועס מיט די קינדער וועגן דעם ווי יעקב לויפט תמיד פון עשון און ער לויפט צו לבנען. לבן איז גוט... אַרבעטן? — וויפל דו ווילסט נאָר. אָבער אַז יעקב ווערט רײַך, ווערט שוין לבן אין כעס, לויפט שוין יעקב צוריק צו עשון און אַזוי כסדר. וואָסער פון די צוויי לערערס האָט מער היסטאָרישן אמת אין זײַן לערנען? — געוויס דער צווייטער מיט זײַן דרש. איין לערער וועט נעמען די מעשה סדום

„שטרענג וויסנשאַפטלעך", מיט קאַרטעס, מיט דערקלערונגען וועגן דעם גרויסן געאָלאָגישן איינברוך פון ירדן־טאָל, וואָס ציט זיך דורך דעם רויטן ים ביז די לאַנג אויסגעצויגענע אָזערעס אין אַפריקע (באַקאַנטע טעאָריע פון דעם עסטרייך־יידישן קלאַסיקער אין געאָלאָגיע זיוס). און אַ צווייטער לערער וועט נעמען די מעשה ווי ליטעראַטור, מיטן אויסזיכט אויף דער אייביקייט פון דער סדום־פּראָבלעם, ווי דאָס האָט גענומען דער יונגער ווילנער דיכטער, חיים גראַדע, אין זיין ליד „סדום" — די אייביקייט פון זינד, רישעות און שטראָף און רחמנות, און דאָס זוכן גערעכטיקייט אַפילו פון גאָט אַליין. ווער פון די צוויי לערערס האָט אין זיין לערנען מערער יידישן גייסט, מערער יידישן אמת?

אין אַ פאַרשטעלונג מיט אברהם אָבינו האָט איין לערער אים פאַרגעשטעלט ווי אַ בעדווינער. דער אַרכעאָלאָגישער אמת איז געווים אויף זיין זייט. אָבער וואָס פאַר אַ ווערט האָט דאָ די אַרכעאָלאָגיע לגבי דעם געשיכטלעך־פּסיכאָלאָגישן אמת, אַז אברהם איז דער בכבודיקסטער ייד פון יעדער צייט. אָט איז דער אונטערשייד צווישן מעטאָד פון אַקטואַליזאַציע און דעם מעטאָד פון רעסטאַווראַציע. און אָט דער צוגאַנג איז ריכטיק נישט בלויז צו תנ"ך. אַזוי האָט דאָס פאָלק געלערנט פּרקי אָבות און עין יעקב און אַלץ וואָס עס האָט געלערנט. טעקסטן, פּערזענלעכקייטן — אַלץ האָט אין איטלעכן דור געביטן דעם געשטאַלט, כדי צו זיין היימיש נאָענט אין יעדער דור און אין איטלעכער סביבה.

אַזוי איז אברהם אָבינו געוואָרן ביי אונדז אַ שטאָט־באַלעבאָס פון יידישע שטעטלעך. דוד המלך ווערט ביסלעכווייז אַ דיין אין שטעטל צו פּסקענען שאלות, אַ קלאָגער צו „חצות" און אַ פידל שפּילער אויף חסידישע שמחות, — אַלע, אַלע זענען זיי נישט געבליבן אין אָרט און צייט פון זייער טעקסט, נאָר זיי גייען כסדר מיט און העלפן דעם יידן טראָגן זיין פּעקל. וווּנדערלעכער פון אַלץ איז די פאַרוואַנדלונג פון אליהו הנביא. דער תנ"כישער אליהו — ער איז דאָן אַלע יידן אַ ווייטער און אַ פרעמדער. ווען מיר רעסטאַווירן זיין געשטאַלט ביי זיך, וואָס קען ער אונדז פאַרשאַפן אויסער אַמאָל אפשר אַ ביסל עסטעטישן

נענום פון דער קעמפּערישער פיגור? דאָס און ווייטער גאָרנישט. אָבער ווען איר זאָלט אָט דאָס פאַרגלייכן מיט דעם וואָס עס גיט דער טראַדי־ציאָנעלער אליהו הנביא, דער „זכור לטוב", וואָס דאַרף אונדז „בשו־רות טובות, ישועות ונחמות מבשר זיין", דער „עלינאָווע" פון אַלע קינדערשע און פאָלקס מעשהלעך, „דאָס הייליק שניידערל" פון „קי־דוש השם", דער „אַלטער בעטלער" פון „גולם", — אָט ווען מען זאָל פאַרגלייכן די נאַציאָנאַלע, מאָראַלישע פּאָטענץ פאַרן פאָלק, וואָס עס פאַרמאָגט פון איין זייט דער רעסטאַווריטער, „געשיכטלעך אמתער" און ראַציאָנעל געלערנטער אליהו מיט דעם, וואָס עס גיט דער אקטוע־לער, פאָלקסטימלעכער, — דעמאָלט ווערט קלאָר דער אונטערשייד צווישן די צוויי מעטאָדן, צווישן די צוויי צוגענג צו די קולטור־טעקסטן. א גילגול פון א ניגון און א טויטער ניגון, וואָס האָט נישט זוכה גע־ווען צו האָבן א גילגול. עס איז לגמרי נישט וויכטיק צי איז געווען אַמאָל א מענטש מיט א נאָמען משה און צי האָט ער געשטאַמט פון מיצרים אָדער פון יידן. זאָל זיין ווי יידן ווילן זיך: „די תורה האָט נעגעבן נישט משה, נאָר אן אנדער ייד, וואָס מען האָט אים א נאָמען נעגעבן משה"... פאַר אונדז, פאַר דער אמתדיקער געשיכטע פון יידישן פאָלק איז נישט אין פאַרגלייך אמתדיקער, אז משהס נשמה איז אַרי־בער צו רבי עקיבא, און פון לעצטן צו רש"י. אין אָט דער כלומרשט נאַאיווער לעגענדע, האָט דאָס פאָלק סימבאָליש אָנגעמערקט עטאַפּן פון יידישער תורה און אירע וועג־ווייזערס פאַר דורות. דאָ איז מער היסטאָריזאָפישער אמת איידער אין די היסטאָרישע „פאַקטן", אז משה איז געבאָרן געוואָרן דעם און דעם טאָג, און זיין קבר איז דאָרטן און דאָרטן וכדומה.

וויפל האָבן מיר פון דער השכלה אָן געלאכט פון דעם טראַדיציאָ־נעלן לערנען, וואָס ער ווייסט נישט קיין ריכטיקע טייטש־ווערטער! מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען, נישט באַגריפן, אז פאַר די צוועקן פון דער אַקטואַליזאַציע איז דער „ריכטיקער" טייטש גאָרנישט וויכטיק, גאָר־נישט נייטיק. נישט וויכטיק איז דער סכום ידיעות, באַגריפן, פאַרשטע־לונגען, וואָס דער תלמיד וועט באַקומען פון דעם געלערנטן טעקסט. וויכטיק איז דער געמיט־צושטאַנד און די איבערלעבונגען, וואָס דאָס

לערנען פאַרבינדט מיט דעם נעגעבענעם טעקסט. אַט דאָ ליגט דער אונ־טערשייד צווישן דעם מעטאָד פון אַקטואַליזאַציע און דעם מעטאָד פון היסטאָריזאַציע.

8. אומגעשיכטלעכער צוגאַנג צו געשיכטע

ביי דער טיפער צוגעבונדנקייט פון יידן צו זייער אַמאָל, ביי דעם באַמיען זיך אַריינצוקנעטן דעם עבר אין דעם היינט, איז אין פלוג אומ־טערליש, וואָס אין דער דערציאונגס־טראַדיציע האָט די געשיכטע פון פאָלק קיין שום אָרט נישט פאַרנומען. נישט געווען קיין לימוד אַזאַ לגמרי.

און ווער ווייסט נישט וויפל שפּאַס און געלעכטער דאָס האָט פאַר־שאַפט יעטווידער יידישן אינטעליגענט און האַלבן אינטעליגענט, וואָס האָט זיך דערוווּסט, אַז עס איז דאָ אַ וויסנשאַפט אַזאַ, וואָס מען רופט „געשיכטע". און ווי קען מען נישט לאַכן, ווען אַ רב, למשל, קען מיט־אַמאָל מיינען, אַז הלל און רבי עקיבא זענען געווען אין איין צייט! אין דער אמתן איז אָט דאָס נישט־וויסן נישט סתם עם ארצות. די גרוי־סע תורה פון כראָנאָלאָגיעס איז לגמרי נישט געווען איבער די כוחות פון די יידישע ישיבה־לייט. דאָ איז געווען אַ טיפערע סיבה: דאָס לער־נען די געשיכטע וואָלט בלויז געשטערט צו „פאַרדייען" דעם עבר. אָן געשיכטע און אָן כראָנאָלאָגיעס זענען אַלע פריערדיקע דורות צוזאַ־מען געווען תמיד שותפים און מיטהעלפער אין לעבן פון יידן אין היינטיקן דור. דאָס לערנען געשיכטע וואָלט מער נישט ווי אויסגעריסן אָט די אַלע אַקטואַליזירטע מיטהעלפער פון דעם לעבעדיקן היינט און וואָלט זיי אין בעסטן פאַל באַגראָבן אין די קברים פון געשיכטע. יעט־ווידער דור — אַ שורה קברים. אויסגעסדרטע שורות נאָך שורות פון אַמאָליקע גיבורים, קדושים, העלדן, וואָס היינט זענען שוין נישטאָ. אַ געשטאָרבענע וועלט אויסגעסדרט, — און — לעבן דאַרף מען איצט, היינט. און יידיש לעבן איז תמיד שווער און ביטער, און מיטטראָגן מיט זיך אויסער דעם לעבן נאָך אויך אוצרות מיט הייליקע קברים, אַ באַוווסטזיין פון געוועזענעם, שוין מער נישט פאַראַנענעם — פון דעם

האָבן זיך די פרושים לכתחילה אָפּגעזאָגט, ווי פון אַן איבעריקן באַ־לאַסט. וואָס קענען באמת העלפן דעם לעבעדיקן יידן די גרויסע גע־שטאָרבענע? אויב זיי זענען שוין געשטאָרבן אויך אין באַוווּסטזיין פון דעם לעבעדיקן?

אַלע אַסימילאַטאָרן, פון אַלע דורות האַלטן פון דער יידישער פאַר־גאַנגענהייט, נאָר מען דאַרף עס פריער „קאָנסערווירן", פאַרמאַרינירן. אַלע וואָס האַלטן זיך מיט „קאָנסערוואַטיווער" יידישקייט, — אַלע זע־נען זיי אָפּגעפאַלן פון יידנטום. אין אַלע דורות און אויך איצט.

די אייראָפּעאישע פּעדאַגאָגיק האָט אויף דעם לימוד פון געשיכטע אַרויפגעלייגט אַ גרויסע דערציערישע אויפגאַבע. דאָס האָט זי, די געשיכטע, געדאַרפט איינשטעלן דעם צובונד פון היינט צום אַמאָל. ביי דעם יידישן מעטאָד פון אַקטואַליזאַציע, איז די ראָל פון דער געשיכ־טע געוועןן פאַרקערט, אַ נעגאַטיווע. און עס איז געוועןן אַ שטאַרקע אויסגעהאַלטנקייט נישט צו דערלאָזן עס זאָל זיך אויסאַרבעטן אַ קולט פון געשיכטלעכע הייליקע. „ולא ידע איש את קבורתו של משה" — קיינער ווייסט נישט דעם קבר פון משה. און נישט געוווּסט האָט מען, ווייל מען האָט נישט געוואָלט וויסן. עס איז לגמרי נישט שווער צו געפינען קברים און זיי מאַכן הייליק. אַט האָבן דאָך אַנדערע יאָ „גע־פונען" אַט די קברים פון יידישער געשיכטע און מען פּראַוועט אויף זיי יום־טובים. די יידישע טראַדיציע אָבער האָט זיך באַמיט אויסצוואָרצ־לען די נייגונג צו הייליקע קברים, דעם באַדאַרף פון קברים. „אל תסתכל בקנקן, אלא במה שיש בו" — נישט וויכטיק איז דער טרעגער, וויכטיק איז דער אינהאַלט. וויכטיק זענען נישט די קברים אָדער אַנדערע סימ־באָלן פון די שעפער פון יידישקייט, נאָר דאָס, וואָס זיי האָבן געשאַפן. ווידער אַמאָל דער אויסגעהאַלטענער פּרינציפּ פון יידישקייט אָן מאַטע־ריעלע סימבאָלן. האָט זיך די יידישע קולטור טראַדיציע נישט אינטע־רעסירט מיט די ביאָגראַפיעס פון די שעפער פון יידישקייט. זייערע נע־מען זענען פאַרגעסן געוואָרן צוליב די נעמען פון זייער שאַפונג. ווער איז רש"י? — דאָס איז קודם־כל די קליינע אותיעלעך וואָס זענען געדרוקט לעבן דעם טעקסט פון גמרא. און „ט"ז און „ב"ח", של"ה" און "רמ"א" און "חיי אדם". ווער דאַרף עס לערנען און געדענקען זיי־

ערע פּריוואטע נעמען און ביאָגראפיעס, אז אפילו זייער גאָט האָבן די יידן אויסגעלערנט זאָגן „הלוואי וואָלטן זיי מיך פארגעסן, און מיין תורה געהיט". דאָס איז אנשטאט דעם וואָס אנדערע באמיען זיך צו געדענקען די יחוסדיקע גענעאָלאָגיע פון זייער גאָט.

האָט די יידישע טראדיציע בכיוון און מיטן גאנצן באוווסטזיין נישט געבויט, נישט געשאפן קיין פּאנטעאָנען און קיין פּערזאָנען־קולט. עס איז געווים א שווערע דילעמע: טראָגן אזוי פיל דרך־ארץ צו די שעפער פון דער תורה און דאָך זיי נישט פארהייליקן.

דאָס האָט די מאָדערנע וועלטלעכע קולטור, בויענדיק אינגאנצן איר געביידע לויט מוסטערן, אויך דאָ ארייננעפירט יובלם און יאָרצייטען אא"וו. און אין דעם איז פאראן א גרויסער טייל געצנדינערײ און נאָך א גרעסערער טייל ניינירקייט: ווי האָט אָט דער גרויסער מאן געלעבט מיט זיין ווייב און וואָס פאר א שלאפראָק ער פלעגט טראָגן... איז מען ביי אונדז שוין דערגאנגען צו פראווען יום־טובים פון שרייבער, למשל, און זייערע ביכער, וואָס זענען א „נאציאָנאלער אוצר" זאָלן לייענען אנדערע. עס דראָט א סכנה, אז קולטור זאָל זיך ביי אונדז פארוואנדלען פון א ווירקנדיקן, געשטאלטנדיקן פאקטאָר אין א — שיין אויסגעפוצטע אויסשטעלונג פון צירונג. אונדזער היינטיקע קולטור און דערציאונגס איינשטעלונג האלט איין אין זיך א סכנה, אז פאר אונדז זאָל זיך אונדזער גאנצע קולטור פארוואנדלען אין א מוזיי. אויסגעסדרטע און איינגעאָרדנטע קברים און קברים, סימנים, מצבות, זיכרונות. און ביי יעטווידער קבר א גוט צוזאמענגעשטעלטע אויפשריפט, אלע פּרטים, אלץ לויט דער כראָנאָלאָגיע. מצבות פארפוצטע, ספרים פארשלאָסענע, א דור נאָך א דור מיט זיינע מצבות. און דאָס לערנען, און די געשיכטע — קאטלאָגן צו א טויטן מוזיי פון טויטער פארגאנגענהייט. א יאָר טעג — א לוח פון יאָרצייטן נאָך דעם „הייליקן" און יענעם „הייליקן". ווי פרעמד דאָס אלץ איז געווען דער יידישער טראדיציע, און — הלוואי וואָלטן מיר איר געפאָלגט.

צוויי פארשידענע שטאנדפּונקטן אויף געשיכטע זענען דאָ: 1) געשיכטע איז א גראדע ליניע, וואָס ציט זיך אין צייט, א פארענדיקטע קייט פון פאקטן וואָס גייען איינער נאָך דעם צווייטן אין א באשטימטן

סדר און וואָס חזרן זיך נישט איבער, ווייל איטלעכע געשיכטלעכע דערשיינונג איז אין זיך פאַרענדיקט. און

2) געשיכטע איז א קנויל אידעען, פּראָבלעמעס וואָס נעמען אַן פאַרשידענע געשטאַלטן אין איטלעכער צייט, און זיי האַלטן זיך אין איין איבערחזרן גאַכאַנאַנד און נאָכאַנאַנד. צייטן בייטן זיך — בייטן זיך די פאָרמען פון די פּראָצעסן, דער תוך אָבער איז אַלעמאָל איינער און דער זעלביקער. די גאַנצע געשיכטע איז א גילגול פון איין ניגון. געשיכטע איז נישט קיין גראַדע, נאָר א רייע קרייזן אין צייט. זענען דאָס צוויי עקסטרעמע וועלט־באַנעמען. דער ערשטער זעט אין צענטער פון געשיכטע אָט די דרויסנדיקע פאַרענדערלעכע באַדינגונגען, די האַנדלונגען פון סביבה: צייט, אָרט און אומגעבונג. דער צווייטער וועלט־באַנעם האָט אין זינען איבערהויפּט די אינעווייניקסטע איבער־לעבונגען אין די מענטשן גופא, און די בלייבן די זעלביקע כל־זמן דעם מענטשנס נאַטור איז די זעלביקע. דער ערשטער צוגאַנג איז אַן עקסטאָגענער און דער צווייטער איז אַן ענדאָגענער. און דער אונטער־שייד ווייזט זיך אַרויס אומעטום ביי יידן.

און דעריבער זענען די ווערטער פון דער תורה און די דערדשיי־נונגען אין דער יידישער פאַרגאַנגענהייט נישט געגעבן געוואָרן אין איין באַשטימטער צייט און אָרט, צו איין באַשטימטן דור, און בלויז דע־מאָלט און דאָרטן זענען זיי געווען אַקטועל. פאַרקערט, די אידעען און פּרינציפּן, וואָס האָבן אַרויסגערופן די דערשיינונגען נעכטן, זענען און דאַרפן בלייבן אַקטועל אויך היינט און מאָרגן און איבערמאָרגן. און המאי טעמא באַטייט לערנען נישט אויפקלערן די דעמאָלטדיקע באַדינ־גונגען פון די געוועזענע דערשיינונגען, נאָר פאַרקערט, פאַרטושן דאָס צייטמעסיקע, די נישט וויכטיקע עלעמענטן פון צייט, אָרט און סביבה. איז חנוכה נישט א ניצחון אין קאַמף פון דאָרטן און דעמאָלטן, נייערט עס איז דער אייביקער קאַמף אין יידישקייט פון אַלע דורות צווישן די וואָס היטן די אייגענע טראַדיציע און די וואָס שטרעבן זיך אריינ־צולעבן אין פרעמדע פאָרמען און זיי זענען גרייט זיך אונטערצווואַרפן איטלעכער פרעמדער קולטור און מאַכט. איז דען חנוכה נישט קיין גילגול פון דעם זעלביקן קאַמף וואָס עס האָט געפירט אליהו הנביא?

איז דאָס דען נישט דער פּראָטאָטיפּ פון אונדזער משכילים־קאָבּוּ? איז זאָל זיין דער מענטש אליהו איז געשטאָרבן און זאָלן געלערנטע זוכן זיין יאָרצייט, זיין קבר, — פאַר דער יידישער טראַדיציע איז בפירוש אליהו דער סימבאָל פון קאַמף קעגן דער אסימילאַציע קיינמאָל נישט געשטאָרבן און ער קען נישט שטאַרבן, סיידן עס זאָל שטאַרבן יידיש־קייט, איז די מעשה עגל נישט קיין איינמאָליקע פּאַסירונג, נאָר א זאַך וואָס חזרט זיך איבער אין אלע דורות, און אַזוי דער „לך לך" און אלץ אין יידישקייט.

און ווידער האָט דאָס דאָס פאָלק אליין ארויסגעבראַכט אין פאָרם פון א וויץ. מען דערציילט אוי ר׳ עקיבא אייגער, ער זאָל האָבן געזאָגט אויף דער חכמת ישראל, וואָס איז געבאָרן געוואָרן אין זיין צייט: „וואָס פאַר א שמעק טאַבאַק רש"י האָט געשמעקט, דאָס שטודירט צונץ. — א פּרשה חומש מיט רש"י — דאָס לערן איך"... (געהערט פון ח׳ בן־דור, אין וויניפּעג).

9. לערנביכער און קינדער ליטעראַטור

אן אויסטערלישער פאַקט: א פאָלק, וואָס האָט זיך מוסר נפש גע־ווען פאַר „לערנען תורה", וואָס „שכר לימוד" איז געווען וויכטיקער פון ברויט צום עסן (פּרץ „זיבן גוטע יאָר"; א. רייזין, „שכר לימוד") — האָט דאָס פאָלק אין משך פון לאַנגע דורות נישט געשאַפן קיין לערן־ביכער פאַר דער ברייט פאַרשפּרייטער שול־נעץ זיינער? פאַר דעם באַ־נעם פון דער יידישער טראַדיציע, ווי מיר זען אים דאָ, איז דער גאַנ־צער ענין קלאָר, פאַרשטענדלעך און אויסגעהאַלטן לויט דעם אַלגעמיי־נעם קולטור־פּרינציפּ פון דער יידישער טראַדיציע.

ביי די פעלקער איז ביים לערנען דער ערשטער צוועק דאָס וויסן. דער סכום ידיעות און די השפּעות, וואָס די ידיעות קענען משפּיע זיין. איז מהאי טעמא יעטווידער פאַרקירצונג פון וועג צו די ידיעות גוט, א פאַרבעסערונג. פון דעם שטאַמען די אלע פראַגמענטן־זאַמלונגען, מוס־טערן כרעסטאָמאַטיעס און אלערליי אַנדערע ביכער, וואָס האָבן א ווערט נאָר אין שול, וואָס אויסער דער שול האָבן זיי אָפּט אפילו קיין

זינען נישט. קיין זעלבסשטענדיקן קולטור ווערט איז ביי זיי נישטאָ. אָבער פאַר דער יידישער טראַדיציע איז מעגלעך און נויטיק צו לערנען נאָר די תורה. איז דאָך אוממעגלעך צו שאַפן סתם טעקסטן פאַר דער שול, דעמאָלט האָט דאָך קיין זינען נישט דאָס לערנען בכלל. און ווי־דער איז דער עצם פּראָצעס פון לערנען אידענטיש מיט שאַפן קולטור, האָט דאָך דאָס אוממעגלעך געמאכט זיך אָפּצוגעבן מיט סתם פראַג־מענטן, סתם צוגעטראַכטע, צוגעפּאַסטע טעקסטן פאַר קינדער. אַט פאַרוואָס די יידישע טראַדיציע האָט אויסגעמיטן ספּעציעלע שול־ביכער. די עטלעכע פרוון, וואָס די געשיכטע ווייסט פון זיי (חיווא הבלכי אין בבל, „באר משה"), זענען געווען בלויז אויסגעפּאַריכטע און פאַרקירצ־טע טעקסטן און אויך זיי זענען נישט אָנגענומען געוואָרן. כדי צו פאָר־מולירן און איבערגעבן ידיעות, פאָרמולירונגען, זענען געגנוג שול־בי־כער, אָבער כדי די שריפטן פון דער נאַציאָנאַלער קולטור זאָלן זיך אָר־גאַניש אריינלעבן אין דער נשמה, דערצו מוז מען מאכן ווירקן אויף דעם לערנער די עצם שריפטן און נישט קיין ספּעציעלע צוגעטראַכטע שול־טעקסטן. די ערשטע שול־ביכער זענען געווען מן הסתם אברהם מאַפּוס „אמן פדגוג", צו לערנען העברעאיש און די קאַטאַכיזיסן וואָס יידישע משכילים האָבן געשאַפן צו לערנען די יידישע רעליגיע צוערשט אין דייטשלאַנד און אין גאַליציע. דער מקור איז דאָ בכן אַ משכילי־שער, דער קאַמף קעגן טראַדיציע.

דאָס זעלביקע בערך דאַרף געזאָגט ווערן וועגן דער קינדער־ליטע־ראַטור. אין דער גאַנצער וועלט איז דאָס איצט אַ ספּעציעלע פּראָדוק־ציע, זשאַנרן, סטילן, פאַרלאַגן. אַ גאַנצער געביט. ביי דער יידישער דערציאונגס טראַדיציע האָט דער געביט אינגאַנצן אויסגעפעלט. קינ־דער האָבן זיך דערצויגן אויסשליסלעך אויף דעם קולטור מאַטעריאַל, וואָס איז אָנגענומען און גאַנגבאַר געווען אין פאָלק. עס זענען געווען ספּעציעלע אויסגאַבעס מיט גרויסע אותיות, טעבניש צוגעפּאַסטע צום געברויך אין חדר, אָבער אָפּגעבן צייט אויף לערנען אָדער אויף צו לייענען זאכן, וואָס זענען נישט אנערקענט פאַר דער ליטעראַטור פון פאָלק, — דאָס נישט.

דער אַלטער פאַרבאָט „ווער עס טראָגט אריין מער ווי פיר און

צוואַנציק ספרים, טראָגט אריין א מהומה צו זיך אין שטוב". עס זענען געשאפן געוואָרן פאָלקס ביכער, אָבער דאָס זענען געווען בלויז באאַר־בעטונגען פון פאָלקס ליטעראטור, וואָס אויף איר האָט זיך געדארפט דערציען דאָס פאָלק בכלל, אָבער קיין ספּעציעלע ליטעראטור פאר קינ־דער האָט נישט געקענט זיין. דאָרטן, ווו עס איז בכלל פאראן ליטערא־טור, ליטעראטור, ווי א מיטל צו „פארווײלן זיך מיט קונסט", דאָרטן קענען זיין פארשידענע ליטעראַטורן. אָבער ביי יידן איז קיין ליטערא־טור דאָך נישט געווען, עס זענען געווען ספרים, תורה — אַן אייגנאר־טיקע און איינהייטלעכע גייסטיקע פּראָדוקציע פון פאָלקס לעבן. האָט דאָך דאָ נישט געקענט געמאָלט זיין א ספּעציעלע תורה פאר קינדער.

10. ספּעציפישע מעטאָדן פון דענקען און איבערצייגן

ביי פעלקער איז דער ציל פון לערנען געווען דאָס פארשפּרייטן פאָרמולירטן וויסן און וויסנשאפטלעכע פאָרמולעס, געזעצן, כללים אָנ־גענומענע נאָרמעס. דאָ איז פאָרם געווען נישט ווייניקער וויכטיק ווי אינהאַלט. אפשר נאָך וויכטיקער. ביי יידן האָט דאָס לערנען געדארפט לערנען צו פאָרמולירן, אנטוויקלען די פעאיקייט און איניציאטיוו צו זוכן פאָרמולעס. דאָרטן האָט דער גאנצער פּראָצעס פון לערנען אפּע־לירט צו דעם ראציאָ. ביי יידן האָט דאָס לערנען געזוכט צו באווירקן דעם געביט פון עמאָציעס און שטימונגען. ביי לייטן איז דער אָביעקט פון לערנען געווען פיקסירט און אויף שטענדיק פעסטגעשטעלט. ביי יידן אָבער האָט די תורה, דער אָביעקט פון לערנען, זיך געפונען אין צושטאנד פון שטענדיקער טראנספאָרמירונג, „פושט צורה ולובש צורה".

קלאָר, אז אזא אונטערשייד אין צוגאנג האָט געמוזט ברענגען צו טיפע אונטערשיידן אין דעם עצם פּראָצעס פון דענקען און די מעטאָדן פון לאָגישן באארבעטן דעם לערן־מאַטעריאַל, אין די מיטלען איבער־צייגן, באווייזן און אויפווייזן, ברענגען צום „אמת". ביי די פעל־קער זענען פון תמיד אָן די מיטלען איבערהויפּט אנאליטיש־סינטעטי־שע. דער אלגעמיינער געדאנק ווערט צעגלידערט אויף עלעמענטארע

שטאפלען. יעטווידער שטאפל — א לאָגישע הנחה. און פון איין שטאפל־הנחה גייט מען צו דער צווייטער, ביז מען קומט צו דער מסק־נה, צום אויספיר. אזוי זענען פאנאנדערגעארבעט די לאָגישע טעאָ־רעמעס. קיין ציגל פון דער געביידע טאָר זיך נישט ארויסרוקן. עס טאָר זיך דער סדר נישט ענדערן, א גראדער וועג, ווי אייזערנע רעלסן, איז צוגעגרייט פאר דעם דענקען פון תלמיד. איבערהויפט איז דער צוגאנג אנטוויקלט אין דער הערבארטיאנער פעדאגאָגיק, וואָס האָט באהערשט די גאנצע דערציאונג אין דער וועלט אויף גאנצע הונדערט יאָר. איטלעך ביכל פון מעטאָדיק האָט דאָך באמיט זיך איינצופלאנצן אין די יונגע לערערס.

אָבער אין דער יידישער טראדיציע איז אל דאָס נייעס וואָס דאָס לעבן ברענגט, מוז מען קענען געפינען אין דער תורה, אז „ליכא מידי דלא רמיזא באוראיתא" (נישטאָ גאָרנישט, וואָס זאָל נישט זיין אָנגע־דייט אין דער תורה), דאָ האָבן בשום אופן נישט געקענט זייז אזוינע פעסטגעשטעלטע לאָגישע דרכים. ווייל זיי וואָלטן דאָך נישט געקענט פירן צו נייע, אָפט אנדערע געדאנקען. אויב יעטווידער תלמיד איז באַ־רעכטיקט „מחדש חידושים" צו זיין, אויב יעטווידער חידוש דארף זיין באזירט אויף א „מן התורה מנין?", —האָט אויך געמוזט זיין א סך גרעסערע פרייהייט פון ארגומענטאציע און אויספירן. דאָ האָט מען זיך א סך מערער באמיט צו באווירקן דעם צוהערער, זאָל ער זיך אליין אָנשטויסן. עס ווערט געגעבן אַן אלגעמיינע סינקרעטישע אָנדייטונג, א רמז און — „ואידך זיל וגמור" (און ווייטער גיי און ענדיק).

דאָ ווערט דער צוהערער נישט געפירט מיט גוואלד אָפט אויף די פעסטגעשטעלטע רעלסן פון אלע פרטימדיקע שטאפלען פון געדאנק. דאָ ווערט זיך באמיט צו אינדוצירן ביים צוהערער א זעלבסטשטענדיקן געדאנק. דער באווירקער, דער לערער, ער דארף בלויז העלפן דעם פראָ־צעס ארויסצורופן. א גאנצע סעריע טערמינען זענען פאראן פאר דעם: ודו"ק, וד"ל (ודי למבין), „והמבין יבין" אא"וו. דער „אמת" דארף דאָ איבערגיין צום לערנער נישט קיין סינטעזירטער פון עלעמענטן, נאָר א גאנצער, א סינקרעטישער, אין אלגעמיינע שטריכן. און עס ווערט דאָ געלאָזן א סך פרייהייט פאר א אינדיווידואליזירטן פראָצעס פון דעם גע־

דאַנק. קורץ געזאָגט: ביי פעלקער איז דאָס דענקען מער דיסקורסיווער, ביי יידן — אַ מער אינטואיטיווער. דאָס האָט ווידער געהאַט אַ השפעה אויפן גאַנצן כאַראַקטער פון יידן. אַ ייד האָט לגמרי נישט ליב, אַז איר דערקלערט אים צופיל: „וואָס קומט איר מיר דאָ צו לאָזן הערן?", „פשיטאַ", „מאי קא משמע לן?". דער ייד נעמט עס אויף ווי אַ באַליי־דיקונג און אינגאַנצן אַן איבעריקן באַלאַסט, וואָרום איר ווייסט דאָך אַז „ודי לחכימאַ ברמיזא" (פאַר אַ קלוגן איז גענוג אַ ווונק). דער יידי־שער פאָלקס־הומאָר, וואָס איז נישט ווייניקער טיף און לאַקאָניש ווי די פאַרצייטיקע „אגדה" בשעתה, האָט דעם שטריך באַצייכנט אויף זיין אופן אין אַ גאַנצער ריי וויצן וועגן דעם „גוייִשן קאָפּ", וואָס קען בשום אופן נישט פאַרשטיין דעם „בפירושן רמז", בשעת אַ ייד באַקומט אַ ווייטע אָנצוהערעניש, און „כאַפּט שוין אויף" „דבר מתוך דבר" 8).

11. ראַציאָ און אינטואיציע אין דערציאונג

עס איז בכלל פאַראַן אַ גרויסער פּסיכאָלאָגישער אונטערשייד צווי־שן דעם ראַציאָנאַלן, לאָגישן אמת און דעם אינטואיטיוון אמת. דער ערשטער איז פאָרמולירט, סיסטעמאַטיזירט און אָנגעקליידט אין ווער־טער. ער האַלט זיך אין די ווערטער ווי די נשמה אין די געוועבן פון אָרגאַניזם. די אינטואיטיווע אמתן גיבן זיך איבער נישט אין די ווער־טער, נאָר עפּ"ר פאַרביי די ווערטער. נישט די ווערטער האַלטן איין אין זיך דעם אמת, ווי אַ פאַס דעם ווין, נאָר זיי רופן אַרויס, זיי צינדן

---

8) אָט ווי דער „יודה דעה" דעפינירט דעם מהות פון לערנען „בתלמוד — דהיינו שיבין וישכיל אחרית דבר מראשיתו ויצ"א דבר מתוך דבר, וידמה דבר לדבר, וידון במידות שהתורה נדרשת בהן עד שידע האיך עיקר המצוות והאיך יוצא האָסור והמותר וכיוצא בזה דברים שלמד מפי השמועה" (הלכות תלמוד תורה) לערנען הייסט פאַר־שטיין און כאַפּן דעם סוף פון געדאַנק פון זיין אָנהויב, אַרויסציִען איין זאַך פון אַ צווייטער, און פאַרגלייכן איין געדאַנק צום אַנדערן און דענ־קען לויט די דרש־מעטאָדן אאַ"וו.

אָן די ענערגיע, וואָס איז פאַראַן פון פריער אין דעם איבערגעמער פון אמת. נישט ער באַקומט דעם אמת א פּאַרטיקן און פאָרמולירטן פון דעם איבערגעבער, נאָר ער אליין מוז אים געבוירן אונטער די השפעות פון דעם איבערגעבער. א לאָגישן אמת קען מען ארויפצווינגען אויף דעם צוהערער מיט ריין לאָגישן געווער. ער קען דורך דעם שמאָלן וועג פון לאָגישע סילאָגיזמען דערבראַכט ווערן צום איינציקן לאָגישן אויס־פיר, צוגעשפּאַרט ווערן צום וואַנט, — און ער מוז מודה זיין. אָבער אינעווייניק אין האַרצן בלייבט דער פּראָטעסט קעגן אָט דעם ארויפ־געצוואונגענעם אמת — „אָבער זי דרייט זיך פאָרט!". קיין אינטואיטיוון אמת קען מען נישט ארויפצווינגען, ווייל ער מוז געבוירן ווערן ערשט ביי דעם תלמיד, ביי דעם איבערנעמער. דער איבערגעבער, דער רבי קען דאָ בלויז גורם זיין, מיטהעלפן דעם געבורט, אָבער בשום אופן נישט איבערגעבן קיין שום פאַרטיקן, אויסגעסדרטן, אויסגעבויטן אמת.

אמאָל זענען ווערטער מזלדיק און פּרוכפּעריק און אָפט זענען ווער־טער זייער פיין, זייער שיין, זייער לאָגיש ארויסגעסדרט, אָבער עפּעס פעלט זיי, זיי זאָלן קענען אָנרירן דעם צוהערער.

דער לאָגישער אמת איז געגליכן צו א פּאַרטיקער, שוין אויסגעהאַ־מערטער סטאַטוע, וואָס אנטפּלעקט זיך פאַר אונדז ביסלעכווייז, גליך נאָך גליך. דער איבערנעמער קען זי איבערנעמען ווי זי איז אין איר פאַרטיקייט. ער קען זי היטן אָדער נישט, ער קען די סטאַטוע צעברעכן, פאַרשמוצן, אָבער שאַפן זי קען ער נישט, זי איז שוין פאַרטיק, געענ־דיקט. דער איבערנעמער קען זיין א שומר, א היטער, אָבער נישט קיין מימשעפער. פּונקט דער היפוך איז דאָס מיט דעם אינטואיטיוון אמת. דאָ מוז זיך דער אמת אנטפּלעקן מיט איין מאָל גאַנצערהייט, אומגע־גלידערט דירעקט אין מוח פון דעם איבערנעמער, אזא אמת קומט דורך אנטפּלעקונג, „גלוי אליהו". דער איבערגעבער קען בלויז איבערגעבן די שליסלען צו די „קוואַלן פון אמת", וואָס דער איבערנעמער אליין מוז פון זיי שעפּן. דאָ האָט דער זעלביקער אמת אן אנדער געשטאַלט און אויסזען ביי דעם איבערגעבער און ביי דעם איבערנעמער. אזוי ווי עס קענען נישט זיין צוויי פּונקט די זעלביקע פּנימער, אזוי קענען נישט זיין צוויי פּונקט ענלעכע נשמות, פּונקט אזוי קענען נישט געמאָלט זיין קיין

צוויי פונקט די זעלביקע אינטואיטיווע אמתן ביי דעם זאָגער און צו־הערער, ווייל דאָ איז דער געדאַנק, דער אמת אַן אָרגאַנישע פונקציע פון דעם צוהערער גופא.

די לאָגישע איבערצייגונג באַהערשט דעם מענטשן פון דרויסן פונקט נאָך פונקט מיטן כוח פון שטאַרקערן דענקען, וואָס איך דער שוואַכע־רער קען נישט אָפּפּרעגן, כאָטש איך וואָלט עס געוואָלט. איך מוז זיך אונטערגעבן אַ שטאַרקערער מאכט. דאָס איז דער זינען פון דעם אַזוי גערופענעם „עווריסטישן" (אָדער „סאָקראַטישן") מעטאָד פון איבער־ציינן, וואָס איז אַזוי אָנגענומען און באַליבט אין דער פּעדאַגאָגיק.

פאַרקערט, איז די אינטואיטיווע איבערצייגונג אַ מער אָרגאַנישע. זי באַזירט זיך אויף איבערלעבונגען, וואָס קומען פאָר אין דעם תּלמיד גופא. אָט די איבערלעבונגען אינעווייניק אין תּלמיד גופא דאַרפן אים צוגרייטן ער זאָל אַליין און ווי פון זיך אַנטפּלעקן אין זיך די איבער־צייגונג. זי דאַרף אין אים געבאָרן ווערן. ווען עס קומט צום באַוווסט־זיין, אין מאָמענט פון געבאָרן ווערן — „אין סטאַטו נאַסצענדי" — איז זי שוין גאַנץ מיט אַלע אויספירן און מיט נישט קיין קלאָרע דע־טאַלן. עס איז אַ איבערצייגונג אַ סינקרעטישע, וואָס מיר פילן זי מער איידער מיר ווייסן זי. דאָס ווייסן און פאָרמולירן קומט שפּעטער. דאָס וועט זיין די מדריגה פון אַנאַליז און סינטעז פון די אייגענע, אין מיר געבאָרענע, נישט פון עמיצן אַרויפגעצוווּנגענע איבערצייגונגען.

אין דער אייראָפּעאישער פּעדאַגאָגיק האָט תּמיד געהערשט די ערש־טע פאָרמע. אין אַ האַמעטענער, באַצווינגערישער פאָרמע ביי די יעזו־איטן (און זייער השפּעה קען מען נאָך איצט גרינג אייננזען אין די סיס־טעמען פון אַלע לענדער, אַפילו אין פּראָטעסטאַנטישע). שפּעטער אין דעם ליבעראַלן 19־טן י"ה, איז דאָס ביי די הערבאַטיאַנער געווען הומאַ־נער, איידעלער. ביי די יידן אין אונדזער דערציאונגס טראַדיציע איז תּמיד געווען אַ נייגונג צו דער אינטואיטיווער איבערצייגונג. זי איז ווירקזאַמער, ווייל אָרגאַנישער, אַקטיווער און זיכערער. פון דער אַרויפ־געצוווּנגענער, לאָגישער איבערצייגונג קען מען זיך באַפרייען ווען דער צוואַנג ווערט שוואַכער. פון דער אינטואיטיווער איבערצייגונג קען זיך אַ מענטש קיינמאָל מער נישט באַפרייען, ווייל עס איז אַ טייל פון זיין

אייגענעם אָרגאַנישן „איך". אָט די אינעווייניקסטע אינטואיטיווע איי־בערצייגונג קען פירן צו פארשידענע אויספירן, פועל יוצאס, אָבער זי בלייבט ווירקן אויפן גאנצן לעבן.

די דידאקטיק פון דער יידישער טראדיציאָנעלער דערציאונג האָט געשטרעבט צו ווירקן איבערהויפט אינטואיטיוו. זי איז אין א גרויסער מאָס די דידאקטיק פון אינטואיציע. פאר דער טראדיציע איז תמיד וויכ־טיק געווען נישט בלויז דאָס, וואָס די תלמידים באקומען פון זייערע רביים, נאָר וואָס די תלמידים זענען מחדש. „עס קען נישט געמאָלט זיין א בית־מדרש אָן חידושים". און מהאי טעמא — דאָס אויספעלן פון פרטימדיקע פראָגראמען. נישט כמות ידיעות איז וויכטיק, און נישט זייער סדר. „אלה ואלה דברי אלהים חיים" — די מקורים פון אינטו־איציע קענען דאָך אויפגעוועקט ווערן דורך דעם לערנען די אָדער יענע מסיכתא, אַלץ איינס.

עס איז א צווייטע אויפגאבע אויסצופאָרשן די גייסטיקע פראָצעסן פון אינטואיציע און די מעטאָדן, וואָס פירן צו איר. דאָ וויל איך בלויז אָנווייזן, אז די יידישע דערציאונג האָט געשטרעבט צו איר, און פון דאנען שטאמט דער גאנצער פארלאנג, גלויבן פון „גלוי אליהו" פון אן איינמאָליקער און מיטאמאָליקער אנטפלעקונג פון דער תורה. פון דא־נען שטאמט אויך דער אופן פון לערנען אויפן קול, מיט א ניגון. עס איז נישט קיין דין, אָבער א מנהג אן אלטער, נאָך פון די צייטן פון תלמוד, ווו עס רעדט זיך תמיד וועגן דעם „קול" פון תינוקות של בית רבן 9). אין לערנען דארף מען זיך פארגעסן. די תורה דארף אָנפילן

9) אויך דערציילט זיך אין גמרא, אַז ברוריה, די געלערנטע ווייב פון ר' מאיר, האָט געשלאָגן אַ תלמיד וואָס האָט געלערנט שטיל, ווייל עס שטייט דאָך בפירוש — כל עצמותי תאמרנה — לערנען דאַרף מען מיט אַלע גלידער (עירובין נ"ג נ"ד).

ר' יוחנן זאָגט: ווער עס לערנט אָן אַ ניגון און לערנט אָן געזאַנג, — אויף אים גייט דער פסוק: איך האָב אייך געגעבן נישט קיין גוטע

דעם גאַנצן יש פון מענטשן, זיין גאַנצער „איך" דאַרף זיין אַריינגע־טאָן אין לערנען. אַזש דעם „מנובל" אַליין, דעם יצר הרע דאַרף מען שלעפּן אין בית מדרש אַריין. אין דעם איז פאַראַן אַ פּסיכאָלאָגישער אמת: נישט מעגלעך קיין שום אינטואיציע אין אַ געביט, וואָס האָט דעם מענטשן נישט פאַרכאַפּט. דאָרטן ווו איך טו בלויז דאָס, וואָס עס איז מיין חוב צו טון, דאָרטן ווו עס איז איינגעשפּאַנט בלויז דער ראַציאָ, ווו עס פעלט אָבער אַ טריב, אַ נייגונג, אַ גלוסטונג (פון „יצר הרע"), — דאָרטן איז נישט קיין אינטואיטיווע שעפערישקייט. דאָס זינגען אויפן קול, דאָס באַוועגן זיך ביים לערנען האָט געדאַרפט צווישן אַנדערע מיטלען אויך פירן צו קאָנצענטרירטקייט. דער ניגון ביים לערנען, דער רעציטאַטיוו ביים לערנען און לייענען איז אַ מיטל צו פאַרבינדן דאָס לערנען מיט דער עמאָציאָנעלער ספערע. ביי יידן דאַרף דאָס לערנען נישט זיין פאַרבונדן בלויז מיט דעם ראַציאָ. מען דאַרף די תורהשפּירן אין זיך. דאָס אַלץ דאַרף פאַרשטאַרקן און פאַרברייטערן די אינטואיציע ספערע, די גייסטיקע זעלבסשטענדיקייט פון דעם לערנער.

און דאָס איז נישט צופעליק אַזוי סתם אויסגעוואַקסן אַזאַ צוגאַנג. דאָס איז אָרגאַניש געוועזן איינגעפּאַסט אין די ראַמען פון די אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע אויפגאַבן פון דערציאונג. עס פאָדערט זיך פון יעטווידער

געזעצן (מגילה, לב׳; מסכת סופרים, פ״ג סוף הלכה י״). (אויך אין „יורה דעה").

וועגן ווירקונג פון קאָלעקטיוו לערנען אויף דער אינטואיציע:

א) ווי צוויי אייזנס צווישן אַנאַנד אַזוי שלייפן זיך תלמידי חכמים קעגנזייטיק.

ב) איין פייער ברענט נישט אַליין, אַזוי אויך דברי תורה.

ג) ווי אַ קליינער פייער צינדט אָן אַ גרויסן, אַזוי צינדן די קליינע לערנער די גרויסע.

ד) אַם מערסטן האָב איך געלערנט פון מיינע תלמידים.

ה) פאַר דברי תורה איז צום ערגסטן צעשטרייטקייט (היסח הדעת). (תענית, ז׳ א׳).

יידן א זעלבסטשטענדיקע אקטיווקייט כדי איינצוהאלטן יידישקייט. אָבער כדי איינצוהאלטן „גויישקייט" איז אזא זעלבסטשטענדיקייט נישט נאָר נישט נויטיק געווען, נאָר אָפּט האָט זי נאָך געקענט שטערן. די נישט-יידישע פעלקער האָבן תמיד געלעבט מיט דעם כוח פון דער אָרגאניזירנדיקער מאכט פון דער מדינה, מלוכה, וואָס אָרגאניזירט דאָס גאנצע לעבן און באשטימט זיינע ריכטונגען. עס איז נישט קיין אונטערשייד צי איז דאָס די וועלטלעכע מאכט פון דער קירך, פון דער מלוכה צי פון עפּעס אן אנדער מין, תמיד האָט די מאכט דורך א ספּע־ציעלן אפּאראט ארויפגעצוווּנגען אויף די אונטערטעניקע בירגער איר ווילן און איר גאנג. יעטווידער יחיד פאר זיך האָט געדארפט זיין בלויז פאָלגעוודיק. דעם קיום פון פאָלק האָט איינגעהאלטן די מאכט. אָן אזא אָרגאניזירנדיקער און ארויפצווינגענדיקער מאכט האָבן זיך פעלקער נישט געקענט האלטן קיין לענגערע צייט. יעטווידער יחיד באזונדער האָט געדארפט פאָלגן. נישט מער, אָבער יעטווידער ייד האָט אויך ביחידות געדארפט „פראווען" יידישקייט, איינהיטן זיי און יעטווידער יידישער פרט באזונדער האָט געדארפט געפינען די פאָרמען פון יידישקייט, וואָס זענען אמפּאסיקסטן אין זיינע תנאים. יעטווידער יידישער יחיד האָט געדארפט זיין אין וואָסערע סביבות און תנאים ער זאָל נישט מגולגל ווערן, אומעטום און אלעמאָל זאָל ער אליין האָבן דעם ווילן און דעם כוח צו אָרגאניזי־רן און איינפאסן און איינהאלטן זיין יידישקייט. קיין מאכט, קיין באַ־פעלערישער אָרגאן האָט קיינמאָל נישט מאָביליזירט קיין יידן צו גיין „על קידוש השם", זיי פלעגן גיין אליין. נישט געווען קיין מאכט, קיין צוואנג־כוח, וואָס זאָל שיקן יידן בייצושטיין און אויסצושטיין פּאָגראָ־מען, שמדן, גזירות און מגיפות, צווינגען זיי אויפצושטיין אויף מאָרגן, נישט משוגע ווערן פון צרות, פון צער און צאָרן, נישט פארלירן דעם גלויבן אין זיך, נישט דערשרעקן זיך הכנעהדיק פאר די „תועים", נישט שליידערן קיין שטיינער אין די „קופּעס", אין זיך, אין גאָט, נייערט אין טיפן וויטאָק אויפשטיין אויף מאָרגן, „מצדיק את הדין" זיין אויף די טויטע, גומל בענטשן פאר די לעבעדיקע, מבטל זיין דעם כוח פון הער־שענדיקער רשעות, דאנקען גאָט „שלא עשני גוי" און „ולא שם חלקנו

כהם", אַט מיט די, וואָס זענען „עם הדומה לחמור", — און ווייטער לעבן און ווייטער לעבן. קיין איין גענעראַל, קיין איין פּאָליציאַנט האָט דאָך קיינמאָל נישט געפירט קיין שום יידן אויף די וועגן. דאָס איז דאָך יעטווידער ייד פון זיין אייגענער, אינעווייניקסטער אָרגאַניזירנדיקער איניציאַטיוו נעגאַנגען אויף די וועגן. האָט דאָך קיינמאָל קיין איין דרוי־סענדיקער מאכט־האָבער נישט געהייסן קיין יידן מקיים זיין דעם חוב פון „אַלגעמיינעם שול־צוואַנג" מיטן פּחד פאַר שטראָף. האָט דאָך דער ייד און אַלע דורות יידן געדאַרפט פון דאָס ניי, אַליין טראָגן יידישקייט, זוכן פאַר איר שטענגן־וועגן. דאָס האָט געפאָדערט מער זעלבשטענדי־קייט פון יעטווידער יחיד, פון יעטווידער יידן. אין דעם איז דאָך אייגנ־טלעך באַשטאַנען דער גאַנצער אויפטו פון די פּרושים און פון זייער קולטור־סיסטעם, וואָס זיי האָבן דעם גורל פון יידישקייט איבערגעגעבן אין די הענט פון יעטווידער יידן און פון אַט די יחידים זאָל זיך שאַפן א כלל אָן א צוואַנג פון א פיזישער מאכט. און מען דאַרף זאָגן, אַז די פּרושים האָבן זייערס דערגרייכט. צי האַלט עמיצער פון „גלות־יידיש־קייט", צי האַלט ער נישט, אָבער דער פאַקט פון אויסגעהאַלטנקייט בלייבט דאָך לכל הדעות, און דאָס איז דערגרייכט געוואָרן אין א גרויסער מאָס א דאַנק די ספּעציפישע דרכים פון דערציאונג און פאָלקס קולטור בכלל. און צווישן זיי איז דער וועג פון אינטואיציע און דער־ציאונג איינער פון די וויכטיקסטע.

דורך דריי פאַקטאָרן ווירקט דערציאונג: וויסן, געפילן און איינ־געלעבטע געוווינהייט, נאָרמעס אין לעבן. די שטאַרקסטע און די ווירק־זאַמסטע צווישן זיי איז די לעצטע, די נאָרמירנדיקע דיסציפּלין. די גרעסטע טראַגעדיע פון דער מאָדערנער יידישקייט אין אַמעריקע, למשל, איז דאָס, וואָס יידישקייט האָט דאָ אויפגעהערט צו זיין א פעסטע דיס־ציפּלין אין לעבן מיט נאָרמעס און מיט פאָרמעס. נישט דאָס וויסן פאָר־רעמט אויס דעם מענטשן, נישט זיין געלערנטקייט גיט אים זיין גע־שטאַלט און כאַראַקטער. אויך נישט די עמאָציעס, די געפיל־נייגונגען, זיינע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס. דער מענטש געהערט צו דער גרופּע וואָס דיקטירט אים אירע נאָרמעס אין זיין לעבן; ווער עס גיט די דיס־ציפּלין, צו דעם געהערט דער מענטש. וויכטיק איז דאָס וויסן פון דעם

מענטשן. נאָך וויכטיקער זענען זיינע עמאָציעס. אָבער נישט זיי פירן דעם מענטשן אין זיין לעבן.

די דערציאונג פון דיסציפּלין איז געווען נישט בלויז אין שול, אין חדר, נאָר אין דער היים און אין לעבן בכלל. „והיה כי ישאלך בנך", „מחנכין את הקטן במצות"; — מען דאַרף האָדעווען קליינע קינדער אין מצוות נאָך איידער זיי פאַרשטייען עפּעס. א גרויסער טייל פון יידישן שטייגער, פון דעם יום־טוב שטייגער איז געווען פון לכתחילה געווענדט צו די קינדער, צי ווירקן אויף זיי איינצוגעווינען זיי. אריינ־צופירן זיי אין יאָך פון יידישקייט. שפּעטער האָט דאָס דער חדר גענו־מען אויף זיך. דער חדר האָט נישט געשטרעבט צו באַלערנען, צו געבן סכומים וויסן. דער עיקר איז געווען דאָס אריינפירן אין שטייגער לעבן — דאַוונען, זאָגן תהילים, מנהגים. דאָס אַלץ איז געקומען אין דער ערשטער ריי. שפּעטער, אין גמרא חדר, אין ישיבה, האָט מען געזאָרגט פאַר דעם לערנען, אין חדר נישט. די מעשיות פון דעם גלויביקן רבין, אגדתות (לעגענדעס) — דאָס האָט געדאַרפט ווירקן אויף די עמאָציעס פון קינד: יידן וועלן גיין אויף א פאַפּירענעם בריק און וועלן אויסהאַלטן בעת די גויים וועלן גיין אויף אן אייזערנעם בריק און וועלן נישט אויסהאַלטן. די ערשטע מדרגה אין דערציאונג, דער חדר האָט דאָס געדאַרפט לייגן דעם יסוד פאַר די דיסציפּלינירנדיקע נאָרמעס אין לע־בען. דער חדר, שטוב און בית־מדרש האָבן דאָ געאַרבעט צוזאַמען אין זעלביקער ריכטונג. לערנען האָט א ייד געדאַרפט א גאַנץ לעבן, דאָס איז געווען די צווייטע מדרגה. פון שטאַנדפּונקט פון דידאַקטיק איז דער חדר געווען זייער שוואַך. ער האָט זייער ווייניק געגעבן וויסן. עס האָט אָבער זייער גוט אריינגעפירט זיינע תלמידים אין יידישן לעבן אריין. דאָס איז אויך געווען זיין אויפגאַבע. דער חדר דאַרף נישט פאַרגליכן ווערן צו א שול. ער איז געווען מער א דערציאונגס הויז איידער א לערן הויז. די פולע ווערט פון מעטאָד פון לערנען האָט זיך ארויסגע־וויזן אין ישיבה.

12. וועגן גורל פון דער אייראָפּעאישער פעדאַגאָגיק

ווי נעזאָגט האָט דער קיום פון יידישקייט פאַרלאַנגט אויסצוהאָדע־

וועןְ מענטשן מיט אַן אינעווייניקסטער דיסציפּלין, מיט איניציאַטיוו צו אָרגאַניזירן און שאַפן יידישקייט כסדר פון דאָס ניי, אויף דאָס ניי. האָט זיך דאָ, ביי יידן אויסגעאַרבעט אַזאַ אַנטשפּרעכנדיקע דערציאונגס סיסטעם. האָט דער „קיום הגויישקייט" פאַרלאַנגט צו דערציען מענטשן, וואָס „פאָלגן די פאָרשריפטן". איבעריקס איז דאָך דער קיום פון גוייש־קייט בכלל קיין פּראָבלעם נישט געווען. האָט זיך דאָרטן אויסגעאַרבעט אַ דערציאונג פון אַזאַ ריכטונג. און די העכסטע מדרגה פון אָרגאַני־זירטקייט און סיסטעמאַטיזירטקייט האָט די דערציאונגס־סיסטעם דער־גרייכט ביי די יעזואיטן. דער יחיד פאַרשפּאַרט צו זאָרגן, צו טראַכטן, אַלץ איז באַשטימט פון פריער און פון עמיצן. דו, יחיד, וועסט שוין באַקומען פאַרטיקערהייט. אַט אַזוי און אַזוי דאַרפסטו רעדן, אַט אַזוי און אַזוי דאַרפסטו טראַכטן. און קיינמאָל האָט זיך איראָפּע פון אַט דער יעזואיטישער אָפּהענגיקייט נישט באַפרייט. תמיד און אַלעמאָל קענט איר שפּורן בולטע געפינען פון יענער סיסטעם. און אין די צייטן פון שטורעם און דראַנג? — האָט רוסאָ געשטורעמט און איינגעבראָכן די יריחו־ווענט פון דער דערציאונג. האָבן פעלקער אים, רוסאָן, גע־שטעלט דענקמאָלן און — דערצויגן ווי זיי זענען געווען געוווינט פון פריער. האָט דער האַרציקער אַלטיטשקער פּעסטאַלאַצי, ווי אַ הייליקע ליכט, אַ לעבן אָפּגעפלאַמט פאַר אַ דערציאונג פון די אינטימע כוחות פון מענטשן. האָט אַ מלכות (אַלעקסאַנדער דער ערשטער) אַזש אַ קוש געטאָן דעם ליבן אַלטן בטלן אין שטערן, האָט מען איינגעפירט זיין בילד און זיין ביאָגראַפיע אין אַלע לערער־סעמינאַרן, אָבער דערציען, דערציט די וועלט לויט די דרכים נישט פון פּעסטאַלאָצי. איז געקומען פרעבל, דער כמעט מיסטישער גלויבער אין געטלעכקייט פון מענטשן און האָט געזוכט צו שאַפן אַ דערציאונג פון אינטואיציע, איז ער אפילו נישט דערגאַנגען צו דער שול. און אין איראָפּעאישער דערציאונג האָט זיך פאַרפעסטיקט דווקא די סיסטעם פון הערבאַרט. ער האָט גע־האַט תלמידים און אָנהענגער, וואָס האָבן זיינע דרכים דורכגעפירט אין לעבן אין משך פון אַ גאַנצן יאָרהונדערט. און עס איז נישט קיין צופאַל. עס איז נישט דערפאַר, וואָס הערבאַרטס סיסטעם איז „בעסער".

ניין, זי איז אַם פּאַסיקסטן געווען אין אייראָפּע: מיט איר קולט פון „פאַרשטעלונגען”, האָט זי די דערציערישקייט פון „דערציערישן לערנען” געזען אין ראַציאָנאַליזם. האָט זי ווידער אַמאָל מיט אירע „מעטאָדישע אײנסן” און „דידאַקטישע מדרגות” געמיינט צו ניוועלירן און באַהערשן מענטשלעכע מוחות.

און בלויז אַ קורצע צייט צווישן די מלחמות האָבן מיר געזען אין אייראָפּע אַ קאַמף קעגן דעם ניוועלירנדיקן הערבאַרטיאַניזם. אָבער איידער וואָס ווען איז אַנשטאָט אים, פאַרביי די רעפאָרמע־זוכער, אויסגעוואָקסן אַן אַנדער דערציאונגס־סיסטעם, וואָס איז נאַקעטער, שרעקלעכער און ציניִשער און זי באַהערשט די וועלט: עס איז פאַראַן אַ „פירער” און אַ פאָלק דאַרף זיין אַ סטאַדע שאָף און שרייען „מע”, טאַנצן פאַר זיין רייטוואָגן און שרייען „הייל”... ווו מענטשן? ווען מענטשן? — אַ הויכע קופּע באַוועגלעכע מענטש־ווערים, כדי דער פירער זאָל זיין העכער... און די דערציאונג אין דעם גייסט איז אַ סך מער פאַרשפּרייט, ווי מען קען דאָס מיינען לויט דער פּאָליטישער קאַרטע. און אפשר? — אפשר העלפט די דערציאונג אין אַ סך ערטער דעם געבורט פון פאַשיזם? אפשר גרייט זי, די דערציאונג (אָפט אונטער אַ דעמאָקראַטישער מאַסקע) מאַסן־מאַטעריאַל פאַרן פאַשיזם?...

מאָדערנע יידן זענען געגאַנגען זוכן דערציאונגס־קולטור ביי ליטן, האָט מען נישט געלערנט זיך פון ליטן, נאָר פשוט נאָכגעמאַכט, קאָפּירט. דאָס אייגענע האָט מען פאַרלאָרן און דאָס פרעמדע איז אָפט נישט גאָר קיין פרישע סחורה...

רעזומע

א) די טראַדיציאָנעלע דערציאונג איז געווען דער מיטל פון קיום פאַרן פאָלק, פאַר יידישקייט.

ב) לערנען לערנט מען בלויז די תורה פון פאָלק, נאָר דאָס וואָס איז אָנגענומען און גאונגבאַר אין פאָלק, דאָס פאָלקסטימלעכע; „תורה שבעל פה” האָט עס געהייסן אַמאָל.

ג) „לערנען” איז נישט קיין חזרן כדי צו וויסן. לערנען הייסט פּור־

רעמען און פאָרמולירן דאָס פאָלקסטימלעכע, פארבינדן דאָס כסדר מיט דער פיקסירטער פון פריערדיקע דורות „תורה שבכתב".

ד) אַז די פיקסירטע תורה שבכתב דאַרף געלערנט ווערן ווי זי וואָלט געגעבן געוואָרן אין דעם דור, אין דער געגעבענער צייט. אין די אַלטע ווערטער דאַרף תמיד זיין דער אינהאַלט פון היינט. מען דאַרף די „תורה שבכתב" תמיד צופּאַסן צו דער תורה שבעל פּה פון געגעבענעם דור. די תורה מוז זיין אַקטועל אין יעטווידער דור, אין אַלע יידישע לאַנעס.

ה) אַז דער אַקטואַליזאַציע־מעטאָד איז דער היפּוך פון דעם היסטאָריזאַציע־מעטאָד. ער האָט געבראַכט דערצו, וואָס כדי זיך צו פילן פאַרבונדן מיט זיינע פאָרגייער האָט א ייד נישט געדאַרפט קיין „היסטאָרישע עקסקורסיעס", נאָר די גאַנצע "היסטאָריע" איז תמיד געווען אַקטיוו אין זיין לעבן ממש. אַלץ — די פּסוקים, די העלדן, גאָט אַליין — אַלע גייען מיטן יידן....

ו) דידאַקטיש איז ביי יידן די פּערזאָן פון לערנער געשטאַנען איבער דעם מאַטעריאַל פון לערנען. דער לערנער איז נישט קיין כלי איינצוהאַלטן פאַרטיקן פיקסירטן וויסן. ער דאַרף זיין בכוח אים צו באַנוצן און אויסצונוצן אין דעם גייסטיק־מאָראַלישן לעבן פון דער סביבה, אים צו שאַפן, איבערשאַפן ווי פון דאָס ניי.

ז) די צוועקן האָבן פאַרלאַנגט פרייהייט און אויסוואַל פון לערנמאַטעריאַל און פון זיין סיסטעמאַטיזירונג. וויכטיק זענען די אַנטוויקלונגס־מדרגות פון מאַטעריאַל.

ח) עס קען צוליב די צוועקן פון יידישער דערציאונג אָבער נישט זיין קיין שום ספּעציעלער שול־מאַטעריאַל, וואָס איז נישט סאַנקציאָנירט פון פריער ווי א קולטור־מאַטעריאַל פון פאָלק בכלל.

ט) די מעטאָדן פון לערנען האָבן דעם יידישן לערנער געמאַכט מער זעלבסטשטענדיק, מער אַחריותדיק פאַר זיינע געדאַנקען און אַרויסזאָגונגען, מער אַקטיוו אין זיין וועלט־באַנעם, און אויך מער איניציאַטיוו אין יידישן לעבן בכלל.

י) די דרכים פון לערנען און קולטור־לעבן האָבן ביים יידן אַנטוויקלט מער די אינטואיטיווע דענק־פעאיקייטן, אַזוי ווייט, אַז מען קען,

דאכט זיך, דעם געדאנקען־גאנג האלטן פאר כאראקטעריסטיש פאר יידן בכלל.

יא) אַט די נייגונג צום אינטואיטיוון דענקען, און דאַס באַנוגענען זיך מיט אים, האָט זיכער אויך געפירט צו דעם, וואָס יידישע טראַדיציע ווייסט נישט פון סיסטעמאַטיש־וויסנשאַפטלעכע טראַקטאַטן אויך וועגן דערציאונג, ווי וועגן די יסודות פון יידישקייט בכלל.

יב) די גאַנצע יידישע טראַדיציאָנעלע דערציאונג איז געווען געווענדט ענדאָגען אויף דעם מענטשן אינעווייניק „מי יתן והיה כל עם ה׳נביאים״ — דער מענטש פאַר דעם געטלעכן גייסט וואָס אין דער וועלט. אין דער זעלביקער צייט איז די דערציאונג און די גאַנצע קולטור ביי לייטן, פאַרקערט, אַן עקסאָגענע — גאָר די וועלט פאַר דעם מענטשן. דאָס איז אויך דער הויפּט אונטערשייד צווישן „תורה״ — ביי יידן, און „וויסנשאַפט״ — ביי די אומות העולם.

פונדאַמענטן

„. . . זיי וויינען אין זייערע געצעלטן". אָט דער פאַרציטיסקער זאַץ דערמאָנט זיך מיר תמיד, ווען איך וויל געפינען אַן אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק פון די שטימונגען אין אַמעריקאַנער יידנטום. מען וויינט, יעטווידער פאַר זיך, אין זיין געצעלט. עס וויינען די יידישע שרייבער — אומעטיק און טרויעריק אין די געצעלטן פון דער יידישער ליטעראַטור. עס אַרבעטן לויט אינערץ בלויז געזעלשאַפטלעכע טוער אַן גלויבן אין דער אייגענער אַרבעט. עס זענען אומעטיק יידישע סאָציאַליסטן, עס עלטערן זיך איינזאַם אָן נאָכפאָלגער די פירער. עס זענען אָן מוט און אָן גלויבן יידישע קולטור־טוער. טעאַטער זשיפעט, קונסט — גאָרנישט געבאָרן געוואָרן. יידישע וויסנשאַפט — ווו. וואָס? פאַר וועמען? סאָציאָלאָגן באַוויינען דעם כסדרדיקן אָפּשוואַכן פון סאָציאַלע פּאָזיציעס. פּאָליטישע טוער קוקן מיט שרעק ווי די וואָגיקייט פון יידישן פאָלק ווערט אַלץ קלענער און קלענער. און אפילו די שטאַרקסטע פּאַרטיי ביי יידן, די פּאַרטיי וואָס האָט אַממערסטן געשאַפן, געבויט, די ריכטונג וואָס האָט די גרעסטע צאָלן אָנהענגער אין אַלע שיכטן פון פאָלק — אויך אויפריכטיקע און ווייט־זעעוודיקע ציוניסטן וויינען. „איז דער גאַנצער ציוניזם רעדוצירט ביז אַ ענין פון אַ קאַמפּיין?" — און אַזוי אַלע, אַלע. אַלע וואָס מיינען יידישקייט, יידיש לעבן, יידיש פאָלק מיטן גאַנצן הארצן, — אַלע זיי האָבן אין דער גרויסער אַמעריקע נישט קיין ליכטיקע הימלען איבער זיך. סיידן דאָס זענען מענטשן, וואָס האָבן שלום געמאַכט מיט דעם מיאוסן וואָרט „אומשטענדן" און

כל זמן מען האָט נאָך א שטיקל ברויט מיט פוטער, טאָ „לאָמיר נישט זאָרגן פאַר דעם מאָרגן".

יידן שפּילן אין קאָרטן ווייל זיי האָבן נישט קיינע אַנדערע העכערע אינטערעסן; יידן זוכן זיך אויסקלויבן, לאָזשעס — ווייל מען מוז דאָך ערגעץ ווו דערטרינקען די לײדיקייט פון לעבן; מען זוכט זיך „אויסצו־לעבן" ווייל אין לעבן איז אַ גייסטיק עלנט, היימלאָז אין די אייגענע אויסגעפּוצטע היימען, פאַרפרעמדט צווישן אייגענע. מען פּראָוועט פאַר־טיעס, פאַראַדן, מאָלצייטן, באַנקעטן, יובלס, געבורטסטעג, ווייל מען וויל דערשטיקן דעם אומעט. און וואָס מער פרייליכקייט מען זוכט, — אַלץ אומעטיקער איז אויף דער נשמה. עס איז נישטאָ קיין גלויבן אין אייגענעם מאָרגן, — באַמיט מען זיך צו פאַרשיכורן דעם היינט. אַז קיין עולם הבא איז נישטאָ, נודזשעט מען זיך אין פרייליכן עולם הזה...

און מען שאַפט אַפילו טעאָריעס „מיטן פּנים צו דער קעגנוואַרט". כאָטש מען ווייסט זייער גוט, אַז אין דער גאַנצער נאַטור איז דער „היינט" פון וואַקסן און לעבן תמיד פאַרבונדן בלויז מיט דער אידעע פון „מאָרגן". דער איינציקער „היינט־מאָמענט" וואָס איז נישט פאַר־בונדן מיט אַ אידעע פון „מאָרגן" איז דער מאָמענט פון — טויט, פון שטאַרבן. דאָס סאָציאַלע לעבן פון יחיד, פון פאַמיליע — אַלץ איז אינ־גאַנצן באַזינט און באַוועגט מיט דעם כסדרדיקן שטרעבן צום „מאָרגן". אָט דאָס שטרעבן צו „מאָרגן" איז דער אינהאַלט פון לעבן היינט — ביי אַל דאָס לעבעדיקס אומבאַוווּסטזיניק און באַוווּסטזיניק. אַ היינט אָן אַ זאָרג פאַרן מאָרגן, דאָס איז געווען דער גורל פון פאַרזויפטן און אָנגעפרעסענעם רוים ערב זיין אונטערגאַנג. אָט דער „היינטיזם" איז דער בולטסטער סימן פון האָפנונגסלאָזיקייט. אַז קיין „מאָרגן" איז נישטאָ, אַז הינטער דעם ברויט מיט פוטערדיקן „היינט" ענדיקן זיך אַלע פאַרלאַנגען, אַז מען „דערלעבט" דאָס ביסל יאָרן ווי אין אַ זאַמן מושב זקנים, ווערט אויך דאָ „פּיצעלע היינט" אַ הייליקייט. די גרעס־טע פּעסימיסטן ביי אונדז זענען אָט די „היינטיסטן" — נישט נאָר זיי שטרעבן שוין צו קיין זאַך נישט, זיי טוט שוין גאָרנישט נישט וויי אַפילו. „דאָס לייב פון טויטן שפּירט נישט דעם סקאַלפּל."

אָבער פון וואנען אָט דער טרויער? די מוטלאָזיקייט? פארוואָס זע־
נען אַלע אויפריכטיקע יידן פון אַלע ריכטונגען אומצופרידן? פארוואָס?
— מען קען אָנווייזן אויף א סך סיבות, אָבער אָט די אַלע סיבות, פי־
רען צו איין אַלגעמיינער „סיבה פון אַלע סיבות".

עס קומען פאָר אויף דער וועלט אַזוינע גרויסע ענדערונגען, אין
יידישן לעבן קומען פאָר איבערקערענישן און גרעסערע שטייען אונדז
פאָר *) — אין אַזוינע סיטואַציעס מוזן מיר אונדזערע אידעעס נעמען
טיפער, ווייטער. מיט אונדזערע איינגעווייטע ביז איצטיקע וועגן וועלן
מיר ווייט נישט אוועקגיין אפילו אין אמעריקע. איז לאָמיר זאָגן די־
רעקט:

דאָס יידישע לעבן אין אמעריקע האָט נישט קיין פונדאמענטן.
מיר זיצן, ווי אומעטום, אויף א ווולקאן. און דער ווולקאן איז דערווייל
שטיל, אויסגעלאָשן. אָבער רואיק זיין, פארלאָזן זיך אויף ווולקאנען
טאָר מען קיינמאָל נישט. אַלע „גוטע" יידישע היימען אין משך פון דער
גאנצער יידישער געשיכטע, האָבן זיך תמיד פארענדיקט מיט ווולקאני־
שע אויסברוכן. פריער אָדער שפּעטער אַלע אָבער. אין אונדזערע טעג
גייט די געשיכטע אַראָפּלאָז-מעסיק גיך, און דער אויסברוך וועט זי־
כער קומען פריער און נישט שפּעטער. הלוואי זאָל איך בלייבן דער
ליגנער, — זאָגן יידן אין אַזוינע פאלן, אָבער מען מוז דאָך אויך האָבן
דעם מוט צו זען דעם מאָרגן ווי ער איז און נישט פארוויגן זיך מיט
נארישע פּזמונות פון „גוטע" אָבער פאלשע נביאים „שלום" — זייט
רואיק. אַל דאָס זוכן „גוטע פריינט", וואָס זאָלן אונדז באשטיין אין אַן
עת צרה איז אומזיסט. אַזוינע גוטע פריינט זענען אונדז נאָך קיינמאָל
צו הילף נישט געקומען, קיינמאָל אונדז נישט אויסגעהאָלפן. גוטע
פריינט זענען גוט, אָבער נאָר דעמאָלט, ווען מען איז אַליין שטארק. אַלע
שוואכע פעלקער וואָס האָבן זיך פארלאָזט אויף דער הילף פון שטאר־
ג זענען געבליבן אָפּגענארט, אָפּגענארט און אומגליקלעך. ווי איז צו
יידן אַלעמאָל ווען זיי פארלאָזן זיך אויף „גוטע" לענדער און גוטע
פעלקער. פון אייביק אָן האָבן געהאט א קיום בלויז יענע יידישע שב־

*) געשריבן פאַר דער מלחמה.

טים און קיבוצים וואָס האָבן געלעבט מיט אייגענע כוחות. און „כו־חות" מיינט לגמרי נישט א פויסט צו שלאָגן — אלע שטארקע „פויסטן" זענען צעשמעטערט געוואָרן. כוח, יידישער כוח — הייסט א הארטער נאקן געשלאָגן צו ווערן... „כוח" — מיינט מאָראַלישע וויטאַלע פּעאי־קייטן איבערצוטראָגן קלעפּ און שלעק און ווייטער לעבן, ווידער לעבן, אָן אויפהער לעבן. נישט גאנדי האָט אויסגעטראכט דעם גרויסן זינען פון מאָראַלישן פּאסיוון ווידערשטאנד, נישט טאָלסטאָי, נאָר מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק — די פּרושים און ר' יוחנן בן זכאי. כוח — מיינט אויסדויער, גלויבן אין זיך, נישט אראָפּפאלן פארן שטארקן, נישט דער־שרעקן זיך פאר די פעלקער־חיות, וואָס קומען אויף ווי א שטורעם מיט דונערן און בליצן און פארגייען ווי א וואָלקן, זויפן זיך אָן מיט בלוט און ווערן פארסמט פון בלוטיקער שכרות. כוח מיינט — האָבן אזוי פיל מאָראַלישע פעסטקייט צו זיין טויזנטער יאָרן געיאָגט און געפּלאָגט און קענען אלע טאָג פון גאנצן הארצן דאנקען גאָט, „וואָס ער האָט אונדז נישט געמאכט ווי די פעלקער פון די לענדער און האָט אונדזער חלק נישט געגעבן מיט זיי". כוחות פון יידישן פאָלק ליגן אין פּרצעס „דריי מתנות": גיין „קאסטרוי" און טראכטן וועגן דער יארמלקע, וועגן מיינע פּרינציפּן, וועגן מיינע הייליקייטן און זאָלן זיי שמייסן... זאָלן זיי, אָט די וואָס אנשטאט א גאָט אין הארצן האָבן זיי א בייטש אין האנט און זענען אליין מיט זייערע קונסטן און וויסנשאפטן מער נישט ווי משרתים ביי דער בייטש און ביקס. זאָלן זיי שלאָגן, די שלאָג־אויטאָמאטן אין געשטאלט פון מענטשן.... אָט אין אָט דער באציאונג איז געלעגן דער כוח פון א פאָלק.

ניין, דאָ האָט ביאַליק א טעות געהאט. אין זיין „שחיטה־שטאָט" האָט ער אומזיסט באשולדיקט דאָס פאָלק, וואָס עס קען לעבן אויף מאָרגן נאָכן פּאָגראָם. פּונקט פארקערט — אָט דאָ ליגן די וויטאלע כו־חות פון יידישן פאָלק, דאָ און נאָר דאָ. משוגע ווערן פון פּאָגראָם, דורכלעכערן די הימלען, — דאָס איז קיין קונץ נישט. בלייבן רואיק, ביי אלע חושים און ווייטער בויען דאָס לעבן — אָט אזוי האָט אונדז ריכטיק געלערנט אונדזער טראַדיציע. עלעהיי א היישעריק באפאלט א לאנד, עלעהיי אן אָנפאל פון הונגעריקע וועלף, א מגפה, צי גאָר א פאר־

פליצונג. ווי די זעלנער־מוראשקעס מיט די גרויסע קינען צום בייסן און מיט אַט דעם איינציקן אינסטינקט צו שלאָגן זיך זענען זיי דאָך די „ייוון־פעלקער" פון שטאָלענע ביקסן מיט פליישענע גופים צו זיי. וועלף רייסן, מאַסקיטן שטעכן, פייער ברענט און אַט די ציוויליזירטע, זיי שלאָגן מיט קונסטן, וויסנשאַפטן, פילאָזאָפיעס, מיט טעכניק און מיט געזעצ. די נאַטור פון וועלף און שאקאַלן בלייבט, אפילו ווען מען פוצט זיי אויס. איז א בים פון א משוגענעם הונט טויט ווי און איז מסוכן, אָבער דאָך נישט פאַר דער נשמה, זי ווערט דאָך נישט באַלייד־דיקט פון דעם. איז אַט דער אייביקער כוח פון אייביקן פאָלק געלעגן און ליגט אין פאַרפאַנצערטער נשמה, און זיין גלויבן אין זיך, אין זיין ספּעציפישקייט, אין זיין דרך־ארץ צו זיך און צו זיין קאָלעקטיוון „איך".

פעלט דעם אמעריקאנער יידנטום אַט דער פונדאַמענט פון יידישן לעבן. — עס פעלט יידישער גלויבן און יידישער לעבנס־ווילן. און אַז דאָס פעלט — פעלט די נשמה, פעלן די לעבנס־האַרמאָנען אין יידישן גוף. און יידישער גלויבן און יידישער לעבנס ווילן פעלן, ווייל עס פעלט אין אמעריקע יידישע דערציאונג.

מיט דעם נאָמען „יידישע דערציאונג" רוף איך נישט דאָס נעבעכ־דיק סוראַגאַטל פון עטלעכע שעה א וואָך אָוונט שול. ווי ביי יעטווידער סוראַגאַט איז אויך דאָ דער שאָדן גרעסער פון די נוצן. יעדער סוראַגאַט נאַרט אָפּ. יידישע דערציאונג איז לגמרי נישט אידענטיש מיט אויס־לערנען א קאַפּעלע יידישע ווערטער. יידישע דערציאונג מיינט קודם כל אויסהאָדעווען דורות אין א מאָראַליש־נאַציאָנאַלער און באַלערנדיקער אַטמאָספערע, וואָס איז דורכגעזאַפּט מיט דער אידעע פון די יידישע וויטאַלע כוחות וואָס מיר האָבן זיי באַשריבן פריער. דער אָרימער, שמוציקער, פּרימיטיווער חדר האָט די דערציערישע אַטמאָספערע פאַר־מאָגט. די רייכע מאָדערנע פּאָבליק סקולס וווּ עס לערנט זיך און ווערן דערצויגן הונדערט פּראָצענט יידישע קינדער פאַרמאָגט דאָך דאָס נישט. און זאָל עס דאָ געזאָגט ווערן מיטן פולן מויל: די פּאָבליק־סקול גראָבט אונטער די פונדאַמענטן פון יידישן לעבן אין אמעריקע. וועלן זיין אין אמעריקע א פופצן צוואַנציק פּראָצענט יידישע קינדער וואָס וועלן זיך האָדעווען און באַלערנט ווערן אין דורכויס יידישע שולן אין א דור־

בויט יידישער אטמאָספערע, — וועט זיין א יידיש פאָלק אין אמעריקע. אלא נישט, חלילה, — איז נישטאָ קיין שום האָפענונג פאר יידנטום, פאר יידן.

און עס איז לגמרי נישט קיין מיסטיק: עס וואקסן יידן, וואָס פילן זייער יידישקייט, אפילו ווען מען באהאלט עס פון זיי. אין לעבן מוזט זיך איינגאנצן צופאסן צו יענע וואָס זענען נישט ווי דו; יענע הערשן, און איך בין נאָך אלץ נישט קיין הונדערט פראָצענטיקער אמעריקאנער, נישט קיין אנגלאָ־זאקס... עפעס יידן.... צרות... מען שלאָגט.... א קאל־טער נעפל פון א ווייטאָקדיקן יידישן גייסטיקן אפענדיקס אין מוח. „צוויי וועלטן" — דער רעאלער אמעריקאנער מענטש און דער יידישער „דיבוק", וואָס פון אים איז שוין נישטאָ קיין אנטרינונג — אָט איז דער גורל פון די יונגע יידן. מיט אזא צעשפאלטענער נשמה קען מען קיין יידישע לעבנס־כוחות נישט פארמאָגן. נישט איך שאף אומשטענ־דען, נאָר זיי דיקטירן מיר. אזוי האָדעווען זיך נישט קיין אקטיווע, שע־פערישע מענטשן מיט אייגענער איניציאטיווע. אזוי וואקסן קנעכט פון אומשטענדן, פאסיווע פוטבאָל־פילקעס, וואָס קייקלען זיך אהין, וווהין די פרעמדע בריקע מיט דער פוס טרייבט זיי.

אזוי וואקסן נישט קיין זעלבסטשטענדיקע שטאָלצע מענטשן, וואָס קענען אקטיוו בויען זייער לעבן, נאָר — דערונטערדריקטע מענטשן פון צופאסונג, מענטשן, וואָס זענען ביי זיך אליין, אין די אייגענע אויגן פון דער צווייטער מדרגה.

אין שטענדיקן צופאסן זיך צו „אומשטענדן" קענען שוין קיין מאָ־ראלישע, עטישע אויסגעהאלטענע מענטשן נישט אויסוואקסן. ווייסן יידן אין פרייע מדינות, אז זיי דארפן גוט־גוט רעדן, מיט גוטע אק־צענטן ענגליש און פראנצויזיש (עס זענען דאָך אין קאנאדע, דאָ פראנצויזן), שפאניש, פאָרטוגעזיש. ווייניקער פון אלץ איז זיי נויטיק זייער שפראך. אזוי איז אויך די פסיכיק ביי אלטע איינגעבוירענע דינסטמיידלעך: אז דער באלעבאָס דארף עסן, דארף מען אויספוצן דעם טיש מיט אלע הידורים, — אז זיי אליין ווילן עסן, כאפט מען מיט שמוציקע הענט א שטיקל ברויט און יוצא.

אלטע פארצייטיקטע סקאָטישע זיטן און מנהגים זענען שיין און אָנ־

גענומען. אַלץ וואָס עס שמעקט מיט יידישע אַלטערטימלעכקייט איז אָפּגעפּרעגט. יענעמס יום־טוב ווערט אָפּגעהיט מיט אַלע הידורים, א יידישער — ווער האָט עס צייט דערצו? „מען קען דאָך זיין א גוטער ייד אָן דעם אויך." יידישע פּלאַקאַטן מיט גרויסע יידישע אותיות אין גאַס, — „כ'מיין, צו וואָס בכיוון זיך ווארפן אין די אויגן? אין עפנט־לעכע ערטער רעדן יידיש אויף א קול..." פאַרוואָס זיך אויסטיילן? כדי יידישע פאַרזאַמלונגען זאָלן האָבן מער אָנזען, דאַרף מען ברענגען א גויישן רעדנער. עפּעס א געשעעניש אין נישט־יידישן לעבן, — און עס איז א רו־טאָג פאַר יידן אויך. כדי אָבער א יידישער ענין זאָל זוכה זיין, אַז יידן זאָלן קומען צו אים, מוז ער ווארטן ביז דעם נאָענטסטן זונטיק. אויב איר ווילט אָן אָנשטענדיקע לוויה נאָכן טויט, טאָ זייט א קלוגער און שטאַרבט ערב זונטיק. בקיצור — דאָס גאַנצע לעבן פון יידן איז א זאַך א סעקונדאַרע, וואָס מוז זיך צופּאַסן אויף טריט און שריט צום נישט־יידישן, צום פּרימיערן. יענעמס שטייגער דיקטירט דאָס לעבן. מיר מוזן פאָלגן, צופּאַסן זיך, מיטלעבן, מיטמאַכן און דאָך נישט זיין דאָס וואָס זיי, די דיקטאַטאָרן. א ייד בלייבן מוז מען. אין אַזאַ אַטמאָ־ספערע פון אייביקער צופּאַסונג קען נישט אויסוואַקסן קיין פעסטער כאַ־ראַקטער, קיין שטאָלצער „איך", קיין שטאַרקער ווילן און גלויבן אין זיך. אין אַזאַ אַטמאָספערע וואַקסן גייסטיקע מאָראַלישע קנעכט, וואָס א גאַנץ לעבן האַלטן זיי נעבאָך אין איין קוקן אויף דעם „האַר און הערשער" און מיט האַרצקלאַפּעניש ווארטן זיי אויף זיין גנעדיקן שמייכל. אין אַזאַ אַטמאָספערע פון אייביקן צופּאַסן זיך, אַריינפּאַסן זיך מוז אויסוואַקסן „עבדות בתוך חירות", קנעכט אין פרייהייט, עבדים נרצעים, וואָס קענען נישט זיין קיין פרייע מענטשן, אפילו ווען די פריי־הייט איז זיי געגעבן.

סאָציאַל, יורידיש, עקאָנאָמיש און פּאָליטיש זענען יידן תמיד גע־ווען אָפּהענגיק, אָבער קולטורעל, גייסטיק, אין דער אייגענער נשמה, אין באַוווּסטזיין איז דאָך דער ייד כסדר געווען שטאָלץ זעלבשטענדיק, שטאָלץ פאַר זיך און ער האָט זיין לעבן, זיין גאַנצן שטייגער פון לעבן נעבויט צוגעפּאַסט צו זיין אייגענעם יידישן גייסט און צו זיינע אייגענע

יידישע געוווינהייטן. מיין רו־טאָג, אונדזער שטייגער, אונדזער נאַציאָנאַלער „איך" דיקטירט דעם אינדיווידועלן „איך" אין לעבן.

און אָט אין דער באַציאונג צו זיך אַליין ליגט דאָך דער קריטעריום פון פרייהייט אָדער קנעכטשאַפט. נישט קיין פרייע געזעצן דאַרפן מיר, נאָר פרייע שטאָלצע מענטשן. אָט דאָ ליגט דער גרויסער נאַציאָנאַלער זינען פון די יידישע מצוות, פון יידישן שטייגער.

דורות יידן מיט אַזוינע גייסטיקע פאַרשקלאַפטע נשמות קענען נישט בויען זייער לעבן. עס איז אַ פּאַסיווער עלעמענט אָן אַ שוווּנג און אָן אַ קאָלעקטיוון ווילן. און אָן די עלעמענטן וועלן יידן קיין לעבן נישט מאַכן אַפילו אין אַמעריקע. אָט אַזוי איז דער גורל פון יידן, וואָס האָדעוועט זיך אין נישט־יידישע שולן. און דער גורל איז: פּאַסיוו געשליידערט ווערן — אויבן, אונטן, רעכטס, לינקס. דאָס איז דער זינען פון דער יידישער קללה קאַפּאַקאַל (כף הקלע). ווי דער יידישער יחיד, אַזוי דער כלל און פון יידן ווי יחידים ליגט אין — כוח פון יידישקייט אין די יידישע נשמות.

אָבער וואָס איז יידישקייט?

יידישקייט איז גלויבן אין יידישער גייסטיקער זעלבשטענדיקייט, שטרעבן דערצו און לעבן און שאַפן לויט אָט די שטרעבונגען. אָט דאָ, אין אָט דער יידישקייט ליגט די אידעע פון דער גאַנצער טראַדיציע ביי יידן, פון דער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור, פון באַזונדערן זעלבשטענדיקן שטייגער, וואָס מיר, אינטעליגענטן, האָבן אָנגערופן מיט אַ נייעם צוגעפּאַסטן, פון דער פרעמד געבאָרגטן נאָמען „רעליגיע".

— אַזאַ לעבן אין יידישקייט קען געמאָלט ווערן בלויז ביי אַ יידישער גאַנצער דערציאונג.

— אַ יידישע גאַנצע דערציאונג מיינט אויסהאָדעווען די גייסטיקע איינגנשאַפטן און דעם גאַנצן כאַראַקטער פון יונגע דורות אויף יידישן קולטור־מאַטעריאַל און אויף דעם „גלויבן אין יידישקייט".

יידישע שולן (פון אַלע ריכטונגען) אָן אָט דעם גלויבן און אָן דעם „אַריינלערנען זיך" אין דעם יידישן קולטור־שטאָף זענען ווי אַ בית־המקדש מיט אַ נעץ אינעווייניק. יידישע לערער פון אָט אַזוינע שולן זענען געצנדינער, כוהנים פון פרעמדע געטער.

גערעכט זענען געווען די פרושים אמאל וואס זיי האבן געלערנט אז „ותלמוד תורה כנגד כולם". אן דעם גייסטיקן אריינלעבן זיך אין יידישע תורות („תורה" איז קולטור און שטייגער) איז נישטא קיין יידן. זיי בלייבן נאר פאר יידישע צרות. ירושלים איז חרוב געווארן ווייל עס זענען נישט געווען דארטן קיין תינוקות של בית רבן — קיין יידישע דערציאונג. אלע ירושלימס ווערן חרוב און וועלן חרוב ווערן אן א יידישער דערציאונג. דא איז דער פונדאמענט פון יידישן לעבן.

און זאלן נישט מיינען די ציוניסטן, אז מען קען אין אט די „אויך מיר יידן", וואס זענען יידן בלויז אויף צרות, אויף רדיפות", — אז מען קען אין זיי איינפלאנצן ציוניזם במקום יידישקייט. — קענען קען מען דאס — מען קען דאך אויך גויים פאראגיטירן פארן ציוניזם, אבער אט דער ציוניזם אן יידישקייט איז ווי א דאך אן ווענט. קען מען דען אין אטראפירטע הערצער אריינפלאנצן געזונטע געפילן?

און זאלן די ציניקער נישט זאגן: בויען דעם ציוניזם וועט שוין זיין ווער, זאלן די אמעריקאנער יידן צושטעלן דעם דאלאר. אט די „קאמפיין ציוניסטן" דארפן וויסן, אז געלט גיט א יידישע הארץ, אז געלט באקומענע דורך פארשידענע אנדערע מיטלען האט נישט קיין מזל ברכה.

געדענקט: די באלפור־דעקלאראציע איז געגעבן געווארן נישט דעם הייפל דערדריקטע יידן אין דעמאלדיקן ארץ ישראל. זי איז געגעבן געווארן צו יידן אין דער וועלט און, בעיקר, אמעריקאנער יידן, אבער דעמאלט ווען אין אמעריקע איז דער רוב מנין פון יידן געווען „גרינע" אימיגראנטן נאך. דער „ווייסער פאפיר" איז געגעבן געווארן ווען דער רוב מנין פון אמעריקאנער יידן זענען שוין איינגעבירגערט, אמעריקאניזירט, ציוניסטיש אין זיינע „סימפאטיעס" אבער אויך אויסגעיידישט גייסטיק און קולטורעל. זאל דער פאקט זיין א ווארענונג.

און זאלן נישט מיינען די פסיררא־רעליגיעזע יידן, אז מען קען אט אזוינע נישט־גויים, נישט־יידן עפעס מגיר זיין מיט א בר־מצוה ספיטש ווי פון א גראמאפאן־פליטע. און זאלן נישט מיינען קיין העברעאיסטן, אז אויף דעם שפינוועבס פון אט דער פסיידא־יידישקייט קען מען לייגן א יידישע לאטע פון העברעאישע ווערטער. און זאלן נישט מיינען די

יידישיסטן, אַז אויף די צעבראָכענע עטלעכע יידישע זאַצן און לידער, וואָס מען לערנט אוים די קינדער וועט אַ יידיש לעבן זיך קענען האַלטן. ניין און ניין. אַלע עלעמענטן פון יידישן לעבן — עקאָנאָמיק, סאָציאַלע אויפגאַבעס, יידישע פּאָליטיק, קולטור — אַלץ קען געבויט ווערן בלויז אויף דעם פונדאַמענט פון אַ גאַנצער יידישער דערציאונג, אַן אייגענער, אַ זעלבשטענדיקער דערציאונג פאַר זיך. די פּובליק־סקול גראָבט די פונדאַמענטן פון יידישן לעבן. דער דור יידן וואָס איז אויסגעהאָדעוועט אין אַ פּובליק סקול האָט נישט אַנטפּלעקט קיין כוח צו שאַפן צו בויען נישט עקאָנאָמיש, נישט סאָציאַל און נישט קולטורעל. מיליאָנען צעשטויבטע יחידים, זאַמדעלעך, קופּעס אָנגעגרייט פאַר אַלע בייזע ווינטן. אַלערליי גאולה־פּלענער, אַלערליי נאַציאָנאַלע אויפבוי אידעעם קענען ווערן געבויט בלויז און נאָר אויפן פונדאַמענט פון אַ גאַנצער יידישער דערציאונג. דאָס און נאָך מערער: די פּרעמדע פּובליק סקול שטעלט אין סכנה די ריין מענטשלעך־מאָראַלישע פונדאַמענטן פון אונדזער לעבן און אָט פאַרוואָס: —

די פּובליק סקול איז לויט איר כאַראַקטער בלויז אַ באַלערנדיקע נישט קיין דערציערישע. די אויפריכטיק־דעמאָקראַטישע גרונטלייגער אירע האָבן אין זינען געהאַט צו לאָזן די גאַנצע דערציאונג פאַר דער היים. זיי, די פרומע, האָבן אויך די רעליגיעזע דערציאונג נישט אָנגעטרויט דער שול. און אַזוי איז דאָס געבליבן. די שול גיט אינפאָרמאַציעס, אָבער זי דערציט נישט די גייסטיקע פעאיקייטן, דעם כאַראַקטער, די עטיש־מאָראַלישע פערזענלעכקיים. לעבן קינדער אין אַ היים מיט אַ פעסטן שטייגער — דערציט די היים. אָבער אַז די היים האָט נישט קיין פעסטן שטייגער, קיין פעסטע פּרינציפּן אין לעבן, נישט קיין רעליגיעזע, נישט קיין וועלטלעכע, — בלייבן קינדער אינגאַנצן אָן דערציאונג. פאַלן זיי אינגאַנצן אַרונטער אונטער דער נעגאַטיווער השפּעה פון גאַס, פון ביליקע פאַרווייִלונגען און — די גרויסע, ציוויליזירטע שטאָט שטעלט צו צופיל קיצלדיקע מעגלעכקייטן פון דעמאָראַליזאַציע. איך האָב דאָ, אין אַמעריקע מיט שרעק דערזען קינדער פון אַ יאָר צוועלף, דרייצן, וואָס גייען קאָרעקט אין שול, און אין זייער מוח איז קיין אייגענער געדאַנק נאָך נישט געבאָרן געוואָרן קיינמאָל. און די קינדער זענען מיט נאָרמאַ־

לע פעאיקייטן. זיי לערנען „גוט" און די דענק־טעטיקייט איז לגמרי אַטראָפּירט. דער ליבער ענין מיט דער מערדער־באַנדע אין יידישן ניו־יאָרק צווינגט זיך צו פאַרטראַכטן. עס איז נישט קיין פראַגע „וואָס וועלן „זיי" זאָגן?" „זיי" זאָגן סיי ווי אַל דאָס בייז, פאַר „זיי" זענען מיר קיינמאָל נישט יוצא און מיט זיי ווילן מיר זיך תמיד פאַרגלייכן אפילו אין ערגסטן פאַל. די פראַגע איז, וואָס זאָגן מיר? און מיר מוזן זאָגן אָט וואָס:

א) אויב צענדליקער פאַרברעכער זענען אויפגעדעקט געוואָרן, זע־נען הונדערטער אַזוינע פאַראַן נאָך נישט קיין אויפגעדעקטע, זענען טויזנטער פאַראַן וואָס זענען פעאיק צו באַגיין פאַרברעכנס פון גרינ־געריע גראַדן, איז דער אַלגעמיינער מאָראַלישער ניוואָ געפאַלן.

ב) יעדער איבערבייט אין שטייגער ווי רעוואָלוציע און מיגראַציע איז פאַרבונדן מיט מאָראַלישע סכנות. די כלומרשטע „אַמעריקאַניזאַ־ציע" אונזערע איז א סך מערער א „אויסקולטורעווען" זיך ווי אן „איינ־קולטורעווען" זיך. איז דאָס „דעמאָראַליזאַציע", וואָס גרעסער און קאָמפּאַקטער עס איז דער קיבוץ, וואָס בעסער עס איז דער פאַרקער צווישן מענטשן, וואָס בעסער די ציוויליזאַציע, אַלץ סאָציאַל מסוכנער איז יעטווידער דעמאָראַליזאַציע. אָט די אויבערפלאַכיקע אַמעריקאַני־זאַציע, וואָס אירע רעזולטאַטן קען קיינער נישט פאַרויסזען.

איז דער אַלגעמיינער אויספיר פון דעם געזאָגטן ביז איצט:

1. דאָס יידיש לעבן עקאָנאָמיש, סאָציאַל־פּאָליטיש, עטיש איז אינ־גאַנצן אָפּהענגיק פון דעם יידישן קולטור־שטייגער און פון דערציאונג.

2. אָן אן אייגענער, גאַנצער יידישער דערציאונג־סיסטעם, וואָס זאָל אידעאיש זיין דורכגעדרונגען מיט דעם ספּעציפיש־יידישן גייסט, וועט דער יידישער קיבוץ אין אַמעריקע נישט קענען האָבן קיין קיום.

3. ווי אַלעמאָל און אומעטום ביי יידן גילט אויך אין אַמעריקע דער כלל: א קיבוץ וואָס לאָזט איבער די דערציאונג פון זיין יוגנט פאַר אַנדערע, פאַרלירט די יוגנט. אָן דער יוגנט איז נישטאָ קיין מאָרגן. א פאָלק אָן א מאָרגן האָט אויך קיין היינט נישט און מוז אונטערגיין.

4. אַזוי ווי אַסימילאַציע איז איצט אויסגעשלאָסן, וויל אַלע פעלקער האָבן זיך פון אונדז איזאָלירט און וועלן נישט אַסימילירן

אונדז, דראַט דאָס אויספעלן פון אַן אייגענער דערציאונג נישט מיט אונטערגאַנג, נישט מיט אַסימילאַציע, נאָר מיט עפּעס ערגערס — עס דראָט אונדז צו בלייבן לעבן ווי אַ געליימטער גוף, וואָס ווייטאָקן האָט ער, אָבער אַ ריר טאָן קען ער זיך נישט, ווי אַ באַנטשע שוויַיג, וואָס אַלע האַסן. אַלע יאָגן, און קיינער וויל אים נישט האָבן נאָענט, לעבן זיך. טיילווייז איז עס שוין מקוים געוואָרן. עס איז נישט קיין נביאות. עס איז שוין מקוים געוואָרן אַלץ, וואָס ביאַליק האָט געשריבן אין זיין „דאָס לעצטע וואָרט".

5. יונגע ייִדן וואָס זייער דערציאונג איז באַגרענעצט מיט דער פּובליק סקול באַקומען אַנשטאַט דער ענגלישער קולטור אַ „אַנגלאָמאַנישן קאָמפּלעקס". פון ייִדישקייט בלייבט זיי אַ „יודאָפאָבישער קאָמפּלעקס". כדי צו אַנטלויפן פון זיי ביידע וואַרפן זיי זיך אַריין אין לייכטן גאַסן־לעבן, כדי זיך צו פאַרגעסן. בלייבט שמאָלער עגאָאיזם, קולטורלאָזיקייט, אידעענלאָזיקייט, אַ נייגונג צו פּרינציפּלאָזע פּאַרוויילונגען און גאַסיקן אויסלעבן זיך. דאָס ביסל אוטיליטאַרע ידיעות, וואָס זיי באַקומען אין שול, קען זיי קיין פּאָזיטיווע נוצן נישט ברענגען, ווייל אָן אַ מאָראַלישן באָדן ברענגען ידיעות קיינע נוצן נישט, אויב נישט שאָדן.

6. אויב אין פּאַקטישן לעבן איז נאָך אַ דאַנק גאָט ווייט נישט דערגאַנגען צו אָט דער מדרגה, איז דאָס בלויז מחמת אין ייִדישן לעבן זענען נאָך פאַראַן רעשטלעך פון דער „אַלטער" קולטור צי פון רעליגיעזער צי פון וועלטלעכער, אַלץ איינס. אָבער די סכנה צו דערגרייכן צו דעם, וואָס עס איז געשילדערט אין פּונקט פינף ווערט נישט געמינערט, צום באַדויערן.

אַזוי אַרום איז די הויפּט אויפגאַבע פון דער ייִדישער דערציאונג איבערהויפּט אַ הייל־פּעדאַגאָגישע: די ייִדישע שול דאַרף באַפרייען די ייִדישע יוגנט פון די סאָציאַל־נעוראָטישע קאָמפּלעקסן „פון ייִדישקייט", און „צו נישט־ייִדישקייט". אַ גאַנצע ייִדישע דערציאונג קען עס באַווייזן, ווען זי וועט אַריינפּלאַנצן די קינדער אין דער ייִדישער קולטור (נישט קיין רייד וועגן קולטורן), און דורך איינפּלאַנצן אין די קינדער אַ גלויבן אין זיך, אין אייגענעם קאָלעקטיוו; דער גלויבן דאַרף זיין דאָס

פאַרקערטע פון דעם גלויבן, אז מיר זענען „אָרימע שכנים ביי רייכע באַלעבאַטים". נישט וויפל הונדערט ווערטער און קאַפּיטלעך געשיכטע, נאָר די נשמה פון מענטשן געזוכט מאַכן, אומקערן זיי דאָס נאָרמאַל געפיל פון

וואָס מיר זענען זענען מיר,
ווו מיר זענען זענען מיר, —
אָבער יידן זענען מיר.

* * *

אָבער ווי אזוי קומט מען צו דעם? ווי אזוי דערגרייכט מען אין אמעריקע צו אן אייגענער יידישער דערציאונג? — פּראַקטישע און כלומרשט רעאַליסטישע מענטשן וועלן זאָגן: „חלומות, פּוסטע פאַנ־טאַזיעס, עס וועט קיינמאָל נישט זיין, סתם גערעדט." אנדערע וועלן זיך דערשרעקן. „עס שמעקט דאָך מיט איזאָלאַציע, גאָט באַהיט."

איז קודם כל: אַ אידעאַל איז קיינמאָל נישט קיין פּראַקטישע פּראָ־גראַם פון היינט אויף מאָרגן, און אויב ביז מאָרגן אָוונט קען איך עס נישט דערגרייכן, טויג שוין דער אידעאַל נישט. נישטאָ ביי קיינעם קיין ווינטש־פינגערל, וואָס מען גייט אריין אין קראָם, מען קויפט אים, מען זאָגט אָפּ דעם גוטן שפּרוך, און שוין — מען האָט שוין דעם אידעאַל אין קעשענע. אָט די אַלע אונדזערע סופּער־רעאַליסטן און פּראַקטישע מענטשן ווייסן גאַנץ גוט, אז סאָציאַליזם, ציוניזם, אַלע איזמען זיצן נעבונדענע צוזאַמען מיט משיחן אין דער ווייטער אייביקייט. זיי ווייסן, אז אַ פאַקטאָר אין לעבן, אַ כוח און געשטאַלטער פון לעבן איז תמיד דער אידעאַל, וואָס עס ווערט געשטרעבט צו אים, נישט דער שוין דער־גרייכטער; מען ווייסט אז אין דער וויסנשאַפט איז שעפעריש דער פאַר־לאַנג צו וויסן, דאָס זוכן, דאָס באַגערן צו דערגיין און נישט די פאַר־טיקע אין פאָרמולעס אויסגעדריקטע וויסנס. „דאָס וויסן", — זאָגט דער ענגלישער פיזיקער סאָדי, — „איז דער בית־עולם פון דער וויסנ־שאַפט". — דאָס ווייסן זייער גוט אונדזערע „ניכטערע" רעאַליסטן, וואָס זענען אַליין זייער שטאַרק פאַרנומען מיט פאַרשידענע אידעאַלן.

אָבער ווי נאָר עס קומט צו יידישע קולטור־אידעאַלן, דאָ פאַרפעלט געדולד און מוט; אָדער באַלד זאָל עס קומען אָט דער משיח, אָדער... „נו, וואָס קען מען מאַכן", „מען קען נישט אריבער, מוז מען ארונ־טער", „די אומשטענדן לאָזן נישט", „מען מוז זיך צופאַסן", „מיט הייסע באַנגערן וועט איר דעם אייז נישט אָנוואַרעמען", „און מען דאַרף גאָרנישט זיין קיין מאַקסימאַליסטן"... איז פאַרוואָס איז די באַ־ציאונג צו יידישע קולטור־אידעאַלן ביי אונדזערע קולטוריסטן אַן אַנ־דערע ווי די פּאָליטישע אידעאַלן, לאָמיר זאָגן?

וועל איך זיך דערלויבן דאָ ארונטערצורייסן א סאָציאַל־פּסיכאָלאָ־גישן פייגנבלאַט: אז מען וויל עפּעס שטאַרק, גלייבט מען אין דעם, רעדרשרעקט מען זיך נישט פאַר דעם „נישט קענען". אז מען גלייבט נישט און מען שטרעבט נישט, — איז דאָס א סימן, אז מען וויל נישט. און מען פאַרדעקט די נאַקעטע שאַנדע פון נישט וועלן מיט אַן אַנ־שטענדיקן פייגנבלאַט פון „נישט קענען־טעאָריעס". יאָ. אונדזערע קול־טוריסטן ווילן נישט שטאַרק דעם אידעאַל פון יידישער קולטור. אָט דאָ ליגט די סיבה פון אַלע „נישטקענענס" און דער מקור פון אַלע טע־אָריעס וועגן „מינימום־יידישקייט" און דאָס שרעקן קליינע קינדער מיט די שרעקן פון „געטאָ", פון איזאָלאַציע... פונקט ווי איזאָלאַציע הענגט אָפּ פון אונדז און פונקט ווי מען שיקט אונדז גאָרנישט צום שוואַרצן פעפער בעת מיר ווילן זיך גאָרנישט איזאָלירן, בעת מיר מאַ־מערן זיך מיט זיין און טעכטער נאָכצוגיין, נאָכצומאַכן, צו חנפהנען, בשעת מיר זענען אויפן שפּיץ פון אונדזערע טרוימען — מער גוי ווי דער גוי אליין, וואָר „דער גרויסער" גוי־באַלעבאָס זאָל נישט זיין — צי ענגלענדער מיט זייער וועלט־שפּראַך צי גאָר ליטווינער, — צי אי־זאָלירט מען זיך פון אונדז נישט דעמאָלט? צי אנטלויפט מען נישט (בעת מען טרייבט נאָך נישט) פון אונדזערע גאַסן, פון אונדזערע זומער־פּלעצער? צי האָט די וועלט דעמאָקראַטיע פאַר אונדז נישט פאַרהאַקט מיר און טויער, — ווערט דערשטיקט דאָרטן אין בלוט און שאַנדע,— מיר ווילן אייך נישט קענען? צי עקזיסטירן נישט ביי די דעמאָקראַטיעס פאַר אונדז קיין פּראָצענט נאָרמעס? צי מיידט מען נישט אויס א יידן צו געבן אים ארבעט? צי פילן זיך נישט אָפּט יידישע ארבעטסגעבער

געצוווּנגען צו באַזייטיקן אַ ייִדן? צי פֿילן זיך ניט אָפּט ייִדישע יונגע לייט געצוווּנגען צו זײַן „מאַראַנען”, אנוסים, פֿאַרבאָרגענע ייִדן כּדי צו בלײַבן אויפֿן „דזשאָב”? צי ווערט דאָס אַלץ נישט בײַשלעכווײַז אַ נאָרמע, אַ שטײגער, אַ טראַדיציע, וואָס איז פֿיל שטאַרקער פֿון אַלע געשריבענע געזעצן? צי געוווינען זיך ייִדן אַליין נישט צו צו דעם אַלעם און זיי באַקעמפֿן עס אַ סך ווייניקער אין די גרויסער דעמאָקראַטיעס איידער אין צאַרישן רוסלאַנד? טאָ מיט וואָס איז דאָס אַלץ נאָך נישט קיין איזאָלאַציע? און דאָך, — און דאָך אַנשטאַט צו בויען אַ ייִדישן לעבן, האַלטן מיר זיך שטאַרק אָן דעם לאַנג שוין פֿאַרברענטן שטרויעלע פֿון פֿאַרעלטערטן, נאַאיוון קאָסמאָפּאָליטיזם און רעדן זיך אײַן ראָזע פֿייגעלעך פֿון נישט־איזאָלירטקייט. און דאָס פֿאַרוואָס? — גאָר פּשוט, — ווײַל מיר ווילן נישט זײַן קיין ייִדן אפֿילו ווען מען לאָזט אונדז נישט זײַן קיין גויים. לאָמיר נאָר וועלן זײַן גאַנצע ייִדן, לאָמיר וועלן נישט „טאַנצן אויף צוויי חתונות”, לאָמיר וועלן אַליין לעבן און אונדזערע קינדער אויסהאָדעווען אין מאָניסטישער ייִדישער גאַנצקייט. לאָמיר שטרעבן דערצו מיטן גאַנצן האַרצן, — וועט אָט דאָס שטרעבן שוין אַליין אונדז געבן אָן אינהאַלט און ריכטונג אין לעבן. ווען די ייִדן זענען לויפֿנדיק פֿון מצרים געשטאַנען בײַם ים דערשראָקענע, פֿאַרצווייפֿלטע, און פֿאַרווירטע, האָט גאָט צו זיי געזאָגט: „גייט! און אַז איר וועט גיין, וועלן אפֿילו ימים זיך פֿאַר אײַך שפּאַלטן, איבערהויפּט די פֿאַרגליווערטע ימים פֿון אָפּהענטיקייט און מוטלאָזיקייט...

דער אומגליק פֿון דער ייִדישער שול און קולטור איז אַמעריקע איז דאָס, זיי זענען צוגעקנעפּלט צו אַ אידעאַל, אָבער זיי פֿאַר זיך האָבן נישט קיין אייגענעם אידעאַל אין זיך גופֿא, און זיי ווילן גאָרנישט מער ווי דאָס וואָס זיי זענען. אָט איז איין דערציאונג־סיסטעם, וואָס קלעפּט צו אַ מפֿטיר באָרד און אַ "Kaddish" מיט לאַטײנישע אותיות; אַ צווייטע סיסטעם וויל מער נישט ווי אַ עטלעכע הונדערט ווערטער, אַ ייִדיש לידל מיט אַ קאָנצערט, אויך צוגעקלעפּט צו אַ פֿרעמדן גייסטיקן פּרצוף, וואָס איז כּלומרשט אַמעריקאַניש. און אַנדערע ווילן אַ "Hatikvah" זינגען מיט אַ טאַנץ לטובֿת דעם "Halutz" אין פּאַלעסטינע. אָדער גאָר ווילן אַנדערע אַ פּלאַקאַט מיט גרויסע אותיות „לעניִן האָט געזאָגט

לערנט, לערנט, לערנט". אסור אויב איך פארשטיי פארוואָס מען דארף דאָס דווקא אין יידיש. וואָס נאָך ווילן די יידישע שולן? וואָסערע אידעאישע אינהאלטן און שטרעבונגען דארף ארייַנפלאַנצן דער מאטעריאל פון דער יידישער שול? רעדן וועגן סאָציאלע און נאציאָנאלע אידעאלן, וואָס נישט די טאטעס, נישט די לערער זענען זיי נישט מקיים אין לעבן, דערציילן שיינע מעשיות וועגן עפּעס אן „אלטער היים" וועגן א „נייער היים" ערגעץ ווייט, דאָס אלץ איז דאָך נישט יידישקייט, נאָר א „זכר ליידישקייט", א וועלן יוצא זיין מיט רעדן. איז דאָך דאָס א דערציאונג וואָס פירט אָביעקטיוו צו אַזוינע אויספירן: רעדן דארף מען אזוי און אזוי, אָבער לעבן... צום לעבן האָט עס קיין שייכות נישט. איז דאָך אָט דער דיסאָנאנס צווישן „אומר" און „עושה" ווי יעטווידער נישט אויפריכטיקייט אין דערציאונג א נעגאטיווער פאקטאָר. איז דאָך אָט דאָס א פאקטאָר, וואָס שטרייכט אונטער אין פסיכיק פון קינד די איבערצייגונג: אל דאָס יידישעס איז צווייטראנגיק, סובאָרדינירט, און אזוי זענען מיר ווי א פאָלק, ווי יידן, ווי יידישע מענטשן אליין סובאָרדינירט, צווייטראנגיק. אָט איז די אינעווייניקסטע לאָגיק און די דירעקטע ווירקונג פון דער שול. איז די יידישע שול אָפּט א מיטל צו פארשטארקן דעם יידישן קנאפּ־ווערטיקייט־קאָמפּלעקס.

און וואָס וויל די יידישע ליטעראטור? אויסער דעם מען זאָל קויפן ביכער? ווו און וואָס איז די יידישע נשמה און הארץ וואָס זאָל פולסירן צווישן די שורות? צי האָט זיך אונדזער ליטעראטור ערנסט פארטראכט וועגן דעם אז זי מוז זיין תורה פון פאָלק און מוז שטרעבן צו ווערן תורה פארן פאָלק „וחי בהם"? האָט אונדזער ליטעראטור נישט איר אייגענעם וועג, איר ציל און במילא — איר זינען אין לעבן. איז אָט פארוואָס אונדזער ליטעראטור, האָט אזא מערכה און פארוואָס מיר... אָן א תורה פון לעבן, אָן א תורה הייַנט קען קיין יידישער קיבוץ קיין קיום נישט האָבן..... און וואָס טוט אויף פאר דער מאָראלישער פעסטקייט פון אמעריקאנער יידנטום דער ציוניזם? צי פלאנצט ער נישט ביודעים און בלא יודעים אן איבערצייגונג, אז „מילא דאָ איז דאָך סיי ווי אלץ פארלאָרן, אז קיין פּאָזיטיווע יידישקייט איז דאָך דאָ סיי ווי נישט מעגלעך, — איז בכן צו וואָס נאָך זיין דאָן קיכאָטיש? זאָל שוין

גיין ווי עס גייט, אבי נאָר ארויסציען כּל זמן מען קען פֿאַר דאָרטן וואָס מער?.

איז אָט — די פּראָבלעם פֿון יידישן לעבן איז דאָס וועלן לעבן. ווער? — קודם כּל די יידישע שרייבער. נאָך איז דאָס יידיש געדרוקט וואָרט א גרויסער כּוח אין אמעריקע. נאָך איז דאָס אויפריכטיק וואָרט א גרויסער כּוח אין אמעריקע. גרויס זענען די זינד פֿון דער יידישער פּרעסע אין אמעריקע. אָבער עס דאכט זיך מיר, אז זי פֿאַרמאָגט איצט א סך אויפריכטיקע יידישע קולטור־כּוחות וואָס עס פֿעלט זיי מוט בלויז, וואָס וואָלטן אליין געווען גליקלעך ווען זיי שטעלן פֿאַר זיך א קאָנקרעטן ציל פֿאַר וועלכן צו קעמפֿן, צו רופֿן, צו אגיטירן. איז אָט דאָ ליגט זייער וועג און גייסטיקער גליק. זאָלן די פּראַקטישע קולטור טוער זיך נעמען צו דער פּיאָנערן ארבעט פֿון בויען די ערשטע טריט פֿון א יידישער גאַנצער דערציאונגס סיסטעם. זאָל מען זיך נעמען צו קינדער גערטנער יידישע, זאָל מען גרינדן פֿאַרבאנדן פֿון יידישע היימען.... לאָמיר שטארק וועלן און וועלן דווקא נישט קיין שטיקעלעך, נישט קיין באָנטשע שווייגערישע בולקע, — לאָמיר וועלן א סך, — וועלן זיך די וועגן גע־פֿינען. און מיר דוכט זיך, אז טיף אין די נשמות פֿון פּשוטע פֿאָלקס יידן איז פֿאַראַן א בענקען און א וואַרטן נאָך אזא גאנצן מוטיקן, דרייסטן רוף. יידן גלויבן אונדז נישט אָפּט, יידן פֿאָלגן אונדז נישט אָפּט, ווייל — מיר אליין גלויבן זיך נישט, ווייל אין אונדזער רוף פֿעלט גלויבן און ווילן. נאָר אַנדערש וועט זיין, ווען דער רוף וועט זיין אויפֿ־ריכטיק און גאנץ און דרייערנדיק, נישט דערשראָקן זיך פֿאַר די ערש־טע שווערע שטרויכלונגען. „אויב איר וועט וועלן, איז עס לגמרי נישט חלום".

שפּראַכן — קאַמף? — לאָזט צורו. שפּראַכן אָן קולטור זענען ווי אויסגעליידיקטע פֿלאַשן. גלויבן אין שפּראַכן הייסט גלויבן אין געצן. דעם שפּראַכן־קולט פֿון אלע מינים און דעם שפּראַכן־קאַמף האָבן ביי אונדז אויסגעטראַכט די, וואָס האָבן געוואָלט פּטור ווערן פֿון יידישקייט, ווייל ס'איז כּלומרשט אלט און מען דאַרף דאָך האָבן א תּירוץ. די וואָס רופֿן זיך העברעאיסטן זענען א סך מער אנטי־יידישיסטן. און אנטי־יידישיסטן זענען זיי ווייל ערגעץ טיף אין די נשמות טראָגן זיי א

פאַרבאַרגענע שנאה צו אַל דאָס יידישעס, ווייל עס איז יידישעס — פון יידן.

די וואָס טיטולירן זיך יידישיסטן זענען א סך מער אַנטי־העברע־איסטן. און אַנטי־העברעאיסטן זענען זיי ווייל עס איז שוין צופיל יידיש. מען דאַרף נישט אַזוי פיל, מען קען יוצא זיין מיט ווייניקער, מיט יידיש, איינגנטלעך — מיט זאָגן אַז מען האָט ליב יידיש. זאָל מען מיר מוחל זיין פאַר דעם אַראָפּרייסן אַ פייגנבלאַט פון אונדזער געזעלשאַפט־לעכער פּסיכיק.

קולטור מוז האָבן שפּראַכן, ווי ווייַן מוז זיין אין פלאַשן, אָבער שפּראַכן פאַר זיך? פון אַלע שפּראַכן, וואָס יידן האָבן באַנוצט — אפשר אין די צענטליקער — האָבן אַ יידישן קולטור ווערט געהאַט בלויז דריי: העברעאיש, אַראַמיש און יידיש און דאָס דערפאַר ווייל אין אָט די שפּראַכן איז דורך דורות געשמידט געוואָרן אַ יידישער שטייגער, אַ יידישע דערציאונג און אויף זיי איז געפּלאַנצט און אויסגעהאָדעוועט געוואָרן יידישע קולטור.

„האַלטן” פון שפּראַכן, גלויבן אין זיי, — דאָס איז דער וועג פון אַסימילאַציע, אַ מאָדיפיקאַציע פון אַמאָליקן „אלה אלוהיך, ישראל”.

יידישקייט איז — קולטור, שטייגער און דערהויבט —יידישע דער־ציאונג.

אָט דאָ איז דער פונדאַמענט פון יידישן לעבן. דאָס קריגן זיך צו־ליב שפּראַכן ציט בלויז אָפּ די כוחות פון דעם אמתן איינציקן פראָנט — יידישקייט אין יידישן לעבן דאָ ווו יידן לעבן, אָדער פטור ווערן פון יידישקייט און יוצא זיין מיט אַ „זכר ליידישקייט”. אַרום אָט דעם איינציקן פראָנט דאַרפן זיך קאָנצענטרירן אַלע אויפריכטיקע כוחות פון יידישן פאָלק. — די צעשפּליטערטקייט פון די יידישע קולטור־כות שטאַמט אויך גאָר פון אַנדערע מקורים, וואָס בעסער איז ווען זיי נישט צו דערמאָנען אינגאַנצן. בכל אופן — אַ אידעאַל, אַ הייליקע אידעע, אַ גלויבן פאַרבינדט, צעמענטירט, קלייבט צונויף מענטשן איבער פאַר־טייען און איבער לאַזונגען.

און „יידישקייט” איז ברייטער און פרימיערער פון „ציוניזם” — „גלותיזם, יידישיזם אאז”וו. ווער עס מרוממט פון יידישקייט, ווער עס

בענקט נאָך דעם, — **מוז קומען** אהער. און אין דער ערשטער ריי — די שרייבער, די פירער, די לערער פון פאָלק. מען דאַרף לערנען דאָס פאָלק וועלן.

יידישקייט - המשכדיקייט

מיט א פּאָר יאָר צוריק (זומער 1941) האָט זיך אויף די שפּאַלטן פון „יידישן קעמפּער" געפירט א לענגערע פּאָלעמיק צווישן דעם ליבן און וואַרעמען יעקב לעשצינסקי און מיין ווייניקייט. די פּלוגתא איז געווען ארום א וויכטיקן פּרינציפּ: ער, מיין רבי און פריינט דרשנט, אז ציוניזם דאַרף זיין דער יסוד פון יידישער דערציאונג. איך, פאַרקערט, האָב זיך באַמיט אים איבערצוצייגן אז יידישקייט איז דער איינציק געזונטער באַזיס פאַר דעם ציוניזם, און דער ראשית חכמה פון איטלעכער דערציאונג אין היים און אין שול דאַרף זיין — דאָס איינגעוויינען די קינדער פון זייער יינגסטן עלטער אָן אין פּשוטער, פּאָלקסטימלעכער יידישקייט וואָס באַשטייט פון מנהגים, זיטן, פירונגען, שפּראַך, יום־טובים, אידיאָמען, ווערטלעך, מאכלים אאַז"וו. „בתוך עמי אני יושב" — בשעה שעושה מעשי עמי, — אזוי שטייט ערגעץ ווו (און אויב עס דאכט זיך מיר און אין דער אמתן שטייט עס נישט, — מעג עס שטיין). ציוניזם איז נאָר דעמאָלט עפּעס ווערט ווען ער איז א סכום מצוות מעשיות, א גלויבן וואָס דער גלויבער מוז מקיים זיין אליין, אין זיין היים. דער צדקה־ציוניזם פאַר „די אָרעמע ברידער" איז ערגער ווי גאָרנישט ווייל ער איז א הכשר אויף אַסימילאַציע.

די פּלוגתא האָט זיך ווי אַלע אַנדערע פון דעם מין געענדיקט מיט א "תיקו". איטלעכער ביי זיין מיינונג און דער עולם לייענער האָט מן הסתם געוויגן ווער וועמען עס האָט בעסער „דערלאַנגט".

איך האָב זיך איצט דערמאָנט דעם ענין צוליב א צופאַל: איך האָב

אנומלט באקומען א בריוו פון מיין שוועסטערס א זון, א סטודענט פון ירושלימער אוניווערזיטעט וואָס איז געווען ערגעץ אויף דעם איטאַליע־נישן פראָנט מיט די יידישע אָפּטיילונגען פון ארץ ישראל. אָט דאָס קורץ לופט־בריוול, וואָס שמעקט מיט פראָנט, האָט מיר דערמאָנט. איך וועל איבערזעצן די וויכטיקסטע ערטער פון דעם בריוול. „איך שיק דיר עטלעכע בלעטלעך פון דעם „במערכות הנוער" וואָס ווערט אַרויסגעגעבן דורך דער ציוניסטישער פארוואלטונג. זיי זענען פון דער מיי־העפט. אין דער העברעאישער פרעסע האָט זיך דעמאָלט דערשפּירט א שרעק פאר דער באציאונג פון דער ארץ ישראלדיקער יוגנט צום גלות: איין גרויסער גרייז אין דער ציוניסטישער דערציאונג האָט נקמה גענומען — די פולשטענדיקע ביטול־באציאונג צום גלות און צו יידן אין גלות. „גלות" איז געוואָרן דאָס וואָרט וואָס באצייכנט אלע נעגאטיווע שטריכן אין אונדזער פאָלק און נאָר די נעגאטיווע. אז די רעזולטאטן פון אָט דער באציאונג זענען קלאָר געוואָרן, האָט זיך מיט אמאָל דערהערט אן אַלארם־געשריי, און עס איז געגעבן געוואָרן א לאָזונג „צוריק מארש". אויף דעם כינוס פון אלע מיטארבעטער פון מרכז לחינוך (הסתדרותי־שער דערציאונגס צענטער) האָט געפאָדערט ביינגל (דער שול־אינספּעק־טאָר פון הסתדרות) מען זאָל פארקירצן טיילן פון פּראָגראם און מאכן אן אָרט פאר ספּעציפיש־יידישע הומאניטארע לימודים, וואָס שטאמען בכן פון גלות. אין אוניווערזיטעט האָט מען געלייענט א ציקל לעקציעס וועגן די גרויסע קולטור־צענטערן אין גלות (וועגן ווילנע האָט געלייענט [illegible]נאבורג).

„איך געדענק גוט וואָס פאר א פאָרשטעלונגען וועגן יידן אין גלות עס האָבן געהאט מיינע חברים פון גימנאזיע: קליין, איינגעדארט, אָן א זעלבסטווירדע און אָן גלויבן אין זיך און עס פעלט אים לגמרי עפּעס הייליקס... אזוי האָבן די „סאברעס", מיינע חברים אין יידן אָפּט גע־זען זייערע אייגענע חסרונות (דער שרייבער פון בריוו איז ביז צוועלף יאָר געוואָקסן אין ווילנע, אין א יידישער גימנאזיע).

„איך וואָלט זייער געוואָלט אז דער איצטיקער אלראם־געשריי זאָל ברענגען די גינסטיקע ענדערונג אין דער באציאונג, איך ספק אָבער: די פארבאָרגענע כוחות אין דער טראדיציאָנעלער גלותדיקער יידישקייט

זענען אַזוינע גרויסע, אַז מען — באַמערקט זיי נישט לגמרי און מען זעט בלויז דאָס וואָס סטאַרטשעט אַרויס — דאָס נעגאַטיווע. אָבער דווקא איצט איז דאָך אומבאַדינגט נייטיק אַז די ארץ־ישׂראלדיקע יוגנט זאָל ווייטער ציען די קיוט פון יידישקייט, דווקא איצט ווען דער גאַנצער גייסטיקער צושטאַנד פון דעם אויפטו אין לאַנד איז שווער, די באַזיסן זענען נישט גענוג און דער בנין וואַקלט זיך גייסטיק״!!

אַט אַזוי שרייבט פון מלחמה־פראָנט אַ יידישער בחור פון ווילנע — תל־אביב — ירושלים.

אַ צייט פאַר אים האָבן אויף דער זעלביקער טעמע אַלאַרמירט נישט קיין קלענערער ווי ביאַליק ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, א. שטיינמאַן און אַנדערע. דער ארץ־ישׂראלדיקער ישוב האָט נישט פיינט קיין זעלבסט קריטיק, און דאָס איז איינע פון זיינע מעלות. אָבער, קענטיק אַז איצט האָבן דערפילט די ביטערע רעזולטאַטן פון דער סנאָביסטישער שלילת הגלות נישט נאָר די געציילטע אויבערשטע יחידים. היינט, אין מאָמענט פון גרויזאַמער סכנה האָבן דאָס דערזען אַלע, די מענטשן „פון שורה״ ווי מען זאָגט עס אין ארץ ישׂראל. און זיי נעמען אָן מיטלען. איך בין זיכער — אין ישוב ווייסן זיי דעם סוד פון „אומר ועושה״, פון מקיים זיין אין לעבן דאָס וואָס דאָס געוויסן הייסט. מען רופט עס „הגשמה עצמית״ — אַליין דורכפירן אין אייגענעם לעבן אַלץ וואָס איך גלייב אין דעם. נישטאָ אין ישוב די חכמה וואָס מיר קענען דאָ: רעדן. בכן וויל איך דווקא גלייבן אַז איצט וועט די ענדערונג קומען. איך ווייס די שוועריקייטן, די אינעווייניקסטע גייסטיקע איינהאַלטער וואָס וועלן שטערן אומקערן זיך צוריק און שולל זיין די שלילה, אָבער דער ישוב האָט באַוויזן זיין כוח גובר צו זיין אַזוינע שוועריקייטן און אויב די תשובה איז דאָ אין באַוווסטזיין וועט זי דורכגעפירט ווערן אין לעבן. בכל אופן קלייב איך זיך נישט פון דאַנען צו געבן אָנווייזונגען דעם ישוב. נישט מיר און נישט פון דאַנען. אויב איך האָב גענומען די טעמע, איז דאָס צוליב אונדז דאָ, צוליב אונדזער יוגנט אין די אַמעריקעס, צוליב אונדז אַליין. אַמעריקאַנער יידן האָבן גאָר נישט ליב קיין קריטיק. איבערהויפּט נאָך ווען זי קומט פון אַ יידן. אָבער מען

מוז רעדן און רעדן, טאָמער וועט מען דאָך דערהערן כל זמן עס איז נישט שפּעט.

איך וויל פּשוט לערנען מיט די הינגע יידן א שטיקל קל וחומר:

מה דאָך די יוגנט אין ארץ־ישראל, וואָס לערנט אין אויסשליסלעך יידישע שולן; וואָס לעבט אין א כולו יידישער אטמאָספער, וואָס נעמט אָן אקטיוון אנטייל אין א לעבן וואָס ווערט אקטיוו געבויט און באשיצט לויט אויסגעהאלטענע יידישע אידעאלן, וואָס לעבט און לערנט זיך און וואקסט און האָדעוועט זיך אין איין שפּראך, אין איין קולטור וואָס ווערט געשמידט מיט ליבּ און לעבן, — מה דאָך אָט די יוגנט קען נישט זיין גענוג יידיש כל זמן זי איז נישט דורכגעדרונגען מיט דער קולטור־שטייגערישער טראדיציע, וואָס דאָס פאָלק האָט איינגעשאפן אין גלות און מיט וואָס דאָס פאָלק האָט אויסגעהאלטן אלע גלותן; מה דאָך אָט די ארץ ישראלדיקע יוגנט מוז איינזאפּן אין זיך די יידישקייט וואָס האָט איינגעהאלטן דעם גלות און אים אויפגעהאלטן, ווייל אָן דער יידישקייט איז נישטאָ און עס קען נישט זיין קיין צוגעבונדנקייט צום פאָלק און אָן אזא צוגעבונדנקייט און איינגעפלאָכטנקייט אין פאָלק פון נעכטן קען מען נישט בויען דעם מאָרגן פון פאָלק; — איז אויב אזוי טאָ וואָס זאָלן שוין זאָגן מיר דאָ, אין די אמעריקעס וועגן דער הינגער יידישער יוגנט, וואָס וואקסט אָן א יידישער שפּראך, אָן א יידישן שטייגער, אָן יידישע יום־טובים און שבתים; כמעט אָן א יידישער שול; וואָס לעבט א לעבן געשאפן און דיקטירט פון א צווייטן פאָלק; וואָס ווערט דערצויגן און צוגעפּאסט צו א פרעמדן לעבן, — וואָס איז מכוח אָט דער יוגנט? מכוח איר צוגעבונדנקייט צו איר פאָלק? צי קען אָט די יוגנט טראָגן אחריות פארן לעבן פון איר פאָלק? צי קען אזא יוגנט האָבן געפילן און פארלאנגען צו העלפן דעם אייגענעם פאָלק? צי וועט זי קענען בויען איר אייגן לעבן ווען זי איז געצוואונגען דורך דער וועלט ארום צו בויען א לעבן פאר זיך ווי יידן? צי קען אונדזער אמעריקאניש יידישע יוגנט זיך איינשאפן די ענערגיע, די פּשוטע מענטשלעכע ענער־גיע וואָס עס איז נייטיק צו קענען לעבן, צו קענען לעבן אין א וועלט פון קינעטישן און נאָך א גרעסערן פּאָטענציעלן אנטיסעמיטיזם, ווען אָר־גאניזאציע און זעלבסטשטענדיקייט איז אזוי נייטיק? ווען אָן איני־

ציטיזו און פוילן גלויבן אין אייגענער מענטשלעכער ווערטיקייט פון דעם יידן אין זיך קען מען נישט און מען וועט נאָך ווייניקער קענען לעבן, — ווי ווערט אַט די יידישע יוגנט אין אמעריקע געגרייט צום לעבן? ווי ווערט זי צוגעפאסט צו די לעבנספּראָבלעמען וואָס שטייען פאר איר און ווי וועט אזא יוגנט קענען בויען דאָס לעבן פון דעם פאָלקס קאָלעקטיוו?

אַט איז א פשוטער קל וחומר וואָס מיר אין אמעריקע דארפן לערנען: אויב אין ארץ ישראל מוז מען די קינדער איינפלאנצן אין נעבעכן פון פאָלק כדי זיי זאָלן קענען בויען דעם מאָרגן זיינעם, טאָ ווי דארף מען שוין דאָ, אין אמעריקע? און עס לעבט א פאָלק מיט פּארטייען, באנקעטן, יובילעען, מיטינגען, חניגהלעך, בעלער און שמדהלעך, קבלת פנימס און געזעגענונגס־וועטשערעס און סעודהלעך, יאָרצייטן און כיבודימלעך און — הוליע קבצן; און מען זעט נישט און מען וויל נישט זען ווי די ערד אונטער אונדז טרייסלט זיך און מיר גליטשן זיך גלייך פון אונדזערע הולאנקעס אין אלע אָפּגרונטן אריין...

און דאָ קומען פאראנטוואָרטלעכע טוערס און פירערס און מען לערנט אונדז: „מיטן פנים צו אמעריקע!" מען דארף אנטוויקלען אין די קינדער א געפיל פון „בעלאָנגינג", „אין אמעריקע קענען מיר נישט זיין קיין גאנצע יידן" וכדומה נאָך אזוינע טעאָריעס, דאָס זענען אַט די פרומע רייד וואָס מיט זיי איז אויסגעבעט אויך דער גיהנום פון אומקום.

אָבער וואָס הייסט עס „בעלאָנגינג"? ווער צו וועמען דארף דאָס געהערן? וואָלטן געקומען נאציאָנאלע יידן און געוואָלט איינפלאנצן אין די יונגע דורות א געפיל אז אמעריקע געהערט אויך אונדז, אז מיר זענען גלייך מיט די אנדערע, די זעלביקע באלעבאטים, וואָלט עס באַטייט אז אמעריקע דארף געבן אונדז די פולע מעגלעכקייט צו זיין אליין און צו האָרעווען גאנצע יידן, דווקא גאנצע, וואָס לעבן א פולן יידישן לעבן און לעבן זיך אויס פולקום אין זייער יידישקייט. דאָס וואָלט געהייסן: אמעריקע איז א דעמאָקראטיע און זי גיט אלע אירע אָרענטלעכע בירגער די מעגלעכקייט צו לעבן פריי און אומגעשטערט זייער אייגן נאציאָנאלן לעבן. אזוי פארשטייען דאָס די קליינע גרופּעס דוכאָבארן,

מענאָניטן וכדומה. אָבער אונדזערע יידישע טעאָרעטיקער פאַרשטייען עס פּונקט פאַרקערט: אַמעריקע איז פאַר זיי איין באַשטימטע זאַך וואָס עס האָבן געשאַפן אַנדערע לויט זייער גייסט און מיר — ווי פרעמדע, ווי שכנים, ווי געדולדעטע סובלאָקאַטאָרן מוזן פאָלגן אַלץ וואָס די באַ־לעבאַטים ווילן, מיר מוזן ווי בירגער פון דער צווייטער מדרגה אָננעמען פאַר גוט און ליב אַלץ וואָס די באַלעבאַטים ווילן, מיר מוזן ווי בירגער פון דער צווייטער מדרגה אָננעמען פאַר גוט און ליב אַלץ וואָס די באַ־לעבאַטים פון לאַנד שאַפן לויט זייער גייסט און לויט זייערע השגות. מיר מוזן זיך צופּאַסן. און צופּאַסן הייסט — אָפּזאָגן זיך פון אַלע נאַ־ציאָנאַלע געוווינהייטן און אימיטירן דעם צווייטן פאָלק וואָס ער איז ביי אונדז אין די אויגן דער האַר און הערשער (כאָטש ער וויל עס גאָר נישט און וויל לגמרי נישט אונדזער סובאָרדינירטקייט).

און דורות מיט אַזאַ מין אונטערבאַוווסטזיין וועלן דאָס קענען ווען עס איז פאַרטיידיקן דעם כבוד פון פאָלק? זיינע אינטערעסן ווען דאָס וועט נייטיק זיין? פאַרשטיי איך אַזוינע רייד ביי אויסגעהאַלטענע פּרינ־ציפּיעלע אַסימילאַטאָרן: עס איז דאָך זייער אידעאַל דורך אימיטאַציע זיך אַזוי צעלאָזן אין די פאָרן פון דעם הויפּט־פאָלק אָט ווי זאַלץ אין וואַסער, — אָבער נאַציאָנאַלע יידן, ציוניסטישע יידן — ווי קענען זיי אַזוינע ווערטער שרייבן? עפּעס איז דאָ נישט אין אָרדנונג אין דענקען אָדער אין שטרעבן.

„אין אַמעריקע — רעדט מען אונז איין, קען מען קיין גאַנצע יידן נישט זיין? פאַרוואָס? איין גאָט ווייס. ווער עס האָט נישט געוואָלט האָט אויך נישט געקענט אין פּוילן, און אין רוסלאַנד געוויס. און ווער עס וויל, קען עס זיין אויך אין אַמעריקע. און עס זענען פאַראַן געניגנ מוסטערן פון יאָ קענען. און מיר דאַכט זיך נאָך, אַז אין אַמעריקע קען מען קענען זיין אַ ייד בעסער ווי אין פּוילן, — אויב מען וויל, פאַרשטייט זיך... „ווער עס וועט וועלן זיך אויסלעבן ווי אַ גאַנצער ייד, דער וועט זיך לאָזן קיין ארץ־ישראל"... עס פרעגט זיך אָבער ווי וועלן מענטשן קומען צו אַזאַ פאַרלאַנג. עס קענען אין עס זענען נישטאָ קיינע פאַרלאַנגען ביי מענטשן וועגן זאַכן וואָס זיי האָבן קיינ־מאָל נישט געהאַט פאַר זיך קיין מוסטער; עס קען נישט זיין קיין אי־

דעאַל ווען מען איז צופרידן מיט דעם וואָס מען האָט. און אויב מען דאַרף האָדעווען די יוגנט צו זיין צופרידן מיט דעם ביסעלע יידיש־קייט אין אַמעריקע, טאָ ווו און פון וואַנען קען גאָר קומען אַ פאַרלאַנג, אַ שטרעבונג צו פולער יידישקייט וואָס זאָל צווינגען יונגע מענטשן צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד וואָס זיי „באַלאַנגען" צו אים און צו גיין זוכן עפּעס וואָס זיי ווייסן נישט, נאָר מען האָט זיי דערציילט וועגן דעם? „פון זאָגן נעמט מען נישט טראָגן" זאָגן יידן און פון אָנהערן זיך מעשיות פון כינע איז נאָך קיינער קיין כינעזער נישט געוואָרן. -- און, געדענקט, מיט אָנדערציילן אַמעריקאַנער „בויעס און גוירלס" די שענסטע מעשיות פון ארץ־ישראל וועט מען נישט אויסהאָדעווען קיין בויערס פון אַ יידישן ארץ־ישראל: די האַלב אָדער גאַנץ אַסימילירטע יוגנט וואָס קומט קיין ארץ־ישראל געטריבן פון צרות אָדער אפילו מיט אַ סוגעסטירטן אידעאַל ברענגען מיט זיך זייער אַסימילירטקייט אויך אַהין און ארץ־ישראל פאַריידישט זיי זייער נישט גרינג. אַ סך סכנות און שוועריקייט זענען אריינגעטראַכט געוואָרן אין א"י מיט די עליות פון אַסימילירטע עלעמענטן. אחד העם האָט נאָך מיט אַ 40 יאָר צוריק פאַרויסגעזען אין זיין קריטיק אויף ד"ר הערצלס „אַלט ניי לאַנד".

איין מאָל און פאַר אַלע מאָל וואָלטן אַלע ציוניסטן אין גלות און איבערהויפּט אין אַמעריקע געדאַרפט זיך אריינגעמען אין קאָפּ און אין הארץ: „עתידין בתי כנסיות ובתי מדרשות שבבל שיק־בעו בארץ ישראל" (מגילה כט׳א׳). דער געדאַנק פון די רייד איז, אַז די ארץ־ישראלדיקע גאולה וועט קומען נאָר דעמאָלט ווען די יידיש־קייט וואָס יידן שמידן אויס אין גלות וועט אריבערגעטראָגן ווערן אין ארץ־ישראל.

אויב אין א"י איז שוין פאַראַן דער סנאָביזם פון אויספּיינען זיך מיט ענגליש וכדומה (דר׳ צבי רודי אין הדואר נומ׳ כ׳), אויב יוגנט פון ארץ־ישראל וואָס קומט קיין אַמעריקע איז ווייניקער אויסגעהאַלטן אין איר יידישקייט, איז דאָס ווייל:

1) אין גלות פלאַנצן מיר ווייניק ליבע און אַכטונג און דרך־ארץ

צו אַלץ וואָס ס'פאָלק האָט געשאַפן און שאַפט און במילא צום פאָלק גופא.

2) ווייל אויך אין א"י האָט מען שטרעבנדיק צו נייעם פאַרלאָזט דאָס אַלטס, מען האָט בכיוון פאַרוואָרפן די „בתי כנסיות ובתי מדרשות שבבל".

און עס שלאָגט די לעצטע שעה צו פאַרריכטן דעם גרויסן טעות פון שלילת הגלות. מיר זענען דאָך דער לעצטער דור וואָס האָט געזען גאַנצע יידישקייט, און אויב מיר וועלן עס נישט טאָן, טאָ ווער דען?

אין אונזער לעבן און אין אונזער דערציאונג דאַרפן אַריינגעטראָגן ווערן די וויטערדיקע גרויסע קאָרעקטיון:

1) פון שלילת הגלות מוזן מיר איבערגיין צו קדושת העם. מיר מוזן אין זיך און אין די יונגע דורות פאַרהייליקן אַלץ וואָס עס איז פאָלקיש, יידיש, אַלץ וואָס ס'פאָלק טוט כדי צו זיין יידן, אויסגעשלאָסן דאָס אַלץ וואָס יידן טוען כדי צו זיין ענלעך צו אַנדערע, צו נישט יידן. אין אונזער גאַנצן לעבן, אין שטוב, אין געזעלשאַפט מוזן מיר געדענקען דעם אַלטן פרינציפּ פון הלל „פוק חזי עמא מאי קאעביד" אונדז פעלט אַזוי שטאַרק אַביסעלע דרך־ארץ פאַר יידן! און מיר מוזן דאָס איינפלאַנצן אין זיך, אין אונדזערע דורות! מיר זענען איינגעבאָרענע אימיטאַטאָרס, און מיר מוזן מיט אַלע אָנשטרענגונגען דאָס אַרויסרייסן פון זיך. קלוגע יידן הייסן אונדז תמיד זיך לערנען פון די גרויסע ליט פון דעם הערשנדיקן פאָלק. אָבער לערנען הייסט נישט קאָפּירן, נאָכמאַכן. וואָס פאַר אַ באַציאונג צו יידישקייט און צו יידנטום קען איינפלאַנצן אַ דור וואָס זיינע באַוווסטזיניקע, אינטעליגענטע און נאַציאָנאַלע יידן זאָגן, למשל: — דעם צווייטן טאָג נאָך קריסטמעס האַלט ער פאַרמאַכט זיין קראָם אויס דרך־ארץ צו זיינע גוישע שכנים. און באַלד נאָכדעם קען דער זעלביקער ייד אַ זאָג טאָן — ער האַלט נישט פון די נאַרישע סעודות וואָס יידן מאַכן פסח (געמיינט די סדרים). וועגן דעם אַז מען מעג אפשר אויך האָבן אַ קאַפּעלע דרך־ארץ פאַר דעם יידישן פאָלק, — דאָס פאַלט גאָרנישט איין דעם אינטעליגענטן ייד.

אָדער — אָט הער איך פון גאָר אַ דערהויבענעם יידישן אינטעליגענט: עס, אַז אַמאָל האָבן די יידן נישט געהאַט קיין צייט צו באַקן

ברויט, דאַרף מען טויזנטער יאָרן עסן מצה?... דער זעלביקער ייִד היט אָפּ זייער פרום זיינע נייִ־יאָר פּאַרטיעס און די געבורטס־טעג־קייקס פון זיינע קינדער מיט די הייליקע ליכטלעך. אים איז גאָר נישט איינגעפאַלן קיין מאָל זיך צו זאָגן: אַז מיט ניינצן אַ האַלבע הונדערט יאָר איז ביי איינעם אַ ייִדן געווען אַ ברית, דאַרף ער אַלע יאָר פּראַוועןנייִ־יאָר?... דאָ איז פאַראַן אַ קאָלעקטיוו וואָס אים ווילט זיך פילן געמיינזאַם מיט זיי. אָבער אַט אַזוינע נאַציאָנאַלע ייִדן זאָגן זיך קיינמאָל נישט, אַז זיי דאַרפן זען צו זיין אין איין געמיינשאַפט מיט אַלע דורות ייִדן. אַז אייביק האָט אַ פאָלק מיט ייִדן געגעסן מצה פּסח און געפאַסט יום־כּפּור מעג איך — יעקל בן פלעקל — אויך עס טאָן אויב אפילו מיין חכמה האַלט נישט פון שמייסן אויף יענער וועלט: פאַראַן אַזאַ זאַך ווי „לשם יחוד קדושת ישראל בריך הוא", און דאָ מעג אונדזער פּריוואַטער שכל און דער „איך" האַלט יאָ אָדער „איך" האַלט נישט אָפּטרעטן זיין בכורה. אַט די קדושת ישראל וואָס זי איז געוואָרן ביי אונדז אין צייט פון דעם ערשטן גלות בבל במקום פון אַ רעליגיע און וואָס זי האָט אונדז דורכגעטראָגן דורך צוויי טויזנט יאָר ביטערן גלות אונטער דעם פּסעוודאָנים פון גאָטס־פּאַרכטיקייט, אַט די קדושת ישראל מוזן מיר נעמען ווידער אויף זיך און אויף אונדזערע קינדער אויב מיר ווילן אַז עס זאָל זיין אַן עם ישראל וואָס זאָל פייאיק זיין צו דעראָבערן און איינצוהאַלטן אַן ארץ־ישראל.

2) אחדות העם — ביי ייִדן באַמיט מען זיך אומעטום אונטערצושטרייכן די פראַנקציאָנעלע אונטערשיידן צווישן ייִדן אין פאַרשיידענע לענדער. עס דראָט אונדז אַ גוואַלטיקע סכנה צעפּיצלט צו ווערן אויף אַ סך קליינע שבטימלעך — שערבלעך פון אַ ייִדישן פאָלק. די סכנה פון צעפּיצלונג איז נישט פאַרן מאָרגן, זי פונקציאָנירט שוין זינט דער ערשטער וועלט־מלחמה און דער צעפּיצלונג פון דעם ייִדישן תּהום אויף אַ סך מלוכות פון איין זייט און פון דעם שליסן די אימיגראַציע קיין אַמעריקע. די צעפּיצלונג פון ייִדישן פאָלק אויף קליינע לאָקאַלע שבטים לויט לענדער און מדינות איז אַ ווייטערדיקער שטאַפּל צו אונדזער אַלגעמיינעם אונטערגאַנג. און אַנשטאָט דעם לאָזונג „מיטן פּנים צום הויפּטפאָלק פון לאַנד" מוז מען אַרויסשטעלן אַ פאַרקערטן לאָ־

זונג „מיטן פּנים צו אַ פּאַריינִיקטן און איינהייטלעכן יידישן פּאָלק איבער אַלע לענדער און דורך אַלע צייטן". אָט דאָס מוז איצט ווערן דער זינען פון דעם אַלטן און אייביקן „שמע ישראל... אחד" — כּל־זמן עס איז „שמע", כּל־זמן עס פאַרשטייען זיך, עס איז דאָ אַן איינהייטלעכקייט און געמיינזאַמקייט צווישן יידן איבער לענדער, — כּל־זמן דאָס איז דאָ, — איז אויך פאַראַן אַן „אחד". נישט דורך אַגי־טאַציע און פּראָפּאַגאַנדע, — נאָר דורך געמיינזאַמקייט און איינהייט־לעכקייט פון מעשים, פון אויפפיר און זיטן אין לעבן וועלן מיר קענען קומען צו אָט דעם „אחד". — ווען אַלע יידן וועלן היטן צוויי שבתים וועט קומען משיח, — זאָגן יידן. און ס'איז ריכטיק: נאָר ווען מיר וועלן איינהייטלעך לעבן אין יידישקייט וועט קענען קומען די גאולה, אין דעם וועט זיין די גאולה. און צום סוף — צוריק צום

3) אתה בחרתנו. נישט דערפאַר ווייל אַלע אַנדערע פעלקער זענען גאָרנישט, נאָר ווייל אַ מענטש, אַ גרופּע אָן אַן אתה בחרתנו איז, פּשוט גערעדט, קראַנק. מענטשן דאַרפן זיך ליבער האָבן איידער אַנדערע, גרופּעס דאַרפן זיין צו זיך נענטער, זיך מער אַכטן און טאָקע אויך ליב האָבן.

* *
*

מען וועט זאָגן — עס איז שווער — מען דאַרף איבערמאַכן די יידן, מען דאַרף איבערמאַכן דעם כאַראַקטער. יאָ, געוויס! גרינג איז דאָס נישט, אָבער — און דעראָבערן און אויפבויען אַן ארץ־ישראל איז דען גרינגער? דאַרפן טאָקע די וואָס ווייסן וואָס עס הייסט „הגשמה עצמית", די וואָס פאַרשטייען וואָס עס באַטייט ווילדע עקשנות און פאַרעקשנטקייט ווילן צו ווערן אַ פאָלק דורך חלוציזם, די דאַרפן באַ־נעמען און באַגרייפן אַז:

דער וועג קיין ארץ־ישראל ליגט דורך „עם ישראל" אומעטום; דער וועג צו אַ יידישן ארץ־ישראל גייט דורך דער יידישקייט אין גלות. אָט דאָס איז די ערשטע גרויסע לעקציע וואָס ארץ־ישראל דאַרף געבן אַמע־ריקע, וואָס די יידישע יידן פון אַמעריקע מוזן זיך לערנען פון ארץ־ישראל.

די וואָס מיינען אַז ארץ־ישראל דאַרף ראַטעווען די יידן וואָס ווערן גערודפט, „אונזערע אומגליקלעכע ברידער"; די וואָס מיינען אַז מיט דעם אַריבערשיקן יידן קיין ארץ־ישראל איז די פּראָבלעם געענדיקט, די פאַרשטייען נישט וואָס א"י מיינט; די וואָס מיינען אַז איינביר־גערן זיך אין אַמעריקע מיינט מאַכן זיך אונטערטעניק קולטורעל און גייסטיק צו דעם הויפּט־פאָלק פון אַמעריקע, — די באַגרייפן נישט וואָס אַמעריקע באַטייט; די וואָס מיינען אַז יידן דאַרפן **זיך** צופּאַסן צו „אַמעריקע" און נישט צופּאַסן די מעגלעכקייטן און פרייהייטן פון אַמעריקע **צו זיך**, — די זענען וויסיקע אָדער אומוויסיקע אַסי־מילאַטאָרן; די וואָס מיינען אַוועקצושטעלן ארץ־ישראל אַנטקעגן דעם גלות, ווי אַן אַנטיטעזיס צו דער יידישקייט פון גלות, — די ווילן קיין ארץ־ישראל פאַר דעם יידישן פאָלק נישט אויפבויען; די וואָס מיינען אַז מיט א א"י הייבט זיך אָן אַ נייע יידישקייט, — די חזרן איבער די אומגליקלעכע תורות פון שבתי צבי; די וואָס מיינען צו באַפרידיקן זיך מיט ברעקלעך יידישקייט און פאַרלאָזן זיך מיט דער גאַנצער יידיש־קייט פון ארץ־ישראל, — פאַר די איז ארץ־ישראל לכתחילה אַ תירוץ, אַ פיינגנבלאַט פאַר אַסימילאַציע.

— יידן! וויל מען אַן ארץ־ישראל, — מוז מען אָפּהיטן דאָס עם ישראל.

באַמערקונג:

די אַרבעט איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך אַן אַרטיקל פון פּרי שלמה וויסמאַן אין „קולטור און לעבן". פון דאָרטן אויך די ציטאַ־טעס. א סימן — אויך דער אָפיציעלער ציוניזם איז נישט קיין שמירה פון... אַסימילאַציע, שלא מדעת זאָל זיין.

דער קיום פון יידישן פאָלק און דער יידישער לערער

אין לעצטן סך הכל איז דער מאָרגן פון אונדזער גאַנצן קיום אָפּהענגיק... פון יידישן לערער. ווי אַזוי? — אָט איז דער חשבון:

נישט דער חסד פון פעלקער האַלט אונדז אויף און גיט אונדז כוח צו לעבן, נישט מיטן כוח און נישט אין זכות פון גוטע און פרומע צדיקי אומות העולמדיקע פּרעזידענטן האַלטן מיר זיך אויף און נישט זיי וועלן אונדז געבן כוח זיך אויפצוהאַלטן אויף דער וועלט, נישט גוטע און פרומע דעמאָקראַטישע געזעצן אויפן פּאַפּיר וועלן אונדז פאַרזיכערן דעם מאָרגן אונדזערן אין לענדער; נישט די נדבותדיקע גוטסקייט פון די גוטע גויים וואָס גיבן זייער נאָמען פאַר אַלערליי „אַנטי אַנטיסעמיטישע" גרופּעס, קרייזן אָרגאַניזאַציעס וועט אונדז ראַטעווען פון דער אייביקער און אומפאַרמיידלעכער „שנאת עולם לעם עולם"; נישט די אויסגעבעטענע טשאַרטערס, דעקלאַראַציעס, ווייסביכער און שוואַרצביכער וועלן אונדז העלפן שאַפן זיך אַן אייגענע פאַרזיכקייט אין ארץ ישראל צי אנדערשוווּ; נישט די קאָנסערוואַטיוון מיטן „יידישן פּריינט" טשווירטשיל וועלן פון אונדז אַוועקנעמען פּאַלעסטינע און נישט די פריינטלעכע ליבעראַליסטן וועלן אונדז געבן ארץ ישראל; נישט די אַמאָליקע און נישט די מאָדערנע שתדלנים מכל המינים וואָס שטעלן זיך „פאַר מלכים ושרים" קענען אונדז באַוואָרענען דעם קיום אין דער וועלט...

א. גאָלאָמב

— ווײ איז צו אונדז ווען מיר פאַרלאָזן זיך אויף „מיצרים" און ווינד און ווײ איז אונדז ווען מיר וואַרטן אויף אַ הילף פֿון „בבל". אַזוי אַמאָל, און נאָך מער הײַנט.

דער כוח צו לעבן בײַ אַ פֿאָלק ווי בײַ איטלעכן אָרגאַניזם אין דער וועלט איז אַן אינעווייניקסטער, אַן אָרגאַנישער, וואָס האַלט זיך אין איטלעכן קעמערל, וואָס וואַקסט, אין איטלעכן צווייגעלע וואָס שפּראָצט. אין די מענטשן פֿון פֿאָלק, אין זײַנע יחידים, אין זײַנע קאָלעקטיוון — דאָרטן איז דער כוח צו לעבן, דער כוח צו לײַדן, דער כוח אויסצומײַדן פֿרעמדע רשעות און דער כוח צו פֿאַרשפּאָרן זוכן פֿרעמדע גוטסקייטן.

טויטן, אומברענגען, חרוב מאַכן, פֿאַרטיליקן, צעברעכן, צעשטעכן, צעראַבירן און פֿאַרניכטן אונדז — דאָס קענען אַלע.

„אַ גאַלגאַן פֿאַר מיר איז די וועלט שוין פֿון יאָרן"
(ביאַליק־י. י. שוואַרץ)

אַלע האָבן געקענט און אַלע קענען און — אַלע וועלן קענען: אַלע פֿעלקער האָבן געטרונקען און געזויפֿט אונדזער בלוט; אַלע דעמאָקראַטיעס, גרויסע און קלײנע האָבן שטיל־שווײַגנדיק געגעבן זייער ברכה אויף אונדזערע שחיטות, און פֿאַרשליסנדיק אַלע טיר און טויער האָבן זיי די שאָף צום שעכטן נישט געלאָזט חלילה אַנטלויפֿן פֿון דעם שוחטס חלף... איז מילא, נישט קיין חשבונות מיט דער גוטער און אָרנטלעכער, מיט דער דעמאָקראַטישער און טריאומפֿירנדיק־גערעכטער וועלט גײ איך דאָ פֿירן...

איך קען די חשבונות צו קיין סך הכל נישט דערפֿירן.

אויב עס איז נאָך ערגעץ אויף דער וועלט, און ערגעץ אין דער וועלט פֿאַראַן אַ גאָט פֿון גערעכטיקייט, אַ שופֿט כל הארץ, — זאָל ער אויב ער קען, פֿירן דעם חשבון, זאָל ער זיך רעכענען מיט אונדזערע שונאים און — נאָך מער מיט אונדזערע פֿרײַנט.

איך וויל דאָ נאָר מאַכן אַ קלײנעם חשבון, מיט אונדז אַליין, מיט זיך אַליין. ווײ און ווינד איז צו יענעם וואָס איז פּאַראַליזירט מיט אַטראָפֿירטע הענט און פֿיס און ער דאַרף וואַרטן אַז גוטע מענטשן זאָלן אים דערלאַנגען אַ טרונק וואַסער!

דער כוח אונדזערער צו לעבן אויף דער וועלט, דער כוח אויסצו־

קעמפן פאַר זיך אַ מאָרגן, אַ זיכערן מאָרגן, — דער כוח איז און מוז זיין נאָר אין אונדז אַליין. און נישט קיין פיזישער איז דער כוח, נאָר אַ מאָראַלישער. נישט די מיליטערן און נישט די פעסטונגען מיט די האַר־מאַטן האָבן ניט געראַטעוועט די באַלטישע לענדער, נישט די „הכוחס" און נישט די „מכבים" האָבן פאַרשריבן דעם קאַפּיטל גבורה אין די געטאָס.

עס איז דער כוח דער מאָראַלישער — דער גלויבן אין זיך, און די אַכטונג צו דעם אייגענעם קאָלעקטיוו, די קאָנצענטרירטקייט אין זיך און אין דער מאָראַלישער פאַרזיכיקייט. אויב מיר האָבן דורכגעטראָגן אַן אייביקייט פון שינאה און רשעות, אויב מיר האָבן איבערגעלעבט און דורכגעלעבט אַלעמען און אַלץ פון די פרימיטיווע מענטשן־פרעסער ביז די ציוויליזירטע, „זייף־פאַבריקאַנטן", — אויב מיר האָבן דאָס גע־קענט און אויב מיר וועלן עס נאָך קענען, — איז דאָס נאָר מיט דעם כוח פון דעם גלויבן אין דעם אייגענעם קאָלעקטיוון איך, מיט דעם כוח פון דעם נאָרמאַלן לעבנס אינסטינקט פון אַ קאָלעקטיוו.

מיט דעם אייגענעם קאָלעקטיוון איך, מיט דעם כוח פון נאָרמאַלן לעבנס אינסטינקט פון אַ קאָלעקטיוו.

און אָט דער אינעווייניקסטער כוח, דער מאָראַלישער „לעבנס עליקסיר" איז אַ זאַך וואָס ווערט איינגעפלאַנצט. מען ווערט מיט אים נישט געבאָרן. מען קען אים אויך נישט אויסלערנען אין פראַגמענטן און אין קוריקולומס. מען קען אים נישט „נעמען" אין קורסן און מען קען אויף אים נישט האַלטן קיין עקזאַמענס. מען זאַפּט אים איין די־רעקט אָן ווערטער און אָן רייד, אָן דערקלערונגען און אָן דעפיניציעס, אָן פאָרמולירונגען און אָן אַגיטאַציעס פון דער סביבה און פון לערער.

— פון דער סביבה: ווילנער יידישע פּורמאַנעס און שינדערס אין דער בוינע האָבן אין זיך געהאַט מער לעבנס כוח איידער אַלע פילאָ־סאָפיע־דאָקטוירים פון אַלע ראַבינער־שולן און פון אַלע האַכשולן פיר יודאיזם אין דייטשלאַנד און אין דער גאַנצער וועלט, מער נאַציאָנאַלן מוט און מער ענערגיע צו לעבן און אויך צו קענען אַ לעצטן שפּיי אין פּנים טאָן דעם הענקער־פאָלק. עס איז געווען אַ סביבה פון גאַנצער

יידישקייט און נישט פון האלבער גויישקייט מיט א צולאג (אזוי פלעגט מען זאגן אין ווילנע אויפן מארק) פון א שטיקל יידישקייט.

— פון דעם לערער ווי אזוי? — נישט פון זיינע לעקציעס און נישט פון אריינגעהאמערטע ידיעות, נאר פון אים אליין, פון זיין מענטשישקייט, פון זיין געמיט און זיין נשמה וואס ער קען אריינלייגן אין זיין ארבעט, פון דער אטמאספער וואס ער שאפט ביים לערער־טיש און נישט ביי אים... נישט דער לערער, דער געבער פון די לעקציעס, נאר דער יידישער מענטש אין דעם לערער — ער דערציט און ער נאר קען איבערגעבן בירושה דעם גייסט צו לעבן, דעם „סוד הקיום" פון יידישקייט אין יעדן יידן, די „מיסתורין", די וויטאליסטישע כוחות צו לעבן, בייצושטיין און אויסצושטיין.

אונדזער נאציאנאלער כוח צו לעבן אין א וועלט פון רשעות און דעמאקראטיע ליגט אין די „הבל פיהם פון די תינוקות של בית רבן", און אט דעם פייערל צינדט אן און קען אנצינדן נאר דער יידישער לערער.

אמאל, אמאל... אמאל, אמאל, אויך אין צייטן פון חורבונות און פיזישן אומקום האט מען דאס פארשטאנען, מען האט באוויזן דעם גרעסטן קונץ — אויפהאלטן א שטארקן גייסט אין גאר א שוואכן גוף. און מיט וואס? — „כל זמן די תינוקות של בית רבן זענען זיך עוסק אין דעם „הקול קול יעקב, וועלן קיינע ידי עשו אונדז נישט גובר זיין" אט דאס איז דער לעבנס־עליקסיר אונדזערער. שריפת הגוף והנשמה קימת.

„דו וועסט גיין אין וואסערן, און איך בין מיט דיר, — אין טייכן, און זיי וועלן דיך נישט פארפלייצן, דו וועסט גיין אין פייערן, — און דו וועסט נישט פארברענט ווערן, — אין פלאמען — און זיי וועלן דיך נישט אנצינדן (ישעיהו מג') — דאס איז דער כוח פון די תינוקות של בית רבן!

וויפל האבן מיר זיי? — אז א פאלק האט זיך איינגערעדט, אז עס מוז האדעווען נאר דאקטוירים, אדוואקאטן, אינזשיניערן, און אז דאס וויל נישט זען, אז אט די אויסגעהאדעוועטע גייע אינזשינערן האבן אטעסטאטן און זיי קענען נישט אנפירן די פאבריקן וואס זייערע טאטעס —

די פשוטע יידן האָבן אויפגעבויט און געפירט; אַז די נייע דאָקטוירים האָבן דיפּלאָמען און זיי באַגרייפן נישט ווי קראַנק זיי אַליין זענען גייסטיק און מאָראַליש און זיי קענען זיך נישט אויסהיילן; אַז די אַד־וואָקאַטן קענען אַלעמען געבן עצות נאָר זיך אַליין אַן עצה געבן ווי צו מאַכן אַ לעבן — דאָס קענען זיי נישט... און אַ פאָלק האָט פאַר די דיפּלאָם פאַפּירלעך אָוועקגעגעבן גאָר די נשמה פון די קינדער און עס לאָזט זיי מיט אַטראָפּירטע גייסטער.

וויפל תינוקות של בית רבן קען אַ פאָלק האָבן ווען פון געבאָרן טאָג אָן האָדעוועט עס זיינע קינדער ווי שלימזלדיקע, געבעכדיקע נאָכ־קרימערס פון פרעמדע לשונות און פון פרעמדע נעמען? וואָס פאַר אַ נשמה קען אַ קינד ירשענען פון זיינע עלטערן, ווען די עלטערן גיבן אים צו פאַרשטיין פון דעם ערשטן טאָג אָן: אונדזער נשמה, אונדזער גייסטיקע ירושה פון אונדזער פאָלק איז גאָר נישט ווערט, און מיר באַמיען זיך דיר צו געבן ווערטער, ליידיקע פלעשלעך, פון אַ קולטור וואָס מיר אַליין קענען זי נישט און האָבן זי נישט.

וויפל מוט און גייסטיקע ענערגיע קען האָבן אַ יונג וואָס מען האָט געהאָדעוועט אין הינערפלעט — זיי געהערן צו פאָלק וואָס מען וויל פון אים אַנטלויפן און דאָס איז דער תוך פון דער דערציאונג אין דער היים און וואָס מען וויל זי האָדעווען אין שפּראַך פון אַ פאָלק וואָס אַנט־לויפט מיט האַס פון אַט דער יוגנט?...

איז נאָך דעם אַלעם וויפל האָבן מיר תיקונות של בית רבן וואָס זיי זענען דער פונדאַמענט פון אונדזער קיום?

...ווי פרעמד און נישט פאַרשטענדלעך ווערן אַט די ווערטער מיי־נע זיין פאַר די פון אונדז וואָס האָבן זיך צוגעוווינט צו דענקען מיט פרעמדע פאַרשטעלונגען און באַגריפן? פונדאַמענטן פון לעבן זענען דאָך טעריטאָריעס, גרעניצן, האַרמאַטן, סאָלדאַטן, מינעראַלן, נאַפט... אין אַ וועלט פון מאָדערנער סאָציאַלער (נישט רעליגיעזער) געצנדינע־ריי ווען מען באַגרייפט נאָר רייכטימער מאַטעריעלע, כוחות פון אייזנ־עטאַן, מאַכט פון טאַנקען, און ווען מען דינט נאָר צו אַט די געצן פון נאַציעס, — ווי קען באַנעמען אַט דעם ריין יידישן גלויבן אין גייסטיקע כוחות, אין מאָראַלישע פונדאַמענטן פון נאַציאָנאַלן קיום?

איז דאָס שווער צו דערקלערן צו די וואָס דענקען מיט גוייש־גענצנדיגע־דישע פאָרשטעלונגען, אָבער פאַרפאַלן. קיין אנדער וועג האָבן מיר נישט.

...איז וויפל תינוקות של בית רבן האָבן מיר וואָס זאָלן פונדאַ־מענטירן, אויפהאַלטן דעם קיום פון פאָלק און פון זיי זאָל עס קוועלן די ענערגיע פון קיום? וויפל?

און די וואָס קומען צו אונדז, די וואָס מען ברענגט זיי אין די „גע־צעלטן פון שם און עבר" זיך אָנצושעפּן מיט קיום־וויטאַמינען, צי באַקומען זיי עס אין אונדזערע שולן? ...

...אויף קאָנפערענצן נעמט מען אָן באַשלוסן וועגן פּראָגראַמעס, וועגן אַריינגעמען אין קורס דאָס און יענץ, כל הנוטיקייטן, פון פויגל־מילך, אַלץ מיט אַן אַנדער און — עס וועט שוין גוט זיין!... און זיי ווייסן נישט און באַגרייפן נישט אַז די גוטע פּראָגראַמען מאַכערס אז...

בעסער איין יונג ביימעלע וואָס וואַקסט איידער אָנגעהאַקטע שטי־קער האָלץ פון אַ גאַנצן וואַלד מיט ביימער. און קיינע גוטע פּראָגראַמען וועלן קיין גוטס נישט ברענגען כל זמן עס וועט נישט זיין קיין אַרמיי פון לערערס מיט אַט דעם פייערל אין האַרצן וואָס מען רופט אין דער יידישער טראַדיציע מיטן נאָמען „רוח הקודש". און דאָ וואַקסט אויס אַ גרויסע און אַ שווערע פּראָבלעם, אַ טרויעריקער קאַפּיטל אין אונדזער לעבן: ווער זאָרגט פאַר אַ יידישן לערערטום, ווער האָדעוועט זיי און ווער דערציט זיי? וואָס פאַר אַ פּנים האָבן זיי אין דער יידישער געזעלשאַפט און וואָס פאַר אַ באַציאונג האָבן זיי אליין צו זיך? הפקר איז דער פעלד, נישט געגרעפּט און נישט געיעט, און פאַרוואַקסן מיט ווילדעניש...

און די וואָס בויען שולן זעען נישט ווייטער פון זייער „אייגענער" שול וואָס זיי האָבן געבויט לשם גבאות, לשם פּאַרטיי, לשם צולהכעיס דעם... קאָנקורענט. און ווער פון די שולבויערס באַנעמט און באַ־גרייפט די ראָלע פון קיום האומה דורך די תינוקות של בית רבן וואָס אין שולן וואָס זיי בויען? — און וואָס פאַר אַ דור, אַזוינע מנהיגים, — וואָס פאַר אַ פירערס, — אַזוינע לערערס...

דער אַלטער מלמד האָט געקענט זיין אַ פשוטער מלמד: נישט ער האָט געדאַרפט פּלאַנצן גייסטיקע כוחות, — דאָס האָט די סביבה גע־

טאָן פאר אים — די היים מיט איר אויסגעהאלטנקייט, מיט איר „ביי־זיי להבדיל״... דער בית־מדרש מיט זיין דיסציפלין... ווער האָט עס געדארפט דעם מלמדס נאציאָנאלע וויטאליסטישע השפעות?

עס דארף עס נישט קיין לערער ביי אנדערע פעלקער — פאר זיי ווירקט די נאָרמע פון לאנד, דאָס געזעץ, דער איינגעפונדעוועטער שמייגער, דער הוהא, דער גאַסיקער געפילדער, און די גאנצע איינשטעלונג פון לאנד.

וואָס איז דאָרטן א לערער? — אַן אָנגעשטעלטער קרעמער וואָס דארף אָפּשניידן שטיקער פּראָגראַם און עס פארקויפן זיינע קונדן. א שניידערישע פאבריק באַזאָרגט די וועלט מיט הויזן און א פּראָגראַם פאבריק (שול בלע״ז) — מיט סכומען פּראָגראַם, — „פון דאַנען ביז דאַנען״.

וואָס קענען אָבער אונדז העלפן און וואָס קענען פאר אונדז אויפטאָן לערערס פון אָט דעם טיפּ?

און וואָס פאר א לערערס האָבן מיר דאָ אין אונדזערע אמעריקעס?

— על פי רוב איז דאָס דער טיפּ — זאָלן מיר מוחל זיין אלע חברים לערערס פאר דעם ביטערן אמת — עברי־פעדלערס און ב.מ.ט. (בר מצווה טיטשערס). — וואָס וויל דער געערטער קונד? — א ביסל בר מצווה, א מפטיר מיט לאטיינישע אותיות, א שטיקל סידור, א ברעקל העברעאיש פאר אן אויסשטעלונג פאר געסט, א פרשה חומש, א שטיקל יידיש, א בריוול, א נאָכגעקרימטע דרשה, אן ארטיקל אָנגעשריבן בלומרשט פון תלמוד — אלץ פארקויף איך!... קונים, קונים, קומט אהער! עס באקומען זיך בריוו פון לערערס: איך קען לערנען וואָס איר ווילט, רעליגיע און וועלטלעכע זאכן, איך קען ארבעטן אין א רעליגיעזער שול און ביי די קאָמוניסטן, איך בין א העברעער און איך בין גרייט צו זיין א יידישיסט. דער עיקר — איר זאָלט נישט קאָנטראָלירן וואָס איך טו אליין אין מיין היים, ווי איך האָדעווע מיינע אייגענע קינדער ... עס ווערט אומעטיק אויפן הארצן אין דער מסיבה פון אזוינע לערערס. עס ווערט טרויעריק אין אנזיכט פון אזוינע לערערס: וואָס קענען אזוינע לערערס איבערגעבן זייערע תלמידים אויסער די אויסגעלערנטע קאַפּיטלעך פון פּראָגראַם וואָס מען גע־

דענקט ביזן עקזאמען? ביזן עקזאמען כדי דאָס נאָכדעם צו פאַרוואַרפן? און אַזוי ווי אין פּראַקטישן לעבן האָט דער יידישער אַטעסטאַט דאָך נישט קיין פּראַקטישן ווערט, וואַרפט מען אַרויס דאָס געלערנטע זייער אָפט נאָך פריער: מען פאַרדייט עס לכתחילה נישט. און דער פעדער־לערער — ער איז אין אָרדענונג: ער האָט זיינס געטאָן — ער האָט געלערנט. ניין, נישט דאָס איז דער לערער וואָס מיר דאַרפן.

אין אַמאָליקן רוסלאַנד האָבן מיר אים גערופן דער „קאַזיאָנער" לערער. „פאַר פינף טויזנט דאָלאַר א יאָר וועל איך לערנען אַלץ נאָר וואָס איר געפינט פאַר נייטיק" שרייבט א לערער. לערערס לערנען רעליגיע און אין האַרצן לאַכן זיי אַליין פון דעם וואָס זיי לערנען און וואָס זיי הייסן זייערע תּלמידים היטן. לערערס הייסן זייערע תּלמידים רעדן יידיש אָבער אַליין רעדן זיי מיט זייערע קינדער נאָר ענגליש, אָדער שפּאַניש, אָדער ווייס איך וואָס. לערערס פרעגן: צי דאַרף מען ביי אייך אין שול זיין ציוניסטיש צי נישט? לערערס ווייסן: זיי דאַרפן יוצא זיין פאַר די שול־טוערס און ווייטער גאָרנישט. זיי פאַרקויפן זייער אַרבעט, אָבער נישט זייער גייסט. „אין שול בין איך אַן אַנדערער און אין שטוב בין איך א פּריוואַטער מענטש, און קיינער קען מיר גאָרנישט זאָגן" — „אָט אַזוי פיל שעהן גיב איך אַוועק פאַר דעם געהאַלט, און אַחוץ דעם בין איך פריי פון אייך און פון אייער שול מיט אירע אַספּיראַציעס... וואָס מ'שטיינס געזאָגט קען אַזאַ לערער אויפטאָן אין א יידישער שול וואָס נישט די היים און נישט די ווייטערע קרייזן שאַפן נישט קיין אַטמאָספערע? קיינע נאָרמעס, געזעצן האָט נישט אַזאַ לערער, קיין דיסציפּלין. דער נישט־יידישער לערער האָט א דיסציפּלין, א נאָרמע און א געזעץ, וואָס און ווי צו לערנען. איז די נאָרמע א פאַקטאָר וואָס דערציט, וואָס דיסציפּלינירט. אין יידישן לעבן אָבער איז דאָך הפקר, כל הישר בעיניו יעשה, ווי יעדן פאַרדרייט זיין צופעליקער ווילן. און ווי איז גערעדט געוואָרן ווען דער לערער האָט טאַקע צו זיין אַרבעט אויך נישט קיין מאָראַלישע אחריות — גיי היט א לערער. אין דער הפקרדיקייט פון יידישן לעבן אין אַמעריקע איז גאָרנישט אויסגעשלאָסן א מענטש זאָל פאַרלירן די מאָראַלישע אחריות

צו זיין ארבעט. איז צי קען אזא לערער עפעס אויסלערנען פון יידיש־קייט — דאס איז א פראגע. אז ער קען דעמאראליזירן — דאס איז זיכער. אז ער קען איינפלאנצן אן אונטערבאוווסטזיניקע פארשטעלונג: אין אלץ וואס נישט־יידיש איז פאראן א דיסציפלין און מען מוז זיך צוגעוווינען צו נארמען און אחריות, אבער צו אלץ וואס יידיש איז דארף מען קיין אחריות נישט, אלץ איז הפקר, און — מען רעדט און מען טוט אנדערש, און מען איז יוצא מיטן רעדן... און וואס עס קענען זיין די רעזולטאטן פון אזא דערציאונג, — וועגן דעם פארשפארט מען צו שרייבן. בכל אופן איז בעסער גארנישט איידער אזא יידישע דערציאונג... דער בעסערער טיפ לערער איז אן איבערגעזעצטער לערער. זיין דערציאונג און זיין בילדונג האט ער געקראגן אין ענגליש. די באגריפן זיינע זענען פון א פרעמדער וועלט גענומען, נישט נאר די ווערטער. די גאנצע ראלע פון דער שול, אירע אויפגאבעס זענען גאר אנדערע, גארנישט ענלעך צו די וואס די יידישע שול מוז זיך שטעלן. ער האט געשטודירט פעדאגאגיק... זייט מוחל — נישט געשטודירט, נאר גענומען א קורס, אפגעגעבן אן עקזאמען, געקראגן א פאפירל, א דעגרי, בלע"ז. — די תורה וואס ער האט געלערנט האט ער פארגעסן, דאס פאפירל איז געבליבן. און אט קומט ער אין א יידישע שול אריין. ער קומט מיט ארנטלעכע גוטע כוונות, און געפינט אז עפעס איז עס נישט דאס וואס ער איז צוגעווינט צו רעכענען פאר דער נארמע. ער אליין האט די באציאונג ווי ער וואלט געקומען פון אן אנשטענדיקער היים אין א דערונטערדיקע אריין. קיין טיפערע אייגענע באציאונג צו זיין יידישקייט האט ער דאך נישט. פון דער אלגעמיינער שול, פון דער טיילערקע פון דעגרים האט ער דאך נישט געקענט באקומען אזא באציאונג... פון א רייכן קרוב ווו אלץ איז איינגעארדנט און סיסטעמאטיזירט און אלץ איז אזוי רייך אויסגעפוצט איז ער געקומען, אט דער לערער, אין אן ארעמע היים אריין... און ביסלעכווייז מוז זיך ביי אט דעם לערער בייטן די באציאונג אין דער זעלביקער ריכטונג וואס ביים ערשטן טיפ. די הפקרדיקייט עסט אויף דעם מענטשן מיט דעם לערער צוזאמען.

און ווען דער לערער האָט נאָך ווען עס איז געהאַט אַמביציעס פון פּעדאַגאָגישער שעפערישקייט, שטאַרבן זיי אָפּ, און עס בלייבט — אַ מעכאַנישער לעקציעס געבער.

און ווי איז נאָך ווען דער לערער איז אַ מענטש מיט פּערזענלעכע קאַריערע־אַמביציעס. ביי גויים דאַרף מען אַרבעטן כדי זיך אַרויסצו־הייבן. עס איז פאַראַן אַ היעראַרכיע, מען דאַרף בהדרגה שטייגן דורך אַרבעט. נישט אַזוי איז אָבער ביי יידן: דו שטייגסט ווען דו איגפּאָ־נירסט די באַלעבאַטים. און דאָס קען מען דאָך נישט נאָר דורך אַר־בעט... און... אַז איך וועל יענעם אַראָפּמאַכן, וועל איך זיך אויפהייבן. און פאַרוואָס טאַקע נישט? — איך האָב אויך אַ דעגרי... און „מי שמך?" און פאָלגט מיר אַ גאַנג, און זאָלן אַזוינע לערערס איינפלאַנצן אַ געפיל פון נאַציאָנאַלער אחריות און פון דיסציפּלין.

און וואָס טוט דאָס יידיש פאָלק אין די אַמעריקעס? וואָס טוט מען כדי צו באַזאָרגן דעם נויטיקסטן קאָדער קולטור־אַרבעטער?

— וואָס טוט מען? — מען גרייט ראַבאַים, נישט קיין לערערס. „און עס איז פול געוואָרן זייער לאַנד מיט ראַבאַים, מיט מינק־פוטערס, מיט דימענטענע רינגען און מיט ראַבאַים." „און זיי פירן די גרענדע, און זיי זאָגן די דעות און זיי זענען די „מנהיגי הדור". און וואָס זע־נען זיי אַזוי, אָט די ראַבאַים? — ווען איך האָב גענומען זוכן אין אונדזער לאַנגער געשיכטע דעם אַנאַלאָג פון די היינטיקע ראַבאַים איז מיר לאַנג נישט אויסגעקומען צו זוכן: דאָס זענען דאָך די כוהנים פון בעל! נישט צום גאָט פון יידישקייט דינען זיי נייערט צום גאָט פון אַמעריקאַנישקייט. זיי באַמיען זיך צו געפינען חן און לייטזעלי־קייט אין די אויגן פון גויים און זיי זענען יוצא מיטן אָפּנאַרן דעם גאָט פון יידישקייט דורך אַ שטיקל זונטיקדיקן „שערמאָן" (גאָטעסדינסט). און ווען זיי ווילן נאָך געבן אַ נדבה דעם יידישן גאָט, טראָגן זיי איבער און פּראַווען זייער זונטיק אום שבת. און אַז גאָר גוט, זענען זיי ווי די אַמאָליקע שומרונים: פאַר גאָט האָבן זיי מורא און די געצן דינען זיי (מלכים ב׳יז׳33). און זיי ווילן נישט וויסן אַז אפילו די סובאָטניקעס — (די היטער פון דעם זיבעטן טאָג), וואָס היטן דעם שבת בעסער

ווי די אמעריקאַנער יידן, און זיי עסן נישט קיין חזיר אָפּגעהיטער פון יידן, — אז זיי זענען פּאַרט און זיי בלייבן גויים. און ווען מען לעבט אַ לעבן קאַפּירט און נאָכגעמאַכט די גויים און מען לאָזט די יאַרמלקע, און מען ראַזירט זיך נאָר מיט עלעקטרי און ווען אפילו מען היט דעם גאַנצן שולחן ערוך, איז מען פּאַרט אַ גוי, אַן אמעריקאַנער גוי און נישט קיין ייד מער. דאָס זענען גויים פון דער יידישער רעליגיע, אָבער נישט קיין יידן. צו זיין יידן דאַרף מען פירן אַ המשך פון יידישקייט, פון שטייגער. מיט רעליגיע אַליין איז מען נאָך ווייט נישט קיין ייד. און אָט זענען די מאָדערנע כוהנים פון בעל, די דינערס פון אסימי־לאַציע, די יידישע קאָפּיע פון די פּראָטעסטאַנטישע גלחים — זיי זע־נען פול אַלע ווינקעלעך פון יידישן לעבן, און עס איז נישטאָ דער אליהו, וואָס זאָל זיי אַ שמיץ טאָן „אהער אָדער אהין — אָדער מען איז גאַנצע גויים אָדער גאַנצע יידן” און מען טאַנצט נישט אויף צוויי וועלטן...

קיין לערערס האָבן מיר נישט אין אמעריקע נאָר ראַבאַים און ראַ־באַים, און זיי פּראַוועון די גרענדע, און זיי זאָגן די דעות, און זיי פירן דאָס פאָלק — „אַז דער פּאַסטוך איז ברוגז אויף דער טשערעדע מאַכט ער פאַרן פירער אַ בלינדן” (פון תלמוד). איז האָב איך נישט קיין טע־נות צו די יידישע אסימילאַטאָרן — זיי גלויבן אין גוישקייט, זיי ווילן זיין גויים און לאָזן פאַר זיך מיט זייערע אַ רעשטל פון מאַרינירטער רעליגיע, — טוען זיי עס. עס איז צום לאַכן (אָדער צום וויינען) ווי מען קריגט זיך וועגן דעם וואָסער רעשטל פון רעליגיע זאָל מען לאָזן, אָבער זיי זענען אויסגעהאַלטן, זיי טוען עס מיט זייער גאַנצן ערנסט. זיי זענען אויסגעהאַלטן.

טענות מוז מען האָבן צו די וועלטלעכע יידן. זיי דאַרפן דאָך וויסן און זיי וויסן מן הסתם אַז יידישקייט איז נישט רעליגיע, און אַז גאָר די „רעליגיעזע” יידישקייט איז נישט קיין רעליגיע געגעבן פון הימל נאָר עס איז די נאַציאָנאַלע שאַפונג פון יידישן פאָלק אין זיין לאַנגער געשיכטע, און זיי האַלטן דאָך פון יידישן פאָלק, טאָ וואָס האָבן זיי גע־מאַכט און וואָס טוען זיי כדי אָט די שאַפונגען פון פאָלק צו פאַרשפּרייטן

אין פאָלק, כדי איבערצוגעבן דעם פאָלקס אוצרות צו די קומענדיקע דורות?

זיי האַלטן זיך פאַר יידישיסטן, זיי האַלטן טייער דאָס יידיש לשון, גוט, אָבער וואָס האָבן זיי געטאָן אַז זייערע קינדער זאָלן אָט דאָס לשון האַלטן טייער, אים קענען און וועלן אים נוצן? וואָס האָבן זיי געטאָ! כדי אָט דאָס לשון זאָל אין זיך אַריינגעמען די אוצרות פון פאָלק? אוודאי איז יידיש פאַר אונדז איצט דאָס וואָס אַראַמיש איז געווען פאַר די יידן אין בבל, — די כלי פון גאָר דער יידישקייט, אָבער וואָס טויג אַ כלי אַ ליידיקע, וואָס מען האָט פון איר אַרויסגעגאָסן גאָר דעם וויין?

האָבן יידישיסטן זיך אָפּגעזאָגט פון אַלץ מיט אַן אַנדער. אַלע יידי־שע מנהגים און פירונגען זענען „פסול מחמת רעליגיע", און זיי זענען אַנטי־רעליגיעז, יום טובים זענען טריף; אַלע יידישע שאַפונגען וואָס זענען אין העברעאיש זענען מאַן דבר שמיה, חס מלהזכיר — מיר האַלטן נישט פון העברעאיש! — טאָ זייט זיך מטריח און זעצט עס איבער אין יידיש. — דאַרף מען דאָס אויך נישט. איז מען געבליבן ביי אַ שטיקל ליידיקן און אויסגעליידיקטן יידיש. איז מען יוצא מיט קומען רעדן יידיש אויף אַ פאַרזאַמלונג. און מער נישט, האָט מען גע־בויט שולבעלעך, נישט שולן צו דערציען בירגער פון יידישן פאָלק, נאָר בפירוש שולבעלעך מיט אַ יידישן אָפּענדיקס צו דעם אַמעריקאַנער גוייזם. האָט מען לכתחילה אין די שולן נישט געגלויבט: האָט מען גע־געבן אַ גראָשן און געקרעכצט פאַר אַ דאָלאַר. האָט מען די שולן גע־האַלטן אין פאַרלאָזטע קרעמלעך מיט בלעכענע אייוועלעך צום הייצן, האָט מען אָנגעשטעלט לערערס און זיי געמאַכט פאַר באַדינערס און פאַר הייצערס און פאַר שכר־לימוד קלייבערס און פאַר רעזשיסאָרן, זיי זאָלן זוכן מיטלען צו פאַרווילן דעם עולם און צונויפזאַמלען פאַר זיך אויף געהאַלט. האָט מען דעם פאַרגוייִשטן ראַבאַי געגעבן כבוד און דעם יידישן לערער — געקליבענע ברעקלעך און עמאַרצישע דעות. זענען פעאיקע מענטשן געלאָפן פון די שולן ווי פון אַ מגפה. אידעאַליסטן לערערס — מיט אַ וויטיק אין האַרצן און אַ טיפער באַליידיקונג. האָט מען גאָרנישט געטראַכט אַז יידישקייט ענדיקט זיך נישט מיט אַ יידישן

קינדער־לידל וואָס א קינד דעקלאַמירט פאר געסט, אז מיר זענען א פאָלק פון פיר טויזנט יאָר אלט און אז אָט די אַלע יאָרן האָט דאָס פאָלק געשאפן, און קינדער פון א פאָלק מוזן איינזאפּן די שאפונגען פון דעם פאָלק. האָט מען אין פינף און דרייסיק יאָר ארבעט נישט באוויזן אין גאָר די שטאטן צו שאפן כאָטש איין טאָג־שול, כאָטש איין המשך־שול, וואָס זאָל טאקע באמת וועלן און קענען אויסהאָדעווען אינטעלי־גענטן יידישע אין יידישע שולן. ווייטער פון אלף בית ביכל נישט א טראָט. איז דען די גאנצע וועלטלעכע יידישקייט אויך א מין אסימי־לאציע מיט א רעשטל פון יידישן לשון פאר איין דור נאָך?!

איך באמי זיך ארייצוטראכטן און געפינען די טיפערע אידעאָלאָ־גיע פון דעם וועלטלעכן יידישיזם ווי ער איז געווען אין לעבן, — און איך קום צו א טרויעריקן אויספיר, אז אזא אידעאָלאָגיע איז לכתחילה נישט געווען. עס איז נישט געווען קיין גלויבן און קיין ווילן צו א גאנץ יידיש פאָלק אויפן באזיס פון וועלטלעכער יידישקייט. עס איז נאָר געווען א תירוץ, אן אויסרייד אָפּצוּוואַרפן אַל דאָס יידישעס וואָס איז נישט יידיש לויטן לשון און נישט וועלטלעך (דאָס הייסט האָר און גאָר).

אין איטלעכער אידעע איז פאראן איין זייט א פּאָזיטיווע — דאָס אין וואָס מען גלויבט, און א נעגאטיווע — וואָס מען וואַרפט אָפּ. איז פראַנט ווי א שילד שטעלט מען תמיד ארויס דאָס פּאָזיטיווע: זעט צו וואָס מיר שטרעבן! אָבער דאָס פּאָזיטיווע ווערט זייער זעלטן דער־גרייכט. דערפאר אָבער דערגרייכט מען תמיד דאָס נעגאטיווע. אָפּוואַרפן איז גרינג. האָבן קיינע משיחים ביז איצט אונדז נישט געראטעוועט, אָבער די נעגאציע פון יידישן לעבן אין גלות האָבן זיי אַלע דערגרייכט און — נעגירט און אוועק מחוץ פון יידישן פאָלק.

האָבן אלע „דערגרייכער־גרופּעס" אין צארישן רוסלאנד געשטרעבט צו גלייכע רעכט פארן יידישן פאָלק. נאָר ווי יעדערער פון זיי האָט גע־קראָגן מעגלעכקייטן צו ווערן אוים ייד האָט זיך פאר אים דער קאמף פאר רעכט געענדיקט. דאָס זעלביקע איז געשען אין אָנהויב פון פאָריקן יאָרהונדערט אין דייטשלאנד, אין דער צייט פון השכלה, עמאנציפּאציע און אנדערע גליקן. אזוי איז געווען מיט הונדערט יאָר שפּעטער מיט די

בונדיסטן אין רוסלאַנד ווי נאָר זיי האָבן זיך געקענט אַריינגיסן אין דער הערשנדיקער פּאַרטיי, האָבן זיי מותר געווען אויף זייער יידישע פּאַרטיי און זי מיט אייגענע הענט באַגראָבן און איר קבר פאַרשוועכט. און דער סוף ווייזט אויף די לכתחילהדיקע כוונות וואָס מען באַהאַלט הינטער די שיין אויסגעפּוצטע פּאָזיטיווע לאָזונגען...

דוכט זיך מיר אָפּט אַז די גאַנצע באַוועגונג פון וועלטלעכער יידישקייט איז אין תוך אַריין אויך געווען נאָר אַזאַ שילד־מאַסקע, אַ פייגנבלאַט די נאַקעטע חרפּה פון אַסימילאַציע צו פאַרדעקן.

ווילט איר אָפּשאַצן אַ באַוועגונג, אַ ריכטונג, — טאָ קוקט נישט אויף די מענטשן פון דער ריכטונג, קוקט אויף די קינדער וואָס זיי האָבן אויסגעהאָדעוועט. אין דעם וואָס די קינדער זענען שפּיגלט זיך אָפּ די אינטימע ריכטונג, וווהין די עלטערן האָבן געפירט...

ווי דאָס זאָל נישט זיין, אָבער אידעאַליסטישע לערערס זענען זיך צעלאָפן. פּעאיקע מענטשן — געוווים. די געבליבענע גייען אַרום פאַרביטערט און פאַרצאָרנט. די געטרייע טוערס פון די שולן זענען אַלט און מיד געוואָרן. ריכטונגען וואָס האָבן געבויט נאַציאָנאַל־וועלטלעכע שולן האָבן אין דער זעלביקער צייט אויך געטאָן אַנדערע אַרבעטן, און אויף יענע געביטן האָט מען אויפגעטאָן נישט אין פאַרגלייך מערער. ווייל דאָרטן איז געווען גלויבן, במילא מוט און חשק. אויף דעם שולגעביט? — אַמאָל האָט מען מיט זיי אַ שידוך געטאָן. קיין שטאַרקע ליבע איז לכתחילה אויך נישט געווען. און איצט — נו, מען וואַרפט נישט קיין קינדער אפילו פון אַ נישט געליבטער פרוי אויף דער גאַס... מאָנט אַמאָל אַן אַלטער לערער פון זיין פּאַרטיי (דר׳ יצחק שאַפּיראָ) אַקטיווקייט, אַרבעט — און מען ענטפערט אים קאַלטע לאָקשן... תירוצים פאַר די בענטש ליכט.

און קיין לערערס זענען אַלץ נישטאָ. אָן לערערס וועלן קיין שולן נישט קענען זיין, עס וועט נישט זיין קיין יידישע דערציאונג. און אָן יידישער דערציאונג איז נישטאָ און עס וועט נישט זיין קיין יידיש פאָלק אין אַמעריקע.

אַסימילאַציע מיינט איר? — ניין. נישטאָ מער קיין אַסימילאַציע פאַר יידן אין דער וועלט. פרעמדע זענען מיר פאַר אַלעמען און פרעמדע

וועלן מיר בלייבן. אויסגעוואָרצלט פון יידישקייט און נישט איינגע־וואָרצלט אין ערגעץ. דעמאָראַליזירטע, אָן א גלויבן אין זיך וועלן מיר זיך טולען צו אַלע פעלקער אין דער וועלט, — און אַלע וועלן אונדז יאָגן און טרייבן ווייל מיר וועלן אומעטום און פאר אַלעמען זיין פרעמ־דע. און אָן שולן, און אָן דערציאונג, און אָן לערערס וועלן מיר און אונדזערע קינדער זיין פרעמדע אויך פאר זיך אליין. קיין לערערס זע־נען נישטאָ אָבער ראבאים פעלן נישט, אַט די כוהנים פון בעל, די לע־רערם און פירערם פון פרעמדקייט אין זיך אליין. און זיי פארנעמען דאָס אָרט אויבן אָן, דאָס אָרט וואָס עס האָט געדארפט פארנעמען דער יידישער לערער וואָס איז נישטאָ.

א סברה, אז מיט דער צייט, אָן יידישקייט וועלן אויך נישט זיין קיין ראבאים. שוין איצט זענען די גרעסטע צאָל ראבאים קינדער פון אי־מיגראנטן און אליין אימיגראנטן פון מזרח אייראָפּע. די אמעריקאני־זירטע יידן דארפן שוין דאָס אויך נישט.

איז שוין שפּעט צו טראכטן וועגן שולן און וועגן לערערס?

— ניין, קיין שפּעט, נאָר ווו נעמט מען די טוערס מיטן גרויסן גלויבן אין יידישקייט? די יידן וואָס טוען און בויען אויף דער יידישער גאַס, זיי האָבן א קורצזיכטיקן גלויבן: די ציוניסטן גלייבן נישט אין ארץ ישראל פארן יידישן פאָלק נאָר אין זייער ציוניסטישער פארטיי פון זייער שטאָט און נישט מער. און אזוי אַלע פארטייען און גרופּעס: איטלעכער ייד ווייסט נאָר דאָס קליין ווינקעלע ווו ער האָט אן אמט און ווייטער וויל ער נישט וויסן און ווייטער גרייכט נישט זיין גייסטיקער בליק.

די שול איז דער יסוד

הער איך ווי מען קריגט זיך ביי אונדז וועגן דעם, וויפל קאפּיטלעך געשיכטע אָדער וויפל הונדערט ווערטער זאָל מען לערנען אין די יידי־שע שולן, דוכט זיך מיר: מענטשן פלאָנטערן זיך אויף בלינדע וועגעלעך, וואָס דורך זיי קען מען צו קיין שום תכלית נישט קומען און פארעקשנט

ווײַל מען נישט אַרויף אויף דעם הויפּט־וועג, וואָס בלויז דורך אים קען מען ערגעץ קומען.

דאָ נישט לאַנג האָב איך געהערט אַ פֿײַנע יידישע רעדע פֿון אַ יונגן יידישן בחור אויף אַ יום־טוב פֿון אַ יידישער שול: יידיש האָט אים פֿאַרבונדן מיט טאַטע־מאַמע, מיט דער יידישער וועלט מיט דורות. איצט פֿאַרגעסט ער בײַסלעכווײַז וואָס די יידישע שול האָט אים געגעבן: אין פּראַקטישן לעבן פֿון יידישן סטודענט האָט די שול־ירושה קיין חלק נישט. און אַזוי ווי די רייד זענען געווען אויפֿריכטיק און די שפּראַך — יידיש־וואָרצלדיק, האָבן באַיאָרנטע שול־טוער מיט אַ פֿערטל יאָרהונדערט סטאַזש געהערט די רייד מיט נחת, מיט פֿרייד: „אָט זענען די דיווידענדן פֿון אונדזער אַרײַנגעלייגטער אַרבעט". און איך? — מיך האָבן די ווערטער געפּײַניקט מיט טרויער: ווײַל —

— פֿאַרבונדנקייט מיט דער פֿאַרגאַנגענהייט איז זייער גוט. אָן דעם נעכטן איז נישטאָ קיין הײַנט. אָבער ווי איז צו דעם נעכטן מיט דעם הײַנט צוזאַמען, ווען זיי בויען נישט קיין מאָרגן און — אָדער אָדער: אָדער די יידישע שול וועט אונדז העלפֿן לעבן און בויען אַ יידיש לעבן אויף דער וועלט. אָדער מען דאַרף זי אינגאַנצן נישט: ערגער פֿון אַלץ איז די האַלבקייט, — אַהער און אַהין, צו גאָט און צו לײַט, אַ ביסעלע פֿאַר דעם בית־מדרש און אַ קאַפּעלע פֿאַרן קלויסטער, „אי נאשים אי וואשים" — ווי מען זאָגט עס אין דער אַלטער היים. פֿון אַזאַ מין דינען צו אַלע געטער קומט אַרויס איין גרויסער גאָרנישט. ווײַל מען דאָס און דאָס אויך, האָט מען נישט דאָס און נישט דאָס.

אויב די גאַנצע פֿראַגע איז וועגן עטלעכע קאַפּיטלעך געשיכטע און נאָך דרײַ הונדערט אויסגעלערנטע יידישע ווערטער, — לוינט נישט די גאַנצע אָנשטרענגונג — מיט דעם ווי אָן דעם.

ניין אָבער! איז די אויפֿגאַבע פֿון דער יידישער שול אין אַמעריקע ווי אומעטום אויף דער גאָרער וועלט טאַקע צו העלפֿן בויען די צוקונפֿט פֿון יידישן פֿאָלק. מוז זי, די יידישע שול העלפֿן דער יידישער יוגנט בויען איר לעבן. וועלן יידן לעבן אין זייערע נײַע היימען, וועט עס מוזן זײַן מיט דער הילף פֿון דער יידישער שול. אָן דער יידישער שול —

ווער ווייסט וואָס פאר א לעבן עס שטייט פאָר דעם יידישן פאָלק איבער דער וועלט.

ווי אזוי? פון וואנען אזא קאָנסטרוקטיווער כוח ביי דער יידישער שול?

מען מוז דערצו אָנהייבן אביסל פון דער ווייטן:

עס זענען אין יידישן לעבן פאראן צוויי קעגנזייטיקע אידעעם: איינע זאָגט, אז יידן קענען עקזיסטירן אויף דער וועלט בלויז ווען דער יחיד איז פארבונדן מיט א יידישן כלל. אָן א קאָלעקטיוון יידישן לעבן קען נישט זיין געזיכערט דער קיום פון יידישן אינדיווידי. דאָס איז די אידעע פון דער יידישער טראדיציע און אין אן אנדער זינען פון דעם ציוניזם. די צווייטע טעאָריע לייקנט די נייטיקייט פון אָרגאניזירטן יידישן קאָלעקטיוון לעבן. יעטווידער ייד באזונדער קען לעבן און רואיק, גליקלעך זיך איינלעבן און אויסלעבן זיך אין אלגעמיינעם קאָלעקטיוו פון דער הערשנדיקער נאציע אָדער פון מלוכה. יידישקייט איז א פריוואטע זאך, עלעהיי א קלוב. דאָס איז דער גאנג פון דער אסימילאציע, פון דער השכלה, פון די יאהודים און — צו קיין חרפה זאָל עס אונדז נישט זיין — אויך פון דעם נאַאיוון פארפלאכטן יידישיזם, וואָס אָט קלאָגט ער אויף אונטערגאנג פון יידיש און אָט וויל ער גאָרנישט טאָן כדי צו בויען א יידישן לעבן. יידישע סאָציאל־קולטורעלע אָרגאניזירטקייט איז „סעפאראטיזם", איז „געטאָ", איז טריף, סכנות נפשות, איזאָלאציע, גאָט זאָל שומר ומציל זיין. דער אידעאל איז צענדליקער יאָרן געווען — „גלייכבארעכטיקונג", וואָס מיט אנדערע ווערטער הייסט עס — רעכט פאר יידישע יחידים צו לעבן אויסער די ראמען פון יידישע קאָלעקטיוו, פון יידישער אָרגאניזירטקייט. די צעשטויבונג פון יידישע מאסן און די אינפילטראציע פון די צעשטויבטע יידישע יחידים אין נישט־יידישע סאָציאל־קולטורעלע קאָלעקטיוון ווערט נאָך איצט באזונגען ווי „קאָאָפעראציע" פון פעלקער און נאָך אנדערע שיינע נעמען. יידישקייט איז א צוגאָב צום „לעבן". פאר די יאהודים איז דער צוגאָב א טעמפל־גאָטעסדינסט מיט א סאָנדיי־סקול, וואָס דערציילט יידישע שקצים, אז אמאָל איז געווען א „בייבל". פאר די נאאיווע יידישיסטן איז יידישקייט, א פארזאמלונג אויף יידיש, א קבלת פנים אָדער א

יאָרצייט, אָפּדרוקן א בוך, וואָס בלויז קריטיקער וועלן לייענען, ארויס־געבן א זשורנאַל און פאַרקויפן צו מענטשן, וואָס וועלן אים נישט לייע־נען סיווי. אָט דאָס און עטלעכע שעה א וואָך יידישע צוגאָב־שול... מען דאַרף נישט זיין קיין „מאַקסימאַליסטן" וואָס זאָלן מיר טאָן? — מען מוז זיך באַגנוגענען מיט אביסעלע. א שמחה, א גדולה: איינער פון טויזנט יידישע קינדער קען אביסעלע רעדן יידיש...

אויב דאָס איז יידישקייט, איז שוין בעסער אָן דעם... אויב דער אידעאַל איז — נאָר נישט „איזאָלאַציע", אויב מען דאַרף אין ערגעץ נישט דערקענען דעם יידן, אויב סעפּאַראַטע יידישע סאָציאַל־קולטורע־לע אָרגאַניזירטקייט, איז „געטאָ", זאָל גאָט היטן; אויב א שרייבער אין א יידישן צייטונג האַלט, אז יידיש לעבן איז געטאָ און דאָס שטרעבן צו דעם איז „בטלנות", אויב יידישע צייטונגען און ביכער דאַרף מען בלויז פאַר די, וואָס קענען „נאָך נישט" קיין „לאַנד־שפּראַך"; אויב די יידישע שול דאַרף, חלילה, נישט אָפּזונדערן די יידישע קינדער פון זייע־רע חברים, — אויב אַזוי, — איז שוין בעסער אָן איר. בעסער גאַנצע שקצים איידער שטיקלעך יידן. יידישע צייטונגען קלאָגן זיך, וואָס עס ווערן ווייניקער לייענער און שרייבן בריוו צו זייערע יידישע לייענער אין דער לאַנד־שפּראַך. יידישע זשורנאַלן, פאַרלאַגן, טעאַטערס — אַלע קלאָגן זיך אויף פאַרמינערונג פון געברויכער און טוען דאָס פאַרקער־טע, וואָס מען וואָלט געדאַרפט טאָן כדי צו דערציען נייע קאַדרען לייע־נער, געברויכער, דאָס איז דער רעזולטאַט פון דער שיטה — יידיש־קייט איז אביסל יידיש ווי א צוגאָב צום לעבן — די טעאָריע פון פאַר־פלאַכטן יידישיזם אין אַמעריקע, דאָס איז אויך אַסימילאַציע מיט א זכר ליידיש, ווי א טעמפּל ביי די יאַהודים, להבדיל.

איצט איז אָבער, דאַכט זיך, שוין קלאָר פאַר א בלינדן אפילו אז אָן אָרגאַניזירטער קאָלעקטיווער יידישקייט קענען יידן נישט עקזיסטירן. [illegible] אָרגאַניזירטקייט און פעסטקייט פון יידישן קאָלעקטיוו. אמת, מיר ווילן נישט אַנערקענען אָט דעם כלל. עס האָט געפּלאַצט די אַסימילאַציע־טעאָריע אין רוסלאַנד, האָבן דייטשע יידן זיך גליקלעך געהאַלטן מיט

זייער אסימילאציע־אילוזיע. האָט זי געפּלאַצט שווידערלעך בלוטיק און וואולגאר אין דייטשלאנד, ווילן די יידן אין אמעריקע און רוסלאנד זיך נישט אָפּזאָגן פון איר. ווען יידן קענען זיך נאָך האלטן ביי אן אילוזיע פון אסימילאציע, זענען זיי גליקלעך. אסימילאציע מיט א טעמפּל, מיט אביסל יידיש־אסימילאציע. אָבער עס איז שוין קלאָר פאר יעדערן, אז עס האָט געפּלאַצט, עס פּלאַצט און עס וועט פּלאַצן נישט בלויז די אי־דעע פון קולטור־אסימילאציע אין דעם אָדער יענעם לאנד, היינט דאָ, מאָרגן דאָרט. ניין, עס פּלאַצט אויף אייביק די עצם האָפענונג צו קענען לעבן, פּשוט לעבן פיזיש און עקאָנאָמיש, אָן א פעסטער סאָציאַל־קול־טורעלער אָרגאניזירטער יידישקייט. דאָס איז די תורה, וואָס מיר דארפן היינט אויסלערנען. דעמאָקראַטיע און פעלקער־קאָאָפּעראַציע וועלן זיין גוט ווען יידן וועלן קומען צו זיי ווי אן אָרגאניזירטער כוח, ווי שות־פים־בויער, נישט שטופּן זיך ווי צעשאָטענע שעפּסן אונטער אירע אָפּ־געהאקטע פליגלען. נישט אביסל יידישקייט „אויסצולעבן" זיך, נישט „מאכן א לעבן" ווי א גוי און „אויסלעבן" זיך ווי א ייד. ניין, אָן יידיש־קייט קען א ייד נישט מאכן קיין לעבן און וועט נאָך מער נישט קענען.

יידישיזם ווי א טעאָריע פון אביסל יידיש רעדן, ווי א צוגאָב צום „אלגעמיינעם" לעבן, — דער יידישיזם איז באנקראָט מיט אלע אנדע־רע „צוגאָב־יידישקייטן" צוגלייך. נישט צו דעם גאָט דארף דינען די יידישע שול אין אמעריקע און אין דער וועלט.

* * *

עס איז א צווייטער באנקראָטירטער ליגן, אז מען קען זיין א מענטש, א קולטור־מענטש מיט א דואַליסטישער נשמה: ענגליש אָדער שפּאניש און יידיש איינצייטיק. אָדער מען איז א ייד וואָס האָט איינגעזאַפּט און פארדייט אין דער יידישקייט אלערליי אנדערע קולטורן, אָדער מען איז נישט קיין ייד און מען קען, צום אומגליק זיין נישט קיין ייד און נישט קיין ענגלענדער, נאָר סתם א קולטורלאָזיקייט מיט וועלכע שפּראכן איר ווילט אין מויל און מיט קיין איין קולטור נישט אין נשמה.

איז וואָס דען? — איז אָט איז בערך די אידעע, דער גאָט פון דער יידישער שול.

אַ. גאָלאָמב

א) כדי יידן זאָלן קענען לעבן, האָבן א קיום עקאָנאָמיש און סאָציאל, כדי מען זאָל זיי נישט קענען ארויסשטויסן פון לעבן, מוזן זיי זיין פעסט סאָציאל און עקאָנאָמיש אָרגאניזירט און פארבונדן צווישן זיך.

ב) כדי זיי זאָלן זיך קענען אָרגאניזירן, מוזן זיי זיין סאָציאל און נאַציאָנאל באַוווּסטזיניק. עמאַציאָנעל און אידעאיש אקטיוו.

ג) כדי זיי זאָלן ווערן נאַציאָנאל באַוווּסטזיניק, מוזן זיי:

1) אריינזאפּן אין זיך די יידישע קולטור. זייער מענטשלעכקייט דאַרף זיין אויסגעבויט פון יידישקייט. מענטשלעכקייט און יידישקייט נישט ווי צוויי פּאַראַלעלע ליניעס, ווי א דואַליזם, נאָר ווי איין גאַנצקייט, ווי אן איינהייטלעכע מאָניסטישע סיסטעם.

2) אָט די יידישע קולטור מוז זיין באַלעבט מיט אן אידעע פון אייביקער און אומעטומיקער יידישקייט. דורך דורות און איבער וועלט. אָט די אידעע דאַרף זיין די נשמה פון דער יידישער קולטור, דער רוח חיים.

אָט דאָס איז די אידעע פון דער יידישער שול, פון דער יידישער דערציאונג. נישט „יידיש" אביסל מער אָדער ווייניקער, נאָר יידישקייט — דאָס איז דער ציל פון דער יידישער שול, דאָ ליגט דער הויפּט־וועג וואָס בלויז ער קען פירן צו א תכלית — לעבן פון יידן אויף דער וועלט. דען לעבן פון יידן קען זיין בלויז ווען עס וועט זיין א יידיש לעבן. אָן א מאָדערנער, פולבלוטיקער יידישער דערציאונג איז נישט געמאָלט קיין יידישקייט. אָן יידישקייט קען נישט זיין קיין יידיש לעבן און אָן דעם איז נישטאָ קיין האָפענונג פאר יידן, נישט בכלל און נישט פאר יחידים.

עס אזי א ווייטיק צוצוזען נישט נאָר די צרות פון די דייטשע יידן, נאָר אויך זייער אָפּהענטיקייט, געפאַלנקייט, מוטלאָזיקייט, אומפעאיקייט עפּעס צו בויען, צו שאפן, זייער זוכן נייע באַלעבאַטים וועמען צידינען. דאָס איז דער גורל פון יידן, וואָס פארמאָגן נישט קיין יידישקייט. עס גייט א צייט, עס קומט א צייט, ווען אויך אמעריקאַנער יידן וועלן געשטעלט ווערן פאר שווערע און שווערערע נסיונות. און כוח בייצר

שטיין, צום לעבן, צום שאַפן קען מען שאַפן בלויז אין יידישקייט, אין דער יידישער שול. די יידישע שול וועט האָבן איר ווערט, איר זינען ווען זי וועט באַגרייפן איר זינען — אין בויען דאָס יידיש לעבן.

עס איז נישט קיין בייזע נביאות — עס איז פאַקטן שוין איצט. עס איז נישט קיין פּעסימיזם, ווייל דאָס פאַרקערטע איז נישט קיין גליק, אַ טעות און מער נישט. און וואָס גיכער מיר וועלן עס אַנערקענען, אַלץ גענזינטער וועט מען זיין, אַלץ אָרגאַניזירטער, אַלץ מער אימונירט, באַשיצט קעגן שעדיקער און אָנפאַלער. רעזומע: יידישע דערציאונג ווי אַ יסוד צום יידישן באַוווסטזיין, ווי אַ יסוד צו יידישער אָרגאַניזירטקייט, ווי אַ יסוד פון יידישער סאָציאַל־עקאָנאָמישער און פּאָליטישער שטאַרקייט. די שול ווי אַ יסוד פון לעבן.

מיר ווערן פאַרפליצט פון עם־הארצות און קולטורלאָזיקייט. נישט וועגן אויסלערנען עטלעכע הונדערט יידישע קינדער עטלעכע הונדערט יידישע ווערטער רעדט זיך דאָ. עס רעדט זיך פון דעם וואָס גרויסע מאַסן, די גרעסטע מערהייט פון דעם יינגערן דור וואַקסט אָן אַ וואָסערע עס איז קולטור אין פּשוטסטן זינען פון וואָרט. מען רעדט טאַקע ענגליש, ענגליש איז אַ שפּראַך פון גרויסער קולטור, אָבער אָט די פאַרענגלישטע מאַסן יידן האָבן מיט דער שפּראַך לגמרי נישט געירשנט קיין ענגלישע קולטור. שפּראַך איז נאָר אַ ליבוש פון קולטור. און אַז מען טוט זיך אָן אַפילו אַ קרוין איינגעהאַנדלט אויפן ביליקן מאַרק, ווערט מען נאָך נישט קיין קייסער...

קולטור איז טראַדיציע, שטייגער, געוווינהייטן, דיסציפּלין אין פאָרמען פון לעבן, אין פאָרמען פון דענקען און פון איבערלעבן דאָס לעבן. אונדזערע יונגע דורות וואַקסן אמת אין דער ענגלישער שפּראַך, אָבער ווייט ניטאָ אין דער ענגלישער קולטור. בלייבט אַ פאָלק, דאָס פאָלק פון מאָרגן אָפּגעשניטן פון דער יידישער קולטור, ווי אַ בוים פון זיינע וואָרצלען און אין קיין צווייטער נישט אַריינגעוואַקסן.

„פּוילע בלעטער פון בוים.
גראָז צעטרינקט און גרוי,

אָ. גאָלאָמב

א צעקראָכן געוויקס, —
קען זיי אויפלעבן טוי?"

(ביאליק).

און אָן א קולטור, אָן טראַדיציע, אָן סאָציאַלער און מאָראַלישער דיסציפּלין, — מוז קומען ווילדקייט און פּארווילדונג, הפקרות, גאָט־לאָזיקייט. פארשקלאַפּטקייט צו דעגענעריטע אינסטינקטן, פארקויפט־קייט צו נידעריקסטע פּארגעניגנס... מאָראַלישער חורבן וואָס מוז ברענגען אויך צו א פיזישן חורבן. לעבט א יוגנט מיט אַן איין און איינציקן שטרעבן צו א „גוד טיים", — און אזא יוגנט קען נישט און קען נישט קענען בויען א לעבן. און ווער עס האָט אויגן צו זען און א הארץ צו פילן, — דער זעט און פילט ווי די שטאַרקסטע פעלקער קענען אלץ פארלירן אויב מען פארקויפט זיך צום אָפּגאָט פון א סטאַנדארד און א „גוד־טיים". און מיר זענען ווייט נישט קיין שטארק פאָלק.

קוקט זיך גוט צו צו דער יידישער יוגנט: די ענגלישע שול האָט זי אויסגעלערנט רעדן, שרייבן — אָבער זי האָט איר נישט געגעבן וואָס צו רעדן, וואָס צו שרייבן — זי האָט איר נישט אויסגעלערנט דענקען, פילן, ארייַנטראַכטן זיך, איבערצולעבן און אָפּצושאַצן דאָס לעבן. מיטגיין מיטן שטראָם פון מאַסן לעבן, אויספאָלגן און נאָכפאָלגן אלע אויטאָריטעטן, — דאָס האָט מען די יוגנט אויסגעלערנט, אָבער איינ־פלאַנצן סאָציאַלע שטרעבונגען און פאַיקייט צו קעמפן פאר זיי — דאָס מיידט די מלוכהשע שול בכיוון אוים. די מעכטיקע אין לאַנד נויטיקן זיך אין המונים פאָלגנדיקע, זאָרגלאָזע, נאָכגייער, ארבעטער, אָבער נישט אין קיין מענטשן מיט א פארזיכיקן געדאנק און ווילן. און צי קען און צי וועט קענען א יידישע יוגנט פירן א לעבן אָן א קאמף? אָן אַן אָרגאַני־זירטן פארעקשנטן קאמף פאר רעכט און פאר מעגלעכקייט צו לעבן? צי קען אָט די דערציאונג וואָס די יידישע יוגנט באקומט אין אמעריקע, צוגרייטן זי צום לעבן? נאָר ווירקלעך בלינדע וואָס ווילן נישט זען די אמתע לאגע קענען אזוי גלויבן! מיט יעדן טאָג ווערט די פאָדערונג פאר א מאָראַליש שטארקער און באוווסטזיניק אויסגעהאַלטענער יידישער יוגנט אלץ שטארקער, די נויט — אלץ דרינגענדיקער.

און דער וועג צו ראטעווען ליגט נישט אין דיפלאמאטיע, פאליטיק וכדומה,—נאר אין אינעווייניקסטער אנשטרענגונג, באוווסטזיין, ווילן, מוט און גלויבן. און דאס אלץ קען מען דערגרייכן דורך — קולטור. עס איז נישט ריכטיק די מימרא „אם אין תורה — אין קמח״. עס דארף זיין: „אים אין תורה — אין לעבן״, — טויט! אבער —

קולטור איז נישט קיין סחורה, וואס מען פראדוצירט צום פארקויפן אין די מארקן, נישט קיין אונטערנעמונגען „פאר די מאסן״. קולטור איז:

1) דיסציפלין אין שטוביקן לעבן — דאס מוז איך טאן, דאס טאר איך נישטא טאן. קולטור איז א סכום געבאטן און פארבאטן. מצוות און עבירות — רעליגיעזע אדער וועלטלעכע, אבער נאציאנאלע.

2) קולטור איז בסדרדיק לערנען. א גאנץ לעבן לערנען. פארטיפן זיך, טראכטן, דענקען.

3) קולטור איז סאציאלע אחריות, סובארדינירן דעם אייגענעם איך צו די אינטערעסן פון דעם כלל. פארבינדן די אייגענע אמביציעס מיט די אינטערעסן פון דעם כלל.

דאס איז דער זינען פון דעם „על שלושה דברים העולם עומד: על התורה, על העבודה ועל גמילות חסדים״. קולטור איז נישט קיין זאכן וואס מ׳מאכט זיי, — עס איז נארמעס אין לעבן וואס מען פירט דורך. קולטור און קולטור־סחורה זענען צוויי פארשידענע געביטן, וואס מען טאר נישט צונויפמישן. נישט די צאל אפגעדרוקטע ביכער אין די דורכגעפירטע פארזאמלונגען און אונטערנעמונגען, קאנצערטן וכדומה שאצן דעם פאלקס קולטור, נייערט — די פעסטקייט און אויסגעהאלטנקייט פון זיינע לעבנספארמען. א פאלק מיט א שטארקן און אייגענעם שטייגער אין לעבן האט קולטור, אויב אפילו ער פארמאגט נישט קיין ביכער. מוזעאומס און ביבליאטעקן און טעאטערס און קאנצערטן און אנדערע אנגענומענע פארמעס פון „קולטור״. דאס אלץ איז קולטור־סחורה און נישט קולטור. קולטור פארקויפט מען נישט, מען פראדוצירט זי נישט פאר קיינעם. עס איז דאס לעבן, וואס איז די אויסגעשפראכענע אייגנארטיקייט פון אייגענעם לעבן, די ספעציפישקייט און פארזיכיקייט,

די אנדערשקייט זיינע. און פארקערט: דער גרעסטער ייד מיט דעם גרעסטן יידישן וויסן, ידיעות און וואָס איר ווילט אליין, מיטן שטארקסטן באוווסטזיין און געטריקייט, וואָס האָט נישט קיין אנדערשקייט אין זיין לעבן, — איז ער וואָס ער איז, אָבער קיין יידישע קולטור פארמאָגט ער נישט.

איינע פון די וויכטיקסטע אנדערשקייטן פון יידישן לעבן איז דאָס בסדרדיק לערנען. לערנען נישט ווי א מיטל עפּעס אויסצולערנען, נאָר ווי א גרונטיקער באזים פון שטייגער לעבן. קיין שום אנדער פאָלק האָט עס נישט און דארף עס נישט: אלע אנדערע פעלקער האָבן אנדערע צעמענטן וואָס בינדן זיי צונויף אין איין פאָלק — מאטעריעלע, פּאָלי־טישע, עקאָנאָמישע, יורידישע וכדומה. ביי יידן איז דאָ לערנען — די שטענדיקע קאָנצענטרירטקייט אין נאציאָנאַל־יידישע געדאנקען און אי־דעעס — דער צעמענט. די תורה איז תורה נאָר דעמאָלסט ווען מען לערנט זי. תורה וואָס מען לערנט נישט, וואָס זי שטייט אין די שאפעס — איז א טויטע תורה. דאָס איז דער „גוף פון דער תורה" ווען די נשמה איז שוין געשטאָרבן. יידן לעבן נישט מיט דער תורה נאָר מיטן לערנען תורה.

דאָס זעלבע איז מיטן צווייטן פּרינציפּ — עבודה. נישט די ספּע־ציעלע גאָטעס דינסטן, נאָר די פאָרמען פון דער גאנצער מענטשלעכער אקטיווקייט, — ווידער אמאָל שטייגער פון לעבן.

און ווייל קולטור ליגט נישט אין זאכן, וואָס מען פּראָדוצירט צום פארקויפן, דעריבער דארף מען זיך נישט איבערשרעקן וואָס אזוי ווייניק יידן זענען יידן. עס איז פון תמיד אָן אזוי. זיין א ייד איז ווײ־ניק צו זיין געבאָרן פון יידישע עלטערן. מען דארף נאָך באוווסטזיניק און ווילק טראָגן א „יאָך" פון פּראַקטישער יידישקייט. אויף דעם זע־נען נישט אלע יידן גיריקע בעלנים. אלע מאָל און אייביק זענען די מיטגלידער פון יידישן פאָלק געווען א מינדערהייט צווישן די יידן לויטן געבורט. אין צייטן פון דרויסנדיקן דרוק, ווען מען לאָזט יידן נישט ארויס פון יידישן ציבור, אין ארויפגעצוווּנגענע געטאָס, דוכט זיך אויס, אז אלע יידן זענען יידן. עס איז אָבער א טעות: מיטגלידער

פון יידישן פאָלק מוזן פאַרמאָגן אַן אייגענעם, אינעווייניקסטן צוציאונג־כוח צווישן אנאנד; אין גענטאַ איז דאָס א דרויסנדיקער כוח וואָס שטופּט ייד צו ייד קעגן דעם אינעווייניקסטן אָפּשטויס כוח. און אַז אינעווייניקסטע צוציאונג בלייבט א גאָז, נישט פעסט אפילו אונטער א דרויסנדיקן דרוק. דאָס יידישע פאָלק איז תמיד קלענער פון דער צאָל יידן.

דאָס שאפן דעם אינעווייניקסטן כוח — דאָס איז די אויפגאַבע פון קולטור און דערציאונג. מען דאַרף איינמאָל און אויף תמיד געדענקען: יידן וועלן מער נישט קענען לעבן ווי בירגער סתם. דער פּראָצעס פון אויסמיידן יידן פון צווישן אנדערע פעלקער וועט זיך שוין לאַנג נישט אָפּשטעלן. אומאָרגאַניזירט, יידן נישט אין ראַמען פון אַן יידנטום וועלן גאָר פשוט נישט קאָנען לעבן. די שנאה צו אונדז איז א מעכטיקער אינטערנאַציאָנאַלער כוח אומעטום און ער האַלט אין וואַקסן און ער פּלייצט און וועט פאַרפלייצן אַלע לענדער... מיר האָבן איבער דעם כוח קיין שום קאָנטראָל נישט און קענען נישט האָבן. אַלע אונדזערע מיטלען זענען געגליכן צו דעם פויגל וואָס האָט געוואָלט מיטן שנאָבל אויסזופּן דעם ים.

די ליבע און גוטע פריינדשאַפט צו אונדז איז אַלעמאָל בלויז א ספּאָראַדישע זאַך, שטערנדלעך אין דער טיפצטערער נאַכט וואָס קענען קיינמאָל נישט מאַכן ליכטיק. און אויך אַז די ליבע איז פּראָפּאָרציאָנעל צו אונדזער אינעווייניקסטער שטאַרקייט. קיינמאָל איז זי אָבער, אַז די זווערבאַלע, אָנגעשטרענגטע, אַרויפגעצוווּנגענע אויף זיך, על פי רוב צוגעטראַכטע פון יידן אַליין ליבע נישט געוואָרן צו א געזעלשאַפט־לעכן כוח און דעריבער —

אַלע כוחות אויף דעם אינעווייניקסטן פראָנט. לאָמיר שאַפן נאַציאָנאַלע פאַרבינדונג, דיסציפּלין, און די דיסציפּלין דאַרף זיין:

1) א סאָציאַלע אַל־יידישע אָרגאַניזירטקייט איבער לענדער און איבער גרעניצן מיט שטייערן, פליכטן און געהאָרכזאַמקייט פון יחיד צום כלל;

2) קולטורעלע א) אין שטייגער לעבן וואָס אַן דעם קאָן מען נישט

זיין קיין ייד און — דער עיקר — מען קען נישט האָדעווען קיין יידן; ב) אין וועלט־באַנעם און אין באַוווּסטזיין.

אָט די פּילזייטיקע דיסציפּלין קאָן דערגרייכט ווערן דורך דערציאונג און לערנען. און דערציען הייסט איינגעוויינען פון אָנהייב אָן אין יידישע פירונגען און טעטיקייטן. לערנען מיינט נישט אויסלערנען סכומים וויסן, — עס מיינט איינזאַפּן די מקורים פון פאָלקס־גייסט און זיין אידעען וועלט. איינזאַפּן דאָס אויף אַזויפיל אַז דאָס זאָל נאָכדעם שוין אַליין אַרויסקוועלן פון דער נשמה. בלויז דאָס הייסט באַהעפטן די יוגנט צום פאָלק און זיין קולטור. בלויז דאָס איז ציען די אייביקייט, וויטער שמידן די גאָלדענע קייט אין דער אייביקייט אריין.

די יידישע שול דאַרף נישט באַשטימען קיין קוריקולומס וואָס מיט זיי ענדיקט זיך דער חוב פון לערנען. ניין און ניין! די יידישע שול דאַרף אויסלערנען איין זאַך — זי דאַרף אויסלערנען לערנען, לערנען אַ גאַנץ לעבן און מער נישט ווי לערנען. נאָר אַזאַ יוגנט וועט זיין ביכולת צו בויען איר לעבן, דאָס לעבן פון יידישע קאָלעקטיוון און דורך זיי אויך דאָס לעבן פון יחידים יידן אויף דער וועלט. ווי די וועלט וועט זיין, וואָס עס וועט זיין אויף דער וועלט, זיי — אָט אַזוינע יידן און טאַקע נאָר אַזוינע — וועלן אויסהאַלטן. זיי זענען דאָס דער סנה וואָס ברענט און ווערט נישט פאַרברענט אין קיין קאַלך אויוון. אָט פאַרוואָס דאָ — אין דערציען און אין לערנען ליגט אונדזער הויפּט־כוח צו לעבן אויף דער וועלט.

וועלטלעכקייט

אן אלטער באגריף מיט א נייעם נאָמען. אמאָל פלעגט מען זאָגן אויף א מענטשן, וואָס לעבט נישט פון קהל, פון רח"ש — „ער איז אַן עולמשער מענטש". דערמיט האָט מען לחלוטין נישט געמיינט אונ־טערצושטרייכן די קעגנערשקייט אָדער גלייכגילטיקייט צו רעליגיע. די עולמישע, מענטשן האָבן געקאָנט זיין זייער און זייער פרום. עס האָט נאָר געהייסן, אז פרנסה ציט דער „עולמשער" נישט פון רעליגיע. דאָס זעלביקע איז געווען, למשל, דער באגריף אין געזעצגעבונג, „וועלטלע־כע מאכט", וואָס איז געווען א קעגנזאַץ צו דער קלויסטער־מאכט, אבער האָט לחלוטין נישט פאַרויסגעזען קיין נישט־פרומקייט פון דער „וועלטלעכער מאכט".

וועלטלעכקייט און בית־מדרש, וועלטלעכקייט און קולט, קלעריקאַ־ליזם — דאָ איז דער קאמף אין לעבן, אָבער נישט וועלטלעכקייט און רעליגיעזיטעט. פאַרוועלטלעכן דאָס יידישע לעבן — באפרייען די טאָג־טעגלעכקייט אונדזערע פון אונטערן קולט — דער פּראָצעס איז נאָך ווייט נישט פאַרענדיקט.

אין שול דאַרף מען אונטערשיידן לימודים און דערציאונג. אין חדר — נאָר קולט־לימודים, אלץ נאָר, וואָס עס איז נויטיק צום קולט, קיין זאך נישט פארן וואָכעדיקן, וועלטלעכן לעבן. די דערציאונג קאָן דערביי זיין א רעליגיעזע און קאָן אויך זיין נישט קיין רעליגיעזע.

די שול — אלע לימודים צום וועלטלעכן געברויך, קיין זאך נישט פארן קולט. די וועלטלעכקייט בנוגע די לימודים איז שוין דערמיט אָפּגעהיט. קיין שום קאמף קעגן דער געבראַכטער, לאָמיר זאָגן, פון

שטוב רעליגיעזיטעט פון די קינדער איז נישט נויטיק. אפשר אויך אי־בעריק, אפשר אפילו שעדלעך.

אין דעם זינען זענען אלע אונזערע שול וועלטלעך, אפשר אַפּט־מאָל צו „פרום־וועלטלעך"... אָבער בנוגע וועלטלעכער דערציאונג איז עס עטוואָס אנדערש.

וועלטלעכע דערציאונג וואָס באטייט? קודם כל דערציען מענטשן, וואָס זאָלן אין זייערע אַנשויאונגען, האנדלונגען, באציאונגען פריי זיין פון קולט־מאָמענטן. דערציען וועלטלעך הייסט — מאכן רעגירן ביים מענטש די קריטיק און ווילן איבער דער „מצוה".— „איך וועל טאָן. וואָס גוט און פרום איז" אַנשטאט „איך וועל טאָן, וואָס גוטע און פרומע לייט הייסן מיר צו גוטן טאָן".

זענען אונזערע אלע שולן אין דעם זינען וועלטלעך? — בשום אופן ניין, וואָרים, מיר האלטן פון וועלטלעכער דערציאונג נישט דער־פאַר וואָס משהס, גלויבן דווקא געפעלט אונדז נישט, אָבער אונדזער גלויבן (אָדער רופט עס אנדערש) געפעלט אונדז יאָ. ניין. קיין גלויבן, קיין אויטאָריטעט, נישט דאָס שטריימל און אויך נישט דאָס העמדל. קיין שום נפקא מינה לגבי דערציאונג פון „אַזוי האָבן געפסקנט די חכמים" ביז צו „אַזוי האָבן געזאָגט די געלערנטע".

נישט דער שלחן ערוך, אָבער פונקט אזוי אויך נישט אונדזער שלחן־ערוך. פלאַנצן מיר איין אין די קינדער א קריטיקלאָזן גלויבן אין דאָס, אין וואָס מיר גלויבן, פארגעסן מיר איין זאך — מיר האָבן זיך אונ־דזער גלויבן אינערלעך אויסגעקעמפט, איבערגעלעבט, דורכגעפּאַקט און דורכגעמאָזלט. די קינדער דארפן אָבער עס נעמען אויף אונדזער וואָרט: „דער לערער אליין האָט געזאָגט, דער לערער האָט דערציילט". וואָס פאר א נפקא־מנה איז פאר דער פסיכיק פון קינד, פאר זיין גייסט, ווילן, קריטיק־פעאיקייט — אין דעם, ווער עס איז דער אויטאָריטעט, וועמען ער דארף גלויבן — צי דעם רב, צי דעם לערער, אָדער עפּעס אזא מין אַבסטראַקטע פארן זינד זאך, ווי „די געלערנטע".

ניין, חברים, מיט אזא גאנג גיט איר נישט קיין וועלטלעכע דער־ציאונג, נאָר פונקט דעם היפוך — א רעליגיעזן קולט, באשר דער קולט איז אן אנדערער. פאר דער דערציאונג זענעןביידע גלייך שעדלעך.

און דאָס איז נוגע נישט נאָר דער באַפאַרבונג פון שול־לעבן, די בייטענער אירע, נאָר אַפילו די עצם לימודים. אָפּטמאָל און מער פאַר אַלע, אָ, איראָניע, ווערט עקספּלאָאַטירט נאַטורוויסנשאַפט, דער רעוואָלוציאָנערישסטער פון אַלע לימודים, כדי צו פלאַנצן טעמפן גלויבן און אויטאָריטעט, לערער, ביכל, אָטט אַפילו עם־האַרצישע...

וואָס איז ערגער לגבי וועלטלעכקייט: „קיין גאָט איז נישטאָ — אזוי האָט געזאָגט דער לערער”, אָדער:

„גאָט גיט אַ רעגן און איך וויל וויסן ווי אזוי”...

לערער, געדענקט, אַז אונדזער שול דאַרף זיין אַ וועלטלעכע!...

וואס וועלטלעכקייט האט געדארפט אויפ־טאן און זי האָט נישט אויפגעטאָן

א מאָדנע פאָלק זענען מיר געבאָרן געוואָרן אויף דער וועלט: פון אייביק ביז אייביק זענען מיר יידן און פון אייביק ביז אייביק ווילן מיר נישט זיין קיין יידן. האָט שוין דער ערשטער ייד געהאט צוויי זין — איינער בלויז א ייד, דער צווייטער — שוין דעמאָלט א קעגנער, א ישמעאל. האָט פון יצחקס צוויי זין עשו שוין פארמאָגט אלע שטריכן פון א גוטן שונא ישראל. און ווען דאָרט „ביים שיין פון טאָגן" האָט א משה גענומען א מחנה קנעכט און פון זיי געוואָלט שמידן א פאָלק, איז שוין דעמאָלט געווען א ברודער אהרן — א גוטהארציקער „דעמאָ־קראט" וואָס האלט נישט פון משהס שטרענגקייט: „מען דאַרף פאָלגן דער שטים פון פאָלק. דאָס פאָלק וויל א גאָט פון גאָלד — נאט אייך, קינדערלעך; איר ווילט א קאלב, זאָלן זיין, און האָט פארגעניגן"... און ווייטער — פון אייביק אָן ציט דאָס דעם פאָלק צו אלץ וואָס איז פרעמד. דאָרט איז אזוי שיין, אלע האָבן הנאה פון זייערע געטער, פון זייערע תורות. זיי זענען אלע אזוי קלאָר און אזוי גלאנציק און אזוי זיס ווי די זינד אליין. זינדיקט וויפל איר ווילט, ווייפל אייער זידיקע נשמה פאר־לאנגט, נאָר נעמט דאָס בלוט און דאָס זנות פון אייערע זינד און היי־ליקט עס צו אייערע געטער — און אייער זינד וועט ווערן הייליק, און איר וועט קענען זינדיקן אין נאָמען פון אייערע גוטע געטער... און אזוי איז ער געקומען אזא שטרענגער, אָט דער משה, מיט אזא שטרענגן גאָט, וואָס כסדר נאָר לא און לא, כסדר האלט זיך איין, כסדר צאם זיך איין.

זאָג זיך אָפּ פון אַלץ, וואָס וויל־געפעלן איז, ווייל „איינגעהאַלטן זאָלט איר זיין, אָפּגעהאַלטן זאָלט איר זיין און אָפּגעהיט פון אַלץ וואָס זינדיק איז אפילו אויב די זינד זענען פאר גאָט".

איין קאָרעקטיוו דאַרף מען אַריינטראָגן אין דעם תנ"ך: נישט פרעמדע געטער האָבן געצויגן כסדר די יידן אין אַלע צייטן, — פרעמד לעבן איז דאָס געווען, פרעמד זיס און זינדיק לעבן מיט דער ברכה פון די גוטע און זינדליבנדיקע געטער. עס האָט מער געצויגן יידן פון דער שטרענגקייט און אָפּגעהיטנקייט, פון דער איינגעצאַמטקייט אין יידישן לעבן. יידן, ווי אַנדערע, ציט צו זינד, צו ווילטאָג, צו גרינגן פאַרגעניגן, צו לייכטן לוסט און לוסטיקייט און במילא צו דעם לעבן, צו די געטער וואָס כשרן די זינד אַליין. האָבן יידן נישט ליב זייער יידישקייט און זיי האָבן ליב זיך איינצורעדן אַז זיי ווערן פּטור פון דעם יאָך. אַזוי פון אייביק אָן און אַזוי אויך היינט און ווי געוויינלעך פאַרשטעלט זיך דער יצר הרע פאַר דעם יצר טוב, און די זינדיקייט ווערט פאַרפּוצט און פאַרגלאָצטער פרומקייט און געטלעכקייט; און דאָס אַנטלויפן פון יידישקייט ווערט פאַרשטעלט פאַר שמן זיתדיקע, כפול שמונהדיקע יידישקייט. און ווען עס קומט א נביא און דעקט אָפּ די צניעותדיק פאַרדעקטע זנות און רייסט אַראָפּ די אמת־מאַסקע פון דעם שקר, — ווערט א שטורעם, ווערט א רעש — מען באַליידיקט יידן!..."

און עס מוז זיין אָנגענעם אַזוי אויסצוגיין אין שמד אַריין מיט א פרומען יידישן שמייכעלע אויפן פּנים. אַזוי מוזן זיך פילן מאָרפיניסטן ווען זיי גייען אויס אין געשמאַקע טרוימען פון פאַרחלשטן גוף...

און אַזוי ציט זיך עס דורך דער גאַנצער געשיכטע פון דעם אייביק לעבנדיקן און אייביק שטאַרבנדיקן פאָלק. טאָ ווי קען זיין לעבן און שטאַרבן צוזאַמען? — איז אויף דעם זענען דאָ די ל"ו. קליינע מינדערהייטן אין פאָלק, וואָס זענען געבענטשט מיט כוח איינצוהאַלטן זיך און אויסצוהאַלטן זיך, אויסצוצאַמען זיך פון אַלעמען און איינצוצאַמען זיך אין זיך. זיי, אָט די ווייניקע, זענען דאָס יידישע פאָלק. זיי און מער נישט.

פאַרמאָגן אויך די ל"ו א באַזונדערע יידישע אייגנשאַפט: מען האָט נישט קיין אַכטונג צו זיך אַליין, צו אַלץ וואָס אַזוי יידיש, עס איז

נישט ליב, נישט טייער, נישט איינגעבאַקן אין האַרצן; עס איז היימיש, אָבער אָט די היימישקייט איז נישט ליב און נישט חשוב אין די אויגענע אויגן. אויך זיי ווי אַלע יידן וואָלטן גערן אַנטלאָפן פון זייער היימישקייט וואָס גיט נישט צו קיין מוט און שטאַרקייט, און מען פילט זיך גוט אין דער אילוזיע פון פרעמדקייט. פילן זיך אַלע יידן נישט שטאָלץ אין די אייגענע היימישע בגדים, כאָטש זיי זענען באַקוועם, נעמט זיך א ייד אָן שטאָלץ און חשיבות ווען מען רעדט זיך איין ווי יענער מלך אין דער מעשהלע אַז מען איז אָנגעטאָן פרעמדע, געבאָרגטע, האַרטע און אומהיימישע קליידער.

אויב אַזוי טאָ ווו האָבן די ל"ו, די קליינע צאָלן יידן געפונען כוח צו זיין יידן נישט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן? נישט געקוקט אויף דעם אינטימען געפיל פון אומצופרידנקייט מיט יידישקייט?

דעם כוח האָבן יידן געקראָגן אין דער רעליגיע. אויך די רעליגיע איז א מאָדנע ביי יידן: זי איז נישט פאַר גאָט, נאָר פאַר יידישקייט. קיין אנדער רעליגיע האָט גאָרנישט צו טאָן מיט דעם נאַציאָנאַלן קיום פון פאָלק. ביי יידן איז עס אַזוי: יידישקייט, דער קיום פון פאָלק, פון זיין אייגנאַרטיקייט איז די רעליגיע פון יידן. דער יידישער גאָט הייסט נישט טייער האַלטן זיך, ער הייסט אָפּהיטן יידישקייט. דער מלאך פון יידישן פאָלק האָט געזען ווי שוואַך יידן האַלטן פון יידישקייט, ווי שטאַרק זיי ווילן פּטור ווערן פון יידישקייט, האָט ער דערזען, אַז מיט יידישקייט וועט לאַנג דאָס יידישע פאָלק זיך נישט האַלטן, דען „וואָס און ווער זענען אַזוי די יידן!..." האָט דער מלאך גענומען און האָט אויסגעמעקט דאָס וואָרט יידישקייט און אנשטאָט אים אָנגעשריבן דאָס וואָרט רעליגיע. האָבן יידן וואָס ווייסן אַז יידן זענען נישט מער ווי „תולעת יעקב" אַן אומוויכטיקע באַשעפעניש, זיך דערשראָקן פאַר גאָט. יידן זענען קליין און געפאַלן, אָבער א גאָט האָבן זיי א גרויסן. אויב פאַר יידישקייט, פאַר יידישע שטריכן און זיטן וועט א ייד קיין פינגער אין קאַלט וואַסער נישט אַריינטאָן, וועט ער אָבער פאַר דעם יידישן גאָט גיין אין פייער. האָט דער מלאך וואָס היט דעם קיום פון יידישן פאָלק גענומען אַלץ וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט פאַרמאָגט וויכטיקס און ריכטיקס און האָט איבערגעשריבן אויף דעם נאָמען פון

גאָט. נישט דאָס פאָלק האָט דאָס געשאַפן, נאָר דער גאָט. וואָס קען שאַפן א קליין און נישטיק פאָלק? וואָס קען פאַרמאָגן א געפאלן און דערשלאָגן פאָלק? — אָבער דער גרויסער גאָט זייערער! ער קען אלץ, ער האָט אלץ... האָבן יידן געלעבט נישט פאר זיך, נישט פאר זייער פאָלק, נאָר פאר זייער גאָט. האָבן יידן זיך און זייער "איך" געלאָזט טרעטן מיט די פיס, אָבער פאר זייער גאָט זענען זיי געגאַנגען אויף מסירת נפש, אויף קידוש השם. און אזוי האָט א פאָלק געלעבט מיט יראת שמים און אהבת שמים, אָבער אָן אהבת ישראל און יראת ישראל. איז דאָס יידיש לעבן געווען שטארק און פארעקשנט, אויסגעהאלטן מסירת־נפשדיק, אָבער איינזייטיק, עס האָט זיך געהאלטן נאָר אויף רע־ליגיע, אלץ וואָס האָט נישט באוויזן צו קריגן די סאנקציע פון רעלי־גיע האָט זיך נישט געקענט האלטן — ווער וועט עס אָפּהיטן? און ווי נאָר די רעליגיע האָט ווען עס איז אָפּגעלאָזט, ווען די דאמבע האָט ווען עס איז זיך אָן עפן געטאָן כאָטש א קליין ביסעלע, האָט תמיד דער שטארקער שטראָם אוועקגעטראָגן די יידישע שיכטן וואָס האָבן זיך דורכגעריסן דורך דער דאמבע ווייט אוועק פון יידישקייט. און דער בולטסטער ביישפּיל זענען די משיח־באוועגונגען. אין משך פון גאנצע טויזנט יאָר האָבן יידן ארויסגערוקט אלץ נייע און נייע משיחים, און אלע מאָל האָבן זיי זיך פארענדיקט ווייט פון יידישקייט און פארוואָס? — ווייל די משיחישע באוועגונגען האָבן דאָך זיך דערלויבט צו עפענען די רעליגיע־דאמבע, האָט מען זיך פון יידן און פון יידישן פאָלק אָפּ־נערוקט, ניך זיך געקייקלט און זיך פארקייקלט צום איסלאַם, צום קלויסטער. וואָס איז דען יידישקייט? — יידישקייט איז די טראדיציע פון דורות אין געדאנק, אין וואָרט און אין מעשים, אין פיר פון לעבן. קוים געבראָכן די טראדיציע, געעפנט די דאמבע, — איז שוין צוריק, ארויפוואסער גייט נישט דער שטראָם.

איין באוועגונג איז געווען וואָס האָט געבראָכן די טראדיציע און איז ארוים בשלום. דאָס איז געווען די חסידישע. זי האָט פארמאָגט א סך אהבת ישראל. איז דאָס אויסגעקומען נישט געבראָכן, נאָר ארויפגע־בויט אויף דער טראדיציע. האָט זיך אָבער סוף כל סוף אויך דאָ די אהבת ישראל איבערגעגאָסן אין א אהבת שמים. איז דער בראשיתדי־

קער פּאָלקיזם געוואָרן צוריק רעליגיע, אַ סכום געבאָטן פון אַ ווייטן און אַ הויכן גאָט אין הימל. אַזוי איז אויך געווען אַמאָל, אין דער גרויער פאַרגאַנגענהייט ווען די כנסת הגדולה האָט געפורעמט און געבויט די ייִדישקייט. זיי האָבן דעמאָלט אויך זיכער געמיינט פּאָלקישע ייִדישקייט, און עס געוואָרן רעליגיע — פאַר גאָט, אַלץ פאַר גאָט, גאָר־נישט פאַרן פאָלק. און אַלץ אין ייִדישקייט וואָס איז נישט פאַר גאָט איז נישט וויכטיק, איז מינדערווערטיק, איז גאָרנישט. אָט אַזוי כסדר. איז וואָס איז ייִדישקייט? — ייִדישקייט איז די פּאָלקישע טראַדיציע, די טראַדיציאָנעלע פּאָלקסטימלעכקייט, וואָס אַמאָל האָט מען דאָס גערופן „תורה שבעל פה" און „הלכה". דער זעלביקער יסוד איז אויך שייך צו אַלע אַנדערע פעלקער. איטלעך פאָלק האַלט זיך אויף זיין פּאָלקישער טראַדיציע. ביי ייִדן אָבער קען זי זיך האַלטן בלויז מיטן כוח פון גאָט, נישט מיטן כוח פון פאָלק. ביי אַלע פעלקער האַלט זי זיך מיטן כוח פון פאָלק.

איז געקומען וועלטלעכקייט און האָט זיך פאַרמאָסטן אויף אַ רעוואָלוציע אין ייִדישער פּסיכיק: אונדז איז ליב און טייער אַלץ וואָס איז נישט נאָר פאַר גאָט נאָר פאַר אונדז אַליין, מיר האַלטן פון ייִדישקייט נישט ווייל גאָט האָט אונדז געהייסן נאָר ווייל אונדזער אייגענער געפיל הייסט אונדז אַזוי. מיר האָבן ליב אונדזער טאַטע־מאַמע נישט ווייל עס שטייט „כבד את אביך ואת אמיך", נאָר ווייל מיר האָבן אַליין זיי ליב. מיר האָבן ליב און מיר ווילן האַלטן טייער אונדזער פּאָלקישע ייִדישקייט, ווייל מיר זעען אין זיי אונדזער אייגענעם „איך"; מיר זענען נאָרמאַלע מענטשן וואָס האָבן זיך אַליין נישט פיינט, וואָס ווילן נישט אַנטלויפן פון זיך, וואָס האַלטן זיך נישט וויניקער וויכטיק איידער אַנדערע, וואָס קוקן אויף זיך נישט מיט אויגן פון קנאַפּווערטיקייט. אונדז זענען ליב חנוכה־לאַטקעס און שלח־מנות און שבועותדיקע בלינצעס, און כרעמזלעך מיט המן־טאַשן אָן קיין מאָטיוון, נאָר פּשוט ווייל מיר זענען איינגעוויינט דורך דורות אין דעם. ס'איז אונדז טייער אונדזער שבת נישט ווייל מיר האָבן מורא פאַרן גיהנום און ווייל מיר קוואַפּן זיך אויף דעם גן־עדן, מיר ווילן מיטפאַסטן יום־כיפור נישט ווייל מיר ווילן אָפּנאַרן גאָט מיט אונדזער כלומרשטער פרומקייט,

נאָר פּשוט — מיר ווילן מיטגיין מיט דער טראַדיציע אָן חשבונות. אונדזער שכל זאָגט אונדז אז א סך יידישע פאָלקס־טראַדיציעס זענען נאַריש. נו, איז וואָס? — בעסער מיט דעם פאָלקס נאַרישקייטן, אייד דער מיט דער אייגענער קלוגקייט. דער איינגעבאָרענער אינסטינקט איז תמיד שכלדיקער ווי דער שאַרפסטער אינדיווידועלער שכל. די טראַדיציע איז דעם פאָלקס אינסטינקט, און די נאַרישסטע טראַדיציע איז קליגער פון מיין אייגענער חכמה. אָט אין דעם איז געווען דער היסטאָרישער זינען פון וועלטלעכקייט. סוף כל סוף מוזן דאָך יידן נעמען זאָרגן נישט נאָר פאַר זייער גאָט נאָר אויך פאַר זייער פאָלק; סוף כל סוף קען צווישן א וועלט מיט פעלקער וואָס זאָרגן פאַר זייער פאָלקישער גאַנצקייט און אויסגעהאַלטנקייט זיך נישט איינהאַלטן איין פאָלק וואָס וויל נישט וויסן פון זיין אייגענער פאָלקישקייט און וויל זי נישט פאַרזיכערן! סוף כל סוף וועלן מיר נישט קענען דערווערבן קיין ברעקל דרך־ארץ צו זיך פון אנדערע כל־זמן מיר וועלן נישט פאַרמאָגן אליין אָט דעם גייסטיקן דרך־ארץ צו זיך אליין! סוף כל סוף וועלן מיר קיין מאָל נישט קענען פאַרזאָרגן אונדזערע קינדער און דורות מיט עפּעס פעסטס כל־זמן מיר וועלן זיך אליין אָנהענגען אויף יענעמס גוטסקייט, כל־זמן מיר וועלן אליין נישט איינפלאַנצן אין זיך צו זיך קיין צוטרוי, אכטונג און גלויבן און א ביסעלע ליבע צו אייגענע ירושה־זיטן און כאַראַקטער־שטריכן, צו אייגענער ירושה־קולטור „שבעל פה". עס איז נישטאָ און עס קען נישט זיין קיין גאולה, קיין אויסלייזונג פון גלות כל־זמן א פאָלק האַלט זיך פאַר קנעכט — צו ביי זייער גאָט, צו ביי זייערע בעלי־בתים. ניין, מיר נעמען אָן יידישקייט נישט פאַר גאָט נאָר פאַרן פאָלק. מיר זענען געטריי דער פאַרגאַנגענהייט פון פאָלק צוליב זיין צוקונפט, ווייל מיר לעבן מיטן אינסטינקט פון פאָלקס קיום; אונדז איז ליב דאָס פאָלק מיט אלע זיינע געירשנטע שטריכן ווייל ס'איז אונדזערס און ווייל מיר זענען זיינע.

אָט דאָס זענען די ווערטער פון וועלטלעכער יידישקייט, וואָס זענען צום אומגליק נישט געזאָגט געוואָרן. און אוועק איז וועלטלעכקייט אויף אנדערע און פאַלשע וועגן: — אליין אין יידישקייט איז רעליגיע, און היות מיר זענען וועלטלעך, איז אלץ וואָס יידיש איז פאַר אונדז

טריף און פּסול מחמת רעליגיע. זאָגן מיר זיך אָפּ פון יידישקייט אין מעשים, אין שטייגער, בלייבן מיר ביי יידישקייט אין הארצן, ווערט ביי אונדז יידישקייט א תולה על בלימה, מיר רעדן פון יידישקייט. און ווילן יוצא צו זיין מיט די רייד.

און אזוי האָט געזאָגט דער וועלטלעכער יורש צו זיין פריערדיקן משכילישן פארגייער, וואָס איז נישט זיין לייבלעכער טאטע, דען דעם משכילס זון איז דאָך שוין אריבערגעשפּרונגען אריבער דעם באַריער פון יידישקייט בכלל... „דו, מיין פאָרגייער, מיין נאאיווער לערער, האָסט פיינט געהאט יידישקייט ווייל עס איז נאציאָנאל, און דו האָסט געוואָלט איינרעדן אנדערע און זיך אז דו האלסט פון יידישער רעליגיע יאָ, נאָר פון יידישער נאציע האלסטו נישט. איך, וועלטלעכער ייד, וואַרף אָפּ יידישקייט ווייל ס'איז רעליגיע, און איך האלט בלויז פון נאציע, נישט פון רעליגיע... ווי דו זעסט, מיין אלטער משכיל, האָבן מיר פארקערטע מאָטיוון, אָבער מיר מאכן דעם זעלביקן אויספיר... און אונדזער ביידנס וועג — דער זעלביקער: פון יידישן פאָלק — ארויס... אין דריי דורות ציים.

און אין מיר זיצט דער ציוניסט און פאָלעמיזירט מיט מיר. ער זאָגט צו מיר אזוי צו זאָגן: „ביסט נישט גערעכט! פאַראַן אין יידישן לעבן אויך. וועלטלעכע יידן וואָס בויען דאָס פאָלק, וואָס טוען מעשים מיט מסירת נפש פאר דעם פאָלק, פארן פאָלק, נישט פאר גאָט. ווילסטו זען א יידישן ישוב וואָס איז שטארק און האָדעוועט קינדער אין יידישקייט אין גאנצן וועלטלעך, אָן דעם שולחן ערוך, אָן א רב און אָן א שוחט, אָן א חזן און אָן א ספר־תורה אין אן ארון־קודש, אָן דאווענען און אָן אַלץ וואָס איז געווען רעליגיע, ווילסטו עפּעס זען אזוינס, טאָ פאָר אוועק קיין ארץ־ישראל אין א קבוצה ערגעץ. אָט איז נאציאָנאלע וועלטלעכקייט נישט פאר גאָט, נאָר פארן פאָלק, אין נאָמען פון זיין צוקונפט".

אזוי טענהט אין מיר אליין דער ציוניסט. און עפּעס א פארנעפּלטער, אומקלאָרער געפיל, ווי א שטים פון א פּשוטן יידן ענטפערט אין מיר אליין: ניין, ס'איז נישט דאָס... און עפּעס א טעמפּער ווייטאָק ליגט אין די ספקות פון דעם פּשוטן יידן: דוכט זיך דאָס, און פּאַרט נישט דאָס! צי וויל נישט צו מאָל דער ציוניסט וואָס אין דיר אנטלויפן פון

דעם יידן וואָס אין דיר אליין? צי ווילסטו נישט לויפן פון זיך אליין? פון דיין עבר, פון דעם עבר פון דיין טראַדיציע, און ווייל דו האָסט נישט וווהין צו לויפן אין דער פרעמד, לויפסטו פון איין „זיך" צו א צווייטן „זיך" וואָס דו ווילסט שאַפן נישט אין דיין אייגענעם פורעם און געשטאַלט, נאָר לויט א מוסטער וואָס דו האָסט געזען ביי אנדערע און דו האָסט זיך פארקוקט אויף זיי?

מיר זענען שוין עטלעכע מאָל געווען אין ארץ ישראל, און נאָך איידער מען האָט אונדז פון דאָרט געטריבן, האָבן מיר זיך געלאָזט אליין וואנדערן און וואגלען איבער אלע לענדער, ווייל עפּעס ציט אונדז צו זיין א מינדערהייט. זענען מיר געגאנגען ביז כוש (עטיאָפּיע) און ביז הודו און ביז גאַליע און נאָך ווייטער כדי צו זיין מינדערהייטן. האָבן מיר זיך א סך מאָל געלאָזט קיין ארץ ישראל און דאָרטן ווי אומעטום אנדערשווו, פארלאָזט טראַדיציע און אָן שפּורן צעלאָזט זיך, צעשטויבט און אויסגעגאנגען.

האָבן מיר אין ארץ ישראל גופא תמיד זיך געצויגן צו אלץ וואָס פרעמד איז, און קיין נביאים האָבן אונדז נישט געקענט אָפּהאַלטן פון דעם געיעג צו פרעמדס. און נישט פרעמדע געטער האָבן אונדז דאָך געצויגן, נאָר פרעמד לעבן, פרעמדע ווייבער, פרעמדע פרייד און לעבנס־לוסט, פרעמדע זיטן און פירונגען. האָבן מיר דאָך אליין תמיד פארוואנדלט אונדזער לאַנד אין א קאָלאָניע פון פרעמדן פאָלק, האָבן מיר דאָך אליין אויפגעשטעלט תמיד איבער זיך א האר וועמען צו דינען און וועמען נאָכצומאכן! צי פילסטו נישט, צי זעסטו נישט שוין איצט אָט די טענדענצן אין נייעם ארץ ישראל? צי שפּירט נישט מיט ווייטאָק דיין הארץ ווי טייל יידן אין ארץ־ישראל אנטלויפן פון דעם יידישן עבר און זוכן שוין איצט וועמען צו דינען, אין וועמען צו גלייבן? צי זעסטו נישט די סכנה וואָס קען אויפעסן די זיבן מאָל זיבן פעטע קי פון היילי־קער מסירת נפש און געטרייען פלאַם?

הייב איך אויף די אויגן אין אלע פיר זייטן און זוך א וועלטלעכן יידן, א יידן וואָס האָט ליב יידישקייט נישט ווייל עס איז גאָטס, נאָר ווייל עס איז אונדזערס, יידישעס, און וואָס האָט טאַקע באמת ליב, נישט ווייל ער רעדט אזוי, און וואָס שרעקט זיך נישט פאר יידישקייט אפילו

פעדאגאגישע שריפטן

אויב עס איז געווען רעליגיע. איך זוך א וועלטלעכן יידן וואס טרייסלט זיך נישט אפ פון יידישקייט!

ווער זיך געפינען אזא? לאמיר האפן!

נאך אמאל וועגן רעליגיעזער דערציונג

אויף דער קאנפערענץ פון נאטור־לערער אין 1922 האב איך אין רעפעראט וועגן „די אויפגאבן פון נאטור־לימוד" צווישן די לעצטע אריינגערעכנט די אויפגאבע צו אנטוויקלען דאס „געזונטע רעליגיעזע געפיל". שוין גלייך צום אנהייב אין די דעבאטן זענען אייניקע חברים ארויסגעטראטן קעגן דעם פונקט, נישט ווייל זיי זאלן מיך האבן חושד זיין, אז איך פרעדיק קאנפעסיאנאליזם, נאר דערפאר, ווייל דאס ווארט „רעליגיעז" איז „קאמפראמעטירט", ווי עס האט זיך אויסגעדריקט איין חבר. פארקערט, האבן אנדערע חברים אונטערגעשטראכן, אז דערציען א רעליגיעז געפיל איז אומבאדינגט נייטיק. קעגן דעם איז קיינער נישט ארויסגעטראטן, ווייל וואס איז עס אזוינס „רעליגיעז געפיל צו דער נאטור"? — עס איז א באציאונג, א געהויבענע און באגייסטערטע, פון אינדיוויד צו דער וועלט און צו אירע פראבלעמען. עס האט נישט צו טאן מיט קיין שום ריטואל און נאך וויניקער מיט קיין „גלויבן". בכן איז עס נישט קיין רעליגיעז אין פשוטן זינען. מיר באנוצן דאס ווארט „רעליגיעז", ווייל מיר פארמאגן נישט אין אונדזער שפראך א צווייטן עקוויוואלענט. אנטוויקלען אזא געפיל איז אומבאדינגט נייטיק, ווייל עס איז דער גייסט, וואס דארף שוועבן אויף דעם גאנצן גייסטיקן פארמעגן פון מענטשן. אן אים בלייבט אט דאס גאנצע פארמעגן, מעג עס זיין ווי גרויס, א מענגע צעשאטענע, צעשפליטערטע איינסן, אונטער וועלכע עס איז נישט אונטערגעפירט קיין סך־הכל, עס איז א גוף אן א נשמה. וואס, מ'שטיינסגעזאגט, איז ווערט דער „ידען" פון נאטור, וואס האט נישט קיין געפיל (נישט קיין נאכגעמאכטן, פון ביכער!) פאר א גרעזעלע, לאמיר זאגן, וואס וואקסט,

פאר א מאטלעלע, וואס קריכט ארויס פון איר גולם־הויט און צעפּאַ־כעט זיך גלייך מיט די פליגלעך אנטקעגן דער פרילינג־זון? און ווי טרוקן עס מוז זיין אפילו דער „קענער", וועמעס האַרץ עס האָט קיינ־מאָל נישט א קלאפּ געטאָן ביי א העכערן נאטור־וויסנשאפטלעכן גע־דאנק. פאר מיר איז קלאָר, אז א לערער, למשל, וואָס קאָן לערנען ביאָלאָגיע אין די העכערע קלאסן פון א מיטלשול און האָט נישט קיין פּאָעטיש־רעליגיעזן אינטערעס צו א פּראָבלעם פון עלעמענטן־טראַנס־מוטאציע, למשל, איז געגליכן צו א בלינדן, וואָס אָריענטירט זיך גוט מיט זיין שטעקן אומעטום ווו ער דאַרף, אָבער דאָך האָט ער איבער זיין קאָפּ קיינמאָל די זון נישט געזען...

און דאָך האָט די מערהייט פון דער קאָנפערענץ דאָס וואָרט „רע־ליגיעז געפיל" ארויסגעוואָרפן פון דער רעזאָלוציע. דאָס באגריף וואָלט מען גערן אָנגענומען, האָט מען זיך אָבער פאַרן וואָרט דערשראָקן. איז עס נישט א ירושה פון גאָר אַלטע צייטן, ווען א וואָרט, דער קלאַנג זיינער בלויז האָט געהאט בלומרשט א כוח. מיט א וואָרט, מיט א שפּרוך, מיט א שם האָט מען געמיינט צו קאָנען בענטשן און פאַר־שעלטן, גליקלעך און אומגליקלעך צו מאכן, ברענגען קראַנקהייט און צו היילן, צו דערמונטערן און צו דערשרעקן. — און ווער נאָך אזוי ווי לערער פון נאטור דאַרפן וויסן דעם ווערט פון וואָרט און פון באַ־גריף. און פאַרוואָס איז דאָס וואָרט געוואָרן פּסול, ווען קענען זיין אינהאַלט, אין אינערלעכן באגריף איז קיינער נישט ארויס־געטראָטן? לערער פון נאטור־לימוד האָבן זיך פאר ווערטער נישט גע־טאָרט שרעקן.

און אז די מערהייט האָט באמת דאָ אָפּעריִרט מיט ווערטער אַנ־שטאָט באגריפן, באווייזט דאָס וואָס עס איז דורכגעגאנגען דער פאָר־שלאָג צו פארבייטן דאָס וואָרט „רעליגיעז געפיל" מיטן וואָרט „עטיש געפיל". ווערטער, אמת, זענען עס פון איין קאטעגאָריע: רעליגיע, עטיק, עסטעטיק, מאָראַל — זיי זענען אלע ביי אונדז שכניש אסאָציאירט אין מוח און אויסערלעך קאָן מען טאקע אפשר דאָס קאָמפּראָמעטירטע וואָרט פאַרבייטן מיט א שכניש. אָבער אינערלעך, צי קאָן מען די באַ־גריפן, וואָס באהאלטן זיך אונטער די ווערטער, פאַרבייטן? בשום אופן

נישט. דאָס זענען צוויי קרייזן, וואָס באַדעקן בשום אופן נישט איינער דעם צווייטן.

וואָרום, ווי געזאָגט, איז דאָס רעליגיעזע געפיל א באַציאונג פון אינדיווויד צו דער נאַטור, און עטיק — רעגולירט די באַציאונגען פון מענטשן צווישן אַנאַנד, און וואָס פאַר סמיכות הפרשיות איז דאָ פאַראַן צווישן זיי? איבעריקס איז עטיק מער א פליכט־באַוווסטזיין איידער א געפיל. פאַרבייטן איין באַגריף מיטן צווייטן הייסט אָפּערירן מיט ווערטער און איגנאָרירן דעם אינהאַלט פון די געברויכטע ווערטער.

איצט וועגן „קאָמפּראָמענטאַציע”. רעליגיעז געפיל איז קאָמפּראָמעטירט, נו און עטיק? אויב דאָס רעליגיעזע געפיל קאָן זיין איינס און דאָס זעלבע אין א פאַרשיידענער פאָרם אפשר ביי מענטשן פון די פאַרשידנסטע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן און פון די פאַרשידנסטע היסטאָרישע עפּאָכעס (פון איובן ביז דעבוא—ריימאָנט), איז דאָך עטיק בפירוש א זאַך, וואָס בייט זיך לויט די קלאַסן און לויט די עפּאָכעס און קיין עטיס בכלל איז דאָך גאָר נישט בנמצא. איז וואָסער עטיק מיינט דאָס די אָנגענומענע רעזאָלוציע?

יאָ. מען וועט אפשר מיר אָנווייזן, אז רעליגיעזקייט ביי קינדער איז פאַרבונדן מיט פאָרשטעלונגען פון נשמיותדיקער גאָטהייט און עס איז ביי אַזוינע קינדער פאַראַן אָ נייגונג צו קולט. פון דעם קאָן אַרויסוואַקסן א געוויינלעכע וווּלגאַרע פרומקייט, א פּשוטער המונישער גלויבן מיט אַלע זיינע נעגאַטיווע אייגנשאַפטן. אויף דעם וועל איך זאָגן: קינדער דענקען מיט פאָרשטעלונגען און קאָנקרעט און אויך דאָס רעליגיעזע געפיל קאָן געוויס באַגלייט ווערן מיט פאַרשידענע נשמיותדיקע פאָרשטעלונגען. אַזאַ איז די נאַטור פון קינד און דאָ חזרט זיך איבער די פילאָגענעטישע אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט. קעמפן אָבער קעגן דעם וואָלט געהייסן באַגיין א געוואַלט־טאַט קעגן דער נאַטור און, כידוע קאָן אַזא געוואַלט־דערציאונג נאָר שאָדן. גרויס איז די שעדלעכקייט פון צו־פריאיקן פלאַנצן כלומרשטן ראַציאָנאַליזם. יעדער, וואָס האָט כאָטש עטוואָס אכטונג און פאַרשטאַנד פאַר דער קינדערשער נשמה, וועט רחמנות האָבן אויף אַזוינע קינדער, ביי וועמען מען באַרויבט זייער קינדישקייט, זייער נאַטור. איבעריקס, דער אָנגעבונדענער פון

לערער ראַציאָנאַליזם, צו וועלכן די קינדער זענען נאָך לגמרי נישט צייטיק געוואָרן, ווערט אַזוי פאַרענדערט ביי די לעצטע, אַז קיין אמתער ראַציאָנאַליזם וואָלט זיי נישט דערקענט. אָפּט עקלט פשוט פון אַזאַ פלאַכן און פאַרפלאַכטן כלומרשטן ראַציאָנאַליזם, ווען די קינדער חזרן איבער ווי צעבראָכענע גראַמאָפאָנען די ווערטער פון לערער, און ווען מען זיי גלייבן אויפן פשוטסטן אופן פון המון־גלויבן אין זייער רבין. זאָלן די קינדער בלייבן קינדער, מען דאַרף נישט קאַלעטשען די שענסטע אייגנשאַפטן פון קינדערשן עלטער. און אַז אויף דעם באָדן זאָל שפּעטער נישט אויסוואַקסן קיין שעדלעכע פּרוכט — פאַר דעם דאַרף שוין זאָרגן די שול און איבערהויפּט דער נאַטור־לימוד. און דאָס איז גרינג דערגרייכבאַר, אויב דער לערער פון נאַטור־לימוד פאַרמאָגט פון איין זייט אַ גוטן פאַרשטאַנד פאַר דער נשמה פון קינד און דער צווייטער זייט — אַ געזונטע און אמתע רעליגיעז־פּאָעטישע באַציאונג צו דער נאַטור, אויב דער לערער פאַרמאָגט אַ אינטערעס צו אַלגעמיינע נאַטור פּראָבלעמען, אויב ער פאַרמאָגט אַן אייגן געפיל, ליבע און אכטונג צו דעם, וואָס ער לערנט און צו די, וועמען ער לערנט.

דער תנך־לימוד אין שול

קודם כל, — א סך לייענער וועלן גלייך איבערלייענענדיק דאָס קעפּל, אויסבטלען אלע חלומות צו מיין קאָפּ. געהערט א ביסל? וועלט־לעכע שולן און תנ"ך! תנ"ך — דאן רעליגיע, גאָט אאז"וו. ווי קומט עס צו אונדז? וועל איך בעטן זיי, די פריינד, עטוואָס געדולד און, דער עיקר, קאַלטקייט; טאָמער איז דער שרייבער גאָרנישט אזוי „פון וועג".

תנ"ך איז ליטעראטור, נישט קיין רעליגיע. די רעליגיע האָט אָפּגע־פירט אלץ, אפילו דאָס משפחה־לעבן. דאַרף מען זיך נישט אָפּזאָגן, נישט דערשרעקן און נישט מפקיר זיין, נאָר מען דאַרף עס אויסנוצן אויף א וועלטלעכן אופן.

תנ"ך איז פול מיט „גאָט", מיט װוּנדער אאז"וו. — מילא וווּנדער זענען דאָ נישט בלויז אין תנ"ך און מיר פארשטייען, אז די קינדער באַ־גרייפן די וווּנדער ווי וווּנדער און מיר זענען גאָרנישט אזוינע פּאָזי־טיוויסטן. און זאָל דער תנ"ך נישט זיין שרעקלעכער פון... „דאָס ייִנ־געלע מיטן רינגעלע". אויך „גאָט" דאַרף נישט אזוי איבערשרעקן אונ־דזערע „גאָטספאַרכטיקע" חברים. מיר ווייסן זייער גוט ווי אזוי דער „רעליגיעזער גאָט" פון קינדהייט עוואָלוציאָנירט אין דערוואַקסנהייט ביז א וועלטלעכן „גאָט אין הארצן". פארקערט איז גאָרנישט אזוי גרינג אויסצוהאָדעווען אזא וועלטלעכן „גאָט אין הארצן" פון א וועלטלעכן אין קינדהייט „במקום־גאָט" אָדער גאָר פון א ראַציאָנאליסטישער אָנגאָטקייט". און אלע האָבן מיר נישט שטארק ליב א מענטשן, וואָס פארמאָגט נישט קיין „גאָט אין הארצן".

נאָך ווייטער. נישט שעדלעך איז דער רעליגיעזער געפיל. שעד־

לעך איז וואָס ער ווערט אויסגענוצט כדי צו הערשן איבער מאסן. ער אליין א באפרייטער פון סאָציאלן געשפאַן ביי די קלעריקאלן איז נישט ערגער, נישט ווייניקער מענטשלעך ווי אנדערע העכערע געפילן. פונקט אזוי, אויב נישט נאָך ערגער, העלפן צו פארקנעכטן מענטשן, מאסן אזוינע געפילן ווי פאָטערלאנד, פאָלק, היים. יעטווידער גלויבן איז שעדלעך. נישט נאָר דער גלויבן אין רב, אין גלח, נאָר אויך — אין „פי־רער", אין פארטיי־אָנפירער.

דארף מען דען אָט די אלע געפילן אויסוואָרצלען, אָדער מען דארף באקעמפן זייער פארקנעכטונג, מען דארף זיי באפרייען.

נאָך דעם קען מען שוין רעדן וועגן תנ"ך, א ליטעראטור, וואָס קען אויסגעניצט ווערן גאנץ ווערטלעך.

אָבער צו וואָס? צו וואָס דארף מען דעם תנ"ך אין דער יידישער שול? אָט קען מען דאָך אויסקומען אויך אָן דעם תנ"ך? צו וואָס נאָך און נאָך שוועריקייטן? אָט דאָס איז א וויכטיקע פראגע.

מיט תנ"ך איז אין אונדזער קולטור־געשיכטע געשען א מאָדנע דער־שיינונג. אין דער טראדיציאָנעלער דערציאונג האָט דער תנ"ך פאר־נומען א קנאפן אָרט. דאָס עצם „לערנען" איז געווען דער תלמוד, גמרא. תנ"ך האָט מען געלערנט ווייניק און מען האָט גאָר קנאפ חשי־בות געלייגט אויף דעם. בלויז די משכילים פון משה מענדעלסאָן אָן האָבן אָנגעהויבן צו שטעלן דעם תנ"ך אויבן אָן, מאכן פון תנ"ך לערנען דעם יסוד פון יידישקייט. און טאקע דערפאר האָבן טראדי־ציאָנאלן יידן געקוקט קרום אויף דעם לערנען תנ"ך, איבערהויפט מיט משכילישע פירושים (דער „ביאור"), מיט משכילישער ראציאָנאלקייט. און ווי תמיד, אין דעם קאמף צווישן השכלה און אירע קעגנער, זענען די טראדיציע־יידן געווען גערעכט: אין דער פארשטארקטער געטריי־קייט צום תנ"ך איז געווען אן אומגעטרייקייט צו יידישקייט.

אדרבא, די רעזולטאטן זענען טאקע געווען היפּוכדיקע: פלעגן יידן לערנענדיק „שלעכט" דעם תנ"ך, דאָך אָפט אין שפראך, אין לעבן אויסנוצן א פסוק, א ווערטל וכדומה. אָבער די, וואָס לערנען דעם תנ"ך משכיליש, ראציאָנאל, זיי האָבן פון אים קנאפ נוצן אין לעבן.

ער האָט אויך די משכילים קנאפּ וואָס געהאַלפן איינצוהאַלטן יידיש־קייט ביי זייערע קינדער. ווי אַזוי איז דאָס געשען?

אין תלמוד איז פאַראַן אַ ווערטל: „אין רבוי אחר רבוי אלא למעט" (אַ פּלוס נאָך אַ פּלוס מוז פירן צו אַ מינוס). באמת איז אין איבער־טרייבן דעם נאַציאָנאַלן ווערט פון תנ"ך לערנען געווען אַ נישט דער־זאָרגטער זאַך. דער געדאַנק איז אָבער געווען אַזאַ בערך: „דער תנ"ך איז נאַציאָנאַל זייער וויכטיק. כדי צו זיין יידן, דאַרפט איר לגמרי נישט היטן קיין טראַדיציע, עס איז גענוג פאַר אייך צו האַלטן פון דעם תנ"ך"... דער קולט פון תנ"ך איז דאָ געווען נישט צו פאַרשטאַרקן יידישקייט, נאָר זי צו פאַרבייטן. דעריבער איז אַלעמאָל געווים געווען נערעכט מיין זיידע ע"ה, וואָס האָט מיך אַרויסגעטריבן פון שטוב, ווען איך האָב געבראַכט אַ תנ"ך מיטן ביאור: — זאָלסט אַרויסטראָגן פון מיין שטוב אָט דעם טריף־פּסול. אנישט וועל איך דיך אַרויסוואַרפן, דו שמדניק איינער.

אין דער געשיכטע פון דער לעצטער צייט האָט אָט דער תנ"ך־נאַ־ציאָנאַליזם בכל אופן זיך לגמרי נישט באַרעכטיקט.

ובכן אויב איך טראַכט וועגן תנ"ך אין דער יידישער שול, איז עס לגמרי נישט כדי נאָכצוטאָן, נאָכצוגיין די „תנ'כיסטן", די מאָדערנע נאַציאָנאַליסטן אונדזערע, ווייל ווי געזאָגט: מער יידישקייט, און במילא אויך מער תנ"ך, איז געווען ביי די יידן וואָס האָבן זיך דערצויגן נישט אויפן תנ"ך, נישט אין פאַרגלייך מער.

איך מיין אויך נישט אַז דער תנ"ך איז „דאָס שענסטע קונסט־ווערק", דאָס „פּאַסיקסטע פאַר קינדער" אאַז"וו א"וו, אַלערליי הימ־טערישע התפּעלות. ניין און ניין. מיינע מאָטיוון זענען גאַנץ פּשוטע און „קאַלטע". איך מיין, אַז ווערק, וואָס זענען יאָרטויזנטער אריינגע־פלאָכטן אין יידישער קולטור און אין יידישן לעבן, קען מען נישט אויס־שליסן פון דערציאונג. טוט מען עס יאָ, שליסט מען עס יאָ אויס, — שליסט מען אויס די דערציאונג פון דער יידישער קולטור. ד"ה דער קולטורווערט פון דער דערציאונג ווערט פיל קלענער דורך דעם. מען קען נישט אַרויסנעמען פון אַ בנין קיין ציגל, און דער בנין זאָל בלייבן גאַנץ.

וועט מען זאָגן — „מען האָט אין די יידישע שולן גאַנץ פיל מאָל תנ"ך געלערנט און מען לערנט נאָך איצט, און דער תכלית פון לער־נען איז זייער א קליינער". אָט דאַ, מיט דער פראַגע גייען מיר שוין צו צו דער פראַגע ווי לערנען תנ"ך אין דער יידישער שול. דען ביז איצט ווען מען לערנט תנ"ך, לערנט מען עס ווי לויט די דרכים פון די משכילים און אנדערע „תנ"ך־נאַציאָנאַליסטן". און מה דאָך זיי זענען נישט מצליח, אָפּגעבנדיק דעם תנ"ך א סך צייט, איז ווי קען מצליח זיין די יידישע שול, וואָס האָט פאַר תנ"ך זייער ווייניק צייט?

זיי, די מאָדערנע בעלי־תנ"ך, זיי לערנען נישט דעם תנ״ך פון דער יידישער קולטור־טראַדיציע; זיי לערנען דעם תנ"ך ראַציאָנאַליסטיש, ווי ליטעראַטור־ווערק, ווייטע, פרעמדע פון דער יידישער טראַדיציע, „ריין" און אומאָפּהענגיק. איז זאָגן זיי, און שרייען זיי, אַז זייער לערנען תנ"ך איז א נאַציאָנאַלער לימוד. אָבער אין דער אמתן איז ער א לימוד פון „קלאַסיציזם", פון „יידישן קלאַסיציזם", וואָס זיי גיבן אים א סך צייט. און אז מען זאָל לערנען די גריכישע קלאַסיקער מיט ענג־לישע קינדער אָן א סוף, וועט מען זיי מאַכן דורך דעם פאַר היינטיקע גריכן? און אז מען לערנט מיט יידישע קינדער דעם קלאַסישן תנ"ך יאָרן־לאַנג קען מען דורך דעם נישט מאַכן זיי פאַר יידן פון היינטיקן דור. מילא די משכילים בשעתם, זיי האָבן בכיוון און נישט בכיוון מיט פסיידאָ־נאַציאָנאַלע דרכים, בלויז ווייל זיי מאַכן נאָך, ווייל אָט די וועגן זענען „אייראָפּעאיש", ד"ה בכבודיקע און זענען נישט ענלעך צו די טראַדיציאָנעל־יידישע.

און די תנ"ך־לערער פון די יידישע שולן האָבן פאַר זיך נישט גע־שאַפן קיין מעטאָדן. זיי האָבן נאָכגעטאָן די העברעאיסטן מיט נאָך א קלענערער מזל־ברכה.

אָט אזא איז געווען די קייט: די משכילים האָבן גענומען די מע־טאָדן ביי די גויים, די העברעאיסטן — ביי די משכילים, די יידישיסטן — ביי די העברעאיסטן. און קיין תכלית איז אין ערגעץ נישט געווען פון דעם לערנען.

צוויי לערערס האָבן אמאָל געמאַכט א פאָרשטעלונג וועגן אברהם אבינו. איינער האָט זיין אברהמען אויסגעפוצט ווי אַן אַלטן בעדוינער

אין מידבר. דער צווייטער האָט אים פאַרגעשטעלט ווי אַ בכבודיקן בעל הבית פון אַ ליטווישן שטעטל. דער ערשטער האָט זיין גערעכטיקייט אַר־גומענטירט מיט אַרכעאָלאָגישע ראיות: ס'איז קיין שום ספק נישט אַז דער אַמאָליקער אברהם איז בכל אופן געווען נענטער צום היינטיקן בעדווינער ווי צו אַ יידן פון אַ שטעטל. דער צווייטער האָט געטענהט, אַז ביי אים אין מוח איז אברהם אומבאַדינגט אַ בכבודיקער ייד, און ווען ער טוט אים אָן אַנדערש, נישט ווי אַ היינטיקן ייד וואָס עקזיסטירט אין זיין פאָרשטעלונג, וואָלט ער בכלל פאַרלאָרן זיין אינעווייניקסטן אברהמען. דער אַרכעאָלאָגישער אברהם אינטערעסירט אים נישט און אַ בעדוויניזירטער אברהם איז אים פרעמד און ווייט. — ווער פון די צוויי לערער איז גערעכט?

צוויי גרויסע יידן פירן די זעלביקע דיסקוסיע. מיט אַ האַלבן יאָר־הונדערט בערך צוריק האָט אחד העם אָנגעשריבן זיין עסיי וועגן משה. אים אינטערעסירט נישט דער אַרכעאָלאָגישער משה, זיין ביאָגראַפיע, זיין פּריוואַטער לעבן, אַפילו זיין עצם פיזישע עקזיסטענץ גייט אים נישט אָן. יאָ געלעבט אַמאָל אַ מענטש מיט דעם נאָמען משה, צי נישט — זאָל זיין אַז משה איז לא היה ולא נברא, און די תורה האָבן גאָר אויסגעטראַכט אַנדערע יידן, וואָס דאָס פאָלק האָט זיי אָנגערופן מיט דעם נאָמען משה. איז אָט די פאָרשטעלונג אין דעם לעבעדיקן פאָלקס באַוווסטזיין, זי איז וויכטיק. וויכטיק איז אָט דער סכום ווירקונגען וואָס גילטן אין לעבן פון פאָלק אונטער דעם נאָמען משה. אַ סך שפּעטער האָט ז. פרויד זיך באַמיט צו געפינען דעם ביאָגראַפישן אָפּשטאַם פון דעם פיזישן משה. און ווער איז גערעכט פון די צוויי? עס איז די פראַגע נישט ריכטיק: עס זענען צוויי סיסטעמען, צוויי וועלט־באַנעמען: איין פאָלק טראָגט זיך יאָרטויזנטער אַרום מיט משהס תורה און דאָס צווייט פאָלק — מאַכט פאַראַדן אויף משהס קבר — פערזאָן אָדער אידעע.

איין לערער האָט אַמאָל צו מיר געהאַט טענות פאַרוואָס איך גיב אים נישט קיין קאַרטעס צום לימוד פון תנ"ך. ער, זאָגט ער, אַז ער לערנט „ויצא יעקוב מבאר שבע" איז ער זיך נוהג צו ווייזן די קינדער וווּ באר שבע איז און וווּ חרן ליגט. ער איז דאָן נישט עפּעס אַ מלמד וואָס קען ניט קיין געאָגראַפיע... ער אַז ער לערנט וועגן סדום מוזן

בײַ אים די קינדער װיסן װוּ סדום ליגט, אַז דער גאַנצער ירדן טאָל איז אַ טייל פֿון דעם גרויסן געאָלאָגישן אײַנפֿאַל װי עס לערנט אונדז דער גרויסער יידיש־עסטרייכער געאָלאָג זיוס, און אַז אין אַזוינע ערטער זע־נען געװען ערדציטערנישן און פֿון דאַנען שטאַמט די לעגענדע װעגן סדום..." אַט אַזוי באַרימט זיך פֿאַר מיר דער געלערנטער לערער. און איך זיץ און טראַכט צי זאָל איך אים דערשטיקן אָדער אויפֿהענגען פֿאַר זײַן װיסנשאַפֿט װאָס ער װייס נעבעך נישט װוּ אַהין צו טאָן... פֿון גרויס כעס האָב איך גענומען דאָס ליד „סדום" פֿון דעם װילנער גע־װעזענעם מוסרניק חיים גראַדע און אים איבערגעלייענט, און אָנגעזאָגט האָב איך דעם לערער, ער זאָל נישט װאַגן אַזוי צו טאָן װאָרום — װוּ איז סדום?—אומעטום איז סדום! אומעטום װוּ הינטער די שיינע װענט פֿון אײנע ליגט בלוט און שװייס פֿון אַנדערע, — דאָרטן איז סדום. װען איז סדום? אַלעמאָל איז סדום. אייביק איז סדום. היסטאָריזירט נישט קיין סדום, אַקטואַליזירט אים. לערנט אויס אײַערע תּלמידים זען די אייביקע אידעען אין דער אייביקייט, שטענדיק און אומעטום. איז גע־װיס גערעכט יענער רבי װאָס האָט געלערנט „ויצא יעקב..." יעקוב־ציטערט פֿאַר עשׂיון און לױפֿט צו לבנען. לבן איז אַ רמאַי אַ ליגנער: אַך, מיטן גרעסטן כּבוד, זײַ בײַ מיר אַ קנעכט, װילסט אַ טאָכטער, נאַ דיר אַ טאָכטער, אַבי אַרבעט. אָבער װי נאָר יעקב װערט עטװאָס רײַכער, אָנגעהאָרעװעט אַ ביסל האָב און גוטס, שוין קוקט אויף אים לבן מיט זײַנע קינדער „נישט װי נעכטן און אייערנעכטן" און יעקב ראַטעװעט זיך צוריק צו עשׂיון װאָס פֿאַרשטעלט זיך װידער פֿאַר אַ גוטן... אאז"װ. יעקבֿס לױפֿן צװישן עשׂיון און לבנן איז נישט אַ געשעעניש פֿון איין מאָל, — עס איז אַ אייביקער פּראָצעס.

איך האָב אַמאָל געזען װי אַ לערער, אַ ספּעציאַליסט אין ביבל קריטיק האָט געלערנט איובֿ אין אַ העבראַישער גימנאַזיע. צעבראָקלטע טעקסטן. געשיכטלעכע און אַרכעאָלאָגישע פּשטלעך — געפּאַטשט... געפּאַלמעסט אַ װערק. און איך האָב די גאַנצע צײַט געדענקט, נאָך געפֿילט דעם קרעכץ פֿון מײַן אַלטן רבי „ואסלדה בחילה לא יחמול", אוי װײ טאַטע פֿאָטער! איז אפֿשר אָט דער קרעכץ געװען װירקעװדיקער אויף די נשמות פֿון די קינדער אײדער דער גאַנצער אַנאַליז פֿון טעקסט. איז דען נאָך נישט

צייט לערער זאָלן וויסן: מיט קיין ראַציאָנאַליסטישע מעסערס גייט מען נישט צו צו קיין קונסט ווערק בכלל און צו אייביקע פֿאָלקס ווערק בפרט. עס האָט מיר אַמאָל געזאָגט אַ תּלמידה — אַ צאַרט מיידל: איך האָב זייער ליב צו ווארפֿן ארבעס פאַר טויבן און צו הערן ווי זיי וואָרקן. אָבער אַז איר גיט אונדז בלאַראַפּאַרמירטע טויבן צו לערנען אַנאַטאָמיע, האָב איך פּיינט אייך און איך קען אויף די טויטע טויבן נישט קוקן. פֿון דעמאָלט אָן פֿלעג איך אָפֿט טראַכטן, אַז דאָס מיידל איז גערעכט: אפשר דאַרף מען גאָרנישט צעשניידן די טויבן און ווייזן אַז טויבן האָבן נישט קיין גאַל און ווי די לופֿט זעק זענען איינגעאָרדנט. אפשר. אָבער, אַ דאַנק גאָט, אין אַמעריקע זענען יידישע שולן פּטור פֿון צו זאָרגן וועגן מעטאָדן פֿון זאָאָלאָגיע — וואָסער ייד יואָלט עס אָנגעטרויט צו לערנען אַזאַ לימוד אַ יידישן לערער אין אַ יידישער שול און, חלילה, נאָך אויף יידיש. קערן מיר זיך אום צו תּנ״ך.

אַמאָל האָב איך געהערט אויף אַן עקזאַמען אַזאַ וויכטיקע פֿראַגע: פֿון וואַנען האָט עמוס וואָס האָט געשטאַמט פֿון דרום יהודה געוווּסט וואָס עס טוט זיך אין שומרון? און דער גוטער תּלמיד האָט געגעבן דעם „ריכטיקן" ענטפֿער: קאַראַוואַנען פֿלעגן דורכגיין פֿון צפֿון דורך די פֿעלדער פֿון תּקוע, פֿון זיי האָט זיך דאָס עמוס אָנגעהערט וועגן דער רשעות אין שומרון. געהערט און זיך געחידושט: צי זענען געגאַנגען קאַראַוואַנען דורך דער באַרגיקער און מידבּרדיקער תּקוע, בשעת עס איז דאָ אַ גרינגערער וועג דורך דער שפֿלה? און ווער האָט דערציילט עמוסן און אַלע אַנדערע נביאים וואָס עס טוט זיך אין אַלע לענדער? האָב איך געפֿרעגט דעם לערער פֿון וואַנען ער האָט גענומען אַזאַ וויכטיקן מאָמענט צום לערנען, האָט ער מיר געוויזן אין אַ מאָדערנעם פּירוש, און דער האָט עס מן הסתּם גענומען פֿון אַ ביבל קריטיקער, און דער לערער איז געווען צופֿרידן: אָט וואָס פֿאַר אַ וויכטיקע תּורות ער לערנט מיט זיינע תּלמידים! און דער לערער ווי אַ סך אַנדערע ווילן נישט באַגרייפֿן אַז געדעכט איז געוועזן די יידישע טראַדיציע וואָס האָט אַרויסגענומען די נבֿואה פֿון צייט און אָרט און זי אַהיינגעפּלאַנצט אין אַלע דורות און אין אַלע צייטן: איטלעכער ייד איז מחויב צו זען זיך ווי ער וואָלט אַרויס פֿון מצרים. איטלעכער ייד איז מחויב צו זען זיך

ווי צו אים ריידן די נביאים, איטלעכער ייד דאַרף קענען זיינע צרות און ספקות פאַרבינדן מיט איובס טענות. עס איז אַ סך מער קולטור כוחות פון פאָלק פאַראַן אין פשוטן זאָגן תהילים, איידער אין לערנען תהילים מיט אַלע קאָמענטאַרן. ווען אַ ייד זאָגט תהילים לייגט ער אַריין אין די ווערטער וואָס ער פאַרשטייט אפילו נישט זיין אייגענע האַרץ, זיין נשמה, לעבן די ווערטער מיט דעם יידן מיט זיין לעבן. וואָס אָבער פאַר אַ פּאָטענציעלע ענערגיע קען זיין אין לערנען אויף אויס־ווייניק אַנאַליזירטע קאַפּיטלעך תהילים? צי קען וואָסער עס זאָל נישט לערער־מייסטער געבן זיינע תלמידים דורך זיין לערנען כל נדרי אַזאַ איבערלעבונג ווי אַ באַזוך אין שול צו כל נדרי?

די יסודות פון וויסנשאַפטלעכן אויפנעמען אַ זאַך ליגן אין אויפ־קלערן די עלעמענטן פון צייט, אָרט און אומשטענדן. מיט דעם אויפ־קלערן די עלעמענטן ווערן די טעקסטן פאַר אונדז ווייט, אָפּגעריסן פון אונדזער היינטיקן לעבן און פון אונדזערע איבערלעבונגען. ווייטע און קאַלטע טעקסטן וואָס אין לעבן קענען זיי אונדז גאָרנישט געבן. גאָר אַנדערש איז ווען מיר אַקטואַליזירן די טעקסטן, ווען מיר קוקן אויף זיי מיט אונדזערע היינטיקע אויגן, ווען מיר באַמיען זיך אויפצונעמען די טעקסטן ווי זיי וואָלטן געווען געווענדט צו אונדז היינט און דאָ ווי מיר זענען. אַזוי איז זיך באַגאַנגען מיט טעקסטן די גאַנצע יידישע טראַדיציע. האָט איטלעכער דור זיך פאַרגעשטעלט די אבות, משהן, דודן און אַלע אַנדערע ווי זיי וואָלטן געלעבט אין זייער צייט און מיט זייערע באַגריפן. שווער צו זיין אַ ייד, מיר קענען נישט בויען קיין מאַ־טעריעלע אַרכיוון און מוזעען פון יידישקייט, מיר קענען נישט אויס־סדרן אונדזער גייסטיקן פאַרמעג לויט יאָרהונדערטער, — און מיר זאָלן קענען שפּאַצירן און זיך פאַרווײלן אין די לאַנגע זאַלן פון אונדזער גע־שיכטע. וואָס מיר קענען יאָ, איז איינשפּאַנען אַלע אונדזער געוועזענע דורות זיי זאָלן אונדז העלפן טראָגן אונדזער יאָך. צו דעם דאַרף שטרע־בען אונדזער לערנען תנך.

איך וויל זען די נביאים מיט מיר ווי קוקן מיט מיר צוזאַמען אויף אונדזער לעבן, עס איז מיר גרינגער ווען איך געפין אין אַ נביאס רייד מיין האַרץ און געמיט פאַר מיין היינט און ווען מיר דאַכט זיך

אַז איך הער פון דעם נביא אַ וואָרט פאַר מיין צוקונפט. דאָס איז אויך דער זינען פון די תלמודישע „פסוק לי פסוקך", פון דעם „מאי קא משמע לן", „הדא הוא דכתיב" א. א. וו. אַט פאַרוואָס אַזאַ אַקטיווער מאַן ווי רבי עקיבא האָט געהאַלטן אין איין דרשענען די „את"ן, תגין און א"וו."

ווען דאָס איז דער ציל, וועלן מיר עס גאָר לערנען אַנדערש. נישט דער טעקסט, נישט דער באַשריבענער לויף פון געשעענישן, נישט צייט און אָרט בינדן אונדז נישט. מיר שילדערן עס לויט אונדזער באַגריפן־וועלט און לויט אונדזערע קינדערס וועלט. מיר נוצן דעם טעקסט, אַזוי ווי די תלמודישע אגדה האָט אים גענוצט לויט איר באַדאַרף.

עס איז פאַראַן אין יידיש די קלאַסישע תנ"ך איבערזעצונג פון יהואָש און עס איז ניט נייטיק צו פאַרפּאַכטן דעם תנ"ך למוד ביי די ידיעות פון העברעאיש. און אַזוינע דערציילונגען האָבן מיר דאָך אין תנ"ך אַ שלל, און זיי האָבן מעלות לגבי אַלע אַנדערע. ערשטנס, זענען זיי „ביאָגענעטיש", אויב מען זאָל זיך דערלויבן באַנוצן דאָ דעם אויסדרוק: דער יחיד אין זיין קינדהייט זאָל זיך אויסלעבן מיט דעם מאַטעריאַל, וואָס איז געווען דער אינהאַלט ביי דעם גאַנצן פאָלקישן כלל אין אַט דעם כללס קינדהייט.

יעטווידער טייל פון אַט דער ליטעראַטור איז דורכגעגאַנגען אַ לאַנגן „געשיכטלעכן אָפּקלייב" אין משך פון לאַנגע דורות פאָלקס־טראַדיציע איידער זיי זענען פאַרשריבן געוואָרן. און אויך נאָך דעם האָבן זיי ביים פאָלק פיגורירט נישט בלויז ווי „תורה שבכתב", נאָר ווי אַ מאַטעריאַל פון כסדרדיקן קינסטלערישן איבערשאַפן, איבערדיכטן, אָנבויען נייעס אָן אויפהער אויף זיי נייע שאַפונגען אין פאָרם פון אגדות אויסריידעניש, פשטלעך, פאָלקסטימלעכע טייטש־חומשים א. א. וו.

מען דאַרף לגמרי נישט האַלטן די יידישע דורות פאַר אַזוינע נאַרישע אַז זיי האָבן כלומרשט אויפגענומען די אַלע לעגענדעס פאַר פאַקטישן אמת. לגמרי נישט. דאָס איז ביי זיי געווען דער אמת פון קונסט לויט זייער מאָס און פאַרנעם. און קיין זאַך שטערט נישט אויך אונדז

שילדערן און אָנבויען ווייטער אויף דעם אונדזער קונסט־אמת לויט אונדזער וועלטבאַנעם און לויט אונדזערע קונסט־באַגריפן.

אין ווילנער יידישן לערער־סעמינאַר, עליו השלום, האָבן מיר בשעתו געפּריידיקט איינצופירן אין די קינדערגערטנער און אין די ייננגערע קלאַסן פון שול דאָס קינסטלערישע דערציילן די קינדער יידישע פאָלקס־מעשהלעך (נישט בלויז פון תנ"ך). מיר פלעגן עס פירן אין דער איבונגס־שול ביים סעמינאַר אַלע פּרייטיק פאַרן גיין אהיים. סדום מיט די אַלער־ליי שילדערונגען, באַשרייבונגען, פּרטים א. א. וו. פלעגט ביי אונדז פאַרנעמען צוויי שעה.

עס איז כאַראַקטעריסטיש און גענוג טרויעריק, וואָס אויסער אשן און זיינע יוגנטלעכע „מעשהלעך פון חומש" האָט קיין מאָדערנער יידי־שער דיכטער נישט געפּרוווט זיין כוח אויף צו באַאַרבעטן אָט דעם גרויסן פאָלקסעפּאָס (פון תנ"ך און אויך דעם שפּעטערדיקן) פאַר אונ־דזערע דורות.

אויף אַן ענלעכן אופן גייען מיר צו צו די נבואות אין תנ"ך. צו ערשט קומט אַן איבערגאַנג ווו די דערציילונג איז מער ווי נבואה, „ווי ער זעט אים" אין זיין, דעם לערערס, אַקטועלקייט. אַזוי למשל ווען אליהו כאַפּט אחאָבן נאָך דעם טויט פון נבות היזרעאלי, דאַרף אליהו לגמרי זיך נישט באַנוגענען מיט יענע ווערטער וואָס דער תנ"ך גיט אים אין מויל. ער מעג אים „אַריינזאָגן", וואָס דער לערער געפינט פאַר פּאַסיק א. א. וו.

עמוס דאַרף לגמרי נישט זיין קיין לאָקאַלער נביא פון בלויז אָט זיין צייט. די קי פון בשן וואָס רויבן און פרעסן און זויפן און... פאַר־קויפן דעם אָרעמען פאַר שיך". זענען דאָס דען נישט קיין אייביקע רייד? און פאַר וואָס זאָל דער לערער זיך נישט באַמיען מיט זיינע תלמידים (און קודם ביי אים אַליין!) אַרויסרופן פאָרשטעלונגען וועגן דעם נביא איצט? ער מעג אויסזען אין גאַנצן אַנדערש, ער מעג אַנדערע בילדער באַנוצן, אָבער זאָל ער אונדז, אין אונזערע צייטן און פאַרהעל־טענישן איבערגעבן זיין נביאישן פּאַטאָס, זיין אויפריכטיקייט און זיין בילדערישקייט, און זען, באַגריפן און ריידן. אָט דאָ איז דער צוועק פון לערנען תנ"ך אין דער יידישער שול. נישט זיך אויספּוצן מיט

שווערדלעך, מיט קאָקארדעס, מיט אַמאָליקע העלדן, מיט אַמאָליקער נבואה און אַמאָליקע נביאים. אָט דאָס לאָזן מיר פאַר די וואָס זוכן „נאַציאָנאַלע רייכטימער". מיר דאַרפן א ביסל, א חלק, עטוואָס לעבעדיקע נבואה אין אונדזער לעבן.

ווי אַזוי קען מען עס דערגרייכן?

איך שטעל זיך פאָר אין תנ"ך־לימוד דריי שטאַפּלען.

א) אין קינדערגאָרטן און אין די ערשטע קלאַסן פון שול קומט דער תנ"ך־מאַטעריאַל אויסוויייניק. דער לערער דערציילט. אומבאַדינגט. די קינדער דאַרפן קוקן דעם לערער אין מויל און אינטויטיוו מיטפילן ווי די דערציילונג וועבט זיך (אַן אַלגעמיינער כלל וועגן דערציילן אין דעם עלטער!). פון תנ"ך — בלויז די טעמע. בילדער, שילדערונגען, סיטואַציעס מוז דער לערער צוגעבן. עס איז דאָ א מעטאָדיק פון דערציילן פאַר קינדער. אָבער דאָ קען זי נישט קומען. עס וואָלט זייער געווען גוט, ווען אונדזערע דיכטער נעמען זיך (אפילו לויט א באַשטעלונג) צו שאַפן אַזוי דערציילונגען (נישט צום לייענען סתם פון ביכל!).

אָט דער שטאַפּל ציט זיך ביז די קינדער דערגרייכן שוין צום יידישן ליטעראַטור־לימוד, צו כרעסטאָמאַטיע. דאָ קומט דער צווייטער שטאַפּל.

ב) לערנען אין קלאַס טעקסטן פון יהואשעס תנ"ך לויט א באַשטימטער פּראָגראַם און אָנווייזונגען. עס קענען אויך קומען פאַרגלייכן מיט שפּעטערדיקע חומש־איבערדיכטונגען, טייטש־חומש, אגדה א. א. וו. ביז פּורימשפּילער וכדומה (אפילו א. מאַנגער). דאָ קען אויך קומען א פאַרגלייך מיט דעם ליטעראַרישן און געזעלשאַפטלעכן צוגאַנג צו די זעלביקע פּראָבלעמען אין אַנדערע צייטן און קולטור־סביבות. לאָמיר זאָגן דער קאַמף קעגן סאָציאַלן דרוק, דער קאַמף קעגן אַסימילאַציע וכדומה. אָט אַזוי „קווערשניטלעכע" באַטראַכטונגען פון פאַרשיידענע ווערק און באַוועגונגען קען זייער פיל געבן.

ג) צו דעם דריטן שטאַפּל קען עס קומען, דאַכט זיך, בלויז אין די מיטלשולן. איך מיין דאָ דעם תנ"ך אין העברעאישן אָריגינאַל.

אגדה ווי א לימוד

וואָס איז אגדה?

„ווער עס וויל דערקענען דאָס יידישע פאָלק פון אלע זייטן, דער מוז זיך ווענדן צו דער אגדה" (ביאַליק אין „לכינוסה של האגדה"). דורך דער אגדה קאָן מען אריינדרינגען אין סאמע תוך פון פאָלקס נשמה, ווייל זי איז נישט קיין אינדיווידועלע שאפונג, זי איז די בשותפותדיקע שאפונג פון גאנצן פאָלק דורך אלע זיינע דורות. די הלכה האָט געשמידט דעם פאָלקס זיין, די אגדה — זיין באוווסטזיין. די הלכה האָט געפורעמט דאָס לעבן, די אגדה — זיין טרוים. די אגדה איז דעם פאָלקס חלום, די הלכה — זיין וואָר. הלכה איז שטייגער, נאָרמעס און פאָרמעס פון לעבן וואָס דאַרפן אים צאַמען און פירן אהין, אהין צו דעם טרוים פון דער אגדה. אָן די טרוימען פון דער אגדה האָט א הלכה נישט קיין ציל און זינען. אָן דער הלכה האָט נישט אגדה קיין באָדן פון וואַנען ארויסצוּוואַקסן. אָט אזוי האָט דאָס פאָלק אונדזערס דורכגעלעבט יאָרטויזנטער אויף דער טעריטאָריע פון אָט די צוויי עלעמענטן פון זיין תורה — פון הלכה און אגדה (פאַרגלייך ביאַליקס „הלכה ואגדה").

אגדה איז דאָס פאָלקטימלעכסטע שבפאָלקסטימלעכע, דער אויסדרוק פון דעם טיפסטן און אינטימסטן אין פאָלק. קיינמאָל האָט דאָס לעבעדיקע פאָלק נישט אויפגעהערט צו שאַפן ווייטער און ווייטער, צו וועבן זיינע טרוימען, צו חלומען זיין אויסלייז, צו פלעכטן „קרוינען פון ישועה", צו זאַלבן מיט די ווייכסטע זאַלבן זיינע שווערע ווונדן און שפינען זיך א טרייסט פון נחמות וואָס דאַרף זיין די פאַפירענע בריק

איבער די ימים בלוט, וואָס דאַרף זיין און וואָס איז שטאַרקער פון אַלע אייזערנע בריקן.

קיינמאָל האָט דאָס פאָלק נישט אויפגעהערט צו שאַפן זיינע אגדות אין זיינע יידישע שפּראַכן — אין העברעאיש, אין אַראַמיש און יידיש. די געזאַמלטע אגדות האָבן קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו צירקולירן אין פאָלק. דורות נאָך דורות האָבן זיי אַריינגעזאַפּט אין זיך ביז זיי זענען געוואָרן אַ אינטעגראַלער טייל פון פאָלקס קאָלעקטיוון „איך". איטלעכער דור האָט אין די זעלביקע אגדות געזוכט דעם אויסדרוק פון די איבערלעבונגען וואָס ער האָט געבענקט נאָך זיי. און דעריבער זענען פון צייט צו צייט אויפגעקומען אַלץ נייע און נייערע זאַמלונגען פון אגדות פון די אַלטע מדרשים, דורך דעם עין־יעקב ביז צום מנורת המאור, נופת־צופים, ביז צו די דרוש ספרים און די גאַר מאָדערנע זאַמלונגען פון ביאַליק, בערדיטשעווסקי, לעווגער און אַנדערע, ביז צו קונסט באַאַרבעטונג, ווי פּרץ א"א. און אַזוי פון דער תלמודישער צייט אָן ווען מען האָט זיך געקוויקט מיט „ספרא דאגדתא" (ברכות).

קיין איין דור האָט די אגדות נישט צונויפגענומען ווי עפּעס אַ פאַרטיקע שאַפונג וואָס עס טאָר אין איר גאָרנישט געענדערט ווערן. פאַרקערט, האָט איטלעכער אין די זעלביקע אגדות געזוכט צו געפינען זיינע געפילן און געדאַנקען, צו באַפעסטיקן מיט זיי זיין געמיט און זיין וועלט־באַנעם.

און דעריבער איז אין די אגדות קיינמאָל די פאַבולע נישט דער עיקר. דער סיפור המעשה איז אַ טפל צו דעם מוסר השכל, דעם געדאַנק אָדער עמאָציע. דעריבער האָבן די בעלי אגדה קיינמאָל נישט געזוכט די פאַרפולקאָמטע פאָרמע פון אויסדרוק, קיין פאַרענדיקטקייט. ווייל מיט דרויסנדיקער פאַרענדיקטקייט ווערט איטלעכע שאַפונג אויס קינעטיק און גייט אַריבער אין דער מדרגה פון סטאַטיק, רו און שלימות, וואָס קען נישט, וואָס דאַרף נישט און וואָס טאָר נישט געענדערט ווערן. אָבער דאָס אידישע פאָלק האָט זיך באַמיט צו האַלטן זיינע אַלע שאַפונגען אין קינעטישן צושטאַנד פון כסדרדיקן שאַפן און איבערשאַפן, פּושט צורה ולובש צורה, אין דער אומרואיקער מדרגה פון „אין סטאַטו נאַסצענדי" ווי די בעמיקער רופן עס אָן. מהאי טעמא איז דער סיפור

המעשה בלויז די קאַנווע וואָס האַלט אויף דאָס בילד, די שאָלעכץ וואָס היט אָפּ דעם יאָדער, די פּשוטע פלאַש וואָס האַלט איין דעם אַלטן און אָפּגעשטאַנענעם ווײַן פון פאָלקס גייסט, — און גייסט, ענערגיע מוז תמיד זיך האַלטן אָן מאַטעריע.

און דעריבער געהערן נישט די אגדות צו דער צייט ווען עס האָבן געלעבט די העלדן, וואָס זייער נאָמען איז פאַרפלאָכטן אין די אגדות. ווי סימבאָליק זענען די אגדות אויסער צייט און אָרט אומאָפּהענגיק פון די נעמען וואָס ווערן דערמאָנט אין זיי. אַזוי, למשל, די אגדה וועגן דער טויב וואָס נח שיקט אַרויס פון תיבה און זי קומט מיט אַן אויל־בירט בלאַט צוריק. דערציילט די אגדה אַז זי האָט דערמיט געזאָגט צו גאָט: זאָלן מײַנע שפּײַזן זײַן ביטער ווי אַ בלאַט און פון גאָט, איידער זיס ווי האָניק און פון אַ מענטשן; איז עס צו פּרימיטיוו צו מיינען אַז די אגדה האָט אַ שײַכות צום ציקל פון מבול, אָדער גאָר צו אַן אמתער רעאַלער טויב. די אגדה געהערט צו מענטשן, זי האָט אין זינען מענטשן און פון אַלע צײַטן און דורות. די מעשה מיט אברהמס קאַלכאַויוון, מיט זײַן ברעכן דעם טאַטנס געטער האָבן נישט צו טאָן מיט דעם אברהמען פון חומש. ס'איז גאָר אַ סימבאָל פון די גורלות פון יידישן פאָלק אין דורות אַ סך שפּעטער: מעשה אבות — סימן לבנים, — האָט דאָס נאָך פאַרשטאַנען צו זאָגן דער תלמוד. אויב די מעשה סדום אין חומש האָט נאָך אַ געוויסן געאָגראַפישן קאָלאָריט, אַ קולטור היס־טאָרישן אינהאַלט, האָבן שוין די תלמודישע אגדות וועגן סדום נישט קיין עלעמענטן פון צייט און אָרט. זיי זענען געוואָרן אוניווערסאַל און אייביקע סימבאָלן פון מענטשלעכער רשעות, אַלצײַטיק און אַלוועלטלעך, נישט ווייניקער ווי דאָס איז, למשל, דאָס ליד „סדום" פונם דיכטער חיים גראַדע, געשריבן אין 1937.

מען דאַרף זײַן אַן אומהיילבאַרער ראַציאָנאַליסט צו זוכן אין אגדות דעם „רעאַלן אמת", מען דאַרף זײַן פּרימיטיוו צו זוכן אין אגדות „היס־טאָרישן קערן", די פּראַקטישע אמתדיקייט. ניין און ניין — אַלע אגדות זענען נאָר געדאַנקען און אידייען וועגן מענטשלעכן לעבן אויסגעדריקט אין דער אָדער אין אַ צווייטער מעשה. עס איז אַ ספּעציעלע פאָרמע פון דענקען — נישט מיט אַבסטראַקטע פאָרמולעס, נאָר מיט קאָנקרעטע

בילדערישע דערציילונגען. עס איז אַ דענקען מיט פּאַבולעס, ווי אַ משל. אַזוי דענקט און פילאָזאָפירט דאָס יידישע פאָלק אויך היינט, נישט מיט טראַקטאַטן און אבסטראַקטע פאָרמולירונגען, נאָר מיט אַ משל, אַ וויץ, מיט אַן אַנצוהערעניש, אַ פּשטל און אַ מעשהלע. די שייכות צווישן דעם אינהאַלט פון אַן אגדה מיט די פיגורן וואָס זענען אין איר דערמאָנט איז נישט גרעסער ווי די שייכות צווישן אַ סימפאָניע און די מאַטעריאַלן וואָס פון זיי זענען געמאַכט די אינסטרומענטן צו שפּילן. די מעשה איז די פלאַש, דער געדאַנק פון דער אגדה איז דער וויין. נישט קלוג איז עס פון אַ מענטשן צו סאָרטירן די ווינען לויט די פלאַשן, מענטשן — לויט זייערע מלבושים.

נישט אומזיסט זאָגט איינער פון די יורשים פון די בעלי־אגדה — פּרצעס יוחנן מלמד: „איך בין ברוך השם קיין שרייבערל נישט, מיינע אבות אבותינו זענען קיין שרייבער נישט געווען! און דערציילן וועל איך פּשוטע דיבורים, אַן זאַלץ און אַן שמאַלץ... ווער עס זאָגט אמת, דער דאַרף קיין מליצות נישט"... אָט אַזוי, אַן זאַלץ און אַן שמאַלץ, איז אויך געשריבן די אגדה. און דער אמת פון די אגדות איז נישט קיין ראַציאָנאַליסטישער, נישט קיין רעאַליסטישער. ער איז בכלל מחוץ פון דער פּאַבולע. נישט אין סיפור המעשה דאַרף מען אים זוכן, נאָר אין די אידעען און גלויבן וואָס האָט געבאָרן די מעשה.

...קומט רבה בר בר חנה צום אָרט וווּ הימל און ערד קושן זיך צווישן אַנאַנד (צום ראַנד פון דער וועלט), לייגט זיין ברויט אויף אַ פענצטער פון הימל און ווען ער געפינט אים נישט שפּעטער שרייט ער אוים: — זענען דען אויך אין הימל דאָ גנבים? און אַ בת־קול ענטפערט אים: — וואַרט ביז די הימל־ספערע וועט אַרומקרייזן די ערד, וועסטו דיין ברויט געפינען. איז דאָ ראַציאָנאַליסטיש גענומען גאָר און האָר ליגן. און וויפל „קלאָרע מחות" ביי אונדז האָבן דאָס נישט געלאַכט פון די „נאַרישקייטן"? אָבער דער זינען פון דער גאַנצער מעשה ליגט דאָ נישט אין דער מעשה, נאָר אין דעם פּראָבלעם פון דער פראַגע און אין דעם לאַקאָנישן ענטפער — כדי צו דערזען די גערעכטיקייט פון הימל מוז מען וואַרטן... איז אין דער „נאַרישער" מעשהלע אַריינ־געלייגט די גאַנצע איוב פּראָבלעם. איוב האָט געשריבן אַ דיכטער, קוהלת

— אַ דענקער און אין דער אגדה אָטעמט דאָס פאָלק, עמך. און נאָך אַ מעלה: אַ פילאָזאָפישן טראַקטאַט צום לייענען דאַרף מען זיך לאַנג לערנען. צו אַ טיפער דיכטונג מוז מען דערוואַקסן. — די אגדה איז ווי דער מן — אַן אמתע פאָלקס שפּייז: איטלעכער קען אין איר געפינען לויט זיין פאַרשטאַנד און צוגרייטונג. זי איז אַ קוואַל וואָס איז אָפן פאַר איטלעכן.

„נאָר ס'ועגען אין בבל געווען גאָר פאַרצייטן
„די מייסטערס די עכטע פון שפּילן.
„געפּילט און באַנומען דאָס הארץ פון דער אומה
„איר ציטער אין פרייד און צאָרן;
„געשפּילט אויף די סטרונעס, געכישופט, געחלומט,
„און עס איז די אגדה געוואָרן".

(ביאַליק — י. י. שוואַרץ).

2

פון דעם געזאָגטן איז קלאָר אַז מיר האַלטן די אגדה פאַר אַן אויסערסט וויכטיקן לערן־שטאָף פאַר גרויס און קליין. דערציאונג דאַרף קודם כל מיינען די הומאַנע פאַנאַנדערוויקלונג פון אַלע מענטשלעכע גייסטיקע כחות אין קינד. און דערצו איז די אגדה נאָך מער צוגעפּאַסט ווי גרויסע טיילן פון תנ"ך. אויב דער ביאָגענעטישער געזעץ איז גילטיק אין ביאָלאָגיע, אַז איטלעכער אינדיווויד מאַכט דורך אין זיין אינדיווידועלער אַנטוויקלונג די הויפּט שטאַפּלען וואָס עס האָט דורכגעמאַכט זיין מין אין דער פילאָגענעטישער געשיכטע; — איז דער געזעץ נאָך מער גילטיק אין דערציאונג: זאָל דער אינדיווויד אין זיין אַנטוויקלונג זיך דורכדרינגען מיט די אינהאַלטן און פאָרמען וואָס זיין מין (דאָס פאָלק) האָט דורכגעמאַכט אין זיין געשיכטע. זאָל אַ קינד־אינדיווויד לעבן מיטן גייסט וואָס דער קאָלעקטיוו — פאָלק — האָט געשאַפן אין זיין קינדהייט.

און זאָל עס דאָ געזאָגט ווערן אגב אורחא: האָט אַ קינד נישט דורכגעמאַכט די מדרגה, — קען עס נישט אויסוואַקסן קיין הומאַניש אַנט־

וויקלטער מענטש. קיינע אוניווערסיטעטן אין דער וועלט קענען שפּע־
מער נישט ממלא זיין וואָס עס איז דורכגעלאָזט געוואָרן אין דער קינד־
הייט. אַ מענטש וואָס האָט זיך אין זיין קינדהייט נישט אָנגעזויגן מיט
די אינהאַלטן פון זיין פאָלקס קינדהייט איז געגליכן צו אַ מענטשן וואָס
האָט אין קינדהייט קיין מוטער נישט געהאַט.

* *
*

ווי דאַרף מען לערנען אגדה? — אין דער יידישער טראַדיציע איז
געווען אַן איינגעשטעלטער וועג פון לערנען ענלעכן מאַטעריאַל. דאָס איז
געווען אַ מעטאָד אַ סינקרעטישער. מען פלעגט נעמען איטלעכע אגדה גאַנ־
צערהייט מיט איר לשון און אינהאַלט צוזאַמען, מיט דער אויסריידעניש
און מיטגעפיל, מיטן גאַנצן אריינלעבן זיך אין דער וועלט פון אגדה.
שפּעטער, אין דער צייט פון ראַציאָנאַליזם אין דערציאונג אין דער וועלט
און ביי אונדז אויך, האָט מען גענומען זוכן נייע דרכים. — ערשטנס,
האָט מען אינגאַנצן אַרויסגעוואָרפן אַלע ענלעכע עלעמענטן פון דער
אַלטער יידישער קולטור, באשר עס איז רעליגיע און „איבערגלויבע־
ניש"... אַט די שרעק פאַר אַלץ וואָס מיסטיש איז, האָט דאָך נישט
געשטערט יאָ צו האַלטן פון דער באָבע יאַנגע (זע „די קליאַטשע") און
אריינצונעמען אין די לערנביכער אַזוי מעשיות ווי, למשל, „דער פּראָסט
רויטער נאָז מיטן פּראָסט בלויער נאָז" וואָס איז געקומען ווי עס שטייט
און גייט פון רוסיש. און וואָס עס איז שייך דער רעליגיעזקייט איז פשוט
ביי יידן אַ מאָדנע מעשה: האָט גענומען אַ פאָלק און איבערגעשריבן
אַלץ וואָס עס האָט אין זיין לאַנגן לעבן געשאַפן אויפן נאָמען פון זיין
גאָט, אַוועקגעגעבן ווי אַ קרבן צו זיין גאָט און אַליין זיך געלאָזט נאַקעט,
אָרעם „דאָס ווערימל יעקב". בעת אין דער אמתן איז אין די געטלעכע
שאַפונגען פון יידישן פאָלק, געטלעכעס פאַראַן אויף אַזויפיל אויף וויפל
אין זיי איז אריין דאָס געטלעכע פון די נשמות פון יידישן פאָלק. קודם
כל געהערן אַלע די שאַפונגען צום פאָלק און דורך אים צו זיין גאָט.
דער וואָס זאָגט זיך אָפּ פון יידישע פאָלקס אוצרות ווייל זיי זענען רע־
ליגיע, זאָגט זיך אָפּ פון זיין פאָלק, ווייל אויב דעם פאָלקס שאַפונגען
זענען טריף, איז אויך דאָס פאָלק אַליין טריף.

צווייטנס, האט מען זיך באמיט צו ראציאנאליזירן די לעגענדעס: „אמאליקע יידן פלעגן גלויבן״... דערמיט פלעגט מען ארויסנעמען די נשמה און לאזן דעם בר־מינן פון דער אגדה. „דאס זענען נארישע מעשיות״ — פלעגן די קינדער אויפנעמען דאס נישט־דערזאגטע פון די לערער, — „וואס מיר, קלוגע, דארפן זיי נישט. מיר באקענען זיך מיט זיי נאר כדי צו זען ווי נאריש עס זענען געווען די אמאליקע יידן״.

די מעטאדן וואס מען האט גענומען נוצן זענען אויך געווארן ראציאנעלע:

שפראכלעכע צוגרייטונג: קודם־כל מוזן די קינדער וויסן די ווערטער... און אט דער וועג, דער סינטעטישער גאנג פון עלעמענטן צום גאנצן און פון גרייטן די קינדער אויף נייטראלע, ווערטלאזע עלעמענטן צו דעם נייטיקן, האט זיך ארויסגעוויזן פאר פאלש און איבערהויפט אין הומאניסטישע דערציאונג נעביטן.

נעמען מיר די אגדות גאנצערהייט, סינקרעטיש, אט ווי זיי זענען מעשהלע מיטן מוסר השכל, און מיר נעמען זיי איינצייטיק אין יידישער פארטייטשונג און אין מקור, מקרא און תרגום צוזאמען. מיר לערנען נישט די שפראך פון דער אגדה, דעם אינהאלט לערנען מיר, אבער מיר באנוצן וואס מער דעם אריגינעלן לשון. אזוי דארף דער שפראכלעכער לבוש זיין באהעפט מיטן אינהאלט. שפראך וואס ווערט געלערנט אן א באהעפט מיט א גאנצקייט פון א קולטור אינהאלט איז געגליכן צו א הויפן ציגל.

* *
*

ווען דארף מען אנהויבן לערנען אגדה? — וואס פריער, אלץ בעסער. נאך אין ערשטן קלאס, איידער די קינדער קענען לייענען, דארף זיך אנהויבן דער לימוד פון „ליטעראטור״. און די ערשטע מדרגה פון ליטעראטור ביי א פאלק (פון אזוי דארף עס אויך זיין פאר א קינד) איז די דערציילטע ליטעראטור, די „בעל־פה״. דער מאטעריאל דארף גענומען ווערן פון די פאלקס־אוצרות — פון חומש ביז די היינטיקע פאלקס מעשהלעך. די אגדות זענען דא זייער פאסיק. דאמאלסט טאר מען אבער נישט זיין געטריי דעם טעקסט. מען דארף אין דעם אלטן

שטאָף אריינגעבן אונדזערע און הײנטצײטיקע אינהאַלטן. דאַרף דאָ, למשל, אברהם אבינו נישט קעמפן קעגן אַמאָליקע געצן, נאָר דווקא קעגן די הײנטצײטיקע געצן מיט זײערע נימרודים; דאַרף אויך סדום זײַן אַסאָ־ציאירן מיט הײנטצײטיקער רשעות אאַז״וו. נישט קײן היסטאָרישער אמת, נישט די ארכעאָלאָגישע ריכטיקײט, נישט די דרײַ יסודות פון קונסט — צײַט, אָרט סביבה; — נאָר אײן אמת פירט דעם יידישן שאַ־פונג גײַסט און דעם יידישן דערצײלער — דער אמת־גערעכטיקײט וואָס מיר גלויבן אין אים. און אים צו אילוסטרירן נוצן מיר אויס די אגדה, די מעשהלעך.

די צווײטע מדרגה איז ווען די קינדער לײענען שוין און אנשטאָט טעקסט ביכער מיט אַן אינהאַלט וואָס טויג בלויז אין שול, גיבן מיר די קינדער טעקסטן פון יידישן קולטור אינהאַלט פון אונדזער ליטעראַטור פון אַלע דורות. דעמאָלסט קענען מיר זײ געבן אויך די אגדות. און געבן דאַרף מען זײ אין יידיש ארײַנפלעכטנדיק אין זײ זאַצן, אויסדרוקן, פראַגמענטן אין מקור. אַרום איטלעכער אגדה דאַרף זיך פירן אַ שמועס, וואָס דאַרף „דערנענטערן״ די קינדער צו דעם זינען פון אגדה. כ׳זאָג „דערנענטערן״ אָבער נישט דערקלערן. פאַר אונדז מײנט דער־קלערן, איבערגעבן דעם זינען פון דער אגדה אין ווערטער פון אַן אבסטראַקטער פאָרמולע. פאַר די קינדער איז אַזאַ פאָרמולירונג נאָר אַ דערווײַטערונג אנשטאַט אַ דערנענטערונג, ווײַל דאָס אבסטראַקטע דענקען איז פאַר זײ ווײַט. שפּעטער, בײַם לימוד פון ליטעראַטור, פון געשיכטע און נאָך שפּעטער, אויב אַ שול איז זוכה צו דערפירן אַ טײל פון אירע תלמידים צו אַ העכערן קורס פון יידישן וויסן, וועט מען צו די אגדות קענען אומקערן זיך ווידער און ווידער.

און נאָך אַמאָל דאַרף מען אונטערשטרײַכן — דער לערער דאַרף גלויבן אין דעם וואָס ער לערנט. גלויבן מײנען מיר דאָ נישט נאַאיוו־רעאַליסטיש, פאַרשטײט זיך, אין דעם סיפור המעשה. דער לערער מוז אָבער זײַן איבערצײַגט אין דעם זינען, אין דער אידײע פון דעם וואָס ער לערנט. אניט — זאָל ער בעסער נישט לערנען. קײן זאַך איז נישט אַזוי שעדלעך אין דערציאונג ווי צביעות און נישט־אויפריכטיקײט. און זאָל מען זיך נישט אײַנרײדן: די קינדער זענען קלײן, זײ פאַרשטײען

נישט... אמת, פאַרשטיין פאַרשטייען זיי נישט, אָבער אינטואיטיוו נעמען זיי דאָס אויף ווי ווערטער פון מויל אָן א דעקונג אין האַרצן, ווי אויסגעשריבענע טשעקס וואָס האָבן נישט אין באַנק זייער ווערט, און די קינדער נעמען דאָס איבער און עס לעבט א שקר דורך דורות, אָדער דאָס רופט אַרויס ביי די קינדער א רעאַקציע א פאַרקערטע. איינע פון די שווערסטע פּראָבלעמען אין יידישער דערציאונג זענען אייניקע לע־רער־פּעדלערס מיט אביסל עברי וואָס זיי פאַרקויפן צו דעם אָדער צום צווייטן...

* *
*

אין וואָס פאַר א סדר זאָלן די אגדות געלערנט ווערן?

זאָל דער ענין פון סדר נישט זיין גרינג־געשאַצט. צומאָל קען די אָרדענונג פון זאַכן ווירקן כמעט אַזוי ווי די זאַכן גופא. און מהאי טעמא איז די פראַגע באַרעכטיקט. עס קען זיין א סדר לויט דעם אינווייניקסטן אינהאַלט פון די אגדות. למשל, אַלע אגדות וואָס ברענגען צום אויסדרוק דעם גלויבן אין ענדגילטיקן נצחון פון גערעכטיקייט. אזא סדר האָט אָנגענומען ביאַליק אין די לעצטע צוויי בענד פון „ספר האגדה". אין דער טראַדיציע הערשט ביי יידן א ריין טעכנישער סדר לויט די סדרות ווייל דער צווייטער — לויט די אידעען, איז פאַר זיי צו אַבסטראַקט. די ערשטע זאַמלונג פון אגדות איז אמבעסטן צו גרופּירן לויטן סדר פון חומש. דאָס גיט די מעגלעכקייט אויך צו לערנען פּאַראַלעל תנ"ך און אגדה. כאָטש דער לערער דאַרף ווידער און נאָך אַמאָל געדענקען אַז די אגדות האָבן גאָרנישט צו טאָן מיט דער געשיכטע און מיט די פּערזאָנען וואָס ווערן דערמאָנט אין די אַגדות.

וועט דער לערער קאָנען אין די אגדות אריינגעבן א נאָך מער אַק־טועלן אינהאַלט, למשל, אין קינס רציחה, אין סדומס רשעות, אין אברהמס אָננעמען זיך פאַר דער גערעכטיקייט, אין עשוס שנאה, אין יעקבס לויפן פון עשון צו לבנען און צוריק אאַז"וו., איז זייער גוט.

ביי א סיסטעמאַטישן לערנען א לענגערע צייט, וועלן די קינדער קריגן די שפּראַך צוזאַמען מיטן אינהאַלט. אין א ספר, וווּ אַ־לעבע

א. גאָלאָמב

אגדה איז געגעבן אין יידיש און העברעאיש האנט ביי האנט, וועלן קינדער מיט דער צייט אליין קענען דורכנעמען אן אגדה, מאכן א „לייע־ניש", ווי דאָס פלעגט הייסן אין ישיבה, און עס איז געווען א ריכטיקער און זייער וויכטיקער פעדאגאָגישער מעטאָד.

אזוי ארום קען א געהעריקע אויסגאבע פון די אגדות און א ריכטי־קער מעטאָד, ווערן א זייער וויכטיקער מכשיר אין סיסטעם פון א יידי־שער דערציאונג.

תלמוד און וועלטלעכקייט

עס איז ביי אונדז געשען א צוזאמענשטויס צווישן צוויי באגריפן „גאָט" און „פאָלק". און מיר האָבן זיך אליין דאָ פארדרייט און פאר־בלאָנזשעט צווישן די צוויי ביימער און ביז היינט קענען מיר פון אָט דעם פלאָנטער נישט ארויס.

דער טראַדיציאָנעלער ייד האָט דעם פלאָנטער נישט געהאַט. פאַר אים איז „גאָט" געווען אלץ וואָס איז הייליק ביי יידן. קיין אבסאָלוטן גאָט פאר זיך ווי אַנדערע פעלקער האָט די יידישע טראַדיציע נישט געהאַט. וועגן אזא גאָט האָט מען אפילו נישט געטאַרט טראַכטן. דער יידישער גאָט איז די אידעע פון דעם אַלעם וואָס טיילט אָפּ יידן פון אַלע אַנדערע פעלקער. „אַ ייד דאַרף האָבן גאָט אין הארצן" אָדער יהדות (ארויסגערעדט „יאהדעס") אָדער יידישקייט. די זעלביקע זאַך. גאָט איז יידישקייט, יידישקייט איז גאָט. קיין אָביעקטיוון גאָט מחוץ און איבער די לעבעדיקע יידן האָבן מיר נישט געהאַט לגמרי. נאָך אין דער תלמו־דישער ליטעראַטור איז ערגעץ פאַראַן אז „די געבענטשטע הייליקייט (קודשא בריך הוא), די שכינה און די תורה *) זענען איינס", יידן און די תורה איז איינס.

בכן איז געווען אין דער טראַדיציע אַ האַרמאָניע: גאָט איז דער אינ־האַלט פון באַגריף פאָלק; יידיש פאָלק איז די קאָנקרעטיזירונג אין מע־שים פון דעם יידישן גאָט. (זייער פיין איז דער געדאַנק געבראַכט ערגעץ

---

*) תורה מיינט נישט קיין סכום הייליקע ספרים, נייערט די טראַדיציע פון פאָלק אין וואָרט און אין מעשים פון לעבנסשטייגער.

אין „תניא"). איז אָבער געקומען די עמאַנציפּאַציע, וואָס האָט אונדז אָפּגעגאַרט און פאַרבלענדט מיט דער באַגלייטערין אירער, דער השכלה, און דאָ איז געקומען דער פּלאָנטער: נאָך מיט פינף און דרייסיק יאָר צוריק האָט אַ מאָסקווער ייד מיט אַ וואַרעם יידיש האַרץ, פּ. מאַרעק געהאַט דעם מוט צו שרייבן (אין זיין בוך „צוויי דערציאונגען" מאָסקווע 1909), אַז די השכלה איז געווען נישט קיין אָרגאַנישע אַנטוויקלונג אין יידנטום, נאָר אַ נאָכמאַכונג פון פרעמדס (לײדער האָב איך נישט דאָס בוך, און קריגן עס אין אַ פאַרוואָרפענער פּראָווינץ איז אויך נישט מעגלעך). האָט מען ביי יידן גענומען טראַכטן מיט פרעמדע באַגריפן, מיט איבערגענומענע. איז „גאָט" געוואָרן אַ זאַך פאַר זיך און „פאָלק" ווידער אַן ענין פאַר זיך. האָבן די משכילים געטענהט אַז פון יידישן גאָט האַלטן זיי יאָ; פון יידישן פאָלק אָבער האַלטן זיי נישט, דען זיי זענען נאָר דייטשן, פראַנצויזן, רוסן, פּאָליאַקן — און וויס איך וואָס. וואָס פון דעם יידישן גאָט איז געבליבן געוואָרן ווען ער האָט גענומען איינ־שטיין ביי די אָך און ווי „דייטשן און פראַנצויזן" פון משהס גלויבן — דאָס פאַרשפּאַרט מען דאָך איצט צו דערציילן. דען פון לכתחילה איז דאָך עס געווען אַ ווערבאַל פייגן בלעטל צו פאַרדעקן די נאַקעטע חרפּה פון דער אַסימילאַציעגיריקייט.

שפּעטער זענען געקומען די יורשים פון דער השכלה אין אַ צווייטן דור און האָבן איבערגעדרייט דעם פּסוק: פון יידישן פאָלק האַלטן זיי יאָ (עס איז געווען בימי דעם נאַציאָנאַלן קאַמף אין עסטרייך־אונגאַרן און אין צאַרישן רוסלאַנד, און — ווי עס קריסטאַליזירט זיך, אַזוי יידלט זיך דאָך). אַזוי אַרום איז געבאָרן געוואָרן דער וועלטלעכער נאַציאָנאַליזם, די וועלטלעכע יידישקייט, די יידיש־וועלטלעכע קולטור אאַז"וו.

וואָס עס ווערט פון דעם „יידישן פאָלק" (אַנהאַלט פון באַגריף אָן דעם יידישן גאָט ביי דעם צווייטן דור וועלטלעכע יידן — דאָס איז אויך איינער פון די וווּנדן, וואָס אפשר טאָר מען נאָך אים נישט אויפ־דעקן, אָבער אַלע פילן אים, סיידן נאָר די פאַר וועמען די וועלטלעכקייט איז אויך נישט מער ווי אַ פייגנבלעטל וד"ל...

לאָמיר דאָ נאָר אין קורצן דערקלערן דעם הויפּט געדאַנק.

דאָס יידיש פאָלק האָט זיך אַליין באַרויבט פון אַלץ וואָס עס האָט

געשאַפן און עס אַוועקגעגעבן זיין גאָט. מיר האָבן זיך אַליין איינגערעדט: מיר זענען אַליין נישט מער ווי אַ „ווערימל יעקב", אָבער דערפאַר „האָבן מיר אַ גרויסן גאָט" און אַל דאָס גרויסעס און אַל דאָס טיפס און שיינס וואָס אונדזער פאָלק האָט במשך פון זיין לאַנגער געשיכטע געשאַפן, — אַל דאָס איז גאָר די שאַפונג פון גאָט, און מיר זענען נישט מער ווי אַ זינדיק פאָלק, אַ שלעכט פאָלק, אַ נאַריש פאָלק, „כמעט ווי סדום זענען מיר געוואָרן, צו עמורה זענען מיר געגליכן"... איז כל זמן יידיש פאָלק און יידישער גאָט זענען געווען איינס — אחד—, האָט עס נישט אויסגעמאַכט: גאָטס אייגנטום, זיין רייכקייט — דאָס איז דאָך פאָלק. ווען אָבער מען האָט אָפּגעטיילט דאָס פאָלק פון זיין גאָט — גאָט באַזונדער מיט זיין רעליגיע ענלעך ווי דאָס איז ביי אַנדערע פעלקער, און פאָלק מיט זיין... קולטור ווידער באַזונדער, איז דער ריס געוואָרן פאַטאַל. האָבן די אַסימילאַציעגיריקע משכילים אַל דאָס יידישעם דערקלערט פאַר יידישע קולטור, פאַר נאַציאָנאַלס און במילא זענען זיי פטור פון דעם, ווייל זיי האַלטן דאָך נישט פון יידישער נאַציע און פאַר זייער אָרעמען גאָט נעבעך זענען זיי יוצא מיט אַ ברעסל נאָכגעמאַכטער פּראָטעסטאַנטישקייט.

זענען געקומען די שפּעטערדיקע בלומרשט־וועלטלעכע משכילים אין צווייטן גילגול און זיי האָבן דערקלערט אַל דאָס ספּעציפיש־יידישעם פאַר רעליגיעז, און היות ווי זיי האַלטן דאָך נישט פון גאָט מיט זיין רעליגיע זענען זיי פטור פון דעם; און פאַר דער יידישער קולטור איז מען יוצא מיט אַ פאַרזאַמלונג אויף יידיש.

ווען מען נעמט אַראָפּ פון יידישקייט אַל דאָס וואָס עס איז ביי רעליגיעזע יידן פאַררעכנט פאַר רעליגיע, טאָ וואָס בלייבט? איז דאָך אויך התונה און דאָס גאַנץ פאַמיליען לעבן געווען ביי יידן תמיד „פאַר גאָט".

אָפּוואַרפן דאָס רעליגיעזע אין יידישקייט מיינט אין תוך אַריין אָפּוואַרפן אַלץ, גאָר די יידישקייט. וואַרפן די ציוניסטן אָפּ אַל דאָס גלותדיקע, וואַרפן די וועלטלעכע יידן אָפּ אַל דאָס רעליגיעזע, וואַרפן די פרומע אָפּ אַל דאָס וועלטלעכע — מיט איין וואָרט: מען וואַרפט זיך מיט יידישקייט און מען בלייבט ביי... גאָרנישט. און נישט דאָס האָבן נעדאַרפט די פאָלקיסטיש־וועלטלעכע יידן. אונדזער היסטאָרישער חוב

איז געווען אומצוקערן די „גזלה" — צו נעמען אַלץ דאָס וואָס אונ־דזער פאָלק האָט געשאַפן אין זיין לאַנגער געשיכטע און אומקערן צו־ריק צום פאָלק. ס'איז זיינס און עס מוז זיין זיינס! און אַלץ וואָס עס איז דעם פאָלקס איז אונדזערס! בלויז נאַיווע משכילים און זייער גילגול קענען — מיינען אַז זייער עובדה איז צו קלייבן שטיקלעך און ברעקלעך קולטור פון אומעטום און דאָס טראָגן ווי „ליכט" אין פאָלק אַריין. אמתע פאָלקס מענטשן און פאָלקס אינטעליגענטן ווייסן און פארשטייען אַז זייער ראָל איז צו שעפּן פון דעם פאָלקס דערפאַרונג, פון זיינע אוצ־רות, פון זיין דורותדיקער פּיקחות און דאָס איבערשאַפן און איבער־אַרבעטן פאַר דעם פאָלקס אָנקומענדיקע דורות. דער אוצר פון פריער־דיקע דורות מוז ווערן דער יסוד פאַר די קומענדיקע דורות. אַן דעם מוז קומען א דעהיסטאַריזאַציע, אַן אונטערגאַנג און אומקום. עס איז גאָר נישט וויכטיק וואָסערע מאָטיוון עס ווערן אָנגעגעבן פאַר דעם אָפּזאָג. נישט אָפּזאָגן זיך פון קולטור, נאָר פאַרדייען און איבערקאַכן, מאַכן אַלץ אַקטועל אין איטלעכן נייעם דור. נעמען דאָס וואָס עס איז געווען רע־ליגיעז און פון דעם שטאָף וועבן נייע וועלטלעכע און אין אונדזער דור נייטיקע קולטור געוועבן!

* *
*

דער גרעסטער אוצר פון פאָלקס דערפאַרונג און פּיקחות, פון זיין דענקען און געפיל איז אָפּגעלאַגערט אין דעם גרעסטן שפּייכלער פון יידישקייט — אין תלמוד. נעמען אַט דעם אוצר און צוּוואַרפן אים די רעליגיעזע יידן — האַלט זיך מיט דעם אַלטוואַרג, — נאָר אַנטלויפער פון פאָלק קענען עס טאָן, דער תלמוד איז נישט פאַרגלייך יידישער פון תנ"ך. דער איז מער אוניווערסאַל, דער איז ווייטער פון אונדז. אונ־דזער היינט, אונדזער ווי און אונדזער האָפענונג איז שוין שווערער צו פאַרבינדן מיטן תנ"ך. דער תלמוד איז פאַר אונדז אַקטועלער, היינ־טיקער. דורכן תלמוד קענען מיר ערשט אויך דעם תנך אויפנעמען יידישער, נישט ווי אַנדערע פעלקער נעמען אים — ווי א וואָרט־סטאַ־טוע פון פאַרצייטן. דער תלמוד אַקטואַליזירט אויך פאַר אונדז דעם תנ"ך. באַגרייפן דעם גייסט פון דער יידישער טראַדיציע אַן דעם תלמוד

איז כמעט ווי אוממעגלעך. מיר זענען וואָס מיר זענען נישט א דאנק דעם תנ"ך, נאָר א דאנק דעם תלמוד. ריכטיקער — די זעלביקע פּאַקטאָרן וואָס האָבן פון פּארציייטיקע יידן אויסגעשמידט דאָס יידיש פאָלק מיט זיין ספּעציפישן כאראקטער און גייסט, — די זעלביקע פאקטאָרן האָבן אויך געשאפן דעם תלמוד, וואָס ער איז די זאמלונג פון אלע יידישע ספּעציפישקייטן אויסגעדריקט אין וואָרט. אויסשליסן דעם תלמוד פון אונדזער יידישן קולטור קרייז, איז ווי מען זאָל וועלן ארויסנעמען די פונדאמענטן פון אונטער א הויז. אונטערוואַרפן דעם תלמוד צו די אָרטאָדאָקסן, "זאָלן זיי זיך האלטן מיט אים" — צו וואָס איז דאָס גלייך? — צו קינדער וואָס ווארפן ארויס דעם אלטן קלוגן און „צו פיל יידישן" טאטן פון זייער היים... איבעריקנס: די וואָס זאָגן זיך אָפּ פון דעם תלמוד, זאָגן זיך אויך אָפּ ביסלעכוויז און שטילערהייט פון אנדערע יידישע עלעמענטן ביז עס בלייבט גאָרנישט.

דער תלמוד איז נישט רעליגיע

דער כאראקטער פון א זאך ליגט נישט אין איר גופא נאָר עס הענגט אָפּ פון דעם ווער עס פארנעמט זיך מיט איר.

... „א בריוול — ווי מען לייענט עס, א ניגון — ווי מען זינגט אים...

עס ווענדט זיך נאָר ווער עס זינגט...

און די נשמה איז שוין די נשמה פון א מענטשן... — אלץ וואָס א מענטש פילט קען ער ארייננעבן אין א ניגון... (פּרץ).

אָט נעמען מיר א שטייגער דעם תהילים. פאר די געלערנטע פּראָטעסטאנטישע, רעפאָרמיסטישע פאָרשערס איז דאָס א ליטעראַרישער דענקמאָל, א שטיק ליטעראַרישע ארכעאָלאָגיע, און מען פּאַלמעסט עס, כדי נישט אנדערש אויסצוגעפינען ווי און וואָס עס איז געווען אמאָל. דער זעלביקער תהלים איז פאר אונדזערע עלטערן דורך לאנגע דורות געווען נאָר — שארפער געטראנק וואָס פלעגט זיי אָנשיכורן, ארויסרופן מוטיקייט און, זיכערקייט אין זיך. וואָס א מענטש איז — דאָס לייגט ער אריין אין דעם וואָס ער האָט ליב.

א. גאָלאָמב

די רייד פון די נביאים האָבן גאָרנישט צו טאָן מיט רעליגיע, מיט טעאָלאָגיע, מיט פּראָבלעמען פון גאָטהייט און ווי אים צו דינען. עס איז גאָר א זאַמלונג פון סאָציאַל־עטישע דרשות פון פאָלק טריבונען, וואָס זענען געווען רעליגיעז געשטימט. און זיי האָבן זייערע סאָציאַלע רעדעס געהאַלטן אין א רעליגיעזן סטיל. נאָך מער, פאַרקערט, האָבן די נביאים באַקעמפט די פאַרגליווערטע רעליגיעזע צערעמאָניעס און געזעצן. איך קען איינעם א אינטעליגענטן יידן וואָס איז גוט באַהאַוונט אין ליטעראַטור און ער האָט קיין מאָל נישט א טראַכט געטאָן אז אייגנטלעך זענען דאָך אַלע ליטעראַרישע ווערק נישט מער ווי אויסגעטראַכטע, נישט קיין ווירקלעכע געשעענישן. דער זעלביקער ייד האָט אָבער בשום אופן נישט געקענט באַגרייפן, ווי קען א וועלטלעכער פאַרדייען אַזאַ אויסדרוק ווי „גאָט האָט גערעדט". איך בין אַמאָל אַריין צו א לערער אין א קלאַס און דערהערט א פראַגע „וואָס האָט דער דאָרן געזאָגט צו משהן"! ווען איך האָב דעם לערער שפּעטער געפרעגט וואָס פאַר א שמועסן משה האָט דאָס געהאַט מיט א דאָרן, — האָט דער לערער נאַאיוו און אָרענטלעך מיר דערקלערט, אַז היות ער איז א ראַדיקאַל, קען ער דאָך נישט לערנען מיט די קינדער אַז גאָט האָט גערעדט צו משהן... גיי האָב טענות, אַז דער דאָרן איז וועלטלעך און כשר, נאָר גאָט, וואָס איז דאָך פאַר מיליאָנען מענטשן דער מקור פון אַל דעם העכערן אין מענטשן, גאָט איז חס מלהזכיר, טריף. אין תנ"ך איז אַל דאָס ריכטיקע און גערעכטע דאָך קאָנצענטרירט אין גאָט. אין תלמוד אָבער איז דער צענטער אין יידישקייט. דער נאַציאָנאַלער דראַנג אויפצוהאַלטן דעם קיום פון פאָלק האָט ריכטיק דיקטירט איינצוהיטן די ספּעציפישקייט פון נאַציאָנאַלן כאַראַקטער אין מעשים, אין דענקען און אין וועלטבאַנעם. דער דראַנג איינצוהיטן דאָס אייגנטימלעכע, דאָס ספּעציפישע אין יעדער פּרט פון לעבן — דאָס איז געווען דער זינען פון גאַנצער הלכה. דער דראַנג צו גאולה האָט דיקטירט די אגדה. ביידע צוזאַמען האָבן געשאַפן דעם אויסטערלישן כוח צו לעבן צווישן פעלקער און איינהיטן דעם אייגענעם כאַראַקטער און פסיכיק, און וועלטבאַנעם וואָס איז אַזוי אויסדריקלעך אַנדערש פון דעם אַרומיקן. די וואָס שטרעבן צו ניווע-

לירן אַל דאָס יידישעם מיט דעם ארום — זיי דארפן נישט דעם תלמוד. יידן אָבער וואָס זעען דאָס נאציאָנאַלע נישט אין דעם וואָס זיי אַליין גייען ערשט שאַפן נאָר אין דעם איינגעטלעכן דורך דורות, — די יידן מוזן אין תלמוד זען דעם אוצר פון יידישן גייסט וואָס אָן אים איז נישטאָ קיין יידיש פאָלק. גוט דערפילט און טיף פאָרמולירט האָט עס אין א פּאָר פּאָעמעס ביאַליק ווי אויך אין זיין וווּנדערבארן עסיי „הלכה און אגודה" (איבערזעצט פון י. י. שוואַרץ). אז רעליגיעזע יידן פאַר־נעמען זיך מיטן תלמוד איז ער רעליגיעז, ווען וועלטלעכע יידן וועלן זיך אָפּגעבן מיט אים וועט ער זיין פולשטענדיק וועלטלעך.

די אַסימילאַטאָרישע רעפאָרמאַטאָרן האָבן דאָך פאַרשטאַנען אַז זיי דאַרפן אויסהאָדעווען אינטעליגענטן, וואָס זענען באַהאַוונט אין תלמוד אויך, און אויך אין דער יידישער פילאָסאָפיע פון נאָכן תלמוד. די וועלטלעכע יידן זענען אין דעם זינען זינדיקער פון אַלע אַנדערע יידן: זיי רעדן פון דערציאונג, פון יידישער קולטור און זיי האָבן גאָרנישט געטאָן כדי צו קענען אויף א וועלטלעכן אופן אויסצוהאָדעווען אמתע יידישע אינטעליגענטן וואָס ווייסן נישט נאָר עטלעכע ווערטער צו רעדן יידיש.

עס איז געקומען די צייט איבערצוקוקן דעם דרייפוס פּראָצעס און צו פאַרריכטן די זינד פון א דור. האָט נאָך וועגן דעם געחלומט פּרץ אין 1908, אין טשערנאָוויץ, נאָר ביז היינט האָט נאָך נישט געפונען זיך די אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפט, וואָס זאָל זיך צו דער ארבעט נע־מען. געוועזן פּרוּוון איבערצוזעצן דעם תלמוד. דר. זאַלקינד ע"ה האָט יאָרן פון זיין לעבן אָפּגעגעבן אויף דעם, האָט מיט זיין ארבעט געוואַנ־דערט פון לאָנדאָן קיין אמעריקע, האָט אָנגעשריבן א וווּנדערבארן קאָמענטאַר, — און קיינער איז אים צו הילף נישט געקומען. די צאָל־רייכע וועלטלעכע און נאַציאָנאַל־באַוווסטזיניקע אָרגאַניזאַציעס און יחידים האָבן נישט געפונען פאַר נייטיק אפילו וועגן דעם צו טראַכטן... איך דערמאָן זיך דעם שווערן ארץ ישראלדיקן חמסין־טאָג, ווען דער אַלטער און פעטלייביקער ד"ר זאַלקינד איז געקומען צו מיר פון תל־אביב אין דאָרף אריין כדי צו לייזן 1.5 פונט פאַר זיינע 4 איבערגע־זעצטע מסיכתות. ער האָט נעבעך קוים געאָטעמט. איך דערמאָן זיך

און איך שעם זיך פאַר זיך און פאַר אַלע וואָס דאַרפֿן זיך שעמען... אַט איז די טעג אין ניו יאָרק אויסגעגאַנגען דער צווייטער איבערזעצער פון תלמוד ד״ר ווײַנבערג. אין אַ בריוו צו מיר אַ פּאָר וואָכן פאַר זײַן טויט שרײַבט ער פאַרפּילנדיק „אַז ער וועט מן הסתם מוזן אָפּלייגן די איבערזעצונג ביזן צווייטן גילגול״, ווײַל ער פילט אַז איידער דער אויסלייזער פאַר זײַן אַרבעט וועט קומען וועט ער שטאַרבן... אַזוי פיל אָרגאַניזאַציעס פאַר יידישער קולטור ווי מיר פאַרמאָגן, און מען זאַמלט דאָך געלטער איבער דער גאָרער וועלט. האָט מען זיך נאָך אַלץ נישט דערמאָנט אַז אָן די טויזנטיאָריקע אוצרות פון פאָלקס גייסט קען קיין קולטור נישט זײַן? אָדער אפשר מיינען מיר אַז די יידישע קולטור הייבט זיך מיט אונדזער אייגענעם בוך?...

מיר רעדן זייער פיל וועגן דערציען קינדער אין יידישער קולטור. די שולן וואָס מיר האָבן געבויט ביז איצט זענען נאָר אַנהייב־שולן, דרדקי שולן, דאָס זענען דער פונדאַמענט. אָבער קיין פונדאַמענט האָט נישט קיין זינען כל זמן עס זענען נישטאָ קיין ווענט און קיין דאַך. און דאָס דאַרפן זײַן מיטעלע און העכערע קלאַסן. זייער אינהאַלט דאַרף זײַן דער אינהאַלט פון יידישן לעבן אין משך פון דורות. אָן דעם האָבן אויך די גרונט שולן קיין זינען נישט. אַט איז איינער פון טויזנטער טרויעריקע אַנעקדאָטן.

עס קומען צו מיר אַ מוטער מיט אַ טאָכטער וואָס האָט ניין יאָר געלערנט אין אַ יידישער שול. איך רעד וועגן לערנען ווייטער. די מאַמע מיט דער טאָכטער אין איין קול: צו וואָס נאָך? איך רעד שוין נישט שלעכט יידיש... אַז אויסער עטלעכע געבראָכענע זאַצן איז פאַראַן נאָך עפּעס צו לערנען אין יידישקייט, וועגן דעם האָט נישט די טאָכטער נישט איר מוטער זיך נישט דערוווּסט אין משך פון ניין יאָר שול! און שולדיק זענען מיר אַליין, אונדזער גאַנצע איינשטעלונג אין שול און אונדזערע באַגריפן וועגן וועלטלעכער יידישקייט. די גמרא זאָגט: פאַר איינע איז די תורה אַ סם חיים (לעבנס עליקסיר) זי קען אָבער זײַן אויך אַ סם המות. אַזוינע שולן זענען בפירוש שעדלעך, אַזוינע יידישע שולן וואָס באַנוגענען זיך מיט אַ ביסל יידישע ווערטער אַנט־וויקלען אין די קינדער נאָך מער דעם מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס,

וואָס זיי זאָגן איין נאָך אין די היימען פאַרן שול עלטער: קולטור, מענטשישקייט, וויסן, וועלט — דאָס אַלץ איז אין יענער נישט־יידי־שער שול. דאָ איז בלויז געציילטע ווערטער צו רעדן צו אַן אַלטער באָבען און אַ קינדער לידל. און עס וואַקסט אַן „אתה בחרתנו" אויף דער לינקער זייט, און ער ברענגט מאָראַלישע אטראָפיע. איך האָב זיך אָנגעזען אין די אַמעריקעס אַ גרויסע צאָל אַזוינע געוועזענע תלמידים פון יידישע שולן.

מיר וועלן בלויז דאַן קענען רעדן וועגן קולטור ארבעט אויף יידיש ווען מיר אַלע — שרייבערס, לערערס און טוערס, אָרגאַניזאַציעס און יחי־דים וועלן אַלע כוחות אָנשטרענגען צו ברענגען די קולטור פון פאַר־גאַנגענע דורות צו די וואָס וואַקסן איצט. אָן דעם איז אונדזער גאַנצע ארבעט אַ יאַלעווע, אָן עקרה, — סיידן וואָס גרופּעס אָפּגעלעבטע מענטשן האָבן דערביי אָרעמע חיונה און אַנדערע, אויך אָפּגעלעבטע, לעבן זיך אויס דערביי... אָבער וואָס קענען מיר געבן דער יוגנט אין יידיש, אַז מיר האָבן פאַרברעכעריש אַזוי ווייניק אריינגעבראַכט? מוזן מיר עס איצט פאַרריכטן! נאָך יהואשעס גרונט ארבעט קומט דער תלמוד, עס קומען דורות דענקער פון מיטלאַלטער און ביז היינט. דאָס איז דער חוב פון אונדזער דור.

מען דאַרף האָבן אַ גרויסע צענטראַלע אָרגאַניזאַציע מיט אַ פאָנד פון אַ הונדערט טויזנט דאָלאַר, מיט וויסנשאַפטלעכע שטענדיקע מיט־ארבעטער, וואָס זאָלן זיך אָפּגעבן נאָר מיט דער ארבעט, מיט רייזנדע אינסטרוקטאָרן וואָס זאָלן די געדרוקטע ווערק פאַרשפּרייטן און איינ־סטרואירן די שולן ווי די ווערק צו נוצן, ווי זיי אריינצופאַסן אין די פּראָגראַמעס און ווי די פּראָגראַמעס צופאַסן צו די אַלט נייע ספרים.

די ארבעט מוז געטאָן ווערן! אָן דעם לאָמיר אויפהערן צו רעדן וועגן יידישער דערציאונג, וועגן יידישער קולטור. זאָלן די טוערס בע־סער שפּילן אין קאָרטן — אַ סך מער הנאה, זאָלן די לערערס בעסער גיין אין פאַבריקן ארבעטן (ווי עס האָבן געטאָן שוין אַ סך לערערס יידישע) — אַ סך מער נוצן. גענוג זיך אַליין צו נאַרן — אהער אָדער אהין!

מיט אַ ביסל גוטן ווילן און גוטער באַציאונג קען די ארבעט געטאָן

א. גאָלאָמב

ווערן גאָר נישט שווער. דער וואָס מיינט באמת יידישע קולטור, נאָר ער זאָגט זיך אָפּ פון תלמודישער ליטעראַטור, דער איז געגליכן צו איינעם וואָס וויל געניסן פון די פּרוכט און וויל נישט קולטיווירן דעם גאָרטן. אָן תלמודישער ליטעראַטור איז נישטאָ קיין פּרץ און קיין נייע ליטע־ראַטור.

אונדזערע קולטור-אוצרות פארן פאלק

התנצלות

היינט, אין יאָרן ווען אלץ מיט אנאנדער שטייט אין סכנה חרוב צו ווערן, אראָפּגעשוועכט צו ווערן דורך מאכט פון רשעות, וואָס איז געקומען אויף דער וועלט; היינט, ווי אלעמאָל אין אזוינע פאלן דארפן יידן נעמען זיך פארטראכטן וועגן תכלית. און זאָל קיינער נישט זאָגן: מען דארף זאָרגן פארן גוף, מען דארף מציל זיין לעבעדיקע נפשות, נישט קיין צייט איצט צו טראכטן וועגן רוחניות, ווען דער גוף שטייט אין סכנה. — פון אייביק אָן פלעגן יידן אין א סכנה קודם כל זען צו ראטעווען זייערע תורות. און אָנגעהויבן דעם וועג האָט רבי יוחנן בן זכאי אויך אין א מאָמענט ווען דער חורבן האָט שוין געהאלטן ביים פארענגדיקן חרוב צו מאכן דאָס מיט וואָס יידן האָבן געלעבט הונ־דערטער יאָרן. זאָלן די עטלעכע ווערטער זיין א פארענטפערונג פאר די וואָס האָבן זיך געלאָזט איינרעדן און זיי גלויבן באמת, אז מען קאָן בלומרשט ראטעווען דאָס פאלק נישט ראטעווענדיק זיין גייסט, זיין קולטור, זיין תורה; אז מען קאָן כלומרשט ראטעווען דעם גוף, נישט ראטעווענדיק די נשמה.

תורה און לעבן ביי יידן

ביי קיין פאָלק אין דער וועלט האָט ליטעראטור נישט אזא באַ־דייטונג און אזא לעבנס אויפגאבע ווי ביי אונדז, יידן. ביי אלעמען איז ליטעראטור -- קונסט און קונסט איז דאָס „וואָס מיר פארווײַלן

זיך דערמיט״ (שילער). ביי יידן זענען נישט געווען קיין ביכער נאָר „ספרים״, הייליקייטן. און צוזאמען ווערן די ספרים — א תורה. און מיט א תורה פארוויילט מען זיך נישט. מיט א תורה לעבט מען. יידן האָבן טאקע פון אייביק אָן זיך געהאלטן, געלעבט מיט „תורות״. איז געוואַקסן דאָס לעבן, איז געוואַקסן אויך דעם פאָלקס תורה און זיך אנטוויקלט. ווייל תורה איז תמיד געווען ביי יידן א סך־הכל פון לעבן און א לערנונג ווי ווייטער צו לעבן. האָט אויפגעהערט צו וואקסן ער־געץ ביי א שבט די יידישע תּורה, איז אויך דער שבט אָפּגעשטאָרבן. איז טאקע ביי יידן די יידישע ליטעראטור, די תורה — „במקום לאנד״, במקום מלוכה, במקום דינאסטיעס און במקום אלע אטריבוטן פון מדי־נה. אָט דער געדאנק איז נישט איינמאָל קלאָר פאָרמולירט נאָך אין תלמוד. „די רייד פון דער תורה זענען געגליכן צו געוויקסן: אזוי ווי די לעצטע שפּראָצן און מערן זיך, אזוי אויך די רייד פון דער תורה — זיי וואקסן און מערן זיך״. „די רייד פון דער תורה זענען געגעבן גע־וואָרן ווי ווייץ אויף צו מאָלן און צו באקן פון דעם, ווי פלאקס אויף צו שפּינען און צו וועבן פון דעם נייע געוועבן״. דאָס גייסטיקע לעבן פון פאָלק באשטייט אין אָט דעם לערנען די תורה און „טראכטן אין איר טאָג און נאכט״ די תורה איז דער פּראָדוקט פון פאָלקס לעבן, פון פאָלקס טראכטן און לערנען, פון זיינע זיטן און פירונגען. תורה און לעבן, און לעבן און תורה זענען ביי יידן צוויי זייטן פון איין מטבע. ביי קיין איין פאָלק אויף דער וועלט איז דאכט זיך נישטאָ אזא וויטאלע מאָניסטישקייט צווישן פאָלקס לעבן און ליטעראטור ווי ביי יידן. אזוי איז דאָס געווען ביז אהער און אזוי וועט עס מן הסתם אויך מוזן שפּעטער זיין. אָן א ליטעראטור וועט נישט זיין קיין פאָלקס לעבן און אז דאָס פאָלק וועט נישט לעבן קיין ספּעציפישן לעבן, — פון וואָס וועט ווייטער וואקסן די תורה? אם אין תורה — אין לעבן, אם אין לעבן, אין תורה. און ווייטער — א תורה, א ליטעראטור, וואָס מען לערנט נישט, — וואָס „ליגט אין א ווינקעלע״ פארוואָרפן, — איז נישט קיין תורה, ווייל זי איז נישט פארבונדן מיטן לעבן, זי ווירקט נישט אויפן לעבן, זי שאפט נישט אין לעבן, איז זי טויט, א בר־מינן פון א תורה. א הייליקער, באלזאמירטער גוף איז א געץ אפילו אויב

עס איז אַ גוף פון אַ געשטאָרבענער תורה. געווען אַ סך פרווון אין דער יידישער געשיכטע צו באַלזאַמירן דעם גוף פון דער תורה און אים קאַנאָניזירן פאַר אַ הייליקייט. אַלע די פרווון צו פאַרוואַנדלען די יידישע תורה אין הייליקע נעצן האָבן זיך געענדיקט מיט אומקום. אַלע אָן אויסנאַם.

בכן — תורה — ליטעראַטור — איז דעמאָלט אַ תורה, ווען מען לערנט זי, ווען „תינוקות של בית רבן" קינדער האָדעווען זיך אויף איר, ווען דורות דערציען זיך אויף איר. דער „תלמוד־תורה" — דאָס לערנען די תורה איז וויכטיקער פון דער תורה אַליין. די אגדה זאָגט: ירושלים איז נישט חרוב געוואָרן, נאָר מחמת קינדער האָבן אויפגעהערט צו לערנען תורה. און דאָ ליגט דער בעסטער היסטאָריאָזאָפישער אמת: קיין איין יידישער קיבוץ איז נישט אומגעקומען פון קלעפּ און רדיפות. דער חורבן פון יידישע קיבוצים איז תמיד געקומען ווען עס איז איבערגעריסן געוואָרן דער ענגער צוזאַמענבונד צווישן תורה און לעבן, צווישן דעם פאָלקס תורה און דעם לערנען פון פאָלקס קינדער. תורה אָן תלמוד תורה איז ווי אַ זאַק גאָלד ביי אַ וואַנדערער אין מדבר, וואָס שטאַרבט נאָך אַ טרונק וואַסער.

די ערשטע זאַמלונג פון תורה (תורת משה)

אַלץ וואָס וואַקסט, ווערט צייטיק און עס קומט די צייט ווען מען דאַרף שניידן, זאַמלען אין די שייערן. און אַזוי אויך מיט דעם פאָלקס תורות. אַלע מאָל קומט דאָס פאָלק, זאַמלט צונויף זיינע אָנגעוואַקסענע תורות, קלייבט זיי אָן אין זיינע שאַצקאַמערן, קלייבט אָפּ, רעדאַקטירט און סיסטעמאַטיזירט. סיסטעמאַטיזירט און מאַכט זיי גאַנגבאַר אין די מוחות און הערצער פון פאָלק, אין טאָג־טעגלעכן לעבן פון פאָלק.

און ווען חלילה דאָס לעבן פון פאָלק וועט איבערגיין אויף נייע רעלסן, זאָלן די תורות פון אַלטן לעבן נישט ניין לאיבוד, זיי זאָלן קענען ווירקן אין נייעם לעבן. אין גלות בבל האָט זיך אויסגעבילדעט אַ גאַנצער פאַך פון „סופרים" וואָס האָבן פלייסיק געזאַמלט תורות פון

פריערדיקע ספרים און פון פאָלקס מויל און זיי פיקסירט, רעדאַקטירט. די ביבל־קריטיק ווייסט אָנצוווייזן אויף פאַרשידענעם אָפּשטאַם פון תורות, אפילו איבערגענומענע פון פרעמדע פעלקער. זיכער אָבער אז אַט די פרעמדע קוואַלן זענען פריער איבערגעשאַפן אין יידישן פאָלקס גייסט דורך דעם פאָלק גופא — ערשט פון דאַנען זענען זיי געקומען אין דער יידישער תורה. דער פאַרשיידענער אָפּשטאַם ווערט קענטיק ערשט פאַר דעם טיפערן פאָרשער. דער אַלגעמיינער גייסט איז אַן איינהייטלעכער. דאָס איז דער אויפטו פון די סופרים־זאַמלער און פון דעם גרעסטן צווישן זיי — עזרא הסופר. אייגנטלעך האָט ער דאָס צוזאַמענגעשטעלט, רעדאַקטירט די פינף חומשים ווי מיר האָבן זיי היינט און זיי „נעגעבן", אַריינגעפירט אין פאָלקס לעבן אַריין. פון אַלע ספרים וואָס זענען געווען פאַר אים און פון אַלע מינדלעכע פאָלקס תורות האָט ער דאָס אויסגערעדאַקטירט אַט די „תורת משה" וואָס מיר האָבן איצט. נאָך דער תלמוד פאַרגלייכט דעם אויפטו פון עזרא צו משהס. משה האָט געשאַפן דאָס פאָלק. עזרא האָט געשאַפן זיין תורה. „עזרא איז ווערט געווען", זאָגט עס די גמרא מיט איר סימבאָלישקייט, — „די תורה זאָל געגעבן ווערן דורך אים, ווען משה וואָלט נישט פריער געווען". פון די צוויי איינצייטיקע טוער, עזרא און נחמיה, איז געווים דער צווייטער געווען דער גרעסטער, דער פּאָליטיקער, דער אָר־גאַניזאַטאָר, דער פאַרעקשנטער בויער און דער ווייטזעאיקער שעפער פון יידישן ישוב אין ארץ ישראל און דאָך שטעלט די יידישע טראַדי־ציע עזראן העכער. ער ווערט דערמאָנט אין תפילות („עזרא הסופר אמר לפניך") נחמיה — נישט. און דאָס בוך פון נחמיהס פּראַקטיקע מעמוארן, די שיינע האַרציק פּשוטע דערציילונגען פון דעם שטאָלע־נעם מאַן ווערן צוגערעכנט לויט דער טראַדיציע ווי א הוספה בלויז צו דעם בוך פון עזרא, וואָס איז מער ווי האַלב אפילו געשריבן נישט אין העברעאיש. נחמיה האָט אויפגעבויט דאָס לאַנד; עזרא — די תורה. דאָס לאַנד איז חרוב געוואָרן, די תורה, נישט. דאָס לאַנד האָט דאָס פאָלק נישט איינגעהאַלטן, די תורה — יאָ. איז די תורה וויכטיקער פון לאַנד; איז עזרא וויכטיקער פון נחמיהן. אזוי האָט אָפּגעשאַצט די טראַדיציע, אזוי האָט געפּסקנט די געשיכטע.

די צווייטע זאַמלונג (נ״ך)

שפּעטער האָט זיך אין משך פון היפּשע דורות צונויפגעזאַמלט די זאַמלונג ספרים פון נביאים און כתובים. דאָ איז די ענדגילטיקע רעדאַקציע נישט פאַרבונדן אין זכרון פון פאָלק מיט איין באַשטימטער פּערזאָן. עס איז א קאָלעקטיווע שאַפונג פון א פּאָר דורות פון די „אנשי כנסת הגדולה". דאָ זענען אונדז געבליבן א סך סימנים פון דעם גרויסן קאַמף, וואָס עס האָט זיך געפירט וועגן די פּרינציפּן פון רעדאַקציע. די גריכישע איבערזעצונג פון יענער צייט, די סעפּטואַגינטע, האָט אן אנדער אויסוואַל. עס ווערן אין תלמוד דערמאָנט „ספר של צדוקים", „ספר שכתבו מין". עס ווערן אין תנ״ך גופא דערמאָנט ספרים, וואָס זענען געווען זייער גאַנגבאַר אין פאָלק (דער תנ״ך שיקט אָפּ: „דאָס און דאָס איז דאָך פאַרשריבן דאָרטן" און דעריבער דאַרף מען דאָ עס נישט איבערחזרן). אזוינע זענען, למשל, דער „ספר הישר", „ספר מלחמות ד'", „דברי הימים למלכי ישראל", „דברי הימים למלכי יהודה" א"א! די האָבן זיך אינגאַנצן נישט איינגעהיט. א חוץ זיי קומען די אַפּאָקריפן, די פּסיידאָ אַפּאָקריפן — גאַנצע זאַמלונגען, וואָס האָבן זיך איינגעהיט אין דער גריכישער איבערזעצונג. קענטיק, אז ביי אונדז איז געבליבן א קליינער טייל פון דער דעמאָלט גאַנגבאַרער ליטעראַטור. און דאָס איז געטאָן געוואָרן נישט מחמת אַפּנגלאַזקייט. דאָס איז, פאַרקערט, געווען א רעזולטאַט פון א גרויסן פּרינציפּיעלן קאַמף, — און דער תלמוד פּסקנט: „כל המכנים יותר מכ״ד ספרים, מהומה הוא מכנים לתוך ביתו" (דער וואָס נעמט אריין מער ווי די קאַנאָנירטע פיר און צוואַנציק ספרים, דער טראָגט אריין צו זיך אין שטוב א מהומה). וואָס קאָנקרעט זיי האָבן דאָ געמיינט מיטן וואָרט „מהומה" איז מיר אומקלאָר. דער פּרינציפּ אָבער איז קלאָר.

דאָס איז געווען דער צווייטער גאָרן פון יידישער תורה, אָנגעבויט אין און פון יידישן לעבן.

עס איז פּאַר אונדז זייער אינטערעסאַנט קלאָר צו מאַכן ווי ווייט מעגלעך די פּרינציפּן פון יענעם אָפּקליב. מיר דוכט זיך אז איך וועל

זיין נאָענט צום אמת אויב איך וועל דאָ אָנמערקן אַט די ווייטערדיקע פרינציפּן:

א) נישט מיליטאַריזם. אַלע ערטער, אַלע ספרים וווּ עס איז שטאַרק באַזונגען דער מיליטאַריסטישער גייסט, זענען באַזייטיקט געוואָרן. אַז אויסנאַם — דוד המלך און נאָך עטלעכע שטעלן, וואָס זענען קענטיק צו שטאַרק געווען איינגעפּעסטיקט אין פאָלק, אַז די רעדאַקטאָרן האָבן אויף דעם נישט געוואַגט זיך צו פאַרמעסטן. זיי האָבן שפּעטער געפּרוּווט וועגן ווי צו „נייטראַליזירן" אַט דעם מיליטאַריסטישן גייסט אויף אַנדערע וועגן: נישט אויסשליסן, נאָר „אַריינלערנען", אַריינטייטשן אַ צווייטן גייסט אין די זעלביקע ווערטער. איז דוד המלך געבליבן, — אָבער ער איז געוואָרן גאָר אַן אַנדערער — דוד המלך מלך ישראל חי וקים.

ב) נישט דינאַסטיע (ווידער אַן אויסנאַם די בית־דוד). די חשמו־נאים דינאַסטיע איז דורך דער טראַדיציע לגמרי נישט געשוינט געוואָרן. אין ערגעץ נישט דערמאָנט די נעמען זייערע אויסער דעם אַלטן מתתיהו, אפילו נישט דעם נאָמען פון גרעסטן העלד, יהודה המכבי. אויסגע־שלאָסן פון דעם קאַנאָן היילקע ספרים די ביכער, וווּ עס באַשרייבט זיך די גבורה זייערע ווי עס וואָלט געווען אַ באַוווּסטזיניקער פאַרלאַנג צו פאַרגעסן זיי אינגאַנצן.

ג) נישט קיין אינדיווידועלע ליטעראַטור פון אַ יחיד, אויף וויפל מען קאָן זי נישט צונויפבינדן מיט דער פאָלקסטימלעכער טראַדיציע. האָט עס קהלתן און איובן אָפּגעגליקט און בן סירהן נישט (פאַר דער נטיה צו די צדוקים).

ד) פאָלקסטימלעכקייט און אַנגענומענקייט ביים פאָלק האָט, דאַכט זיך, געשפּילט אַ דעצידירנדיקע ראָל ביים אָפּקלייבן ספרים פון תנ"ך. דער מחבר, זיין פּערזענלעכקייט, זיין אידענטישקייט אפילו די אידענטישקייט פון די שריפטן גופא האָבן נישט געשפּילט קיין ראָל. פיל

וויכטיקער איז געווען צו קענען „פארעלטערן" דאָס ווערק, פאָרשטעלן עס ווי א פארצייטיקס, וואָס לעבט לאנג אין געברויך פון פאָלק. *)

אזוי ארום קען מען זאָגן אז די רעדאקציע־פּרינציפּן זענען געווען אידעאישע — די פּרינציפּן פון דער פּרושישער יידישקייט. בלויז אָט די יידישקייט איז געווען לעבנס־פעאיק. און די זעלביקע פּרינציפּן האָבן אויך איינגעהיט דעם פאָלקס תנ"ך — דאָס זענען די פּרינציפּן פון פאָלקס לעבן גייסטיק, מאָראליש און קולטורעל פאר זיך, אפילו ווען טעריטאָריעל, סאָציאל און עקאָנאָמיש — נישט זעלבסטשטענדיק.

דריטע זאמלונג — דער קאנאָן פון שטייגער (הלכה)

איינצייטיק מיטן רעדאקטירן דעם תנ"ך האָט נאָך עזרא גענומען פעסטשטעלן א ספּעציפישן, אָפּגעזונדערטן יידישן לעבנס שטייגער, יום־טובים, מאכלים, זיטן, געוויינהייטן אין טאָג־טעגלעכן לעבן. נאָרמירן, פאריינהייטלעכן און פעסטשטעלן, כדי דערמיט זאָל זיך דער באוווסטזיניקער ייד („חבר") אונטערשיידן, און אָפּשיידן פון די אי־בעריקע „איינוווינער פון לאנד" (עם הארץ). די אנשי כנסת הגדולה און די ווייטערדיקע דורות טראדיציאָנעלע יידן האָבן אָט אויף דעם „קאנאָן פון שטייגער" אָפּגעגעבן א סך מער ענערגיע איידער אויף דעם קאנאָן פון ליטעראטור. אָבער דאָ מוזן מיר איבעררייסן דעם געשיכט־לעכן איבערבליק און קלאָר מאכן וואָס אזוינס הייסט „קאנאָן פון שטייגער", וואָס האָט ביי יידן געשפּילט אזא גרויסע ראָל.

אין תוך גענומען האָט יעטווידער פאָלק א מין „שולחן ערוך", אזא נאציאָנאלן, פאָרמירטן שטייגער. אָט, למשל, וואָלט מען געקאָנט דאָך לייענען אזא מין „דין". ונוהגים — מען פירט זיך אין ווינטער

---

*) די זעלביקע פּרינציפּן האָבן שפּעטער אויך געווירקט און אָפּגעקליבן פון דעם קאנאָניזירטן תנ"ך ספרים, וואָס זענען באליבטער און גאנגבארער אין פאָלק איידער אנדערע: אליהו הנביא (פּערזאָן, נישט ספר), ירמיהו, תהילים, איוב, שיר־השירים, זענען געווען די באליבטע ספרים פארן טראדיציאָנעלן יידן.

אָנצוטאָן זיך אין ווארימע הויזן און אין אָוונט צו גיין שפּאַצירן, שקוראַין, וואָס מען רופט עס „טרעמפּ", און ווען מען קומט צוריק עסט מען וואַרעמע וווּרשטלעך מיט לענגלעכע בולקעלעך און מען רופט זיי „הייסע הינט". צו פאַרטרינקען נעמט מען „סאָלטע סאָדע וואַסערן". וויפל מיליאָנען מענטשן פאָלגן אויס אָט דעם „דין" און ווי ווייניק „אפיקורסים" עס טרעטן אַרויס קעגן אים. און וויפל אַזוינע „דינים" פאַרמאָגט דאָס לעבן פון יעטווידער איינגעשטעלטן פאָלק? „פּונקט 12 בייטאָג זאָלט איר אָפּשטעלן אייער גאַנצע אַרבעט, וואָס איר טוט און לויפן אַהיים עסן מיטאָג — איר און אייערע אַרבעטער, דער וואָס האָט און וואָס ער האָט נישט". מיר דאַכט זיך, אַז ווען מען וואָלט פאַרשריבן אָט די אַלע דינים און מנהגים פון יעטווידער פאָלק וואָלט זיך געקענט צונויפקלייבן אַ גרויסער „קאַנאָן" וואָס נאָרמירט דאָס גאַנצע לעבן, דאָס עסן און טרינקען, די דירה און מעבל, די בגדים, די אַרבעט און פאַרוויילונג, די באַציאונג צווישן מענטש און מענטש, מאַן און ווייב און קינדער. מיט איין וואָרט — יעטווידער פאָלק האָט זיך זיין שטייגער לעבן, זיינע נאָרמעס פון גאַנג אין לעבן — זיינע „הלכות". מער נישט וואָס ביי יידן האָבן נאָך די אנשי כנסת הגדולה דערזען אין אָט דעם „וואָכעדיקן" גאַנג אַ באַזיס איינצוהאַלטן דעם נאַציאָנאַלן קיום, אויף וויפל דאָס איזאָלירט און שיידט אָפּ יידן פון אַנדערע פעלקער. זיי און די שפּעטערדיקע טראַדיציע זענען נישט געווען קיין גרויסע גלויבער אין דער פּאָליטישער זעלבסטשטענדיקייט, האָבן זיי מיט אַ באַזונדערער התמדה גענומען זאַמלען, אוניפיצירן, אָפּקלייבן און פעסטשטעלן די פאָלקס מנהגים, די „הלכה" און צוזאַמען מיט דער פאָלקסטימלעכער מינדלעכער ליטעראַטור איז דאָס דער תוך, דער אינהאַלט פון יידישער תורה — די תורה שבעל פה באַשטייט דאָך פון דער הלכה און אגדה. און אין משך פון די אַלע דורות האָט זיך געפירט, אַז די „הלכה" פלעגט ביים פאָלק אַזוי פאַרהייליקט ווערן ביז זי פלעגט ווערן די רעליגיע.

אָט דאָס איז דער גענעזיס פון דער יידישער רעליגיע, פון אַלע אירע אַנשיכטונגען און פאָרמאַציעס — דער נאַציאָנאַלער לעבן שטייגער מיט דער אידעע אָפּצוזונדערן דאָס פאָלק פון אַנדערע פעלקער אויפן

באַזיס פון זיין ספּעציפישער שטייגער־טראַדיציע. ווי א מאָמענט פון דער צווייטער מדרגה איז געווען דאָס שטרעבן צונויפצובינדן תמיד אַט דעם שטייגער מיט דער פאַרשריבענער תורה. דער עיקר איז אָבער געווען די אוניפיקאַציע און קאַנאָניזאַציע פון דעם נאַציאָנאַלן שטייגער. הכלל — רעליגיע ווי אַ פּראָדוקט פון פאָלקס לעבן. נאָך מערער: רעליגיע איז קאַנאָניזירטע פאָלקס לעבן. אין דעם איז געווען דער זינען פון דעם היסטאָרישן קאַמף צווישן די צדוקים מיט די פּרושים. די ערשטע האָבן געשטרעבט צו א נאַציאָנאַלן דואַליזם, צו א „סינטעז" (ווי מען פּריידיקט עס איצט) פון יידישער פיקסירטער אָרטאָדאָקסאַלער פרומקייט אין רעליגיע און פון איבערגענומענעם פרעמדן קולטור־שטייגער אין לעבן. די פּרושים האָבן פון דעם סעפּאַראַטן אייגנאַרטיקן יידישן שטייגער געמאַכט די רעליגיע כדי צו זיין פּרושים, אָפּגעשיידטע, אָפּגעזונדערטע („איזאָלאַציע", ווי מען רופט עס היינט). די פּרושים האָבן געזוכט מיט תורה אַרומצוצאַמען דאָס יידנטום, די צדוקים האָבן אָפּגעצאַמט די תורה פון יידישן לעבן. די צדוקים זענען אונטערגעגאַנגען (דורך שטייגער־אַסימילאַציע) און אַלע היינטיקע יידן שטאַמען פון די פּרושים און פון זייער מאָניסטישער שטייגערישער צו רעליגיע געוואָרענער מאָניסטישקייט. אַט דער מאָניסטישער מקור פון לעבן און רעליגיע שיידט אָפּ די יידן פון אַלע אַנדערע אייראָפּעאישע פעלקער, וויל ביי זיי אַלעמען זענען רעליגיע און לעבן לויט זייער אָפּשטאַם דואַליסטיש, און אויך לויטן פיר אין לעבן: שטייגער באַזונדער און רעליגיע באַזונדער. דאָס איז געווען אַן אייגנאַרטיקע אַנטפּלעקונג. דעמאָלט ווען די פּאָליטישע און סאָציאַלע, עקאָנאָמישע און מלוכהשע זעלבסטשטענדיקייט איז געפאַלן, איז שוין געווען פון פריער דורך די פּרושים צוגעגרייט א נייע, א ספּעציפישע זעלבסטשטענדיקייט פון שטייגער לעבן. און אין דעם איז געלעגן דער כוח אויפצוהאַלטן דעם קיום פון פאָלק. איז דאָס געווען אַ אוניקום־ריכטונג אין דער וועלט־געשיכטע און עס איז געווען אין דעם א כוח צו פאַרוואַנדלען דאָס פאָלק אין א אוניקום־פאָלק אויף דער וועלט. עס האָט אין דעם געוויס באַהאַלטן שטעקן א גרויסע פאַרליבטקייט אין פאָלק און אין זיין גייסט, א גלויבן

אין דעם, מען זאָל פון דעם מאַכן דעם גאַנצן מהות פון יידישקייט, וואָס איז געוואָרן דער יידישער גלויבן.

דאָס נישט באַגרייפן אָט די אַנדערשקייט, דאָס מעסטן די פּאַרהעלטענישן פון יידישן לעבן מיט מאָסן פון אַנדערע פעלקער האָט אונדז געבראַכט פיל שאָדן, איבערהויפּט ביים פּראָצעס פון פּאַרוועלטלעכונג אין אונדזער לעבן. סוביעקטיוו איז עס געווען אַ קאַמף קעגן אויטאָריטעט פון רעליגיע, אָביעקטיוו געשיכטלעך איז דאָ באַקעמפט געוואָרן — די ספּעציפישע יידישע שטייגערישקייט, בעת אָבער דער סאָציאַל־נעגאַטיווער מאָמענט פון באַהערשן די מאַסן מיטן כוח פון אַ דאָגמע איז פאָרט געבליבן, געוואָרן נאָך שטאַרקער. אַזוינע „כשרע" לאָזונגען האָבן כמעט אַלע „טריפע" באַוועגונגען. ווי אין דער פּסיכאָלאָגיע פון אינדיווידן אַזוי איז עס אויך אין דער פּסיכאָלאָגיע פון קאָלעקטיוון: מיר טראַכטן אויס פאַר אונדזער געוויסן שיינע פּרינציפּן, שיינע אידעעס און לאָזונגען כדי מיט זיי צו פאַרדעקן די גאָר נישט קיין שיינע אָביעקטיוו־געשיכטלעכע טריפע ריכטונגען וואָס פירן צום אומקום. קען זיין אַז אין פּראָצעס פון פאַרוועלטלעכונג האָבן מיר פאַרלאָרן עפּעס מער און עפּעס גאָר אַנדערש ווי דאָס וואָס וועלטלעכקייט אין תוך דאַרף באַקעמפן. אָבער דאָס איז אַ צווייטע פּראָבלעם. דאָ איז וויכטיק אונטערצושטרייכן נאָך אַמאָל, אַז די טראַדיציאָנעלע יידישקייט האָט אָפּגעהיט די שטייגערישקייט און געזען אין איר תמיד די פּראַקטישע זייט פון דער תורה. — דער אָפּקליײב פון די נאָרמעס, זייער סיסטעמאַטיזירונג, דאָס פאַרבינדן זיי מיט דער תורה — אָט דאָס האָט געהייסן לערנען הלכה, פּסקענען הלכות. דאָס איז געווען כמעט גאָר דער אינהאַלט פון לערנען ביי די פּרושים. און אַז עס האָבן זיך אָנגעקליבן אַ סך מאַטעריאַלן פון דעם מין, האָט מען זיי גענומען פאַרשריבן מיטן נאָמען „משנה" — די צווייטע תורה. ווי באַקאַנט האָט רבי, צום סוף פון צווייטן י"ה, געשאַפן זיין קאָדעקס פון משנה, וווּ ער האָט סיסטעמאַטיזירט לויטן אינהאַלט אַלע משנות אין זעקס „סדרים" (פון דאַנען ש"ס). אויך רבי האָט שטרענג געקליבן און אָפּגעקליבן וואָס עס דאַרף און וואָס עס דאַרף נישט אַריין אין דעם קאַנאָן פון פאָלק, אין דער תורה. די אַמאָליקע מחלוקת אַרום פּרינציפּ פון פּאָליטישער אָדער

קולטורעלער זעלבסטשטענדיקייט איז נישט געבליבן איצט מער. אַלע די קרייזן, וואָס האָבן אַמאָל געוואָלט זען דעם יסוד פון יידישקייט אין פּאָליטישער זעלבסטשטענדיקייט, — אַלע די זענען אונטערגעגאַנגען ווער אין לעצטן קאַמף פון בר־כוכבא, ווער אין אַסימילאַציע. אָבער אין יידישן לעבן זענען זיי נישט געבליבן. דערפאַר איז אויך אין משנה דער פּאָליטישער פּרינציפּ לגמרי נישט קענטיק. פון די נייע פּרינציפּן איז צו זען, אז די הלכה — לעבנסשטייגער איז דאָ געשטעלט געוואָרן א סך העכער פאַר דער אגדה (ליטעראַטור).

עס זענען אויסער דעם קאַנאָן פון דער משנה פאַרבליבן א סך ספרים. פון אָט די לעצטע זענען א טייל דאָך געבליבן ביים פאָלק (ברייתא, תוספתא, ספרי, ספרא, מכילתא און עטלעכע מסיכתות, למשל, אבות דרב נתן). זיכער אז א סך זענען פאַרלאָרן געגאַנגען לגמרי. איבער־הויפּט ווען אָט די „אַפּאָקריפישע" מסיכתות האָבן נישט געהאַט דעם מזל פון די תנ"כישע אַפּאָקריפן אָפּגעהיט צו ווערן אין די קריסטלעכע קלויסטער־ביבליאָטעקן. יידן, ווי באַקאַנט, האָבן נישט געהאַלטן פאַר נייטיק צו היטן ספרים, וואָס מען דאַרף נישט נוצן אין טאָג־טעגלעכן לעבן. ביאַליק נעמט אָן אז עס זענען געווען מסיכתות אויף טעמעס פון באָטאַניק, אַסטראָנאָמיע, מעדיצין און מאַטעמאַטיק. איך ווייס נישט אויף וואָסער סמך ער מאַכט די באַהויפּטונג, אָבער עס לאָזט זיך זייער לייכט גלויבן אין דעם. נישט אויפגעהאַלטן האָט מען זיי אויס דעם פּרינציפּ, זיכער, אז אַלץ וואָס האָט נישט קיין דירעקטן ווערט פאַרן נאַציאָנאַלן קיום, לוינט נישט אָפּצוהיטן אין לעבן אריין. אויב א פאָלק מוז לעבן מיט זיין תורה, מוז די תורה אָטעמען מיטן פאָלקס לעבן.

פון די נייע ליטעראַטור עלעמענטן אין משנה דאַרף מען אָנמערקן דאָ דעם אַפאָריזם. אין דער טראַדיציע האָט ער קיין ספּעציפישן נאָמען נישט, ער איז א טייל פון דער אגדה. לויט זיין מהות אָבער איז עס א לאַקאָניש געזאָגטער נאַציאָנאַל־פילאָזאָפישער געדאַנק, וואָס לאָזט גע־נוג מעגלעכקייטן פאַר דעם הערער אריינצוטראָגן אין אים אַלץ נייע און נייע איינטייטשונגען. בכלל האָט די יידישע טראַדיציע תמיד פיינט געהאַט דאָס פאַסיוו איבערנעמען פון פאַרטיקע, אויסגעפורעמטע תו־רות. זי האָט געזוכט תמיד אזוי צו פאָרמולירן אירע תורות, אז דער

לערנער זאָל זיך תמיד זען ווי אן אקטיווער שותּף פון דעם געלערנטן שטאָף.

די רעדאקציע פון משנה האָט אינגאנצן איגנאָרירט די גאנצקייט פון די מחברים. עס זענען אין משנה לגמרי נישטאָ קיין זאמלונגען פון דעמס אָדער יענעמס ווערק. די משנה איז צוזאמענגעשטעלט לויט טע־מעס און ביי יעדער טעמע זענען געבראכט אין א קורצער, לאקאָנישער פאָרמע די מיינונגען פון די מחברים. אזוינע מחברים ווי רבי עקיבא און רבי מאיר, וואָס זענען געווען אזוי פרוכטבאר אויפן געביט פון הלכה און פון אגדה, זענען נישט קאָנצענטרירט אין באשטימטע טיילן פון משנה. נאָך מער, עס זענען אין זייער צייט געווען פּאָפּולער „משנת רבי עקיבא", „משנת רבי מאיר". אין קאנאָן פון משנה זענען נישט אריין קיינע אזוינע ווערק. בלויז זייערע מיינונגען זענען געבראכט ביי פּאסיקע געלעגנהייטן. ווייל די גאנצע משנה איז דאָך רעדאקטירט לויט טעמעס בלויז אָן א באציאונג צו די מחברים. לויט אונדזערע הייגטיקע באגריפן, וואָלט אזא באציאונג צו מחברים געווען אינגאנצן אוממעג־לעך. קענטיק, אז ביי זיי איז לגמרי נישט געווען קיין באציאונג צו לי־טעראטור ווי צו אזא. דער עיקר האָט קאָנצענטרירט זייער גאנצע אויפ־מערקזאמקייט די נאָרמאטיווע זייט פון שטייגער און פּראָבלעמען פון פּאָלקס קיום. זיי האָבן מיט רעכט געהאלט פון "לערנען" די תורה („לערנען" הייסט ביי יידן פּראָדוצירן אידעעס און זיי פורעמען). זיי זאָגן „תלמוד תורה כנגד כלם" האָבן זיי פיקסירט, קאנאָניזירט אָט דאָס לערנען. אויף הייגטיקן לשון וואָלט מען עס געזאָגט די „פּראָטאָ־קאָלן פון לערנען". נישט אומזיסט איז דאָך די משנה געשאפן געוואָרן אין ישיבות, אין אקאדעמיעס. דאָך אָבער איז דאָ דאָס נאָרמאטיווע געווען דער ציל, דער עיקר. נישט אָביעקטיווע וויסנשאפטלעכקייט צו באפרידיקן וויסנגירקייט, נאָר די נאָרמירונג פון פאָלקס לעבן. ווי א סובאָרדינירטער עלעמענט איז דאָ אויסגעוואָקסן די טעאָרעטישע מעטאָדיק פון לערנען און אויך די דידאקטיק, („מידות שהתורה נדרשת בהן"). ווידער אין גרונט אנדערש ווי ביי די גריכן פון דעמאָלט. ביי די גריכן איז וויסנשאפט געווען א קונסט. אן אינטערעסאנטער צייט־פארטרייב פאר מענטשן פון גרויסן גייסט. די יידן האָבן געציטערט ממש

איבערן לערנען ווייל דאָ, אין דעם אייגנאַרטיקן, ספּעציפישן לערנען האָבן זיי געזען דעם איינציקן יסוד פון גאַנצן פאָלקס קיום. דעריבער האָבן אויך די יידישע ישיבות־אַקאַדעמיעס געטראָגן גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער איידער די גריכישע.

אַט אַזוי איז אויסגעוואַקסן אין לעבן פון יידישן פאָלק, מיט דער אידעע אויפצוהאַלטן דאָס ספּעציפישע פאָלקס לעבן, דער צווייטער „גאַנג״, די צווייטע סעריע פון פאָלקס תורה — די משנה. און זאָל דאָס נאָכאַמאָל אונטערשטראָכן ווערן: נישט דער תלמוד האָט אויסגע־פורעמט דאָס ספּעציפיש־יידיש לעבן, נאָר פונקט פאַרקערט — דער באַוווסטזיניקער נאַציאָנאַלער פאַרלאַנג האָט פון פאַקטישן לעבן גע־שאַפן דעם תלמוד.

פערטע זאַמלונג (גמרא)

מיט דער פאַרפיקסירונג פון דער משנה האָט דער פאַרלאַנג אָפּצו־גרעניצן זיך ווי א באַזונדער פאָלק אין איינציק מעגלעכן געביט — אין שטייגער לעבן זיך נים סטאַביליזירט נאָך. די געאָגראַפישע אויסשפּריי־טונג פון יידן איז געגאַנגען אַלץ ווייטער. סביבות און שפּראַכן האָבן זיך געביטן. דער אינסטינקטיווער דראַנג און אויך די באַוווסטזיניקע שטרעבונג צו א זעלבסטשטענדיקן קיום פון פאָלק פאַר זיך האָבן גע־פירט ווייטער און ווייטער צו דער אוניפיקאַציע פון שטייגער לעבן (הלכה), צו דער קאַנאָניזירונג פון דער פון דאָס ניי אָנגעוואַקסענער פאָלקס ליטעראַטור (אגדה). דאָס אַלץ האָט מען פעסט געדאַרפט אָנבינדן אָן דער טראַדיציע פון די פריער פיקסירטע תורות (מקרא און משנה). אַט די דרייפאַכע אַרבעט האָט געטראָגן דעם נאָמען „לערנען״ וואָס איז לויט זיין לאָגישן אינהאַלט לגמרי נישט דאָס וואָס דאָס זעלביקע וואָרט „לערנען״ האָט געהאַט אין זיך און האָט איצט ביי אַנדערע פעל־קער. דער דריטער פונקט, דאָס אָנקניפּן די אַקטועלע לעבנס־נאָרמען אָן די פיקסירטע תורות, האָט געהייסן „דרש״ („התורה נדרשת״). אַט די גאַנצע מעטיקיים איז געווען צונויפגעבונדן מיטן לעבן נישט אָפּצו־טיילן, און מהאי טעמא האָבן זיך די ווייטערדיקע אַנשיכטונגען פון

תורה געשאפן אין שפראך פון פאָלקס לעבן, אין דעם דעמאָלסדיקן „יידיש” — אין אראמיש, כאָטש קיינער וועט נישט זיין אזוי נאריש חושד צו זיין די בעלי התלמוד אין אנטי־העברעאיזם *). אמת, שפּע־טער האָבן דאָס די קאראאימער געטאָן. זיי האָבן זיך אָנגענומען דעם כבוד פון העברעאיש, זיי האָבן אויפגעפּאָדערט די תלמודיסטן אז זיי פארנאכלעסיקן העברעאיש. זיי האָבן דאָס געקענט: די תורה איז ביי זיי געווען סעפּארירט פון לעבן, א פארשריבענע תורה אין א הייליקן קאסטן. קען זי זיין אויף וואָסער שפראך מען וויל.

אָט אזוי האָט זיך געשאפן דער גראנדיעזער תלמוד, וואָס איז רע־דאקטירט געוואָרן צום סוף פון פינפטן יאָרהונדערט. א נייער גאָרן אויף דער געביידע.

וויטערדיקע זאמלונגען

און דאָס „תורהדיק לעבן” איז געגאנגען ווייטער. ווי וויכטיק עס איז נישט געווען ביי יענע יידן אין די אויגן דאָס טעאָרעטישע לערנען, האָט מען דאָך ווייטער נישט געפונען פאר דרינגענד נייטיק צו קאנאָני־זירן באשטימטע טעקסטן און נוסחאות. די רעדאקטיר־טעטיקייט האָט זיך פון דאנען און ווייטער באגרענעצט מיט דער אוניפיקאציע און קאָ־נאָניזירונג פון די שטייגער נאָרמעס, פון דעם פּראקטישן טאָג־טעגלעכן

---

*) דער אראמישער יידיש אין תלמוד דערקלערט זיך מיט דער גרויסער ליבע און אכטונג צום פאָלק, און זיי האָבן געבראכט צו פאר־הייליקן אויך די זיטן און שפראך פון פאָלק. אָט דער קאמפּלעקס גאַנצן פילן האָט שפּעטער באקומען דעם נאָמען „אהבת ישראל" און ער האָט עס געבראכט אזוינע „יידישיסטן" ווי ר׳ נחמן בראצלאווער, ר׳ לוי יצחק, דעם ליאָכאָוויטשער און אנדערע צו דאווענען אפילו אין יידיש. פון דאנען אויך די יידישע פאָלקס לידער אין אוקראַיניש, וכדומה יעטווידער פּרינציפּ־יידישיזם, וואָס איז נישט גענוג צונויפגעוואקסן מיט אזא „אהבת ישראל", איז נישט אָרגאניש, און לעצטענד קאָן ער נישט פירן צו פארשטארקן יידישקייט.

לעבן. פון דעמאָלט אָן זענען א סך מאָל געשאפן געוואָרן קאנאָנען, אָדער קאָדעקסן פון אויפפיר, פון שטייגער לעבן, פון די „הלכות" („הלכות גדולות" סוף 9־טן י"ה), אוניפיקאציע פון די תפילות (סידור פון ר' עמרם גאון אאז"וו). די תורות וואָס דארפן אוניפיצירן, פאריינ־הייטלעכן דאָס יידישע לעבן איבער דער גאנצער וועלט און אים אויס־טיילן, אויסזונדערן און אָפזונדערן פון אלע אנדערע פעלקער, וואָס צווישן זיי האָבן יידן געלעבט. יידן האָבן געלערנט טעאָרעטיש נישט ווייניקער ווי פארנומען זיך מיט פראקטיצירן מצוות. דאָך זענען קאָ־לעקטיווע זאמלונגען פון דער תקופה נאָכן תלמוד און מדרשים באַ־קאנט בלויז די תוספות. פארקערט אָבער, קאָדעקסן פון געזעצן וואָס האָבן צו רעגולירן דאָס לעבן זענען געווען א סך: „הלכות" פון ר' יצחק אלפסי (דער אלפס 11־טער י"ה), די „משנה תורה" פון רמב"ם (12־טער י"ה), די „טורים", (ר' יעקב בן אשר אָדער פשוט דער „בעל הטורים") (13־טער י"ה), דער „שולחן ערוך" פון ר' יוסף קארו ביז דעם „רבס שולחן ערוך" (פון ר' שניאור זלמן פון ליאדי), ביז צום „חיי אדם" (ר' אברהם דאנציג פון ווילנע). אויף אזא אופן האָט די זאָרג פארן קיום פון פאָלק געבראכט צו א כסדרדיקן זאָרגן פאר דער תורה. דער דראנג צו היטן יידנטום האָט געטריבן צו שאפן, פראָדוצירן, סיסטע־מאטיזירן און קאנאָניזירן יידישקייט, יידנטום לעבט מיט יידישקייט; יידישקייט האלט דאָס יידנטום. אלע אנדערע ריכטונגען, אלע פרוון און שטרעבונגען צו באזירן יידנטום נישט אויף יידישקייט האָבן גע־פירט צום אומקום פון יידנטום. אָן אייגענער אין פאָלק געשאפענער יידישקייט איז נישטאָ קיין יידנטום. אלע פרוון און פארלאנגען צו פארפיקסירן איינמאָל אויף אלעמאָל א יידישקייט און אָפהיטן זי אין איר אומפארענדערלעכער הייליקייט און פיקסירטקייט, האָבן געבראכט צום אומקום פון יידנטום. יידישקייט קען און מוז זיין בלויז א שטראָם, וואָס וואקסט און שטראָמט מיטן לעבן, בויט דאָס לעבן און ווערט פון לעבן געבויט.

ווו האלטן מיר איצט

ווו האלטן מיר איצט אויף דער וועלט? — איך מיין נישט דרויסנ־

דיק אין די פּאָליטישע און סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּאַרהעלטענישן אונ־דזערע. די פּראָבלעמען גייען דאָ אָן א זייט פון אונדזער טעמע. איך מיין ווי האלטן מיר מיט זיך אליין, מיט אונדזערע גייסטיקע קאָלעקטיוו־פּסיכאָלאָגישע איינגשאפטן, מיט אונדזער אינעווייניקסטן אידעענגאנג, שטרעבונגען און באגערן און מיט אונדזער גאנצן גייסטיקן „איך", וואָס פון אים שטאמט ארויס דער גאנצער וועלט באנעם און סאָציאַלע אקטיווקייט פון אונדזער פּאָלק ביי היינטיקן טאָג. ווו האלטן מיר מיט זיך אליין?

צוויי וועגן, צוויי ריכטונגען גייען דורך דער יידישער געשיכטע: איין ריכטונג האלט, אז „ווו מיר זענען, זענען מיר, אָבער יידן זענען מיר".

מיר זענען טיילן פון איין יידיש פאָלק, כאָטש צעזייט און צע־שפּרייט צווישן פעלקער און לשונות און אָט די אָרגאנישע צונויפגע־בונדנקייט צווישן אלע טיילן פון פאָלק איבער לענדער און צייטן — זי איז פּרימער, זי דיקטירט און פאסט צו זיך ווי ווייט מעגלעך די באַ־דינגונגען פון צייט און אָרט.

די צווייטע ריכטונג האלט, פאַרקערט, ווו מיר זענען דאָס זע־נען מיר.

מיר האָבן טאקע א געמיינזאמען אָפּשטאם. אָבער מיר לעבן צווישן פעלקער און מיר מוזן זיין אָרגאנישע טיילן פון אָט די פעלקער. קודם כל זענען מיר און דארפן זיין איינס מיט די באלעבאטים פון לאנד, מיר מוזן זיין אין אלץ ענלעך צו זיי כדי צו זיין גלייך מיט זיי. ווי יידן קומט אונדז גאָרנישט און כדי צו ווערן בירגער וואָס עס קומט זיי אלץ, מוזן מיר די יידישקייט לאָזן ווי א פּריוואטע זאך, אינדערהיים, צווישן אייגענע בלויז. אונדזער יידישן אָפּשטאם און די געמיינזאמקייט פון יידישן פאָלק איבער לענדער און צווישן פעלקער, — דאָס קענען מיר לאָזן ווי א היסטאָרישן פאקט. אָבער אָט די „היסטאָריע" דאַרף אונדז נישט שטערן, דאַרף זיך נישט אריינמישן אין אונדזער סאָציאַלן עקאָנאָמישן לעבן. „יידישקייט איז א פּריוואטע זאך".

אמת, אָט די טעאָריע ווערט נישט פאָרמולירט עפנטלעך, ווערט נישט ארויסגעזאָגט אָפן און דרייסט ווי אמאָל, מיט א הונדערט און

וויפל יאָר צוריק אין דייטשלאנד, ווי מיט א זיבעציק יאָר צוריק אין רוסלאנד. אָבער אין לעבן הערשן לגמרי נישט תמיד די אידעעס, וואָס ווערן געטראָגן אויף פלאקאטן און לאָזונגען. פארקערט, הערשן אין לעבן פרינציפן און אידעעס, וואָס ווערן באהאלטן און פארדעקט מיט די היפּוכדיקע לאָזונגען. אין יידישן לעבן איז עס כמעט ווי א געזעץ און וויל מען באגרייפן די פירנדיקע מאָטיוון פון יידישן לעבן, דארף מען נישט זיך צוהערן צו דעם, וואָס עס ווערט געזאָגט און געשריבן, נאָר מען דארף זיך גוט צוקוקן צום גאנג פון טאָג־טעגלעכן לעבן אונטער דער געפוצטער דיקער קאָלדרע פון שיינע לאָזונגען און פראזעס. און ביי אזא מין ארײנקוקן זיך וועלן מיר ווילנדיק, צי נישט־ווילנדיק מוזן אויספירן, אז די צווייטע אידעע, הערשט אין יידישן לעבן. אין רייד ווערט עס געזאָגט אז „וואָס זאָל מען טאָן, דאָס לעבן צווינגט אונדז". אין דער אמתן קענען קליינע גרופעס סובאָטניקעס היטן זייער שבת און מיליאָנען יידן קאָנצענטרירט אין איין שטאָט — קענען עס נישט, ווייל זיי — ווילן נישט, און אזוי אומעטום, אויף אַלע געביטן פון יידישן לעבן. עס הערשט אין די מוחות די צווייטע ריכטונג. אמת, די צוויי ריכטונגען צו יידישקייט* און פון יידישקייט זענען פון אייביק אָן אָנגעגאנגען אין דער יידישער געשיכטע. שווער צו געפינען א תקופה ווען אָט דער קאמף צווישן די צוויי ריכטונגען זאָל נישט זיין. מיט די לאָזונגען אָדער מיט אנדערע, אָפן אָדער פארשטעלט אָבער אלעמאָל האָבן עקזיסטירט די צוויי ריכטונגען. אויב די געשיכטע פארזעט די עקסצענטרישע ריכטונג איז דאָס בעיקר דערפאר ווייל אָט די ריכטונג פלעגט תמיד אין משך פון עטלעכע דורות פירן צום אומקום, אויסגעמעקט צו ווערן פון יידישן לעבן. אָט ווי שטראָמען אין מדבר, וואָס גייען פארלאָרן אין זאמד, פלעגן תמיד די גרעסטע טיילן פון יידישן פאָלק זיך אסימילירן און — פארגעסן ווערן. אלעמאָל דאָס זעלביקע און דאָך איז איצט אנדערש. תמיד האָבן די טיילן וואָס עס האָט זיי

*) דאָס וואָרט „יידישקייט" ווערט דאָ גענוצט נישט אין רעליגיעזן זינען, נייערט אין נאציאָנאַל־שטייגערישן — דער סכום פון ספּעציפישע אנדערשקייטן, וואָס טיילן אָפּ יידן פון אנדערע מיטבירגער.

געצויגן צום אומקום, געהאט דערצו די מעגלעכקייט. פלעגן אין יידישן לעבן בלייבן די שיכטן פון אויפריכטיקער, אָרגאַנישער יידישקייט. היינט זענען אלע מעגלעכקייטן פון אסימילאציע אויסגעשלאָסן: נישטאָ און עס איז מער נישט פאַרויסצוזען קיין געלעגנהייטן אומצוקומען דורך אסימילאציע, דורך אינפילטראציע און צעלאָזונג אין דער פרעמדער סביבה. און ביי אָט דעם דרויסנדיקן צוואנג צו אָפּזונדערטקייט איז גראָד איצט אינעווייניק דער דראנג פון יידישקייט אלץ שטארקער און פארשפרייטער. דראָט דאָ א טאָפּעלע סכנה: צו בלייבן נישט אַסימי־לירט אָן כוח צולעבן, אָן ווילן, אָן סטימולן, אָן פארלאנג. עס קומט אויס „און איר וועט חלשן דעם טויט און בענקען וועט איר נאָכן לעבן, נאָר גאָט וועט אייך נישט ביידע געבן". (ביאַליק).

די קולטור אויפגאַבעם

איז דעריבער די דרינגענדיקסטע אויפגאבע אין יידישן לעבן איצט שטארקן די אינעווייניקסטע שטרעבונגען צו אָרגאנישער, אייגענער, אָריגינעלער יידישקייט. מען דארף שאפן כוחות צו לעבן, צו לעבן און צו שאפן. און די כוחות ווערן ביי יידן פון אייביק אָן געשאפן דורך יידישער דערציאונג און קולטור. אָבער אויך דאָ זענען באנאנגען גע־וואָרן א סך פעלערן. מיר האָבן גענומען באגרייפן קולטור און דערצי־אונג אָן דער ספּעציפישער קולטור, וואָס מיט איר האָבן יידן געלעבט דורות, געהיט זי מער ווי די פארשריבענע תורה און טאקע גערופן עס „תורה", תורה פון יידישן לעבן. מיר האָבן געגלויבט אז מען קען איי־בערררייסן דעם אייביקן צוזאַמענגעבונד צווישן תורה און לעבן, און דאָך דערציען יידיש. מען האָט געגלויבט, אז מען קען שטיקלעך, ברעקלעך פון דער אלטער תורה, פון די תורות, וואָס זענען אויסגעוואַקסן אין אמאָליקע לעבנס, נעמען די ברעקלעך תורה און זיי צוגעבן ווי א הוספה צום נאָר אנדערשדיקן לעבן און דערמיט יוצא זיין. קען אזא דערצי־אונג נישט ווירקן אויפן גייסט, קען אזא לערנען נישט אקומולירן קיין גייסטיקע כוחות וואָס זענען היינט אזוי נייטיק צום לעבן אפילו בלויז

פּיזיש. דאַרפן מיר זוכן די קוואַלן פון גייסט וואָס פון זיי קענען מיר שעפּן אָט די כוחות, כוחות צו לעבן.

1) ש ט יי ג ע ר . אויף דריי יסודות האַלט זיך תמיד און אויך איצט דאָס **יידישע לעבן — אויף ספּעציפישער** קולטור, אויף ספּעציפישן שטייגער און אויף סאָציאַלער געבונדנקייט. (דאָס איז בלויז אַ פאַרטייטשונג פון די אַלטע „על התורה ועל העבודה ועל גמילות חסדים"). פון די דריי יסודות פעלט אונדז שטייגער לגמרי. איבערהויפּט פעלט ער ביי די אַזוי גערופענע וועלטלעכע יידן. זיי האָבן אָפּגעוואָרפן דעם גאַנצן טראַדיציאָנעלן שטייגער, ווייל ער איז „רעליגיע" (אין דער אמתן איז פּונקט פאַרקערט געווען: נישט רעליגיע האָט געשאַפן דעם שטייגער, נאָר דער טראַדיציאָנעלער שטייגער איז געוואָרן די רעליגיע פון יידן). אָפּגעזאָגט זיך פון שטייגער האָט מען זיך צוליב אַן אַנדער דראַנג. צוליב דעם דראַנג נאָכצוטאָן אַנדערע שטייגערס. אין דעם פּרט זענען די וועלטלעך נאַציאָנאַלע יידן נעגאַנגען פּונקט אין די זעלביקע וועגן ווי אַלע אַסימילאַטאָרן פון אַלע אַנדערע ריכטונגען. איין היסטאָרישער פּראָצעס קען באַגלייט ווערן מיט פאַרשידענע טעאָרעטישע אידעאָלאָגיעס: רעפאָרמאַציע, אַסימילאַציע, וועלטלעכקייט — דער פּראָצעס איז געבליבן דער זעלביקער. אָן אַ ספּעציפישן שטייגער, וואָס באַשטייט פון איינגעפונדעוועטע מנהגים און פּירונגען ספּעציעל לשם יידישקייט וועט זיין שווער צו בויען אַן אַקטיוון יידנטום. און די וואָס טראַכטן וועגן אמתער יידישקייט, וועלן קאַטעגאָריש מוזן זאָרגן וועגן אַ סיסטעם פון „מוזן" און „פאַרבאָטן", מצוות און עבירות, וואָס זאָלן אָפּשיידן און אָפּטיילן יידן פון אַנדערע. עס קען נישט זיין קיין אַקטיוו יידנטום, ווען מען האַלט אין איין כסדרדיקן נאָכמאַכן און נאָכטאָן דעם שטייגער פון אַנדערע. מען קען נישט אויסהאָדעווען קיין שטאָלצע יידן און במילא אויך מענטשן ווען אַלדאָס לעבן איז איין כסדרדיקער נאָכגיין נאָך עמיצן, גיין אין יענעמס טריט. איך מיין דאָ נישט דווקא פּונקט דעם שולחן ערוך. איך מיין דאָ אַלץ אין זיטן און מנהגים, וואָס מאַכט בולט די יידישע אַנדערשקייט. דאָס איז איינס.

צ וו יי ט נ ס : מוזן מיר זיך אומקערן צום באַזיס פון ספּעציפישער קולטור. דאָ מיינען מיר אַלדאָס געדאַנקלעכע, וואָס ווערט געשאַפן

אין יידישן לעבן און וואָס פּאָרמולירט דאָס לעבן. אלדאָס געשאַפענע פון יידן, וואָס האָט אָבער נישט קיין שייכות צום ספּעציפישן יידישן לעבן, אלדאָס איז נישט קיין יידישע קולטור, נישט קיין „תורה". „תו־רה" איז פאַר אונדז די גאַנצע ליטעראַטור (מינדלעכע און פאַרשריבע־נע), וואָס וואָרצלט אין פאָלקס גייסט און במילא ציט זי ווייטער די גאָלדענע קייט פון יידישע תורה־שאַפונגען פון אייביק אָן. אָט די תורה דאַרף ווידער ווערן א יסוד פון אונדזער לעבן און דערציאונג. האָבן מיר אָבער אויך דאָ אליין, בידים ממש געשאַפן א ווילדן ריס: מיר האָבן זיך אָפּגעריסן פון אונדזערע אלטע און עטוואָס עלטערע תורות. און דאָס נייע וואָס שאַפט זיך, איז אָפט פרעמד און נישט ראוי צו טראָגן דעם נאָמען תורה. פאַר די אלטע תורות ציטערן מיר ווייל זיי זענען שוין „צופיל יידיש", און מיר האָבן זיך אליין איינגערעדט, אז זיי זענען נישט אקטועל. די נייע זענען אין א גרויסער מאָס לויט זייער מהות פרעמד און נאָכמאַכעריש און האָבן גאָרנישט צו טאָן מיט יידישן לעבן, מיט יידישקייט.

קלאָר, און דאָ מוז דורכגעפירט ווערן א גרויסע סעלעקציע, א פּרינ־ציפּיעלע דורכזיפּונג און אָפּקלייב פון אל דעם וואָס איז ווערט אריינגענו־מען צו ווערן אין סכום פון יידישע תורות און וואָס איז מסוגל איינצו־האַלטן און ווייטער האָדעווען דעם יידישן גייסט.

און אָט דאָס אָפּגעקליבענע דאַרף ווייטער ווערן דער יסוד פון דער־ציאונג פון נייע דורות, דער יסוד פון קולטור־לעבן.

אויך דאָ גייט פון אייביק אָן א קאַמף ביי יידן. ווי א מוסטער בלויז וויל איך ברענגען איין פראַגמענט פון אָט דעם אייביקן קאַמף. די קאַ־ראימער האָבן געבויט זייער גאַנצע יידישקייט און דערציאונג בלויז אויף דער אלטער קאַנאָניזירטער תורה און האָבן נישט אנערקענט און באַקעמפט די נייע תורות, וואָס זענען אקאָרשט אַרויסגעוואַקסן פון לעבן אין שפּראַך פון יידישן לעבן, נישט אין דער היסטאָרישער הייליקער שפּראַך. די ראַבאַניטן (ד"ה, די שעפער פון דער גאַנצער היינטי־קער יידישקייט און יידנטום) זענען דעמאָלט געווען די וואָס האָבן גע־וואַגט צו לייגן דעם טראָפּ אויף דאָס נייע און האָבן בפירוש פאַרזאָרגט אפילו נישט צו לערנען „צופיל" די אלטע תורה („מקרא"). זאָל אָט

דער בליק אין געשיכטע אריין אונדז לערנען ,אונדז העלפן געפינען דעם אמתן וועג אויך איצט.

בכן, שטייען מיר היינט פאַר דער נויטווענדיקייט פון אַ נייער קול־טור זאַמלונג, פון אַ נייעם „ש״ס״ פון דער יידישער קולטור און ליי־טעראַטור, און זאָל דאָס שוין אויפן אָרט קלאָר געזאָגט ווערן.. דאָס איז לגמרי נישט בלויז אַ פאַרלאַנג סיסטעמאַטיש ארויסצוגעבן די און די אַנדערע ווערק. אַ סך ווערק וואָס זענען פאַרשפרייט ביי יידן, זענען פון דעם מין, וואָס האָט קיין שום שייכות נישט צו יידישער קולטור. אָט דער אָפּקלייב, דאָס אריינלעבן זיך אין די פרינציפּן פון אָפּקלייב איז גאָר נישט פון די גרינגע זאַכן. עס איז אַן ענין פון ברייטע דיסקוסיעס און אויפקלערונגען, וואָס זענען ביי אונדז לגמרי נישט אָנגעהויבן געוואָרן. ווידער זענען פאַראַן זייער פיל געביטן פון יידישן לעבן, וואָס האָבן נאָך לגמרי נישט געהאַט די זכיה באַארבעט צו ווערן, זיי האָבן נאָך נישט באַקומען זייער „תיקון״, צו קענען ווערן אַן אָרגאַנישער טייל פון פאָלקס גייסטיקן לעבן. און כדי צו ווערן אַזאַ מוז דאָס פאַר־וואַנדלט ווערן אין קונסט, מוז עס שפּעטער ווערן אַן עלעמענט פון דערציאונג און פון שטייגער. גייט ארום אין פאָלק אַזאַ גרויסער עפּאָס ווי ר׳ לוי־יצחק באַרדיטשעווער און יידישע שרייבער, יידישע קינסטלער גייען ארום, זוכן און באַרגן טעמעס, פּרעמדע, פּרעמדע פאַר זיי, פאַר זייער גייסט. זענען אין פאָלקס לעבן פון אונדזער נאָענטער פאַרגאַנגענ־הייט פאַראַן גאַנצע שיכטן קולטור־ארץ, וואָס וואָלטן געקאָנט און גע־דאַרפט שפּייזן גאַנצע דורות יידישע קינסטלער און געלערנטע. און די פאַרלאָזן די אייגענע קוואַלן און גייען ארום זוכן פּרעמדע גריבער. האָט זיך אויף דעם געקלאָגט ביאַליק בנוגע דער העברעאישער לי־טעראַטור. איז דאָס נאָך מער ריכטיק בנוגע צו דער יידישער ליטעראַ־טור. אין זייער אַ גרויסער מאָס איז אונדזער ליטעראַטור בלויז אַ לי־טעראַטור אויף יידיש, אַנשטאַט צו זיין אַ יידישע ליטעראַטור. די טע־מעס, די פּראָבלעמעס זענען על פּי רוב געבאָרגטע, געליענע אָדער נאָכ־געמאַכטע לויט אַ מוסטער. אַלץ לויט אַ כלומרשט גוטן פּרינציפּ אַז אַלץ וואָס ביי אַנדערע פעלקער דאַרף אויך זיין ביי אונדז. פּסיכאָלאָגיש שטאַמט דאָס פון אַ קוקן אויף זיך מיט פּרעמדע אויגן. (דער עצם

באַגריף „ליטעראַטור" האָט זיך ביי אונדז געשאַפן ערשט גאָר נישט לאַנג, כאָטש אין „עם הספר" זענען מיר פון אייביק אָן. און דער אונ־טערשייד איז אַ גראַנדיעזער: „תורה" איז געלערנט צו ווערן, ליטעראַ־טור לייענט מען. תורה דאַרף דער לערנער לערנען, ליטעראַטור דאַרף אים פאַרוויילן. *)

תורה דאַרף זיין דער וועג פון לעבן. ליטעראַטור איז צום אויסלעבן זיך. תורה איז געווען דער כוח צום לעבן און איבערלעבן סכנות, פיין, צרות, יסורים, שלעק און אומגליקן. ליטעראַטור קען בלויז ווי אַ „דע־סערט" זיין אין אַנגענעמער צוגאָב אויפן זאַטן מאָגן און רואיקן גע־מיט. און ווען מיר רעדן דאָ איצט וועגן אַ נייער זאַמלונג און אַ נייעם ש"ס, מיין איך טאַקע בלויז דאָס פון דער ליטעראַטור, וואָס קען, וואָס איז מסוגל דערהויבן צו ווערן צו דער מדרגה פון אַ תורה. אַלדאָס איבעריקע האָט נישט קיין בלייביקן ווערט פאַר אונדז, מעג עס זיין פון שטאַנד־פונקט פון אַן אַבסטראַקטער עסטעטיק פיין און גוט. אָט דער אָפּקלייב איז אַ שווערער און אַן אחריותדיקער. און ווייטער: לאַנגע און פילצאָ־ליקע דורות האָבן יידן געלעבט מיט תורות וואָס זענען געוואַקסן פון לעבן, פון טראַדיציע און מיטן לעבן. און אָט זענען די תורות אָפּגע־פרעמדט געוואָרן. נישט מחמת זיי זענען אַלט און פאַרעלטערט און זיי קאָנען איצט נישט האָבן פאַר אונדז קיין לעבנס ווערט. ניין און ניין. מיר האָבן זיך פון זיי דערווייטערט מחמת אַ ספּעציפישן דראַנג ביי יידן צו אַנטלויפן פון זיך אַליין. לויפן מיר פון אייגנס און דאָס פרעמדס, וואָס מיר גאַרן און באַגערן קענען מיר נישט פאַרייגענען. דאַרף אָט דער נייער ש"ס געפינען די וועגן ווי אַזוי אָט דאָס אָפּגעפרעמדטע אייגנס זאָל ווידער נעמען צירקולירן אין יידישן לעבן, אין יידישע נשמות. עס איז נישט בלויז אַ פראַגע פון פאַרלעגעריי. עס איז אַ פּראָב־לעם פון צוגרייטן, פון איבערזעצן, קאָמענטירן, פון אַקטואַליזירן. מען

*) פאַראַן אַ שטאַרק באַלערנדיקער וויץ אויף דער טעמע: צו ר׳ יצחק־אלחנן קומט אַ יונגער מאַן און זאָגט: רבי, איך האָב אויסגע־לערנט גאַנץ ש"ס. — זייער פיין, אָבער וואָס האָט דער ש"ס אויסגע־לערנט דיך?

דארף עס מאכן צוגענגלעך פאר אונדזער היינטיקער פסיכיק. פאראן פּראָבלעמעס פון איבערשאפונג, פון איבערדיכטונג אאז"וו. עס וואקסט אויך אויס א פּראָבלעם ווי אזוי די צוגעגרייטע און ארויסגעגעבענע ווערק צו מאכן צירקולירן אין פאָלק. עס איז נישט קיין פראגע פון פארקויפן ביכער. עס איז א פּראָבלעם ווי צו מאכן אז די ביכער זאָלן גענוצט ווערן. דאָס איז א פּראָבלעם פון מיטלשולן, פון הויכשולן, פון קורסן פאר דערוואקסענע, פון שאפן און באנייען די פּראַקטישע טראַדיציע פון „קובע עיתים לתורה" זיין, פון לערנען בציבור און לערנען פאר זיך; פון „מעין זיין" אין א ספר.

פּרינציפּן פון דער נייער קולטור זאַמלונג

די נייע זאַמלונג וועט זיך זייער שטארק אונטערשיידן פון די אַלטע. דער גרעסטער אונטערשייד איז אין דעם וואָס ביי היינטיקן טאָג פאר־מאָגן מיר נישט אין אונדזער לעבן קיין „הלכה". מיר לעבן לויט די „הלכות", לויט דעם שטייגער פון פרעמדע פעלקער און דאָ ליגט אפשר די גרעסטע טראַגעדיע אונדזערע. אָבער אָט אַזאַ איינענע „הלכה" וואָס זי איז געווען פון תלמוד אָן דער יסוד פון יידישן קיום, אַזאַ „הלכה" וועט קענען געשאפן ווערן בלויז ווען עס וועט זיין א גייסטיקער אוטאָריטעט, א נייער „גאונאט"; ווען א קליינע גרופּע יידן וועלן מיט זייער גוטן ווילן נעמען אויף זיך צו זיין „פּרושים" — אָפּגעשיידט און אָפּגעזונדערט אין זייער שטייגער פון דער מערהייט, פון די וואָס ווילן נישט אנדערש לעבן לויט דעם שטייגער פון לאַנד (עמי הארץ). אָבער אויף דעם מוז מען נאָך לאַנג וואַרטן: צופיל האָבן מיר זיך „אויסגע־טאָן" פון יעטווידער יידישן „יאָך" אונטער אַזאַ אָדער אנדער מאנטל. דערווייל אָבער מוז אונדזער נייע זאַמלונג באַשטיין אויסשליסלעך פון „אגדה"—(ליטעראַטור—בלע"ז) וואָס דער יידישער טראַדיציע וועט די ווערטיקייט פון שרייבערס פערזאָן, פון זיינע פּריוואַטע אַנגע־לעגנהייטן, ביאָגראַפיע אאז"וו. דאַרפן בלייבן אָן א זייט. דאָס אַלץ קען האָבן א ווערט בלויז פאר ליטעראַטור־פאָרשער. פאר דעם כלל לער־נער איז די פערזאָן לגמרי נישט וויכטיק. סיידן מיר ווילן נישט אנדערש

איבערנעמען דעם נישט־יידישן און נישט־נוציקן מנהג פון פערזאָנען־קולט. דעריבער דאַרפן מיר נישט קיין אַקאַדעמישע פולע אויסגאַבעס פון שרייבער. אונדז גייט לגמרי נישט אָן וואָס דער אָדער יענער שרייבער, אפילו דער גרעסטער, האָט געשריבן. עס מוז פון אַ שרייבער אָפּגעקליבן ווערן בלויז דאָס וואָס שטימט מיט דער הויפּט־אידעע פון דער גאַנצער זאַמלונג. אַלדאָס איבעריקע קען בלייבן ווי „ברייתאעס", אָדער ווי „ספרים חצונים". איך גלויב נישט אַז עס זאָלן זיין ווערק וואָס זאָלן זיין שעדלעך און מען זאָל זיי דאַרפן „דן זיין לגניזה" — אַרויסנעמען זיי פון פאַרקער, כאָטש איך האַלט אַז אַ גרויסער טייל פון אונדזער אַנגענומענער גוטער ליטעראַטור איז אפשר גוט פון שטאַנדפּונקט פון ליטעראַטור, אָבער פון שטאַנדפּונקט פון תורה איז דאָס פסולת און עס האָט נישט קיין ווערט פון נאַציאָנאַלער קולטור. עס וועט נעווים קומען צו גרויסע חלוקי דעות ווען מען וועט נעמען איינשטעלן אָט די קריטעריום פון אָפּקלייב. איך פון מיין זייט וואָלט דערווייל אָנגעמערקט אָט די עטלעכע:

1) אהבת ישראל. פאַראַנען ווערק אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס אָטעמען מיט אַ שנאה צו יידן און צו יידישעס. דאָס אַלץ דאַרף נישט אַריינגיין אין „ש"ס", כאָטש ליטעראַטור־געשיכטלעך, כאָטש פון שטאַנדפּונקט פון סיסטעמאַטישקייט קענען זיי זיין גאַנץ וויכטיק. לויט דעם קריטעריום וואָלטן אַ סך ווערק פון דער השכלה־תקופה געדאַרפט בלייבן אויסן. עס איז אַ פאַקט, וואָס איז שוין אונטערגעשטראָכן געוואָרן פיל מאָל, אַז פון דער השכלה אָן האָט זיך אַריינגענעסטעט אין געדאַנק פון דער יידישער אינטעליגענץ אַ שטאַרקע שנאת ישראל. קלאָר אַז אַלע אַזוינע ווערק דאַרפן בלייבן מחוץ פון דעם ש"ס. דער גרעסטער אוהב ישראל צווישן אַלע יידישע שרייבער פון דער נייער צייט איז דאָכט זיך שלום־עליכם. ער האָט זיי טאַקע ליב מיטן גאַנצן האַרצן די קליינע מענטשעלעך מיט די קליינע השגות, מיט אַלע זייערע מעלות און חסרונות. פאַראַן כוואַליעס אהבת ישראל ביי אייניקע שרייבער, וואָס איר פילט אַז זיי זענען אָנגעשטרענגטע, געמאַכטע. איר פילט פון דער גאַנצער סטרוקטור, פון בוי פון ווערק, אַז דער שרייבער האָט מיט אַ שרייבער־כוונה זיך צוגעזען. איר פילט, אַז אָט די ליבע איז אַ

·באַוווסטזיניקע אַפּאַלאַגעטיק. זי קומט נישט פון נשמה, אזא ליבע, אזא אהבת ישראל איז אפילו שעדלעך.

2) יידישקייט־אידעע. יעטווידער ווערק וואָס פאַרמאָגט קינסטלערי־שע שלימות מוז האָבן אויך אַ אידעע. אַ ווערק אָן אַ אידעע איז ווי אַ גוף אָן אַ נשמה. די אידעעס פון ווערק קענען זיין פאַרשיידן. נעמען מיר ביי פּרצן צוויי ווערק: „דאָס שטריימל" און „צווישן צוויי בערג" און ווי ווייט עס זענען די אידעעס פון אָט די צוויי ווערק! פאַראַן אידעעס וואָס זענען פעסט איינגעקייטלט אין דער גאָלדענער קייט פון אייביקער יידיש־קייט, דאָס זענען אידעעס פון המשכדיקייט. און פאַראַן אידעעס וואָס פירן צום איבעררייסן די קייט, וואָס פירן פון יידישקייט. ביי טראַדיציע יידן איז געווען אַ חוש, אַ מין יוחנן וואַסער־טרעגערס חוש צו שפּירן די ריכטיקע אידעע. און ווייל אָט דער חוש איז ביי אונדז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, מוזן מיר זיין צענפאַך אויפמערקזאַם צו די אידעעס פון די אָפּגעקליבענע ווערק.

3) יידישע סטימולן. יעטווידער ווערק ווערט ביים שרייבער סטימו־לירט דורך עפּעס. פאַראַן ווערק וואָס זענען לויט זייער סטימול פרעמד און נישט־יידיש. עפּעס איז דאָס ווערק געשאַפן געוואָרן פון דעם שריי־בערס פאַרקוקן זיך, פון אַ דראַנג נאָכצומאַכן אאַז"וו. אַזוינע ווערק זענען אויך נישט קיין אָרגאַנישע. אַזוינע ווערק זעען אויס ווי מען וואָלט זיי אין גערדאַנק איבערגעזעצט און בעסער זאָלן זיי בלייבן אויסן. די סטימולן דאַרפן זיין פון יידישן לעבן, פון יידישן קולטור־לעבן גענומען.

4) איך וואָלט געזאָגט אַז אינדיווידועלע איבערלעבונגען, אינדיווי־דואַליסטישע פּאָעזיע מעג אינגאַנצן בלייבן אויסן, דאָס מיינט נישט אַז ליריק בכלל האָט נישט קיין ווערט. ניין און ניין. פאַראַן אינדיווידועלע ליריק וואָס אין יעדן וואָרט הערט איר דעם בת־קול פון דורות יידן. די איז גוט. פאַראַן אָבער צופיל דיכטער־יחידים וואָס זענען אינגאַנצן אָפּגעריסן פון שטאַם. זייער ליריק איז לגמרי אָן נאַציאָנאַלע אויבער און אונטערטענער. אַזוינע ווערק וואָס האָבן אין זיך נישט קיין אָפּהילך פון דורות, קענען אויך נישט געפינען קיין אָפּהילך אין יידישע הער־צער. איך לייען אָפט ליריק, — און מיט ליריק זענען מיר רייך, — און זי לאָזט מיך אינגאַנצן קאַלט, אָן אַ רעזאָנאַנס. בלויז אַ קליינער פּראָ־

צענט פון אַט דער אינדיווידואַליסטישער ליריק איז ראַוי אַריינגענומען צו ווערן אין ש"ס פון יידישן פאָלק. אַזוי אויך מיט טיפּן און באַשרייבונגען, כעמונס, טיפּן וואָס זענען אייגציקע, צופעליקע, נישט קיין כאַראַקטעריסטיש יידישע; ווערק וואָס באַהאַנדלען אינדיווידואַליסטישע פּראָבלעמען, וואָס האָבן נישט קיין שייכות צום קיום פון יידישן פאָלק, — אַזוינע ווערק קענען זיין גאַנץ וויכטיק פון ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט. פאַרן ש"ס, פאַרן גרונט פאַרמעגן פון יידישן פאָלק האָבן זיי נישט קיין ווערט.

5) יידישע וויסנשאַפט. אויך בנוגע צו יידישער וויסנשאַפט מוז שטרענג דורכגעפירט ווערן די גרעניץ צווישן וויסנשאַפט אויף יידיש און יידישע וויסנשאַפט. עס איז פאַראַן ביי יידישע וויסנשאַפטלער א טענדענץ אַז אַלץ וואָס עס גילט פאַר וויסנשאַפט ביי לייטן זאָל זיין ביי אונדז און דאָס זאָל זיין יידישע וויסנשאַפט. קלאָר: וואָלטן מיר געהאַט איינגאַנצן אַ סעפּאַרירטן לעבן, וואָלטן מיר געדאַרפט זאָרגן וועגן אַלע געביטן פון וויסנשאַפט. יידישע וויסנשאַפט באַטייט בלויז די אָנשטרענגונגען צו געפינען די געזעצן פון יידישן לעבן.

פאַראַן נאָך אַ שענדלעכע טענדענץ ביי יידישע וויסנשאַפטלער: וויסנשאַפט איז כלומרשט „אָביעקטיוו", זי דאַרף נישט און טאָר נישט האָבן קיין אידעען, קיין פאַרלאַנג און שטרעבונג. דער דיכטער זינגט ווי „דער פויגל, פראַנק און פריי" און דער וויסנשאַפטלער דענקט אויך פראַנק און פריי. די טענדענץ איז אַ סימן פון אידעישן דלות. בעת אין דער אמתן איז פונקט פאַרקערט: ערשט די אידעע פאַרוואַנדלט די פעסטגעשטעלטע פאַקטן אין אַ וויסנשאַפט. און פאַר דער יידישער וויסנשאַפט איז נישטאָ קיין אַנדער אידעע, ווי דער קיום פון יידישן פאָלק.

כדי קלאָרער צו מאַכן דעם מהות פון דעם באַגריף „ש"ס", מיט וואָס דאַרף ער זיין אַנדערש פון אַ ענציקלאָפּעדיע, למשל, פון אַ אַנטאָלאָגיע, פון אַ ביבליאָטעק וכדומה, כדי צו אילוסטרירן דעם געדאַנק וויל איך דאָ רעפערירן וואָס דער ש"ס דאַרף איינהאַלטן. קלאָר אַז אַ גענויע פּראָגראַם פון דער צוקונפטיקער אַרבעט צו פאַרווירקלעכן אין לעבן מוז אויסגעאַרבעט ווערן דורך אַ באַרופענער קאָלעגיע. דאָס וואָס

איך ברענג דאַ איז בלויז אַ מוסטער אויפצוקלערן דעם עצם געדאַנק.

ערשטנס, דאַרף נישט דער נייער ש"ם באַשטיין פון אָפּהאַנדלונ־גען וועגן יידישער קולטור ווי אין ענציקלאָפּעדיע, נאָר ער דאַרף דורכויס באַשטיין פון די עצם אָריגינעלע ווערק פון דער יידישער קולטור.

צווייטנס, איז דאָס נישט קיין זאַמלונג פון יידישע ווערק — לויט שפּראַך, מחברים וכדומה, נייערט אַ זאַמלונג פון די ווערק וואָס מיט זיי האָט דאָס פאָלק געלעבט, וואָס האָבן פאַרנומען אַן אָרט אין פאָלקס לעבן און געדאַנק. אַזוי אויך מוז אין ש"ם אַריינקומען אַלץ וואָס עס איז אין דעם פאָלקס לעבן און עס איז נאָך נישט געפורעמט געוואָרן אין ווערק, אין ביכער וכדומה. לאָמיר גיין כסדר.

1. דער ערשטער סדר (אָדער ריי ווערק) דאַרף זיין געווידמעט דער אידעע וועגן — כאַראַקטער פון יידישן פאָלק ווי אַזוי ער אַנטפּלעקט זיך אין דעם פאָלקס ווערטלעך, וויצן אידיאָמען, קללות, מעשהלעך, לע־גענדעס, גלויבונגען, מנהגים, זיטן. עס דאַרף אָבער דאָך נישט זיין קיין עטנאָגראַפישע זאַמלונגען. צייט מאַכט דאָ אַ קליינעם אונטערשייד, אָפּ־שטאַם אָרט פון ווערטל — נאָך ווייניקער. יידן זענען אַ באַוועגלעך פאָלק און מיט לאָקאַליזאַציע פון עטנאָגראַפישן מאַטעריאַל קומט תמיד אַרויס קוריאָזן. דער עיקר איז דער מאַטעריאַל זאָל קומען געסדרט לויט אַ אינעווייניקסטער אידעישער קרובהשאַפט (בערך ווי ביאַליק און ראַווניצקיס „ספר האגדה"). צו דעם מאַטעריאַל דאַרפן תמיד קומען דערקלערונגען, ריכטיקער אויסטייטשונגען און אַריינטייטשונגען פון די סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע אָדער פאָלקס־אידעאָלאָגישע געדאַנקען־אַסאָ־ציאַציעס, דער „מאי קא משמע לן". עס דאַרפן אַנטפּלעקט ווערן די פיל געשטאַלטיקע מיינען וואָס דאָס פאָלק לייגט אַריין אין לאָקאָנישע וויצן. אַזוי ווי די גאַנצע אידעען־וועלט פון די פאַרצייטיקע יידן האָט זיך אויסגעגאָסן נישט אין טראַקטאַטן פון יחידים (מיט אַ קליינעם אויסנאַם), נאָר אין אַפאָריזמען, מימרות, אגדות, — אַזוי אויך שפּע־טער האָט דאָס פאָלק זיין גייסט און מוח אַריינגעטאָן אין ווערטלעך, וואָס זענען קווינטעסענצן פון פילאָזאָפישע וועלט־באַנעמען און זאַמען פון שאַפונג, פאָלקס חכמה פאַר דורות פאָרויס. צווישן די ציקלען לויט אידעעס קענען זיין אויך אַנדערע, וואָס זענען צונויפגעבונדן אין אַ

גאַנצעם דורך עפּעס אַנדערש ווי למשל, לאָמיר זאָגן אַ ציקל כעלם, אָדער מאָטקע כאַבאַד וכדומה. אַזוינע „מסיכתות״ — ציקלען דאַרפֿן זיין פֿאַרשיידענע, אַזוי למשל, — לעגענדעס וועגן פּערזאָנען, פֿאָלקס־העלדן פֿון שלמה המלך ביז דעם ווילנער גאון און ר׳ לוי יצחק באַרדי־טשעווער. ווי אין וויצן און ווערטלעך אַזוי ווייזן זיך אויך אין די לע־גענדעס אַרויס די אידעאַליסטישע פֿאָרשטעלונגען פֿון פֿאָלק, זיין כאַ־ראַקטער. אַזוינע ציקלען — „מסיכתות״ ווי „משיח״, „אליהו הנביא״, צדיקים, גוטע יידן זענען תורות.

די דערקלערונגען צו דעם אָריגינעלן מאַטעריאַל דאַרפֿן בלויז זוכן צו אַנטפּלעקן דעם ספּעציפֿישן כאַראַקטער פֿון פֿאָלק, זיין וועלט־באַנעם, זיין געדאַנקען־וועלט. עס דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן דאָס אומ־אָפּהענגיקע פֿון צייט, דאָס וואָס קען און דאַרף זיין אַקטועל איצט ווי פֿריער. אָט למשל נעמען מיר אַ קורץ ווערטל וואָס דאָס פֿאָלק דערציילט איינער. די דערקלערונג דאַרף זיך נישט פֿאַרנעמען מיט דעם פּראָבלעם געשמעקט, דאָס ווייס צונג, אַ שטיקל חומש מיט רש״י — דאָס קען איך״. אָט דאָס ווערטל דאַרף קומען נישט אין אַ ציקל וועגן עקיבא אין נאָמען פֿון ר׳ עקיבא איינער: „וואָסערע שמעק־טאַבאַק רש״י האָט פֿון אויטענטישקייט, ווען און וו ר׳ עקיבא איינער האָט געלעבט, וואָס עס האָט אים געקענט סטימולירן צו אָט דער אַרויסזאָגונג, ווער האָט דאָס ווערטל איבערגעגעבן, ווי איז עס צו אים דערגאַנגען אאז״וו. פֿאַר אונדז איז וויכטיק בלויז וואָס פֿאַר אַ געדאַנק דאָס פֿאָלק האָט אַריינגעלייגט אין אָט דעם סאַרקאַסטישן זאַץ, די ביטול באַציאונג צו דער גאַנצער ביאָ־ביבליאָגראַפֿישער וויסנשאַפֿט, וואָס אַ פֿאָלק האָט געהאַט. פּונקט אַזוי איז פֿאַר דעם יידישן גייסט לגמרי נישט וויכטיק דער „גרויסער וויסנשאַפֿטלעכערע אויסגעפֿינס״ פֿון דער ביבל־קריטיק, אַז די נבואה־קאַפּיטלען פֿון ספר ישעיהו פֿון 40־טן און ווייטער, זענען געוויס געשריבן פֿון אַן אַנדער נביא. פֿאַר אונדז קען און דאַרף זיין גאַנץ גלייכגילטיק צי עס זענען געווען צוויי אָדער צען ישעיהוס אָדער קיין איינער נישט. וויכטיק איז וואָס אַ פֿאָלק האָט טויזנטער יאָר גע־לעבט, זיך געקוויקט, געהאָפֿט און געטרוימט, געטרויערט און זיך גע־מוסרט מיט די פּסוקים און קאַפּיטלעך; וויכטיק איז אַז אַ פֿאָלק האָט

אין שבת פון טרויער געלייענט איין קאַפּיטל פון ספר (חזון) און אין שבת פון טרייסט געלייענט אַ צווייטן (נחמו) האָט עס נאָך אַמאָל מיט צענדליקער יאָרן צוריק קלאָר און דייטלעך אַרויסגעזאָגט אחד העם: זאָל ווער עס וויל שטודירן, פאַרשן און גריבלען זיך אין דער געבורט־מעטריקע פון משה רבינו. דאָס אַלץ קען גילטן פאַר וויסנשאַפט ביי די וואָס זענען געווינט און געניינט צו זוכן אין אַלץ דאָס מאַטעריעלע, דעם טרעגער פון גייסט, נישט דעם גייסט אַליין. איינע פון די סיבות פון דער יידישער אייביקייט איז דאָס וואָס יידישקייט איז לכתחילה אָפּגעריסן געוואָרן פון אַלדאָס מאַטעריעלע, וואָס איז עלול חרוב צו ווערן, וואָס מוז חרוב ווערן. איינע פון די סיבות פון אונטערגאַנג פון אייראָפּע איז געווים די מאַטעריאַליזאַציע פון קולטור (שפּענגלער). אין דער ריכטונג פון זוכן בלויז דעם תוך און נישט די ביאָ־ביבליאָגראַפישע שאַלעכץ דאַרף זיין צונויפגעזאַמלט דער גאַנצער סדר פון פאָלקס שאַפן.

דער צווייטער סדר זאַמלט צונויף דעם אינדיווידועלן פּראָזאישן שאַפן פון דורות. אהער געהערן אַלע ווערק אַרום דער טעמע „יידן און אומות העולם" פון תלמוד (אגדה) ביז „יידן און יידישקייט" פון זשיטלאָווסקי. אַ צווייטער ציקל אָדער מסיכתא זאָל זיך אָפּגעבן מיט דער פּראָבלעם פון גאָט און וועלט. ווידעראַמאָל — דורכגעזוכט דורך אַלע דורות. דאָ קאָנען זיין גרויסע ספקות: וואָסערע ווערק געשריבן דורך יידן דאַרפן זיין אָנערקענט פאַר יידישע ווערק און וואָסערע נישט, כאָטש זיי געהערן צו יידן מיט גרויסע נעמען. פאַר מיר איז דער קריטעריום אַ פּשוטער און אַ קלאָרער: אַלץ וואָס יידן האָבן געשריבן ווי יידן מיט אַ טיפן אויפריכטיקן פאַרלאַנג צו געפינען דאָס ספּעציפיש יידישעם, וואָס שיידט אָפּ יידן פון אַנדערע פעלקער, — אַלץ דאָס איז יידישע ווערק. אַלץ אָבער וואָס יידן האָבן געשאַפן כדי צו פאַרטושן דאָס ספּעציפישע, כדי צו זיין נענטער צו נישט־יידן, זיך אויסצוגלייכן מיט זיי — אַלדאָס איז נישט יידיש, כאָטש עס האָט געקענט זיין געשריבן דורך גרויסע יידן ווי שאול דער טאַרסער אָדער אפילו שפּינאָזע.

אַ דריטער סדר דאַרף אָפּגעגעבן ווערן דער יידישער דיכטונג אויך לויט טעמעס, נישט לויט מחברים. לאָמיר נעמען אַ טעמע „מענטש".

קען דאָ אריינגענומען ווערן פון תהילים קאַפּיטל 8 ביז ליוויקס „דער־ווער באַלאַדע". אַ טעמע „גאָט און נאַטור" קען אריינגענומען פון „ברכי נפשי" פון תהילים ביז „כתר מלכות" פון שלמה אבן גבירול און ווייטער. „צער און צאָרן" — נאַציאָנאַלער טרויער און כעס פון שפוך חמתך און „על נהרות בבל" ביז ביאַליקן. סאָציאַלער פּאַטאָס פון נתן הנביאס משל ביז קולבאַקס „באַל"... קריטיק און מוסר — פון עמוסן ביז דעם קעלמער מגיד. דער יידישער משל פון יותם משל אין שופטים, דורך די משלי שועלים ביז צו אליעזר שטיינבארגן און רבי מרדכעלע. די פּאָעזיע איז רייך אין כמות, אָבער ווייט נישט קיין גרויסער טייל פון איר איז שייך אַהער. דער כלל — בלויז דאָס, וואָס איינזאַפּנדיק דאָס, זאַפּן מיר איין דעם יידישן גייסט.

אַ פּערטער סדר דאַרף אריינגעמען פּראָזע־ווערק פון דער יידישער ליטעראַטור. דאָ קענען אריינקומען בלויז אַ קליינער טייל ווערק פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. קודם־כל דאַרף אויסגעשלאָסן ווערן די גאַנצע השכלה־ליטעראַטור צוליב אירע אַנטי־יידישע טענדענצן, צוליב איר נאָכמאַכערישקייט און בלויז אָריגינעל־יידיש נעדענקטע און אָריגינעל יידיש געשריבענע ווערק קענען אַהער אריינגערעכנט ווערן. אין דער ערשטער ריי געהערן אַהער ווערק וואָס גיבן דעם סימבאָלישן טיפּ פון לעבעדיקן כלל יידן (שלום עליכם), שפּעטער קומען ווערק וואָס קאָנקרעטיזירן יידישע אַבסטראַקטע אידעעס (פּרץ, למשל). איך בין זיכער — אַז פּרץ אליין וואָלט אין אַזאַ מין זאַמלונג אָפּגעקליבן פון זיינע ווערק בלויז אַ קליינעם טייל, הלוואי איינעם—צוויי בענד, נישט מער. אַנדערע יידישע שרייבער און זייער פּרוכטבאַרע וואָלטן אויך אריין אין ש"ס בלויז מיט איינעם אָדער צוויי ווערק.

איך האָב דאָ לגמרי נישט אריינגערעכנט קיין געשיכטע און געשיכטע־ווערק. די האָפענונגען וואָס מען לייגט אויף געשיכטע פון דער השכלה אָן האָבן זיך ארויסגעוויזן פאַר לגמרי נישט באַרעכטיקט. געשיכטע האָט ביז היינט ביי אונדז גאָרנישט צוגעבראַכט צום סכום יידישע קולטור, סיידן אַ צוויי היסטאָרישע ראָמאַנען. מער ווי הונדערט יאָר געשיכטלעכע פאָרשונג האָבן קלאָר געמאַכט אָן אַ שיר פאַקטן, אָבער קיין געשיכטלעכע טעאָריע, קיין געשיכטלעכע אידעאָלאָגיע איז

נישט געשאַפן געוואָרן לגמרי. איך באַנוגן זיך מיט דעם אָנגעוואָרפענעם פּלאַן, נישט ווייל איך האַלט אים פאַר ענדגילטיק, ריכטיק און מאָסגעבּיק. איך מיין בלויז, אַז עס איז גענוג כדי קלאָר צו מאַכן דעם גאַנצן געדאַנק. און אַז אַט דער ש"ס וועט פאַרווירקלעכט ווערן וועט ערשט זיין קלאָר וואָס איז יידישקייט און צו וואָס יידישע דערציאונג דאַרף שטרעבן. דעמאָלט וועלן מיר וויסן אַז מיר האָבן זיך איינגעקייטלט אין דער גאָלדענער קייט פון „משה קבל תורה ומסרה ליהושע ויהושע... אַאז"וו ביז צו אונדז וואָס האָבן זי איבערגעגעבן צו די ווייטערדיקע דורות. ערשט דעמאָלט וועט יידישע דערציאונג זיין קלאָר און האָבן קלאָרע צילן און זי וועט מער נישט זיין אָנגעוויזן אויף דעם גוטן פאַרשטאַנד פון יעדן לערער. דעמאָלט וועט דעם פאָלק ווידער געגעבן ווערן זיין תורה, די תורה שבעל פה פון היינטיקן דור.

אַזוי אַרום ווערט דער עצם אָפּקלייב און די צוגרייטונג פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסער פּרינציפּיעל־געזעלשאַפטלעכער קולטור־אַרבעט.

דער אינהאַלט פון אַ יידישער שול

מיר שטרעבן די יידישע שול זאָל זיין נישט בלויז א הוספה צו דער אַלגעמיינער שול, נייערט זי זאָל איבערנעמען די גאנצע דערציאונג פון אירע תּלמידים. מיר גייען ארויס פון דער הויפּט הנחה, אז די איצט־עקזיסטירנדיקע מלוכהשע שול גיט נישט די דערציאונג וואָס יידישע קינדער אין אמעריקע דארפן האָבן:

א) זי, די מלוכה־שול איז אוטיליטאריש־פּאָזיטיוויסטיש, — פאר יידישע קינדער אין אמעריקע איז נייטיק ווי דאָס לעבן א שטרענג־הומאניסטישע דערציאונג.

ב) די מלוכה־שול גיט א דערציאונג וואָס פּאסט צו די אינטערעסן פון דער גרויס־בורזשואזיע אין לאנד. די יידישע יוגנט אָבער איז ווייט פון צו זיין אריינגעדרונגען אין ראָד פון דער גרויס בורזשואזיע און וואָס ווייטער אין צייט אלץ ווייטער סאָציאל ווערט די יידישע יוגנט פון אָט דער מאשין און זי נייטיקט זיך דעריבער נאָך מער אין א דע־מאָקראטיש־הומאניסטישער דערציאונג.

ג) מיר גלויבן, אז די גאנצקייט און דאָס גליק פון אמעריקאנער לענדער ליגט נישט אין דעם שמעלץ־טאָפּ, וואָס איז אזוי צום הארצן געוועזן יידישע אסימילאטאָרן פון אלע מינים, נאָר פארקערט, אין דער פולקאָמער קולטור אנטוויקלונג פון די באזונדערע פעלקער, וואָס פון זיי שטעלט זיך צונויף די גרויסע אמעריקאנער דעמאָקראטיע.

מיר גייען ווייטער ארויס פון די גרונד־הנחות:

א) צוגלייך מיט אלע אנדערע יידן ווילן מיר זען אין אמעריקע א שטארקן און רואיקן יידנטום, וואָס קיינע בייזע ווינטן זאָלן אים נישט

קאָנען אויסרייסן. דאָס הייסט, לויט אונדזער מיינונג „אַמעריקאַני־זירן" די יידן.

ב) די אַמעריקאַניזאַציע קאָן אָבער דערגרייכט ווערן נישט דורך דעם וואָס די יונגע דורות זאָלן אונטערטעניק ווערן צו שפּראַך, שטיי־גער און קולטור, וואָס אַנדערע פעלקער האָבן אַנטוויקלט אויף אַמע־ריקאַנער באָדן. דאָס הייסט, פאַרשקלאַפן די יידן צו אַנדערע פעלקער, וואָס מיר רעדן זיך איין, אַז אַז זיי דאַרפן הערשן און, אַז דאָס לאַנד איז זייערס, אַז אַלץ איז זייערס און מיר קענען לעבן בלויז מיט זייער חסד. דאָס איז דער פּאַטאַלער וועג פון די גאַנצע, און האַלבע, און פערטל אַמימילאַטאָרן אומעטום און אַלעמאָל, און אומעטום און אַלע־מאָל האָט ער געפירט צו אומגליק און אומקום.

ג) בלויז דעמאָלט וועלן יידן ווערן אַן אָרגאַנישער און אַ פעסטער טייל פון דער מולטי־קולטורעלער אַמעריקע, ווען די יונגע דורות וועלן זיך האָדעווען אין אַ סביבה פון אויסגעהאַלטענער יידישער שפּראַך, שטייגער און קולטור. נישט מיר מוזן זיין אונטערטעניק צו „אַמעריקע" (נישטאָ אַזאַ אַבסאָלוטע מאָניסטישע אַמעריקע), נאָר די דעמאָקראַטי־שע אַמעריקע האָט אַן אָרט פאַר אונדז אויך. אַמעריקע געהערט אונדז נישט ווייניקער ווי אַנדערע.

דעמאָלט וועט אַמעריקע זיין אַ היים פאַר יידן, ווען יידן וועלן שאַפן אַ היים פאַר יידישקייט.

ד) אַ גוטע יידישע דערציאונג הייסט נישט אויסלערנען זיך אָנ־שרייבן אַ יידיש בריוול, נאָר דורכדרינגען זיך מיט דער גאַנצער קול־טור און טראַדיציע פון פאָלק דורך זיין גאַנצער געשיכטע, „פון בית לחם ביז קאַסרילעווקע".

יידישקייט איז נישט עפּעס איין באַשטימטער טייל פון פאָלקס־שאַ־פונג. יידישקייט איז נישט העברעאיש, נישט יידיש, נישט תנ"ך, נישט גמרא, נישט ליטעראַטור, נישט געשיכטע, נישט עטיק. קיינמאָל איז דאָס גאַנצע נישט גלייך צו זיינעם אַ טייל. אַ גאַנצער באַרג מיט אַלע גלידער פון אַ מענטשן זענען דאָך ווייט נישט איין לעבעדיקער מענטש אפילו.

יידישקייט איז בלויז דער אָרגאַנישער סינטעז פון אַלע עלעמענטן

אין זייער שעפערישער געמיינזאמקייט און גאנצקייט. דאס איז דער סינ־טעטישער צוגאנג צו יידישקייט.

ה) א געזונטע, נאָרמאלע דערציאונג קען נישט צונויפגעשטופּעט ווערן פון:

אזויפיל העברעאיש,

אזא סכום יידיש,

א פּאָרציע געשיכטע,

טראָפּנס דעמאָגראפיע,

סאָציאליזם,

ארץ־ישראל, פאָלקלאָר, יום־טובים און אלע אנדערע גוטע געווירצן.

יידישע דערציאונג מיינט אריינפלאנצן אין די קינדער נישט קיין עלעמענטן, נאָר אָרגאניש גאנצע קולטור־איינהייטן, אָט ווי זיי לעבן אין פאָלק און ווי זיי האָבן געלעבט און וואָס מיט זיי האָט דאָס פאָלק געלעבט — אומבאדינגט אין זייער אָרגאנישער גאנצקייט.

כדי צו קענען לעבן נוציק פאר זיך און פאר אנדערע מוז א מענטש פארמאָגן:

א) אָ עטיש־מאָראלישע דיסציפּלין אין לעבן טאָג־איין טאָג־אויס. אָן דעם איז נישט מעגלעך קיין סאָציאל־לעבן; פרייהייט ווערט אָן דעם צו א הפקרות. ביי טראדיציאָנעלע יידן איז די לעבנס־דיסציפּלין געגעבן געוואָרן דורך דער רעליגיע. ענלעך איז עס געווען ביי די גרינדער פון דער אמעריקאנער געזעלשאפטלעכקייט. די היים און שטייגער האָבן אנייגעפלאנצט אין דער יוגנט די נייטיקע סאָציאלע דיסציפּלין. דאָ איז די דיסציפּלין אָן אינעווייניקסטע. זי איז געירשנט און איינגעוואָקסן אין מענטשן צוזאמען מיט זיין אנטוויקלונג פון קינדהייט אָן. אין דער בורזשואזער געזעלשאפט פארלאָזט מען זיך אויף מאסן־מאָדע און — פּאָליציי. דער אפאראט פון ביידע איז אין די הענט פון די וועלט־באַ־לעבאטים. יידיש לעבן קען זיך נישט באזירן אויף אָט די דרויסנדיקע דיסציפּלין־פאקטאָרן.

ב) א נאָרמאלער מענטש מוז פארמאָגן אינעווייניקסטע אינטערעסן — נייגונגען צו אלערליי געביטן פון מענטשלעכן לעבן און וויסן. כדי אָט די אינטערעסן זאָלן באמת זיין אינעווייניקסטע מוזן זיי אנטוויקלט

ווערן בהדרגה פון די ייִנגסטע יאָרן אָן אין היים און אין שול.

ג) איטלעכער נאָרמאַלער מענטש מוז פאַרמאָגן געניג קריטעריום און פעאיקייטן אָפּצושאַצן זאַכן און זיך שאַפן אַן אייגענע מיינונג. אָט די דריי יסודות פון מענטשלעכקייט אין מענטשן: זעלבסט־דיסציפּלין, גייסטיקע אינטערעסן און דענקען, — זיי זענען די גרונט באַדאַרפן פון דערציאונג. שפּעטער קומען טעכנישע באַדאַרפן — קענטעניש, קולטורעל וויסן.

אין גאַנג פון דורות האָבן זיך אויסגעבילדעט דריי הויפּט־ריכטונגען אין דערציאונג.

א) הומאַניסטיש־דערציערישע.

ב) הומאַניסטיש־פאָרמאַליסטישע.

ג) אוטיליטאַריסטיש־פּאָזיטיוויסטישע.

די ערשטע איז אין דער נייסטער תקופה אַנטוויקלט געוואָרן דורך רוסאָ און זיינע נאָכפאָלגער. איבערהויפּט האָט זי סיסטעמאַטיזירט הערבאַרט און זיינע פּילצאָליקע תלמידים, וואָס האָבן געהערשט אין דער פּראַקטיק אַריבער הונדערט יאָר. דער גרונט־חסרון פון די זאָרגער פאַר דעם „דערציערישן לערנען" (הערבאַרטס אויסדרוק) איז געווען דאָס וואָס זיי האָבן אַלע, ווי זייער רבי, אַלץ געבויט אויפן ראַציאָ, גאָרנישט אויף דער אינטואיציע. אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, צווישן די צוויי מלחמות און דיקטאַטורן, האָט די פּראָגרעסיווע מענטשהייט געפּרובירט בויען אַ פּעדאַגאָגיק פון אינטואיציע און — נישט באַוויזן אויסצובויען.

די צווייטע ריכטונג האָט זיך צעוואַקסן אין אַ וועלט־סיסטעם דורך די יעזואיטן, און פון זיי איז זי איבערגעגאַנגען אַפילו צו אַזוינע, וואָס האַלטן זיך פאַר די גרעסטע קעגנער פון יעזואיטן, אַזוי טיף האָבן זיי אַריינגעוואָרצלט זייער סיסטעם. דער הויפּט פּרינציפּ איז דאָ — אָט די אויבנדערמאָנטע יסודות פון מענטשהייט דאַרף מען נישט אַנטוויקלען פון די קינדער גופא, נאָר מען דאַרף אין זיי אַריינהאַמערן פאַרטיקע באַגריפן לשם אוניפיקאַציע פון דער וועלט לויט אונדזער שיטה. די סיסטעם הערשט איצט אין אַלע דיקטאַטאָרישע לענדער. אויך די דעמאָקראַטישע זענען לגמרי נישט ריין פון פאָרמאַליזם אין דער־

ציאונג, וואָס וויל אנשטאט אנטוויקלען דעם גייסטיקן "איך" פון מענטשן אים אָנבינדן א פארטיקן לונג און לעבער, א פאבריקאט אויסגעארבעט פונקט ווי די באלעבאטים פארלאנגען עס.

די דריטע ריכטונג איז זיך צעוואקסן אין דער צייט פון טעכנישן פראָגרעס און גרויס־פראָדוקציע: די דערציאונג דארף באזאָרגן א גענוגנדע צאָל גוט־צוגעפאסטע באדינער פון דער פראָדוקציע־מאשין. אזוינע מענטשן דארפן קריגן גענוג אויסבילדונג און פארשטאנד צו קענען טעכניש באדינען א מאשין. זיי דארפן זיין געזונט, לייען־און־שרייב־פעאיק, פאָלגעוודיק. ווייניקער זעלבסטשטענדיק און ווייניקער „איך". די בירגער דארפן קענען פארדינען געלט, אויסגעבן געלט און זיך קענען פארוויילן, זיין פאראינטערעסירט זיך צו פארוויילן מיט זאכן וואָס זענען פאָליטיש און געזעלשאפטלעך „אומשעדלעך" פאר די וואָס פירן די וועלט.

יידן אין אמעריקע נייטיקן זיך ממש ווי אין לופט אין אן איינהייט־לעכער, נאציאָנאלער הומאניסטישער דערציאונג געבויט אויף דער אנטוויקלונג פון אינטואיציע, מענטשלעכן און נאציאָנאלן שטאָלץ, זעלבסטשטענדיקייט אין דענקען און וועלט־באנעם, כדי צו קאָנען נישט מיטגיין מיטן שטראָם, כדי צו קענען זיין אין לעבן אקטיוו און זעלבסטשטענדיק אפילו ווען מען באמיט זיך עס צו שטערן, כדי צו קענען זיין שטאָלץ, מוטיק, דרייסט און אקטיוו אין לעבן אפילו ווען מען באמיט זיך דאָס אלץ צו דערשטיקן.

דערציען הייסט צוגרייטן צום לעבן. צוגרייטן צום לעבן איז נישט אידענטיש מיט אויסלערנען די זאכן וואָס מען דארף צו קענען אָנהאלטן א דזשאב, נאָר אקומולירן גייסטיקע ענערגיע צו לעבן און זיך נישט אָפשרעקן פאר קיינע שוועריקייטן אין לעבן.

די גייסטיקע ענערגיע איז שטארק אָפהענגיק פון זעלבסטגעפיל, — מער ווי פון סכום קענטעניש און וויסן.

דער זעלבסטגעפיל און לעבנס ענערגיע מוזן ביי יידן זיין יידישע, נישט קיין סתם „אמעריקאנישע". אָט פארוואָס אָן יידישער דערציאונג וועלן יידישע דורות נישט קענען לעבן אין אמעריקע ווי אומעטום אנ־

דערשוו. דער אומגליק פון יידן וואָס זיי ווילן זייערע קינדער זאָלן פאַרשפּאָרן צו דאַרפן יידישע ענערגיע.

די אַלע אייגנשאַפטן קענען דערגרייכט ווערן דורך אַ גאַנצער דערציאונג און אַטמאָספער אין היים און אין אַ יידישער שול. די היים, שול און סביבה בכלל דאַרפן געבן: — שטייגער, טראַדיציע, דיסציפּלין, גלויבן און אינטואיציע. שטייגער און טראַדיציע זענען די פאַקטאָרן פון דיסציפּלין. די יידישע יוגנט וואָס האָדעוועט זיך אָן אַ פעסטן צו אַ טראַדיציע געוואָרענעם שטייגער, שטייט אין אַ סכנה צו פאַרוואַנדלען זיך אין אַן אומדיסציפּלינירטער מאַסע פון הפקר־יונגען אָן אַ וואָסער עס איז יאָך פון סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער אחריות. וויפל אַזאַ יוגנט זאָל זיך נישט לערנען אין אַ מלוכה־שול וועט עס אַלץ נישט העלפן, דען דאָרטן באַקומט די יוגנט עלעמענטן פון וויסן אין ענגליש, אָבער נישט קיין ענגלישע קולטור־טראַדיציע און נישט קיין ענגלישן קולטור־שטייגער. מען דאַרף שטאַרק אונטערשיידן צווישן דער ענגלישער קולטור, וואָס שטייט איין אין די אַלטע ענגלישע קרייזן, און צווישן דער קולטוראָלאָזיקייט אויף ענגליש וואָס אויף די גאַסן פון די גרויסע מאָדערנע בבלס, און וואָס איז אַזוי נישט־ענגליש ווי דער העלעניזירטער מזרח איז געבליבן דאָך נישט דער העלענישער מערב, ווי דער לעוואַנט מיט פראַנצויזישער שפּראַך איז ווייט נישט פראַנצויזיש. וואָס פאַר אַ סכנה עס וואַקסט פאַר אונדז, פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק פון אָט דער פאַרענגלישטער קולטור־לאָזיקייט אָן אַ שטייגער, אָן אַ טראַדיציע, — וועגן דעם וויל איך בעסער פאַרשפּאָרן צו טראַכטן אפילו.

אַ גלויבן איז פאַר מיר נישט דווקא אַ רעליגיעזער. ער קען זיין אַ וועלטלעכער, אַ סאָציאַלער, אידעאישער — אָן אונטערשייד. איין תנאי מוז אָבער זיין דערביי: ווען איז אַ גלויבן אַ גלויבן און ווען דערציט ער אַ יוגנט וואָס איז אידעאיש פעסט און אויסגעהאַלטן? — ווען דער גלויבן דריקט זיך אין דער סביבה אויס אין מעשים, אין טאָג־טעגלעכן לעבן מיט געבאָטן און פאַרבאָטן. אלא נישט, איז דער גלויבן בלויז אַ ווערבאַלער — דעמאָלט ברענגט ער פאַרקערטע רעזולטאַטן.

עס איז געווען אַ געפערלעכע אבדה דאָס פאַרוואַרפן די רעליגיע

כל־זמן מען האָט נישט אויפגעבויט אנשטאָט איר אַן אַנדער גלויבן מיט אַ סכום געבאָטן־פאַרבאָטן אין לעבן.

יידן מוזן געבן זייערע קינדער אַ דערציאונג, אַ נאַציאָנאַל־הומאַניסטישע, נישט ווייל עס איז אַ נאַציאָנאַלע מצווה, נאָר ווייל אָן דעם שטייען אין סכנה אין די מענטשן גופא, אין די לעבעדיקע יידן פון די קומענדיקע דורות אַלע מענטשלעכע אייגנשאַפטן, וואָס זענען נייטיק צו לעבן און צו מאַכן אַ לעבן. דערפילן וועט מען עס אין דעם מאָמענט ווען לעבן סתם אַ אימיטירט לעבן וועט מען נישט קענען. דער ציל פון דער יידישער דערציאונג ליגט נישט אין דעם אָדער יענעם סכום וויסן פון דעם אָדער יענעם ציקל קולטור־ווערטן, נאָר אין די מענטשלעכע אייגנשאַפטן, וואָס דאַרפן זיך אַנטוויקלען אין די תלמידים אַ דאַנק דעם לערנען. דאָ קען נישט זיין קיין רייד פון קומען און „נעמען" אַזאַ אָדער אַזאַ קורס. דאָ איז וויכטיק די מאָראַלישע, אינטעלעקטועלע און דערציערישע השפעה פון דעם לערן־פּראָצעס און פון דעם געלערנטן מאַטעריאַל. באַגרינדער פון הומאַניסטישער דערציאונג האָבן ליב צו פאַרגלייכן די ראָלע פון לערנשטאָף צו אַ שאַרפשטיין, וואָס אַ דאַנק אים שלייפט מען אויס די דימענטן. דאָס איז אָבער ווייניק. די ראָלע פון דערוואָרבענעם לערנשטאָף איז נאָך אין עפּעס זייער וויכטיק: ער איז דער באָדן פון אינטואיציע. ווען איז עס געוואָרן? — ווען דער עצם פּראָצעס פון לערנען, פון איבערגעבן דעם לערנשטאָף איז געשטעלט ווי געהעריק, ריכטיק — ווען דאָס לערנען איז דערציעריש.

איך קען נישט און וויל נישט לייקענען אַ געפיל פון אַ באַשטימטן נאַציאָנאַלן שטאָלץ ביי זיך, וואָס די יידיש־טראַדיציאָנעלע דערציאונג האָט נאָך אין די צייטן פון תלמוד געשטעלט דעם טראָפּ אויף אינטואיציע טאַקע. עס איז פאַר מיר קיין פראַגע נישט, אַז מיר וואָלטן פאַר זיך און פאַר דער וועלט אויך אויפגעטאָן אַ סך מערער, ווען אַנשטאָט צו קאָפּירן פרעמדע פּעדאַגאָגישע סיסטעמען וואָלטן מיר אַנטוויקלט, מאָדערניזירט און אויסגעברייטערט אונדזער אייגענע טראַדיציאָנעלע סיסטעם: אַ סך, אַ סך, וואָלטן לייט און פעלקער געקענט זיך לערנען גוטס פון אונדזער טראַדיציע. אָבער נישט דאָס בין איך אויסן.

די שול אַליין, אפילו אַ גאַנצע, קען נישט אָן דער הילף פון אָן

אָרגאַניזירטער נעהעריקער סביבה געבן אַלע עלעמענטן פון א געהער־ריקער יידישער דערציאונג — שטייגער טראַדיציע, דיסציפּלין, גלויבן און אינטואיציע. די שול דאַרף אָבער זיין און זי קען עס זיין די אינער־ציאַטאָרין פון א יידישער אויסגעהאַלטענער סביבה, פון דאנען די וויכ־טיקייט פון דער דערציערישער אַרבעט אויסער דער שול. אַט אַזוי פאַרשטייען מיר די אויפגאַבעס און די צילן פון דער יידישער שול אין אַמעריקע.

דער גרעסטער שטער פאַר א גוטער יידישער דערציאונג איז דאָס אויספעלן פון גלויבן. יידן גלויבן נישט אין זיך, גלויבן נישט אין זייער רעכט, אין זייערע מענטשלעכקייטן, אין זייער קאָלעקטיוון ווילן, אין זייער ווערט. און אין אַמעריקע — מערקווירדיק — ווייניקער ווי ער־געץ אַנדערש ווו. יידן גלויבן אין „אַמעריקע" און זענען שטאָלץ מיט איר, — מיט אַמעריקע, אָבער נישט מיט יידישקייט. דאָ איז די קללה פון קטני אמונה". די חסידים ווייסן פון „חיזוק אמונה" — מען דאַרף שטאַרקן אין מענטשן זיין גלויבן. עס ווייסט דאָס אויך די היינטיקע פּסי־כאָלאָגיע און אפילו מעדיצין. אין קאָלעקטיוון לעבן איז די נויט אין גלויבן נישט קלענער. אין מזרח אייראָפּע איז אַזאַ גלויבן געווען: א רעליגיעזער, א ציוניסטישער, א סאָציאַליסטישער. אַלע זענען זיי געווען פאַרבונדן מיט „עבודה" — זיי האָבן געפאָדערט דאָס לעבן לויט דעם אָדער יענעם שולחן ערוך. אין אַמעריקע זענען די זעלביקע גלויבנס עפּעס ווי אָן א השפּעה אויפן לעבן פון דעם גלויבער: דער גלויבן איז זיך באַזונדער און דאָס לעבן גייט זיך ווידער זיין אייגענעם וועג. די דער־ציערישע השפּעה פון אַזאַ דואַליזם איז א נעגאַטיווע. א יידישער גלויבן מוז זיין פאַרבונדן מיט א יידישן אידעאַל. אַזאַ גלויבן — אידעאַל האָט נעדאַרפט פאַרזייען און איינפלאַנצן די יידישע ליטעראַטור, קונסט און געזעלשאַפטלעכע קולטור בכלל. צום באַדויערן האָט אונדזער קול־טור־אַקטיווקייט אין דעם לאַנד ערגעץ פאַרלאָרן איר קמיע, איר באַ־שטימונג און אַנשטאָט צו פירן בלאָנדזשעט זי אַליין. און אָן אַזאַ אי־דעאַל־גלויבן איז די גאַנצע דערציאונגס־אַרבעט געגליכן צו א פאָרן אין א ים אָן א באַשטימטן ציל וווהין... ווי אין פייערבערג דערציי־לונג „אין אָוונט" מוז קומען דער גייסט פון עבר אין אונדז צוריקגעבן

אין האנט די פארלאָרענע קמיע, מיר זאָלן האָבן כוח צו גיין אין א ריכטונג און וויסן וווהין צו גיין. איז דאָס אויך צווישן די אויפגאבעס פון דער יידישער דערציאונג... א שווערער פאראנטוואָרטלעכער פעקל.

דער יידישער קינדערגאָרטן מוז זיין הומאניסטיש־יידיש. ער מוז זיין נענטער צום גרונט־געדאנק פון דעם „זיידן" קאמעניוס אין זיין „מוטער שול" און צו פרעבלען. לויט זיין מאטעריאַל־אינהאַלט מוז ער זיין פאָלקסטימלעך יידיש און דארף אויסנוצן וואָס מערער דעם יידישן קינדערשן פאָלקלאָר פון יידישע דורות. עס מוז דאָ אָנגעווענדט ווערן דער ביאָגענעטישער פרינציפּ אין דערציאונג דער אינדיווידדארף אין זיין קינדהייט זיך דערנערן גייסטיק מיט דעם אינהאלט וואָס זיין קאָלעקטיוו האָט געשאפן אין זיין קאָלעקטיווער קינדהייט. ערשט אזא קינדערגאָרטן קען לייגן אין קינד יסודות פון יידישקייט.

ווייט נישט אלע וואָס ווערן קינדערגאָרטן לערערינס קענען די אויפגאבע באנעמען און דורכפירן. איבערהויפּט ווען עס איז נישטאָ קיין אַנשטאַלט צוצוגרייטן פּרעבליסטנס ווי געהעריק. אין א לערער איז וויכטיקער פון אלע צו אנטוויקלען זיין אינטואיציע, און דאָס פאָדערט צייט, מען מוז זיך אריינלעבן און איינלעבן. מיט אויסלערנען א קוריקולום ווערט מען נישט קיין לערער און א פשיטאָ שוין נישט קיין פרעליסטן. — מיר מוזן אויפבויען אַ צעַנטראַלן אַנשטאַלט צו צוגרייטן פרעבליסטנס! ווער זיך געפינען די צענטראַלע אָרגאַניזאַציע פאַר דעם? כדי צו שיקן אין א יידישער טאָג־שול קינדער, דארפן עלטערן קענען גובר זיין אין זיך א גאנצע ריי שוואכקייטן. אין דער גאנצער סביבה ארום הערשט דאָך אן אומצוטרוי צו יידן און ער דריקט זיך אויס אין א פחד פארן אקצענט, טאָמער וועלן די קינדער אויסוואקסן „צו שטאַרקע" יידן וכדומה — יידישע פחדים, וואָס זענען לגמרי נישט בלויז אן אמעריקאַנער דערשיינונג. א ליאַדע קינדער־דאָקטאָר, א לערער, סתם א גוטער פריינד — אלע וויסן איין כלל: ס'איז צו שווער אין א יידישער טאָג־שול. דעריבער פאָדערט זיך טאַקע דאָ פון די עלטערן אן אויסהאלטנקייט, וואָס גאָר נישט קיין סך יידן זענען באַשאָנקען מיט איר.

אַ. גאָלאָמב

דער שטאם, די צענטראלע אקס פון דער שול איז די טאָג־שול.

די טאָג שול איז דער פּלאַץ ווו מען קען זיך פּארמעסטן צו שאפן א גאנצע יידישע דערציאונג. איר קומט אָבער אוים צו קעמפן קעגן דעם יידישן אומצוטרוי צו יידישע אינסטיטוציעס און איבערהויפּט צו שולן, ווען עס איז דאָ אן אומזיסטע מלוכה־שול. א ווייט קליינער פּראָצענט יידן פארשטייען דעם זינען פון א יידישער שול, אז זי און בלויז זי קען ראטעווען די קינדער פון דער גייסטיקער האלבירטקייט, פון דער צעשפּאָלטענער נשמה, וואָס לאָזט שווערע קאָמפּלעקסן אויף דעם גאנצן לעבן. די קינדער און די עלטערן פון טאָג־שול דארפן **אָנווענדן** א באשטימטע אָנשטרענגונג פון ווילן כדי נישט מיטגעריסן צו ווערן פון שטראָם.

קלאָר, אז די אַלע שרעק און פּחדים האָבן נישט קיין גרונט. פאַרקערט, איז פיל מאָל באשטעטיקט געוואָרן, אז ווען די קינדער פון אונדזער טאָג־שול גיסן זיך שפּעטער אריין אין דער פּאָבליק סקול, זענען זיי תמיד פון די בעסערע תלמידים דאָרטן, פון די אינטעליגענטערע, שוין נישט רעדנדיק וועגן דעם וואָס אין יידישע געביטן זענען זיי ווייט אריבערגעשטיגן אלע אנדערע קינדער פון זייער סביבה און עלטער. דאָס איז אזוי און עס מוז זיין אזוי ווען מען נעמט אין אכט די ראָלע פון טראדיציע און שטייגער אין דערציאונג. קינדער וואָס דערציען זיך אין יידיש און אויף יידישער קולטור מוזן אויסוואקסן אינטעליגענטער, גייסטרייכער, אינטעלעקטועל אויפנעמפעאיקער, זייער האָריזאָנט מוז אויסוואקסן ברייטער. דאָס געלערנטע איז ביי זיי אקטיווער. עס איז בכלל א זאך וואָס נויטיקט זיך נישט אין קיינע ווייטערדיקע באווייזן און באשטעטיקונגען, אז דערציאונג מוז זיין אן איינהייטלעכע, מאָניסטישע. אין א צוגאָב שול קען מען עפּעס צוגעבן א לימוד, מען קען צולערנען עפּעס, אָבער מען קען בשום אופן נישט צוגעבן דערציאונג. קלאָר: א נאָרמאלע, און אן אָרגאנישע, און אן אקטיוו־שעפערישע דערציאונג קען קען זיין בלויז אין א נאציאָנאלער שול. די גאנצע דערפינדונג פון די צוגאב שול איז נישט קיין מזלדיקע פאר יידן... אָבער — דאָ קומען מיר צו איינעם פון די טראגישסטע שטריכן אין אונדזער פאָלקס פּסיכיק: דאָס איז דער אומצי־

טרוי צום אייגענעם „איך” און דער היפּערטראָפירטער גלויבן אין פרעמ־דע קולטורן. און כל־זמן מען לאָזט נאָך, וועלן זייער ווייניק יידן האָבן דעם מוט נישט צו וועלן געניסן פון די אימיטאַציע־גליקן. אָט אזוי זענען מיר שוין. אָט דער צוטרוי צו נישט יידישער דערציאונג איז שטארקער ביי דער אינטעליגענץ און ביי די „אינטעליגענטירנדיקע”, איידער ביי די פּשוטע יידן. צווישן די לעצטע זענען פאראַן טיפּן וואָס זענען ממש זיך מוסר־נפש פאר דער מעגלעכקייט צו האלטן די קינדער אין א יידישער שול. פאראַן אזוינע וואָס האָבן זיך עקאָנאָמיש רואי־נירט נאָר כדי צו זיין אין א שטאָט מיט א יידישער שול. פארקערט, טרעפן זיך אפילו צווישן אקטיווע געזעלשאפטלעכע טוער, אפילו צווישן נאציאָנאלע קעמפער, אזוינע וואָס האָבן נישט קיין „שטימונג” פאר דער יידישער דערציאונג פון זייערע קינדער. אין אזא אטמאָספערע איז א טאָג־שול א גרויסער אויפטו, און וואָלטן אין אמעריקע געווען נאָך עטלעכע צענדליק אזוינע טאָג־שולן, וואָלט די גאנצע קולטור פּראָבלעם ביי אונדז אויסגעזען א סך ליכטיקער.

אָבער אויך ווייטער זענען פאראַן א סך פּראָבלעמען. די גרעסטע פון זיי איז די פראגע וווהין? צו וואָס פאר א יידישקייט גרייט די שול איר יוגנט? כל־זמן די גאנצע אנשטרענגונג אויף דעם אויסלערנען, שטעלט זיך נישט קיין פראגע פון ריכטונג, פון געזעלשאפט, וואָס אין איר דארף זיך די יוגנט אריינגיסן נאָכן ענדיקן די שול. אין די עלטע־רע קלאסן אָבער ווערט די פּראָבלעם שווער און ווייטאָקדיק. אלעמאָל איז די שול א מין צוגרייטונג צו א באשטימטער געזעלשאפט. האָט דער חדר אריינגעפירט אין בית־מדרש און אין דער בית־מדרש יידיש־קייט. פירט די נישט־יידישע שול אין א געזעלשאפט וואָס האָט מיט יידישקייט נישט צו טאָן אויב אפילו זי באשטייט דורכוים פון יידן. פירט די ציוניסטישע שול דירעקט אין דער יוגנט פארטיי אריין. אָפּט איז דאָ גאָרנישט וויכטיק דער סכום קולטור, ידיעות, באגריפן און אינהאלטן וואס די שול האָט איבערגעגעבן די תלמידים. עס איז וויכ־טיק בלויז צו שאפן א שטימונג, א נייגונג צו דער ריכטונג, וואָס מיר ווילן זי איינפלאנצן ביי די תלמידים. עס באקומט זיך אז די שול איז מער א יוגנט און קינדער קלוב איידער א שול. דאָ זענען פאראַן גוטע

און שלעכטע זייטן, וואָס מיר וועלן דאָ נישט קענען באַרירן. אָבער די שול האָט עס נישט. און עס פעלט. מיר האָבן נישט קיין יידיש־וועלט־לעכע געזעלשאַפט, קיין ריכטונג, קיין גרופּעס, קיינע קלובן וואָס די יוגנט זאָל זיך אין זיי קענען אויסלעבן, געפינען פאַר זיך איר גייסטיקע היים און סביבה. אין אַמעריקע ווו דאָס קלוב־לעבן איז אַזוי שטאַרק אַנטוויקלט, פעלט עס נאָך מער דער שול־יוגנט. צונויפלעבן זיך מיט אַנדערע גרופּעס איז זיי נישט גאָר פון די גרויסע זאַכן: דאָס רוב יוגנט פון די נאָנטע קרייזן איז אָפּגעפרעמדט, שאַפן פאַר זיך אַליין אַזוינע קרייזן — פעלט זיי דער מוסטער אין דער עלטערער סביבה און דער מוט צו זיין פּיאָנערן אָן אַ מוסטער. פילט טאַקע די יוגנט אָט די איזאָלירטקייט. און שולדיק אין דעם זענען מיר — עס איז נישט גענוג אויסצובויען אַ שול, אַ גוטע שול אפילו; מען מוז נאָך אין די היימען און אַרום דער שול שאַפן אַ סביבה, אַן אָרט ווו די שטימונגען און אידעעס וואָס די שול האָט איינגעפלאַנצט זאָלן געפינען זייער פאַר־קערפּערונג, זייער פּראַקטישע אָנווענדונג אין לעבן. פּשוט גערעדט — מיר דאַרפן שאַפן אַ יידישע וועלט־לעכע קולטור פּראַקטיק. אַזוי אַרום ווערט די שול פאַרוועבט צוזאַמען אין איין אַלגעמיינע קולטור פּראָ־בלעם.

נאָך אַ ווייטערע פּראָבלעם וואָס מאַכט שווערער דעם גאַנצן ענין פון יידישער דערציאונג פאַר דער אונטערוואַקסנדיקער יוגנט איז די פּראָבלעם פון תכלית. עס איז אַן אַלטע פראַגע וואָס האָט געמאַטערט אין רוסלאַנד און אין פּוילן נישט ווייניק. אָבער דאָ הי איז זי נאָך שווערער, נאָך גורלדיקער. און אָט אין וואָס די פּראָבלעם באַשטייט: אַרום און אַרום, אין דער גאַנצער סביבה געפינט נישט די יידישע יוגנט קיין מוסטער פון תורה לשמה, אַלץ וואָס מען לערנט איז צוליב קאַריערע; קיין אַלגעמיינע בילדונג וואָס זאָל האָבן אין זינען בלויז קולטור און אַנטוויקלונג, דאָ זעט נישט די יוגנט. זי אַליין איז אויך איינגאַנצן אָנגעשטעלט אויף אוטיליטאַריזם. און דאָ ווערט פון דער יוגנט פאַרלאַנגט צו לערנען זאַכן וואָס „האָבן קיין שום שייכות נישט צו מאַכן אַ לעבן". עס איז קלאָר פאַר איטלעכן טיפערן מענטשן אַז די גרעסטע נוצן פאַר דער קאַריערע אין לעבן האָט דווקא אָט די אַלגע־

מיינע בילדונג, דען וואָס טויגן אַלע פּראַקטישע וויסנס, ווען דער מענטש אַליין איז קיין מענטש נישט. אָבער דאָס קען באַגרייפן א זייטיקער, נישט די יוגנט אַליין. צום באַדויערן באַמערקן עס אויך נישט די עלטערן. איז אין דעם אַלגעמיינעם בילד פון אוטיליטאַריסטישער בילדונג די יידישע דערציאונג אָן א וואָסער עס איז פאַרבינדונג מיט קאַריערע איינגאַנצן נישט האַרמאָניש. פאָדערט די יידישע שול פון דער יוגנט א גרעסערע מאָראַלישע ווילנס אָנשטרענגונג, זעלבסטדיסציפּלין און אויסדויער. אָפט איז די יוגנט שוין פאַרנומען עקאָנאָמיש און מען קומט צולויפן אין שול אַריין נאָך א טאָג אַרבעט מיד און פאַרמאַטערט. וויפל זענען פעאיק אויף דעם? וויפל דערוואַקסענע יידן וואָס זאָלן אַזוי זיך פירן, קען די יוגנט זען פאַר זיך? אָט דאָס מאַכט נאָך שווערער די פּראָבלעם פון יידישער דערציאונג פאַר עלטערע קינדער. — א קאַריערע דורך יידישער בילדונג — אָט דאָס דאַרף זיין איצט דער לאָזונג פון יידישע שולן. מיר מוזן אָנהויבן א ברייטערע אַקציע פאַר דעם, אַז קיינע יידישע אינסטיטוציעס זאָלן נישט אָנשטעלן קיין באַאַמטע וואָס האָבן נישט קיין יידישע בילדונג. מען מוז אָרגאַניזירן פאַך־שולן פאַר אַגריקולטור, טעכניק און סאָציאַלע אַרבעט וואָס זאָלן אָננעמען די גראַדואירטע פון יידישע שולן און זיי שפּעטער העלפן איינצואָרדנען זיך עקאָנאָמיש. צווייטנס, דאַרף מען אַריינפירן אין שטייגער פון דערוואַקסענע יידן, פאַר אונדז אַליין, די מצווה פון לערנען, שוין צוליב דעם אַליין צו שאַפן פאַר דער יוגנט א גוטן מוסטער.

אָט אַזוי ווערט די יידישע דערציאונג פון א באַזונדערער פּראָבלעם ווי אַנדערע ווילן עס אַמאָל אויפפאַסן, צו אַן אָרגאַנישן טייל פון אַן אַלגעמיינעם יידישן פּראָבלעם — איינאָרדנונג פון יידישן לעבן.

קלאָר, אַז קיין שול קען זיך נישט פאַרמעסטן אויף צו לייזן אָט די אַלע פּראָבלעמען. דאָס איז די אויפגאַבע פון א צענטער אין א לאַנד מאַסשטאַב.

דאָ אָבער ווירקט דער פאַקט וואָס די יידישע יידן זענען פון די „קטני אמונה" — עס פעלט ברייטערע נאַציאָנאַלע שווונג און פאַרמעסט; און איטלעכע גרופּע זעט דורך „איר" שול נישט דאָס גאַנצע יידנטום און די גאַנצע יידישקייט, נאָר איר ברעקל יידנטום און איר

שטיקל יידישקייט און עס פעלט גלויבן און ווילן צו עקספּאַנסיע וד"ל.

וואָס דאַרף מען לערנען?

טריי צום פּרינציפּ „גיב דעם קינד אַלץ פון זיין פאָלק כדי עס זאָל אַליין געהערן צום פאָלק", מיידן מיר אויס צו לערנען אין שול די לימודים און אינהאַלטן, וואָס האָבן נישט קיין קולטור ווערט אויסער די ווענט פון שול. נישט מען דאַרף צוגרייטן לערן מאַטעריאַל פאַר דער שול, נאָר די שול דאַרף אַריינפירן די קינדער אין די קולטור־אינהאַלטן פון דעם פאָלק.

מיר האַלטן נישט פון דעם כלל אַז די יידישע שול דאַרף אויסלערנען די קינדער רעדן יידיש (אָדער העברעאיש אין העברעאישע שולן). נישט ווייל מיר זענען חלילה מזלזל דעם ווערט פון יידיש רעדן. פונקט פאַרקערט! אָבער רעדן הייסט אַרויסברענגען געדאַנקען. כדי צו קאָנען רעדן דאַרף מען דענקען און כדי צו דענקען, דאַרף מען פאַרמאָגן אינהאַלטן. דאַרף די שול נישט אויסלערנען רעדן, נאָר אויסלערנען דענקען מיט דער באַגריפן־וועלט פון פאָלק, מיט די אינהאַלטן פון פאָלק. פון אויסלערנען רעדן יידיש ווערט מען נאָך נישט קיין ייד. אַלע שולן אין גאָר דער וועלט זענען געבויט פאַר קינדער וואָס קענען זייער שפּראַך, און דאָך האָט די שול אַ סך אַרבעט. צוליב אויסלערנען דעם פאָלקס שפּראַך, די ווערטער פון דער שפּראַך, בויט מען נישט קיין שולן. שפּראַך איז די כלי פון דער קולטור, די פאָס פון דעם וויין. מען טאָר נישט זאָרגן מער פאַר דער כלי ווי פאַר דעם אינהאַלט. זיכער — שפּראַך איז זייער וויכטיק: צעבראָכן די פאָס, צעגיסט זיך דער וויין אין אַלע רינשטאָקן און מיסטקאַסטנס. פאַרלירט אַ פאָלק זיין שפּראַך, מוז עס אויך פאַרלירן זיין גאַנצע טראַדיציע, זיין גאַנצע שעפערישע אינטואַציע, זיין „איך", זיין נשמה. לערנט מען אָבער אויס אַ קינד בלויז רעדן אין דער שפּראַך, באַקומט עס נאָר ליידיקע פלעשער אָן דעם אינהאַלט, און וואָס זענען ווערט ליידיקע פלעשער? דער „שפּראַכיזם" ביי אונדז האָט נאָר אַ צווייטן מקור וואָס פאַלט נישט תמיד צונויף מיט קולטוריזם, און מהאי טעמא מוז שפּראַך געלערנט ווערן נאָר אַנב די אינ־

האַלטן, דורך די אינהאַלטן, מיט די אינהאַלטן. שפּראַך מיט אַלץ — קיין זאַך נישט פאַר דער שפּראַך.

מיטן נאָמען „יידישע אינהאַלטן" רופן מיר אָן אַל דאָס מיט וואָס ס'פאָלק האָט געלעבט אין משך פון דורות, אַל דאָס וואָס דריקט אויס דעם פאָלקס אייגנטימלעכקייט, הן אויב עס איז פאַרשריבן אין ספרים הן אויב נישט. מיט אַנדערע ווערטער: אַל די מינדלעכע און פאַרשריי־בענע טראַדיציע פון פאָלק. פּונקט ווי מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק האָבן עס די שעפער פון יידישקייט אָנגערופן — תורה שבכתב און תורה שבעל פה, און אויף דעם האָבן זיי אויפגעבויט דעם גאַנצן יידישן קיום, פּונקט אַזוי אין אַלע שפּעטערדיקע דורות און אויך היינט. „דור דור וספריו" איטלעכער דור מיט זיין אינהאַלט פונם באַגריף „תורה שבכתב". איז פאַר אונדז תורה שבכתב איצט נישט בלויז תנ"ך, נאָר אויך דער תלמוד און אַלע שפּעטערדיקע רעליגיעזע ספרים, וואָס זע־נען געוועזן גאַנגבאַר אין פאָלק און פּונקט אַזוי אויך וועלטלעכע, לי־טעראַרישע שריפטן, וואָס דורך זיי קען מען דערקענען דעם פאָלקס נשמה. און פאַרקערט, ביכער, אַפילו די טייערסטע, וואָס זענען נישט אין געברויך פון פאָלק, זענען בלויז געלט־ווערטן אָבער נישט קיין קולטור. איז פאַר אונדז היינט תורה שבעל פה אַלץ וואָס איז גערירשנט טראַדיציאָנעל יידיש אין זיטן מנהגים, געוווינהייטן וכדומה. מנהג ישראל — איז תורה. אָט פון דאַנען דאַרף די נאַציאָנאַלע שול שעפּן אירע אינהאַלטן צום לערנען. דער אינהאַלט פון דער שול מוז זיין אין דעם פאָלקס ספרים. דערביי טאָר מען לחלוטין נישט מאַכן קיין אונ־טערשייד צווישן נייער און אַלטער ליטעראַטור, צווישן יידישער אָדער העברעאישער, וועלטלעכער און רעליגיעזער. וועלטלעכקייט אָדער רעלי־גיעזקייט איז אַ פראַגע פון צילן אָבער נישט פון אינהאַלטן. אַלטקייט און נייקייט פון ווערק ווערט געמאָסטן נישט מיט מאַטעמאַטישע יאָרן נאָר מיט דער אַקטיווקייט אָדער פּאַסיווקייט אין פאָלקס לעבן. פּונקט אַזוי איז אויך נישט מאַסגיביק די שפּראַך, וואָס אין איר איז דאָס ווערק געשריבן געוואָרן לכתחילה. פאַראַן ווערק וואָס זענען געשריבן אין יידיש, און זיינען ווילד פרעמד ווי זיי וואָלטן געווען אַלט און פאַרעלטערט. דער איינציקער אמתער קריטעריום פאַרן אָפּקלייב פון ווערק אין אַ

טאָפּעלער: גאַנגבאַר אָדער נישט גאַנגבאַר אין פאָלק; שפּיגלט יאָ אָדער נישט אָפּ דעם פאָלקס גייסט אין זיינע אינעווייניקסטע איבער־לעבונגען. איטלעך בוך וואָס ווערט געלערנט אין שול מוז אריינפירן די קינדער אין א סביבה פון יידישקייט, יידישע באגריפן, אידעעס און שטייגער. די ליטעראַרישע סביבה איז די צווייטע נאָך דער לעבעדי־קער לויט איר דערציערישער ווירקזאַמקייט. פון דאנען דרינגט ארויס דער פּריאנציפ פון גאַנצקייט — בלויז אזוינע ווערק דאַרפן אָפּגעקליבן ווערן וואָס אין זיי איז פאראן א סביבה. קיינע פראגמענטן קענען עס נישט געבן.

דער צווייטער פּרינציפּ — מאָניסטישקייט פון דער ליטעראַרישער סביבה, איר אידעאָלאָגישע אויסגעהאַלטנקייט. און פאַרקערט איז לגמרי נישט ריכטיק דער אָנגענומענער פּרינציפּ, אז מען מוז דעם קינד אין ליטעראַטור געבן א סביבה וואָס איז אים נאָנט, באַקאַנט פון זיין לעבן, די ליטעראַטור מוז בלומרשט זיין אן אָפּשפּיגלונג פון לעבן. עס הויבט זיך גאָרנישט אָן. גאַנץ אָפט על פי רוב איז דאָס פיזיש נאָנטע צום קינד פון זיין לעבן פסיכאָלאָגיש דווקא ווייט און נישט אינטערע־סאַנט בשעת דווקא ווייטע (געאָגראַפיש און היסטאָריש) זאַכן זענען נאָנט צום קינדס האַרץ. עס ווענדט זיך אויף וויפל די אינעווייניקסטע שטימונגען פון ווערק ציען אריין דאָס קינד און אויף וויפל עס קען שפּייזן דעם קינדס אַפאַנטאַזיע און זיין געמיט. דאָ איז אָפט נאָנט דווקא דאָס ווייטע און פאַרקערט.

און ווייטער: עס קען נישט זיין ביי אונדז קיין רייד שאַפן ליטעראַ־טור פאַר קינד. אַלע פעלקער קענען עס, מיר — נישט. ביי זיי אַלעמען זענען ביכער בלויז ביכער, מכשירים, א מיטל עפּעס אויסצולערנען דורך די ביכער. מען נוצט זיי אויס און יוצא, ווייל מער ווי דאָס זענען זיי דאָך נישט די ביכער. ביי יידן אָבער זענען ביכער דאָך ספרים. זיי זענען אונדזער פאָטערלאַנד, אוצרות פון אונדזערע נאַציאָנאַלע גיטער, רייכטימער, פעסטונגען. אין זיי דאַרפן זיך די קינדער איינהיימישן, אריינלעבן און איינלעבן זיך אין די ספרים ווי אַנדערע פעלקער זוכן עס בנוגע צו זייערע לענדער. דאָ איז אפילו נישט שייך צו זאָגן "אויס־לערנען", — דאָ איז ווירקטיקער דאָס באַפריינדן זיך, דאָס צונויפלעבן

זיך. אונדזער פעדאַגאָגישע אינטואיציע דאַרף אונדז העלפן נישט שאפן ביכער, נישט צופאסן ביכער צו די קינדער, נאָר פאַרקערט — מען מוז צופאסן די קינדער צו די ספרים פון פאָלק.

אינהאַלט פון צווייטן באַנד

ערשטער טייל: אלגעמיינע פעדאַגאָגיק

דער דעקאַדאַנס פון וויסנשאַפטן	זייט	7
אינעוויינקסטע און דרויסנדיקע קולטור	,,	21
דעמאָקראַטיע און דערציונג	,,	29
דרעסירונג אָדער דערציונג	,,	49
דאָס דערציערישע לערנען	,,	57
ראַציאָ און אינטויציע אין דערציונג	,,	69
פאָרשונגס עקספּעדיציעס ווי אַ מעטאָד פון דער־ציערישן לערנען	,,	91
ווען מיטלען פאַרבייטן די צילן	,,	113

צווייטער טייל. יידישע פעדאַגאָגיק

נאַציאָנאַל־פעדאַגאָגישע יסודות פון דער טראַדי־ פונדאַמענטן	,,	187
וועלטלעכקייט	,,	245
וואָס וועלטלעכקייט האָט געדאַרפט אויפטאָן אזוי האָט נישט אויפגעטאָן	,,	249
נאָך אַמאָל וועגן רעליגיעזער דערציונג	,,	289
דער תנך־לימוד אין דער יידישער שול	,,	263
אגדה ווי אַ לימוד	,,	275
תלמוד און וועלטלעכקייט	,,	285
אונדזערע קולטור־אוצרות פאַרן פאָלק	,,	295
דער אינהאַלט פון אַ יידישער שול	,,	327
ציאָנעלער יידישער דערציונג	,,	129